STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10042

MOTEK UN SALTSHE

Yitshak Elhanan Rontsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. א. ראַנטש

מאַטעק און סאַלטשע

(ראָמאַן)

בוך איינס: ליכטיקע וועגן

אַרויסגעגעבן פון אַ בוך־קאָמיטעט
ניו־יאָרק • 1952

I. E. RONCH

MOTEK UN SALTCHE

A novel

Copyright, 1952

by I. E. Ronch

Published by Ronch Books
2815 Barker Ave., Bronx 67, N. Y.

Printed in the United States of America

209

דאָס איז דאָס ערשטע בוך פון דער טרילאָגיע „מאָטעק און סאַלטשע".

דער מחבר האָט געהאַט די גוטע געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט זיינע לייענער, נאָך איידער דאָס ווערק איז דערשינען. דער ראָמאַן האָט זיך געדרוקט וועכנטלעך אין דער טעגלעכער „מאָרגן פרייהייט" און פיל לייענער פון דער צייטונג האָבן אָפט זיך אָפּגערופן שריפטלעך און מינדלעך מיט איינדרוקן און מיינונגען.

אָט דאָס איז געבליבן דער בעסטער לוין פאַרן שרייבער.

עס האָבן דעם ראָמאַן אויך געלייענט קאָלעגן שרייבער. זייערע אָנווייזונגען און באַמערקונגען זיינען תמיד געווען אַ הילף און אַ דערמוטיקונג.

דאָך האָט דער מחבר ניט געגלויבט, אַז דאָס ווערק וועט ווען ס'איז קאָנען אַרויס אין בוך־פאָרם.

אויב דאָס איז דערמעגלעכט געוואָרן, איז עס צו פאַרדאַנקען די מיטגלידער פון בוך־קאָמיטעט און די פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, וואָס העלפן דורכפירן באַגעגענישן צווישן מחבר און די לייענער.

זיי אַלעמען — אַ יישר כוח.

אַ באַזונדערע אָנערקענונג דעם קולטור־בויער דר. מאַקס סילווער, וואָס איז געווען דער איניציאַטאָר פון בוך־קאָמיטעט, און אַ האַרציקן דאַנק צו פאָלגנדיקע קאָלעגן שרייבער פאַר זייער קאָאָפּעראַציע און אינטערעס: אברהם ביק, ז. ווײנפּער, שלמה וואַסערמאַן, משה כיץ, קלמן מרמר, גינאַ מעדעם, דוד מאַטיס, פּ. נאָוויק און י. פריד.

י. א. ר.

„מאַטעק און סאַלטשע" בוך־קאָמיטעט

שמעון סאָלאָמאָן, פאַרזיצער
ש. אייזמאַן
משה באָקאַל
ראָוז בוקספּען
ש. בעלסקי (ל. א.)
סאָניאַ בערמאַן
יאָסל בראָנשטיין (פילאַ.)
בערטאַ גאָלדבערג
יאַנקל גאָלדמאַן
ד. גוטערמאַן
אברהם און גאָלדע דוביצקי
י. דעניעלס
ה. דאַרדיק (טאָמס ריווער)
ש. דאַווידסאָן (פילאַ.)
רבקה הענדלמאַן (דעטראָיט)
וואָלף, רבקה ווייס
י. וויינשטאָק (טאָמס ריווער)
א. וויינבערג (אַטלאַנטיק סיטי)
מאיר וואַרשאַווסקי
ז. חפץ (שיקאַגאָ)
משה חסיד (פילאַ.)
מ. זעלניק
ב. טשודנאָווסקי (ווענקואווער, ב. ק.)
דזשאָרדזש, מרים ליבהאָבער
משה, בערטאַ מאָס (סטעטן איילאַנד)
סערע מיזעראָוו
א. מגיד (וואַשינגטאָן)
יעטע סאָלאָמאָן
מערי סלאָווין
הערשל סאַנדלער (פילאַ.)
. לואי סטילמאַן
מעקס סקאָורזאָנעק (לאָס אַנדזשעלעס)
(געשטאָרבן אין נאָוו. 1951)

אברהם פּאָלאַנסקי (ל. א.)
חיים פּלאַטקין
רחל און פיליפּ פּרעסמאַן (מאָנטרעאָל)
וו. פּאָליאַק (באָסטאָן)
רייזל גלאָס־פענסטער
סיימאָן פעלדמאַן
טש. פרידמאַן (אָוקלאַנד)
רעי פאַוסט
העלען פריישטאַט (באַלטימאָר)
י. פינקלשטיין (סטעטן איילאַנד)
מ. ציטרין (דעטראָיט)
שמואל קאָרן
נ. ד. קאָרמאַן (פילאַ)
מרים קאַטצען (פילאַ.)
אסתר און שמואל קעלערמאַן
ה. קענטאָר (לעיקוואוד)
הערי קעסלער
י. קאַציק (פּעטערסאָן, נ. דזש.)
דוד קעס
ענאַ קוואַסניק
י. קאָרסון (באָסטאָן)
וו. קעסנער (ל. א.)
ש. קאופמאַן
מ. קלאָרפילד (ראָקסבורי)
אָ. ראָטבלאַט (לאָס אַנדזשעלעס)
מ. ראָזנפעלד
מרס. ראָזענשטיין
י. רובין (באַלטימאָר)
מ. רעזניקאָוו (שיקאַגאָ)
גרשון שערמאַן
שרה שורעק
חברים שניידער
ש. שמואלזאָן (סאַן פראַנציסקאָ)
כ. שאַפּירא (באָסטאָן)

(נאָך נעמען וועלן דערשיינען אין צווייטן בוך)

אינהאַלט פון קאַפּיטלען

קאַפּיטל		זייט
.1	צוויי גאַסן — צוויי וועלטן	9
.2	שוואַרץ גאָלד	18
.3	ליבע	27
.4	פלאַקער, פייער, פלאַקער!	36
.5	וואָס קומט פריער?	45
.6	טייבל ווערט די ברויט־געבערין	54
.7	דער דזשעלנער „גאון"	64
.8	סאַלטשע	73
.9	קוימענס און רינשטאָקן	82
.10	דער סטרייק קעגן שבת־אויבס	92
.11	כמאַרעס איבער לאָדזש	102
.12	דער לאָדזשער הימל ברענט	112
.13	מאָטעק מאַכט אַ רעוואָלוציע	122
.14	קום, מאָטעק	131
.15	מאָטעק אין גלות	141
.16	קאַטשקעס מיט גענדז	151
.17	היים, ביטערע היים	161
.18	דער טאַטע גייט „זיצן"	170
.19	מאָטעקס ערשטע פאַרדינסטן	179
.20	די מומעס מיט די פעטערס	188
.21	פעדערן פליען	197
.22	בלוט אויף די טראָטואַרן	207
.23	לאָדזש, יוני 1905	216
.24	אויף די באַריקאַדן	225
.25	יאַדוויגאַ קומט צוריק	235
.26	וואָס וויל מען פון מיר?	246
.27	אַ טויער האָט זיך צעעפנט	255
.28	אַ טיר האָט זיך פאַרמאַכט	264
.29	פרישע רויזן	274
.30	צו דער ווייט	283
.31	דערוואַכונג	292
.32	אין וואַלד נאָך שוואַמען	301
.33	אַליין	311

ליכטיקע וועגן

קאַפּיטל אײנס

צװײ גאַסן, צװײ װעלטן

.1

— דער אַנקל גוסטאַװ גײט! דער אַנקל גוסטאַװ!

אַזױ רופֿט אױס אַ האַפּערדיקע די קלײנע לאַטשיאַ, װאָס קוקט אַרױס דורך דער פֿאַרקאַפּטשעטער שױב אין גאַס אַרײַן. זי פּאַטשט טאַנצנדיק מיט די דאַרע הענטלעך און פֿילט זיך זיגעריש, װאָס אױף איר אָנזאָג װערט אַ סומאַטאָכע אין הױז.

און ס'איז באמת געװאָרן אַ מאָביליזאַציע. דער טאַטע האָט צורעכט געמאַכט די שװאַרצע באָרד מיט די פֿינגער פֿון בײדע הענט, װאָס האָבן אים געדינט װי אַ דראַטענער קאַם; ער האָט אױך אַראָפּגעצױגן די טונקל־בלױע סאַמעטענע יאַרמלקע פֿון קוטשעראַװן קאָפּ פֿעך־שװאַרצע האָר און אַרונטערגעבלאָזן די פֿעדים־פֿעדערן פֿון איר. די עלטערע שװעסטער גוטשיאַ האָט אױף־גיך פֿאַרשפּרײט דעם געשטריקטן גאָלד־קאָלירנדיקן טישטוך מיט די פֿרענזלעך, מיט װעלכן מען האָט באַשײנט דעם אַלטן רונדיקן טיש דאָ, װען אָנגעלײגטע געסט זײַנען געקומען. זי האָט אױך זיך געפּאָרעט מיט די שטולן און זײ אױסגעשטעלט װי זעלנער, אַרום טיש. אײן שטול, אױף װעלכן דער ברױנער פּאָליר האָט זיך נאָך געהאַלטן פֿעסט און ער איז דערפֿאַר ציטערדיק אָפּגעהיט געװאָרן אין הױז, װי די פּסחדיקע געשיר, איז רעזערװירט געװאָרן פֿאַרן אַנקל גוסטאַװ און ער האָט טאַקע באַקומען דעם ערנהאַפֿטן טיטל: „דעם אַנקל גוסטאַװס שטול.“ גוטשיאַ האָט אים איצט אַװעקגעשטעלט אין פֿאָדערגרונט, אַז דער פֿעטער זאָל זיך גלײַך קאָנען צוזעצן. זי האָט אים אַרומגעװישט מיט אַ טרוקענער שמאַטקע. די מאַמע האָט זיך פֿאַרריכט דעם בלאָנדן שײטל אױפֿן קאָפּ און זיך אָנגעטאָן דאָס דימענט־רינגל. די קלײנע לאַטשיאַ האָט זיך פֿאַרפּוצט אינעם װײסן פֿאַרטיכל, און דאָס בן־יחידל מאָטעק האָט אונטערן טיש אָפּגעגלאַנצט די שטיװלעך זײַנע אױף די הױזן, אַזױ אַז קײנער זאָל ניט זען.

— מאָטעק, נעם די באַרשט און פּוץ אָפּ אױף־גיך די בלאָטע פֿון די שטיװל.

— כ׳האָב שוין, מאַמעשי, כ׳זאָל אַזוי לעבן!

גוטשיאַ איז אַוועקגעלאָפן עפענען די טיר פאַרן פעטער. דער טאַטע האָט זיך אויסגעגליכן, ווי פאַרן גובערנאַטאָר; די מאַמע האָט זיך געגלעט דאָס געלבלעכע פּנים, אַז די פאַרב זאָל שטיין און מיט דער צונג באַנעצט די אויס־געטריקנטע ליפּן. לאַטשיאַ האָט באַצייטנס זיך באַלעקט. זי האָט געוואוסט, אַז ווען דער פעטער גוסטאַוו קומט, ברענגט ער שאָקאָלאַד־כאַלוואַ, אמתע טערקישע כאַלוואַ, וואָס צעגייט אין מויל און קלעפּט ניט אין די ציין, ווי די וואָס מען קויפט פאַר צוויי קאָפּיקעס ביים טערק אין גאַס. מאַטעק האָט שוין פאַרטיק געהאַט זיין ענטפער, ווען דער פעטער וועט אים אַ פרעג טאָן:

— זאָג נאָר דו, טאַנעבאַרטעק, דו פאַרפעלסט צו גיין אין חדר אַריין יעדן טאָג?

— ניין, טייערער אָנקל גוסטאַוו, יעדן טאָג לויף איך אין חדר, איך זאָל אַזוי לעבן!

די שוועסטער גוטשיאַ האָט אַ צעפּראַל געטאָן די טיר, כאָטש פון דרויסן האָט אַריינגעיאָגט אַ בייסיקער האַרבסט־ווינט. זי האָט זיך פאַרנייגט, ווי פאַר אַ לערערין פון גימנאַזיע, און איר פּנים האָט אויסגעדריקט אונטערטע־ניקייט און צופרידנקייט אין דערזעלבער צייט. דער טרויער אין די אויגן איז געווען דער סימן פון איר אונטערטעניקייט און דער שמייכל אַרום דינעם מויל איז געווען אַן עדות פון צופרידנקייט.

דער אָנקל איז אַריין, אַ שטייפער, ווי ער וואָלט געטראָגן אַ קאָרסעט; דאָס פּנים איז געווען ניט־באַוועגלעך. בלויז די אָנגעדראָלטע ליפּן האָבן אַ ברום געטאָן אַ „דזשיען דאָברי״.

גוטשיא האָט צוגענומען זיין גראָבן שטעקן מיטן זילבערנעם הענטל. דער טאַטע האָט אים געהאָלפן זיך אויסטאָן דעם פּאַלטאָ, פון וועלכן עס האָט זיך געהערט דער געזונטער ריח פון נאַפטאַלין. דאַן האָט דער אָנקל אויפגעקנעפּלט די זאַמעשטנע, גרויע „האַנטשו״ (הענטשקעס), פּאַמעלעך אַראָפּ־געצויגן פון די פינגער און אויסגלעטנדיק זיי, אַריינגעלייגט אין בוזים־קע־שענע פון פּאַלטאָ. די מאַמע האָט צוגענומען דעם פּאַלטאָ און אים אויפגע־האַנגען אין צווייטן צימער, אין יום־טובדיקן קליידער־אַלמער. צו מאַטעקן האָט געהערט דער כבוד צוצונעמען דעם פעטערס האַרטן, שוואַרצן קאַפּע־ליוש, וואָס איז געווען אויסגעבעטעט מיט ווייסן זייד פון אינווייניק און פון וועלכן ס׳האָט זיך געהערט דער קיצלדיקער ריח פון טייערער זייף. מאַטעק האָט אַריינגעשטעקט די נאָז אין קאַפּעליוש און אַריינגעצויגן דעם ריח אין זיך.

ווען גוטשיא האָט צוגעטראָגן דעם פעטער דעם פאַלירטן שטול, האָט זי

ווידער אַ וויש געטאָן דעם זיך מיט איר דלאָניע און אַ זאָג געטאָן: „ס׳איז ריין, אָנקל“.

— וואָס מאַכט עך עפּעס אַלע? — האָט דער פּעטער אַ זאָג געטאָן אויף זיין גראָב, באַפּעלעריש קול און זיך אַרומגעקוקט. ער האָט אַרויפגעלייגט די ווייסע רונדיקע הענט אויף די קני זיינע און מאָטעק האָט גלייך אַ קוק געטאָן אויף די בלאָנד־האָריקע פינגער. מאָטעק האָט געוואוסט, אַז בלויז רייכע האָבן גאָלדענע האָר אויף די הענט, — אַזוי האָבן יינגלעך אין חדר געהאַט אָפּגעמאַכט.

— ווי איז עפּעס די לייזונג? — האָט דער פּעטער זיך געווענדט צו דער מאַמען, וואָס איז אים געווען אַ שוועסטער. ער האָט ניט דערוואַרט קיין ענטפער, ווייל ער האָט גלייך זיך אָפּגעווענדט פון איר און באַטראַכט לאָטשיאַן. נאָר אויף זיין פראַגע האָט געענטפערט דער טאַטע מיט אַ קרעכץ און מיט אַ „דער השם יתברך וועט העלפן“.

די מאַמע האָט באַמערקט ווי לאָטשיאַ האָט געהאַלטן דעם פינגער אין מויל און איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטע:

— לאָטשיאַ, דעם פינגער פון מויל!

דער פּעטער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אַ דיריגענט:

— ניט אויפרעגן זיך, שוועסטער.

גוטשיא ברענגט אַריין פון קיך דאָס פינקלדיקע גלאָז טיי — דאָס איינציקע דינע גלאָז אין הויז, „דעם פּעטער גוסטאַווס גלאָז“. אַלע איבעריקע טרינקען פון דיקע גלעזער.

ס׳ווערט שטיל. איבערן שטוב צעטראָגט זיך נאָר דעם פּעטערס זאַפּטיק זופּן. נאָך יעדע פּאָר צי, גיט ער אַ מאַך ווי אַ גענעצדיקן „אַ!“ און רוט זיך אָפּ. אַלע אויגן זיינען געווענדט צו אים.

מאָטעק און לאָטשיא קוקן זיך איבער. מאָטעק פרעגט לאָטשיאַן אויף שטום־לשון: „איז דעם פּעטערס פאַלטאָ־טאַש געווען געשוואָלן?“ און לאָטשיא ווייזט אים אָן מיטן וויַיז־פינגער אויפן צווייטן חדר. דאָס מיינט: „גיי אַריין און טאַפּ אָן די טאַש“. נאָר דאָ דערהערן זיי ביידע דעם פּעטערס וואָגיק קול:

— נו, מאָטעק, פאַרזוכסט עפּעס דעם טעם פון רביגס „לאָקשן“?

— חס וחלילה, טייערער אָנקל גוסטאַוו. איך קען די גאַנצע פרשה אויף אויסוויינינק. איך זאָל אַזוי לעבן!

— גוטשיאַ, זיי אַזוי געפעליק, אין דער טאַשע פון מיין מאַנטל דאָרט אַ פּעקשען (פּעקל).

— זאָפאָרט, אָנקל גוסטאַוו!

ביי מאַטעקן און לאַטשיאַן ציטערן די נאַזלעפלעך פון אויפרעג. דער פעטער צעשניידט מיטן פאַרעווע־מעסער, וואָס טאַטע־מאַמע נוצן קיינמאָל ניט, גלייכע חלקים כאַלווע. ער איז זייער פּאַרזיכטיק, אַז יעדער חלק זאָל אַרויסקומען ווי אָפּגעמאָסטן. ער פּליעסקעט צו מיט די אַרויסהענגענדיקע, שווערע ליפּן — פון הנאה, ווייזט אויס.

נאָכדעם רוקט זיך די מאַמע צו צו אים און דער טאַטע בייגט זיך אויך איבער און ביידע רעדן אַריין אין אים און מאַכן דערביי מיט די הענט. דער פעטער זיצט און הערט זיך איין אַ באַוועגלאָזער, ביז ער הייבט אָן פּייק־לען מיט די פּוכקע פינגער איבערן טישטוך און דאַן רופט ער זיך אָן:

— יאָ, יאָ, זאָ גייט׳ס. וואָס קאָן מאָן מאַכען?

ער רעדט אויך צו גוטשיאַן. זי גייט צו צו אים, פאַררויטלט זיך. ער זאָגט:

— גוטשיא, איך האָב פאַר דיר אויסגעקליבן וואַרע פאַר אַ קלייד. קום צו, ווען ס׳איז דיר באַקוועם. וועסט מיך געפינען אין דער קאַנצעלאַריע.

2.

מאַטעק און זיינע שוועסטער האָבן געוואוסט, אַז ווען דער אָנקל גוסטאַוו קומט צו זיי אין הויז אַריין, מוז זיין אַ סיבה דערביי. אַלץ וואָס גוסטאַוו טוט, יעדעס וואָרט וואָס קומט פון זיין מויל אַרויס האָט אַ מיין דערביי.

— נו, מ׳האָט ניט קיין אַנדער ברירה. גוטשיא־לעבן, וועסט אַזוי גוט זיין און צולויפן צום אָנקל און אים בעטן אַריינקומען, ווען ס׳איז פאַר אים־נאָר באַקוועם. — אַזוי פלעגט די מאַמע אָן ערנסטע אַ זאָג טאָן און דער טאַטע האָט דערביי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט דער לאַנגער ברייטער באָרד.

זינט די משפחה סאַרנע האָט זיך אַריבערגעקליבן נאָך לאָדזש איז איר דאָ ניט גוט געגאַנגען. דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז די שטאָט איז צו גרויס פאַר אים, ס׳איז אַ כרך. אים האָט געצויגן צוריק צו זיין געבורט־שטעטל. דער קליינער מאַטעק האָט זיך אָפּט איינגעהערט ווי טאַטע־מאַמע האָבן גע־רעדט דערוועגן. זיי האָבן געמיינט, אַז ער מישט זיך ניט אין זייערע רייד, נאָר דאָס קעפּל זיינס האָט געאַרבעט און ער האָט אַליין ניט געקאָנט באַשליסן ביי זיך מיט וועמען ער האַלט. גערעדט האָט ער צו זיך אַליין, גערעדט צו די פאַפּירענע מענטשעלעך, וואָס דער פאָטער האָט אים אויסגעשניטן. ער איז געווען אי דער טאַטע, אי די מאַמע.

— טייבל־קרוין, — אַזוי האָט דער פאָטער גערעדט צו דער מאַמען, — פריער דער אויבערשטער און נאָכדעם דיין ברודער גוסטאַוו, נאָר איך וויל

בעסער אָנקומען צום רבונו של עולם, ווי צו דיין ברודערס חסדים. נישט געשטראָפט זאָל איך זיין פאַר די רייד, די סאַרנעס וועלן זיך, ווייזט אויס, שוין קיינמאָל נישט בויגן פאַר די קאַלינסקיס; אַזוי איז דאָס געווען אין שטעטל, אַזוי וועט דאָס זיין אין לאָדזש . . . אין שטעטל בין איך געזעסן על התורה ועל העבודה, האָב איך כאָטש עפּעס אויפגעטאָן. דאָ, אין דער פאַבריק־שטאָט לאָדזש, מיט די הויכע קוימענס און מיט די שטינקענדיקע רינשטאָקן, בין איך ניט צו גאָט און ניט צו לייט . . . ווער קאָן מיך דאָ? כ'קום אַריין אין בית־המדרש, צי אין דער חברה, בין איך אַ ווילד פרעמדער. דאָס דאַווענען האָט דאָ קיין טעם ניט. מען גיט אַ פּרעפּל אָפּ, מען איילט זיך כסדר, מען ענדיקט דעם „עלינו" אויף יענער זייט טיר . . . דאָ בין איך ניט ליפּע, נאָר עפּעס נאָך אַ ייד פון די פּורים שפּילער.

— עס שמערצט מיך דיין עגמת נפש, ליפּע. כ'האָב געמיינט, אַז ס'וועט אונדז דאָ בעסער גיין. „משנה מקום, משנה מזל". האָסט דאָך שטענדיק מיך אַזוי געלערנט. דער וואָס לעבט אייביק וועט זיך אויף אונדז מרחם זיין. וועסט זען, עס וועט ווערן בעסער. גוסטאַוו האָט אַן אייזערנעם קאָפּ אויף זיך. ווען ער וואָלט ניט איינגעזען, אַז אין לאָדזש קאָן זיך אונדזער מערכה פאַרבעסערן, וואָלט ער אונדז ניט געהייסן קומען. זעסט דאָך, אַז ער באַמיט זיך פאַר אונדז. אי, עס דויערט אַביסל צו לאַנג, דאַרף מען האָבן בטחון, דער אויבערשטער וועט העלפן. ליפּע, פאַרליר ניט דעם מוט. „געלט פער־לאָרן, ניכטס פערלאָרן; מוט פערלאָרן, אַלס פערלאָרן", — זאָגט דער דאַטש (דייטש).

און ווען דער פאָטער האָט צו דער מאַמען גערעדט וועגן שטעטל, פלעגט מאָטעק אָנשטעלן מויל און אויערן. דאַן האָט ער געהאַלטן מיטן פאָטער און געוואָלט צוריקפאָרן אין שטעטל.

נאָר ווען די מאַמע האָט גערעדט וועגן אָנקל גוסטאַוו און וועגן זיין פאַבריק, דאַן האָט זיך מאָטעקן געוואָלט בלייבן אין לאָדזש. אין שטעטל האָט ער קיין טשאַסטקעס נישט געגעסן, פון קיין כאַלוואַ נישט געוואוסט און קיין פאַבריק אויף די אויגן ניט אָנגעזען. אין שטעטל האָט מען בלויז גערעדט וועגן אָנקל גוסטאַוו. אַלע האָבן גערעדט וועגן אים, שטענדיק גערעדט וועגן אים. נאָר מאָטעק האָט בלויז געהאַט געזען זיין בילד וואָס איז געהאַנגען ביי דער מומען רעגינאַ אין צימער. איצט זעט ער דעם אָנקל ווען די מאַמע רופט אים און דער אָנקל ברענגט גוטע זאַכן, נייע זאַכן, וואָס אין שטעטל האָט זיי קיינער ניט געהאַט.

עס זיינען אָבער געווען מאָמענטן ווען די מאַמע האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן און אויך זי האָט זיך פאַרבענקט נאָכן שטעטל. זי האָט אפילו

געלאָזט אַ טרער און מיט אַ פינגער זי גיך אויסגעווישט פון אונטערן אויג.

געווען איז דאָס איבערהויפּט איינמאָל, ווען די מאַמע האָט צוגעגרייט פרישטיק און געגעבן די קינדער פרישע זעמל, נאָר אָן פּוטער. מאָטעק איז געווען דער ערשטער צו פּראָטעסטירן.

— מאַמע, פּוטער! איך עס ניט קיין זעמל אָן פּוטער. איכ״ל ניט עסן אינגאַנצן, — האָט מאָטעק זיך צעשריען.

מאָטעק איז געווען אַ קנאַפּער עסער און נאָר אויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט, אַז ער זאָל קאָנען אָוועקרוקן דאָס עסן פון זיך.

— אַ זעמל אָן פּוטער? — האָט זיך געקרימט די קליינע לאָטשיאַ.

בלויז גוטשיאַ, דאָס עלטסטע קינד פון הויז, האָט פאַרשטאַנען. זי האָט שטענדיק פאַרשטאַנען און פון קינדרווייז אָן געטראָגן דעם לאַסט פון דער מאַמעס זאָרג אויף אירע דינינקע פּלייצעס.

די מאַמע האָט אויסגעהערט די קינדער און עפּעס האָט זיך ביי איר אין האַלדז אַ שטיק געטאָן.

— קינדער־לעבן, ס׳וועט, אם ירצה השם, ווידער זיין פּוטער, נאָר היינ־טיקע וואָך איז ניטאָ אויף קיין דירה־געלט. מען וועט אונדז, חס וחלילה, אַרויסזעצן פון דער וואוינונג; אַזאַ בושה זאָלן אונדזערע שונאים, זיסער גאָט, ניט דערלעבן.

די מאַמע איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר אַ טרער האָט זיך לאַנגזאַם אַ קייקל געטאָן איבערן אויג און געבליבן הענגען ביי דער זייט. דאַן האָט זי אָפּגעזיפצט:

— אין שטעטל האָט אונדז קיין פרישע פּוטער קיינמאָל ניט אויסגעפעלט.

מאָטעק האָט געגעסן די טרוקענע זעמל און געפילט אַ ביטערן טעם דערפון. דאַן איז ער געוואָרן אויף רעכט אומצופרידן מיט לאָדזש און צו זיינע פאַפּירענע מענטשעלעך, וואָס זיינען געלעגן אויסגעלייגט אויפן טאַטנס בעט, האָט ער געזאָגט:

— מיר וועלן זיך איינפּאַקן און צוריקפאָרן אין שטעטל. דער אָנקל גוסטאַוו וועט אויך מיטפאָרן און מיטנעמען פולע קעשענעס מיט כאַלוואַ און רוסישע צוקערקעס. דער אָנקל גוסטאַוו וועט מיטנעמען די פאַבריק און איך וועל יעדן אינדערפרי עסן זעמל מיט פּוטער, דיק אָנגעשמירט. די גויעס וועלן ברענגען פון די דערפער די בלעטער־פּוטער, וואָס וועלן שמעקן אַ מחיה.

.3

גוטשיאַ איז געווען מיט דריי יאָר עלטער פון מאָטעקן. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסער. די מאַמע האָט איר געלאָזט אַרויסהעלפן פירן

די באַלעבאַטישקייט, דערפאַר וואָס מאַטעק האָט זיך ניט געטאָרט צורירן צו קיין זאַך אין הויז.

— דיין עובדה, זון מיינער, איז צו לערנען תורה און זיך ניט אָפּגעבן מיט קיין דברים בטלים. נעם ניט קיין האַמער אין האַנט, קער נישט אויס די שטוב, זאָלן די מוידן זיך עסקן מיט דעם, — אַזוי האָט דער פאָטער כסדר געלערנט מאַטעקן.

מאַטעק האָט עס אים ניט געקאָנט מוחל זיין דאָס גאַנצע לעבן.

נאָר עס זיינען געווען מאָמענטן ווען גוטשיאַ האָט זיך „אַרונטערגעלאָזט" צום קליינעם ברודער. דאָס איז געווען ווען מען האָט אין הויז זיך פאַנאַנדער־געדעדט וועגן שטעטל. דאַן האָט מאַטעק באַקומען לשון און ער האָט זיך דערמאָנט אין זאַכן וואָס אַנדערע האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן. און מען האָט זיך געוואונדערט וואָס מאַטעק האָט עס געדענקט.

מאַטעק, דער קנאַפּער עסער, האָט געדענקט אַלע מאכלים, וואָס ער האָט געגעסן אין שטעטל, מאכלים וואָס אין לאָדזש האָט מען זיי ניט געגרייט און נאָך וועלכע ער האָט געבענקט, כאַטש אין שטעטל האָט ער פון די זעלבע מאכלים ווינציק וואָס טועם געווען.

און נאָך עפּעס איז דער שוועסטער געפעלן געוואָרן אין מאַטעקן. דאָס איז געווען זיין ליבע פאַר דער זשיעלאָנע גאַס און זיין ווידערגעפיל צו דער דלוגאַ גאַס.

אַט די נעמען פון צוויי געסלעך אין שטעטל האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם סאָציאַלן שטאַנד פון דער באַפעלקערונג.

אין דעם פאַל פון מאַטעקס משפחה זיינען די צוויי געסלעך געווען מאָס־געבנדיק פאַר איר. אויף דער דלוגע (לאַנגע) גאַס האָבן געוואוינט די נגידים, די וואוילהאָבנדיקע. זייערע הייזער זיינען געווען געבויט פון ציגל, און אויב זיי זיינען ניט געוואַקסן אין דער הויך, ווי די דייטשע שטיבער, זיינען זיי דערפאַר געוואַקסן אין דער לענג. יעדעס הויז אויף דער דלוגע האָט גע־האַט אַ לאַנגן, לאַנגן הויף. דער הויף האָט זיך געצויגן אַזש ביז דער זשיעלאָנע גאַס. דאָרט ביי דער דזשיעלאָנע האָט דער הויף געהאַט אַ הילצערן טויערל, דורך וואַנען מען האָט אין דער פרי אַרויסגעלאָזט די ציגן זיך פּאַשען אויף די ליידיקע פעלדער, וואָס זיינען געלעגן הינטער דער קליינער זשיעלאָנע גאַס.

די איינוואוינער פון דער דלוגע גאַס האָבן אויף דער שכנותדיקער זשיעלאָנע גאַס געקוקט פון אויבן אַראָפּ. אויך מיר אַ גאַס! זיי האָבן טאַקע אויסגעלאָזט דאָס וואָרט „גאַס". „זיי זיצן אויף דער זשיעלאָנע", האָט מען ביטולדיק גערעדט וועגן יענע שכנים.

אויף דער זשיעלאָנע איז טאַקע ניט געווען קיין איין מויער. „כאַלופּעס",

„די אַלטע מכשפה", „די חורבה" — דאָס זיינען געווען די באַצייכענונגען פון די דלוגער וועגן דעם אָרעמען אויסזען פון דעם צענדליק הילצערנע הייזלעך, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די זשיעלאָנע גאַס.

האָט זיך אָבער אַזוי פּאַרלאָפן, אַז ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַ שידוך צווישן אַ חשובן נגיד פון דער דלוגע מיט אַ פּשוטן טעפּער פון דער זשיע־לאָנע. די קאַלינסקיס פון לאַנגן הויף אויף דער דלוגע גאַס זיינען זיך צו־זאַמענגעקומען מיט די סאַרנעס, אָדער, ווי מען האָט זיי טיילמאָל גערופן, די סאַרנאָווסקיס פון דער זשיעלאָנע.

ווי אַזוי דאָס איז צום שטאַנד געקומען, איז טאַקע געווען דער גרעסטער הידוש. מען האָט זיך וועגן דעם געפּלפּולט אַ לאַנגע צייט. ס'איז געווען אַ סברא, אַז דער אַלטער קאַלינסקי האָט געוואָלט אויסגעבן זיינע טעכטער פאַר למדנים. און דערפאַר וואָס גאָט האָט אים „געשטראָפט" מיט אַ סך טעכטער, האָט אים ניט געאַרט וואָס ער וועט נעמען איידעמס ניט פון זיין שטאַנד, אַבי זיי זאָלן זיין לערנערס. מיט פּרנסה וועלן זיי שוין זיין באַזאָרגט.

וואָס עס זאָל ניט זיין געווען די סיבה דערפון, נאָר עס איז געשען. ליפּע סאַרנע האָט גענומען טייבל קאַלינסקאַ פאַר זיין פרוי. קאַלינסקיס הויף האָט זיך אָנגעהויבן אָנפילן, מחמת ווען אַ קאַלינסקאַ האָט חתונה געהאַט, האָט זיך דאָס פּאָרל אַריינגעקליבן אויף קעסט צו קאַלינסקין אין לאַנגן הויף אַריין. עס איז צוגעבויט געוואָרן נאָך אַ פליגל. ס'איז צוגעקומען נאָך אַ ציג. און ווען די קינדערלעך האָבן זיך געשטעלט אויף די פיסלעך, האָבן זיי זיך געפּלאָנטערט אויפן הויף, צוזאַמען מיט די הינער, הענער, אינדיקעס און גענדז, שוין אָפּגערעדט פון דעם טוצן קעץ, מיט די קעצלעך אָן אַ צאָל.

4.

אין קאַלינסקיס הויף זיינען געבוירן געוואָרן מאַטעק און זיינע דריי שוועסטער. די פעַרטע שוועסטער איז געבוירן געוואָרן שוין אין לאָדזש. נאָר ווען די משפחה האָט זיך באַזעצט אין לאָדזש האָט זי איין טעכטערל איבער־געלאָזט אין שטעטל. דאָס קינד האָט געהייסן מלכה. זי האָט אין קיין פאַל ניט געוואָלט זיך געזעגענען מיט איר שטעטל. טאַטע־מאַמע האָבן, אין שפּאַס, געזאָגט, אַז זי האָט זיך ניט געקאָנט שיידן מיט דער ציג. נאָר מאַטעק האָט געוואוסט, אַז מלכה האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט איר מומע פרומטשע.

ווען מלכה איז ענדלעך געקומען וואוינען מיט אירע עלטערן אין לאָדזש, האָט זי זיך אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט איינלעבן אין דער גרויסער שטאָט און אָפט געוויינט און געבעטן זיך, אַז מען זאָל זי צוריקשיקן אין שטעטל, צו דער מומען. זי האָט ניט געוואוסט, אַז די באַליבטע מומע אירע איז שוין

אויף דער וועלט ניטאָ, אַז זי איז געשטאָרבן ניט מיט קיין נאַטירלעכן טויט.

זיין גאַנץ לעבן האָט מאָטעק געדענקט אַ פּאָר זאַכן וועגן זיין שטעטל. ערשטנס, די משפּחה, אָדער, בעסער געזאָגט, די משפּחה־צעטיילונג. די קאַלינסקיס האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיי קערן זיך עפּעס אָן מיט די סאַרגעס פון דער זשיעלאָנע. אויב דער אַלטער קאַלינסקי האָט געקאָנט אַלעמען קוקן גלייך אין די אויגן, וואָס זיין באַליבטע טייבל האָט ער אויסגעגעבן פאַר אַ סאַרנע, האָט אָבער זיין פרוי, מאָטעקס באָבע, דאָס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. זי האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ ירידה. און פון דאַן אָן איז זי געוואָרן אַ געענדערטער מענטש. זי איז געווען גאָר אַ שטאָלצע נאַטור. אַקעגן רעדן דעם מאַן האָט זי ניט געוואַגט. האָט זי געשוויגן. פאַר קיינעם קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט. נאָר איין קוק אויף איר איז גענוג געווען צו פאַרשטיין, אַז די אַלטע קאַלינסקעכע איז אַראָפּ פון דער גדולה.

דער אַלטער האָט דאָס געפילט און מער דעם טעות ניט באַגאַנגען. די איבעריקע טעכטער זיינע האָט ער אויסגעגעבן פאַר נגידישע מאַנען. דאָס איז אָבער געווען צו שפּעט צו פאַרהיילן די וואונד אין דער אַלטערס האַרץ. זי איז ניט געווען קיין אַלטע, ווען זי איז פון דער וועלט אַוועק. זי איז ניט קראַנק געווען. זי האָט זיך אויף קיין זאַך ניט באַקלאָגט. נאָר געשוויגן מיט אַ פאַרביסן שווייגעניש. און איינמאָל, אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּ אין איר שלאָפקאַמער אַריין, איז איר ניט גוט געוואָרן און זי האָט זיך אַ קייקל געטאָן און געבליבן ליגן פאַרשטייפט. אַ פאַרביסענע איז זי אויף יענער וועלט אַוועק.

קאַפּיטל צוויי

שוואַרץ גאָלד

1.

פון זיינע פריסטע יאָרן אָן האָט מאָטעק דערפילט, אַז משפחה קרובה־שאַפט פאַראייניקט ניט אַלעמאָל. פאַראַן שטאַרקערע כוחות וואָס צעטיילן, וואָס צערייסן. טראַכטנדיק וועגן שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ חותם אין אים אויפן גאַנצן לעבן, איז ער גע־קומען צום אויספיר, אַז דער קלאַסן־שטאַנד, וואָס האָט צעשיידט די דלוגע גאַס און די זשיעלאַנע, איז געווען מעכטיקער, ווי דער שידוך פון די קאַלינסקיס און די סאַרנעס.

אַט יענע מחיצה האָט דעם קליינעם מאָטעקן באַגלייט נאָך אין שטעטל, איידער ער איז צום רעכטן שכל געקומען.

געוואוינט האָט ער, מאָטעק, דאָרט וואו ער איז געבוירן געוואָרן — אויף דער נגידישער דלוגע גאַס, ביי די קאַלינסקיס אין הויף. נאָר געצויגן האָט אים צו פאַרברענגען ביי זיין פאָטערס משפחה, אויף דער זשיעלאַנע. דאָרט האָט ער אויך געהאַט אַ זיידן, אַ פעטער און אַ מומע. אמת, די קיבלעך וואָס ער האָט באַקומען זיינען ניט געווען אַזוי באַטעמט ווי ביי זיך אין דער היים און קיין דינסטן אים צו באַדינען זיינען ניט געווען, ווי עס האָט זיך געפירט אויף דער דלוגע גאַס. דערפאַר איז אָבער ביים פעטער נחום, דעם פאָטערס ברודער, געווען פריילעכער.

מאָטעק איז געווען אַ נאָמען נאָך דער מוטערס פאָטער, מרדכי. אויך איר פאָטער איז געשטאָרבן יונגערהייט, צו 68 יאָר, און ווי מיט זיין פרוי, איז דער טויט אויך געקומען פלוצים, נאָך אַ געשמאַקן אָונטבערויט. אויפן טיש אין עס־זאַל זיינען נאָך געלעגן די שיריים פון מאַלצייט — אויסגעגנאָגטע לעבערדיקע מאַרכביינער און געקנאָטענע שטיקלעך ברויט, וואָס דער זיידע האָט געהאַט אַ טבע צו דרייען צווישן ז׳ פינגער.

געזאָגט האָט מען, אַז ר׳ מרדכי האָט זיך גענומען צום האַרצן פון זיין פרויס טויט, נאָר נאָך מער — פון די גענג פון זיינע צוויי בנים.

— געצל האָט אים דעם טויט געמאַכט, — האָט קהל אין איין קול געזאָגט.

— וועלוול האָט מיטגענומען אַ שטיק פון זיין לעבן, — איז געווען דאָס איינשטימיקע וואָרט פון די, וואָס האָבן געוואוסט וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן אין ר׳ מרדכי קאַליבסקיס הויף.

די קאַליבסקיס האָבן געהאַט פערצן קינדער, פון וועלכע פינף זיינען אָפּגעשטאָרבן נאָך איידער זיי זיינען אַלט געוואָרן ביין יאָר. זיי זיינען אַלע געווען מיידלעך. פון די ניין לעבן־געבליבענע זיינען פינף געווען טעכטער און פיר זין. ר׳ מרדכי איז געווען אומצופרידן דערפון זיין גאַנץ לעבן. ער האָט די טעכטער געשענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט און זיי האָבן דאָס געפילט און קיין צופיל נחת פון זיי האָט ער ניט געהאַט.

נאָר אויך פון די זין האָט ער ניט געגאָסן קיין פרייד. בלויז דער עלטסטער זון זיינער, מאיר, איז געווען אַ ירא שמים. די איבעריקע דריי האָט ער באַשיינפערלעך געזען ווי זיי וואַקסן אויס ניט אין זיינע דרכים.

ר׳ מרדכי איז געווען אַ נאַפט־סוחר. אויפן הויף זיינען געשטאַנען שוואַרצע פעסער נאַפט, איינע אויף די אַנדערע. פון מרדכין אַליין האָט זיך תמיד געהערט דער ריח פון נאַפט און ער האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גוטן סימן. „ס׳איז אַ ריח פון ריוח (רעוואַך)״, האָט ער געשמייכלט. טאָמער האָט זיך דער הויף אַביסל אויסגעליידיקט פון די פעסער, האָט מרדכי אַ פאַר־בענקטער אַרויסגעקוקט פון די ברייטע פענצטער אין זיין הויף אַריין מיט טרויעריקע אויגן, ווי די פעסער וואָלטן געווען אַ באַשטאַנד פון זיין הויזגעזינד. ווען די שוואַרצע בייכער זיינען געווען אָנגעפּאָיעט און זיך געקאַטשעט איבער די אויסגעלייגטע ברעטער, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער דער לענג און ברייט פון הויף, דאַן איז ר׳ מרדכי אַרומגעגאַנגען אַ צופרידענער, מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און געברומט אַ זמרל.

נאָך ביים לעבן האָט ער די געשעפטן זיינע איבערגעגעבן דעם עלטסטן זון מאיר. געוואָלט האָט ער, אַז דער צווייטער זון געצל (דער שפּעטער־דיקער אָנקל גוסטאַוו) זאָל זיך אי גוט לערנען ביים בעסטן מדריך אין שטעטל, אי ער זאָל האַלטן דאָס קעפל זיינס אויפן הויף ביי די פעסער.

אויסגעלאָזט האָט זיך אינגאַנצן אַנדערש. געצל איז גראָד געווען אַ געהאָרכזאַמער, אַ שווייגער, נאָר געטאָן האָט ער אויף אַ געלאַסענעם אופן אַלץ וואָס אים האָט זיך געוואָלט. פון קינדווייז־אויף האָט מען געוואוסט, אַז געצל איז „סאָם כּאָזאַיען״, פרעגט ניט קיינעם קיין עצות און גייט זיך אויף אַן אייגענעם וועג. ניט דאָס לערנען איז אים געלעגן אויפן געדאַנק און ניט די פעסער האָבן אים צוגעצויגן צו זיך. פאַרקערט, ער האָט זיך אויסגעהיט, אַז עס זאָל זיך פון אים דער ריח פון נאַפט ניט הערן.

צו צען יאָר האָט שוין געצל פאַרבראַכט אין דער איינציקער קרעטשמע

פון שטעטל, וואו מען איז אַרויס־און־אַריינגעפאָרן. אים האָט געצויגן צו די פרעמדע יידן, וואָס זיינען געקומען פון לאָדזש, אָדער צו די יידן וואָס זיינען אַריבערגעפאָרן צו דער דייטשער גרענעץ, וואָס איז געלעגן ניט ווייט.

ר׳ מרדכי האָט זיך מיט אַמאָל דערוואוסט, אַז דער צען־יעריקער געצל האָט געהאָט די העזה אָפּצושטעלן אין איינפאָר הויז דעם חשובן לאָדזשער גביר אדיר, איטשע־בער לעווי.

— „נעמט מעך מיט נאָך לאָדזש״, — האָט דער קליינער סמאַרק געזאָגט צו ר׳ לעווין.

— ווי געפעלט אייך אַזאַ עזות־פּנים? — האָט ר׳ מרדכי דערציילט אַן אויפגעבראַכטער.

און וואָס עס איז ר׳ מרדכין ניט אָנגעשטאַנען איז געווען, אַז ר׳ לעווי זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט פאַר זיינעם אַ ידיד, אַז אים איז וואויל געפעלן דעם ייִנגלס איינשטעלעניש. ער זאָל האָבן געזאָגט צו געצלען:

— קנאַבע, זעץ מעך אין אַ פור יוער אַרים (ייִנגל, זעט מיך אין אַ פּאָר יאָר אַרום).

געצל האָט פאַרן פאָטער ניט געלייקנט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַזאַ שמועס צווישן אים און ר׳ לעווין.

— פאַרוואָס ווילסט זיך דיר דווקא לאָדזש און ניט פעטערסבורג? — האָט דער פאָטער זיינער איראָניש געפרעגט.

— ווייל איך וויל אַריין אין דער מאַנופאַקטור בראַנזשע, — האָט געצל ערנסט געענטפערט.

2.

צו צוועלף יאָר איז געצל אַנטלאָפן פון שטעטל. בלויז די עלטסטע שוועסטער זיינע, רעגינטשאַ, האָט געוואוסט פון זיין פּלאַן. זי האָט געהאַלטן דעם סוד און נאָך געהאָלפן דעם ברודער זיך איינפּאַקן. זי האָט אים פאַרזאָרגט מיט צידה לדרך. זי האָט אים געקושט ביים צעשיידן זיך. ווען אַלע זיינען געשלאָפן, איז געצל אַרויס פון הויז. אַ בויד האָט אים מיטגענומען אין לאַנגן וועג. אין דער פרי האָט ר׳ מרדכי געפונען אַ צעטעלע לעבן זיין טלית־זעקל, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„זאָל מיר דער טאַטעשי מוחל זיין פאַר מיין זאַך. איך פאָר צו איטשע־בער לעווי ווערן אַ סוחר״.

מען האָט געמיינט, אַז ר׳ מרדכי וועט נאָכפאָרן דעם זון און אים צוריקברענגען אַהיים, נאָר די וואָס האָבן אַזוי געמיינט, האָבן ניט געקענט ר׳ מרדכין. ער האָט געשריבן אַ בריוו צו איטשע בער לעווי, געבעטן אויפפּאַסן

אויף זיין זון, איבערהויפט, אַז דער זון זאָל דאַווענען נאָך דער בר־מצווה. ווייטער האָט ר׳ מרדכי קיינמאָל ניט געפּעדערט זיך צו רעדן וועגן געצלען. האָט מען אים געפרעגט, האָט ער געענטפערט. געצל האָט אים געשיקט קורצע טרוקענע בריוולעך:

„טאַטעשי, לאָדזש וואַקסט ווי אויף הייוון. ר׳ איטשע בער לעוויס גע־שעפטן זיינען ווערט מאַיאָנטקעס.״

אָדער:

„זאָל דער טאַטעשי זיך ניט זאָרגן פאַר מיר. איך לערן ס׳געשעפט. איך וועל בלייבן אַ לאָדזשער״.

ווען געצל איז אַלט געווען פופצן יאָר, האָט ער זיך שוין גערופן גוסטאַוו און ער האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די לאַנגע קאַפּאָטע און זיך אָנגעטאָן ווי אַ ליטוואַק־דייטש. פון זיינע רויטלעכע פּיאות איז מער קיין זכר ניט גע־בליבן. איטשע בער לעווי האָט אויף אים געלייגט גרויס האָפענונג און אים איבערגעגעבן פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. דאָס וואָס גוסטאַוו האָט כמעט ניט געקאָנט לייענען קיין פּויליש, דייטש אָדער רוסיש, האָט אים ניט גע־שטערט זיך צו אַנטוויקלען. ווי אַזוי ער האָט געקאָנט חשבונען, ניט האָבנ־דיק געלערנט קיין אַריפמעטיקע, איז געווען דער חידוש פון די עלטערע אָנ־געשטעלטע פון פלאַץ.

ר׳ מרדכין האָט געצלס דערפאָלג אין לאָדזש ניט געפרייט. ער האָט אויף געצלען געטראָגן אַ האַרץ, נאָר פאַר קיינעם דאָס ניט אויסגערעדט.

אַ פּאָר יאָר נאָך געצלס אַנטרונען ווערן, איז מרדכין באַפאַלן נאָך אַן אומגליק. זיין זון וועלוול איז אַ פּאָר וואָכן פאַר דער בר־מצווה נעלם גע־וואָרן. אַ פורמאַן האָט מרדכין אָנגעזאָגט די בשורה, אַז וועלוול איז אַריבער די דייטשע גרענעץ. אַליין אַריבער.

געוואוסט האָט ער, מרדכי, אַז וועלוול איז געווען אַ פּוסטער בחור. ליב געהאַט צו אכלען און צו נאַשן, אַ פוילאַק געווען; אין קיינעם פון די קאַ־לינסקיס ניט געווען געראָטן. געווען קלאָר, אַז ער וועט ניט זיין צו גאָט און ניט צו לייט; קיין וואָר וואָרט איז פון דעם בחור מיט די גרויסע אויגן קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען. דערפאַר האָט ער זיך געחידושט, ר׳ מרדכי, וואָס וועלוול האָט אים אויך אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל. מילא, געצל איז פון תמיד אָן געווען אַ שווייגער, נאָר אַ געזעצטער. ווי קומט אָבער צו וועלוולען אַזאַ געוואַגטקייט?

אַריבערפאָרן די גרענעץ דאַרף מען האָבן געלט. וועלוול וועט קיין טאָג ניט בלייבן קיין ניט געגעסענער און קיין ניט געגנאַשטער. ר׳ מרדכין איז איינגעפאַלן אַ שלעכטער געדאַנק, נאָר ער האָט זיך געלאָזט פירן פון אים.

אין אַ פאַררוקטן ווינקל פון זיין ברייטער קליידער־שאַנק האָט ער אַמאָל גע־האַט פאַרבאַהאַלטן אַ פּאַק מיט פּאַפּיר־געלט. דער קליינער וועלוול האָט געזען, ווי דער פאָטער האָט דאָס געלט געהאַט אַריינגעפּאַקט אין אַ שטרויען קערבעלע און עס איינגעשטעלט אין שאַנק־ווינקעלע. ר׳ מרדכי האָט אַריינ־געשטעקט זיין אָרעם אין דער שאַנק, געטאַפּט, געזוכט. דאָס ווינקעלע איז געווען ליידיק. ער האָט געניִשטערט אין דער שאַנק. דאָס קערבעלע האָט געפעלט. עס האָט אויך געפעלט איינער פון זיינע גאָלדענע זייגערס, דער שווערסטער זייגער.

ווען ס׳איז אָנגעקומען דער ערשטער בריוו פון וועלוולען פון פּאַריז, האָט ר׳ מרדכי אים איבערגעלייענט און צעריסן גלייך אויפן אָרט. די טאָכ־טער טייבל (מאַטעקס מאַמע) האָט געהערט, ווי ער האָט צו זיך אַ ברום געטאָן:

— אַזאַ געמיינער יונגאַטש!

ר׳ מרדכי איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. ווי זיין פרוי פאַר אים, איז ער אַוועק פון דער וועלט אַ פאַרביסענער, אַ שווייגנדיקער. זי האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, וואָס ער האָט זייער טאָכטער אויסגעגעבן פאַר אַ סאַרנע פון דער זשיטלאָנע. ער האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן וואָס זיינע אייגענע זין, צוויי קאַלינסקיס, האָבן געהאַנדלט ווי „געמיינע יונגען״; וואָס איז זיי ניט אָנגעשטאַנען צו געניסן פון פאָטערס רייכטום, פון זיין לאַנגן הויף מיטן שוואַרצן גאָלד.

3.

מאיר, דער עלטסטער זון, איז געוואָרן דער פאַרזאָרגער און דער וואָרט־זאָגער פון קאַלינסקי שטאַם. ווי דער טאַטע זיינער, איז ער געווען אַ גוטער געשעפטסמאַן. אַ פרומער ייד, האָט ער חתונה געהאַט פאַר אַ רבס אַ טאָכטער פון פויזן. זיין ווייב עמאַ איז ניט געווען אַזוי פרום. זי איז געווען אַ דייטשקע אין אַלע הינזיכטן. ניט בלויז האָט זי גערעדט בלויז דייטש, אַזוי אַז איר מאַן האָט אָפּט, די ערשטע צייט, ניט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט געמיינט, הגם אין שטעטל האָט מען גערעדט אַ סך דייטש, נאָר אירע פירונגען זיינען אַלעמאָל געווען פרעמד און אָפט דערווידער.

עמאַס באַלעבאַטישקייט און באַפעלערישער טאָן האָט אַריינגעבראַכט אַן אומעטיק געפיל אין דעם קאַלינסקי הויף, וואו עס האָבן געוואוינט מאירס פינף שוועסטער און איין ברודער, מענדל. אַלע זיינען געווען אָפּהענגיק אין איינקונפט פון די פעסער. מאַטעקס פאָטער, ליפּע, האָט צו די פעסער זיך ניט געוואָלט צורירן. אים זיינען אָנגעגאַנגען מער די קהלישע עסקים. ער

האָט פֿאַרבראַכט די מערסטע צייט אין בית מדרש. דער ענין „נייער חזן" האָט אים מער געאַרט ווי זיין תכלית. דער שוואָגער מאיר האָט זיך שוין געזאָרגט דערפֿאַר. און בכלל האָט ליפּע ניט ליב געהאַט דעם ענין געלט, אפילו ווען ער איז נאָך געווען ביי זיך אין דער היים, אויף דער זשיעלאָנע, וואָס דאָרט האָט געלט תמיד אויסגעפּעלט.

מאיר האָט ניט געהאַט קיין דאגות וועגן אויסגעבן זיינע צוויי שוועסטער העלטשא און לאה. זיי זיינען געשטאַנען אין שידוכים. דער נדן זייערער איז געווען גרייט.

זיין הויפּט־דאגה איז געווען וועגן דער עלטסטער שוועסטער רעגינטשא און וועגן דער שטילער טויב, וועגן פּרומטשען. אויך האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז זיין געבליבענער אין שטעטל ברודער, מענדל, וועט מסתּם פֿאָרן זיך באַזעצן אין לאָדזש, מחמת ער האָט זיך דורכגעשריבן כסדר מיט גוסטאַוון און זיך טאַקע געקליבן אין וועג אַריין.

די מעשה וועגן רעגינטשאַן און פּרומטשען איז ניט געווען קיין פֿריילעכע. דער קלוגער מאיר האָט וואָס ווינציקער געוואָלט רעדן דערוועגן, נאָר ביי זיך אין דער מחשבה האָט ער ניט געקאָנט געפֿינען קיין אויסוועג און קיין לייזונג.

ער האָט ניט געוואָלט צולאָזן צו זיך דעם געדאַנק, אַז רעגינטשא און פּרומטשע האָבן געירשנט די קאַלינסקי שטריכן, די שוואַכקייטן פֿון פֿאַר־ביסנקייט און ניט באַכגעביקייט.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוואוסט, אַז רעגינטשאַ וויל ניט שטיין אין שידוכים. די זייטיקע האָבן אָבער ניט געוואוסט, אַז איר שוועסטער פּרומטשע האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ כלה.

מאיר איז געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן ווייטאָג און מיטן שווערן פּעקל וואָס דער פֿאָטער האָט אים איבערגעלאָזט. ניט ער האָט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס עס טוט זיך אין די מוחות פֿון זיינע שוועסטער, ניט ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו רעדן צו זיי, אַז זיי זאָלן אים פֿאָלגן. ער האָט זיך באַראַטן מיטן יידן און מיט דער מומע שרה, וואָס אַ האַלב שטעטל איז געקומען צו איר נאָך עצות. ער האָט אויסגעפֿאָלגט וואָס זיי האָבן אים געראָטן צו זאָגן און טאָן, נאָר עס האָט ניט געהאָלפֿן.

.4

אין עלטער פֿון פֿיר יאָר האָט מאַטעק אָנגעהויבן באַנעמען זאַכן און פֿרעגן פֿראַגעס. ער איז געווען אַרומגערינגלט פֿון פֿרויען. זיין פֿאָטער איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין בית מדרש. דער פֿעטער מאיר איז געווען פֿאַר־

שמאַיעט ביי די פּעסער. די פרייע צייט זיינע האָט ער פאַרבראַכט אין זיין חדר מיוחד ביי אַ בלאַט משניות. דער פעטער מענדל האָט ניט ליב גע־האַט צו בלייבן אין הויז און סיי ווי איז ער אין אַ יאָר אַרום אַריבערגעפאָרן צום ברודער גוסטאַוו נאָך לאָדזש און ער איז שוין דאָרט פאַרבליבן.

זיינען אין גרויסן קאַלינסקי־הויף געווען בלויז פרויען: פינף שוועסטער וואָס זיינען דאָ געבוירן געוואָרן און איין שוועגערין וואָס איז געווען אַ ווילד־פרעמדע צו זיי, אַן אָנגעקומענע פון דייטשלאַנד. טאַקע דעם עלטסטן ברו־דערס פרוי. נאָר ניט זי האָט זיך געוואָלט אַריינפּאַסן אין אירע נייע אומ־שטענדן און ניט זיי האָבן געוואָלט אָננעמען אירע נייע פירונגען. האָבן זיך טירן כסדר געעפנט און פאַרמאַכט. זיינען זיי ניט געשטאַנען ברייט צעעפנט ווי אַמאָל, ווען די „אַלטע” האָבן געלעבט.

דער קליינער מאָטעק האָט שוין געוואוסט, אַז די טאַנטע רעגינטשא און די טאַנטע פרומטשע האַלטן זיך אויף אין איין צימער און גייען זעלטן אַרויס פון אים. די טאַנטע לאהע און די טאַנטע העלטשא האַלטן זיך אויף אין אַן אַנדער צימער און זיי רעדן הויך און זיי זיינען פריילעכע.

אַלע מומעס פלעגן זיך אָפט טרעפן אין דער ברייטער קיך, וואו מען האָט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען וועגן עסן, איבערהויפּט יום־טוב־צייט. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל ווען עמאַ און אירע שוועגערינס האָבן געקאָנט אויסקומען צווישן זיך. עמאַ האָט ליב געהאַט צו עסן און צו רעדן וועגן שפּייז און צו לערנען זיך קאָכן נייע מאכלים. די קאַלינסקי שוועסטער האָבן געירשנט פון זייער מוטער אַ מין רעליגיעזע איבערגעגעבנקייט צו דער קיך. עס איז ניט געווען קיין יום־טוב מאכל וואָס זיי האָבן ניט געהאַט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צוצוגרייטן.

אָט אַזוי האָט די עלטער־באָבע אָנגעזאָגט; אַזוי האָט די באָבע געלערנט; און די מומע רויזע האָט זיך געהאַט איר פאָרטל; און די טאַנטע בלימע איז געווען אַ מבינטע אויף געבעקס — איינע אין דער וועלט; און די מאַנסבילן אין אונדזער משפחה זיינען געקעכלט געוואָרן, ווי נאָר עס האָט געפּאַסט פאַר די קאַלינסקיס.

די קיך איז געווען פאַר דער פרוי דאָס, וואָס דער בית־המדרש איז געווען פאַרן לערנער. קאָכן האָט מען ניט בלויז געדאַרפט קענען, נאָר מען האָט געדאַרפט זיין אַ בריה.

מאָטעק האָט אין זיך געהאַט אַריינגעזאַפּט די אַפּעטיטנע ריחות וואָס האָבן זיך צעטראָגן פון דער קיך אין אַלע הדרים אַריין. ער איז אפשר דערפאַר שפּעטער געוואָרן אַ קנאַפּער עסער, ווייל אַלע מומעס האָבן גע־

וואָלט אויספּרואוון אויף אים זייערע געקעכצן. יעדע איינע האָט געוואָלט געווינען זיין גוטהייסונג. מען האָט אים געפּרואווט שטאָפּן מיט כלערליי געפּרעגלטע און געדעמפּטע פלייש און מיט זיסע פיש, מיט פּוטער־און צימרינג־טייגלעך, מיט קאָמפּאָטן און קאַטשקעס.

געפּרעגלט פּוטער און שמאַלץ זיינען געווען די טאָג־טעגלעכע ריחות וואָס זיינען געשטאַנען אין אַלע חדרים. מאָטעק האָט ליב געהאַט צו גיין מיט די מומעס איינקויפן יעדן צווייטן טאָג אויפן „גרינעם" מאַרק. דאָרט האָט מען געבראַכט פון די דערפער גרינסן, עופות, פּוטער און קעז. די פּויערטעס זיינען געזעסן און זייערע פורלעך, אָנגעטאָן אין העלפאַרביקע קליידער און פאַטשיילעס. זיי האָבן די פּוטער געהאַלטן איינגעוויקלט אין גרויסע דיקע גרינע בלעטער. מאָטעק האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף דער פּוטער, ווי די פּויערטע האָט זי אויפגעוויקלט פון בלאַט. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף דער פּויערטעס פּנים, וואָס איז געווען אַזוי פריש און אומשולדיק, ווי די בלאַט־פאַרמירטע פּוטער.

מאָטעקס מאַמע איז ווידער געווען „אויף דער צייט" און אירע פיר שוועסטער האָבן עס געהאַלטן פאַר זייער חוב אויפצופּאַסן אויף מאָטעקן. אמת, עמאַ האָט שוין איצט אויך געהאַט צוויי מיידלעך, נאָר זי האָט אַרויסגעוויזן אַן אומצופרידנקייט ווען עמיצער האָט זיך צוגערירט צו זיי. זי האָט ניט געוואָלט מען זאָל זיי קושן. זי האָט געהייסן זיך וואַשן די הענט, אײדער מען האָט זיך געקליבן זיי אַ גלעט טאָן. איר שטרענגקייט און איר קוויטשיק קול, איר איבערהזרן צענדליקער מאָל אין טאָג די צוויי ווערטער „ציכטיקייט" און „אָרדענונג", האָבן אָפּגעפרעמדט אַלעמען צו איר און אירע קינדער. אפילו טייבל, וואָס האָט געקאָנט אויסקומען מיט יעדן איינעם, האָט אויך זיך געהאַלטן אַביסל פון ווייטן צו איר ברודערס קינדער צוליב עמאַס שטרענגקייט.

נאָר עמאַן האָט דאָס ניט אָנגעהויבן אַרן. „יעקע", ווי מען האָט גערופן אירע דייטשע גענג, האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר רויט צעגליטע באַקן, וואָס האָבן תמיד אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט זיך. זי איז געווען בלאָנד, פעסט געבויט, מיטלוויקסיק מיט אַ קלינגענדיק, באַפעלעריש קול. איר מאַן, מאיר, איז ווי אַלע קאַלינסקיס געווען הויך געוואַקסן, מיט קופּער רויטלעכע האָר, מיט אַ פּנים באַשאָטן פון קלייען און אַ בלאַס־געלע, שמאָלע באָרד. ער איז געווען אַ שוויגנדיקער, אַ שלום־מאַכער. פאַר עמאַן האָט ער געהאַט גרויס אָפּשיי און אויסגעפאָלגט אַלץ וואָס זי האָט אים באַפוילן.

עמאַ האָט זיך געהאַלטן פאַר דער מער ציוויליזירטער, פאַר דער גרויסשטאָטישער. זי האָט אָבער קיינמאָל מיט קיין וואָרט ניט אויסגעדריקט באַ־

דויער וואָס איר קומט אויס צו לעבן אין אַ קליין פאַרוואָרפן, אָפּגעשטאַנען שטעטל, ווייט פון איר משפחה און סביבה.

דאָס וואָס אירע שוועגערינס האָבן געקאָנט בעסער קאָכן און באַקן פון איר, איז איר ניט געווען געפעלן. נאָך ערגער האָט זי זיך געפילט, וואָס זיי האָבן געקאָנט בעסער שטריקן און העפטן פון איר. די קאַלינסקיס האָבן געהאַט אַ שם פאַר זייער געניי און העפטעריי.

נאָר עמאַ איז געווען ווילדיק צו לערנען. מיט דער גרעסטער העפלעכקייט און דאַנקבאַרקייט האָט זי איבערגענומען די מייסטערשאַפט פון די קאַלינסקי שוועסטער. נאָר ווען זי האָט שוין געהאַט אַרויסגעקראָגן אַלץ וואָס איר איז בויטיק געווען, האָט זיך די טיר צווישן איר און אירע שוועגערינס ווידער פאַרמאַכט און מען האָט זיך ווייטער געהאַלטן אָפּגעזונדערט.

אויב עמאַ האָט ניט געוואָלט מען זאָל זיך אָפּגעבן צו אירע קינדער, איז זי אָבער שטענדיק געווען די ערשטע צו לערנען מאַטעקן ווי אַזוי זיך אויפצופירן. טייבלען האָט עס ניט געאַרט. פאַרקערט, זי איז דאַנקבאַר געווען עמאַן פאַרן אַריינברענגען „דייטשע זיטן" אין הויף. טייבל האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס איז געקומען פון דייטשלאַנד.

נאָר דער קליינער מאַטעק איז אַנטלאָפן, ווי אַן אָפּגעבריטער, ווען ער פלעגט זען אַז די טאַנטע עמאַ קומט אָן. ער איז בכלל אַנטלאָפן פון אַלע מומעס זיינע. ערשטנס, האָט יעדע אים נאָר געוואָלט קושן. די קושערייען זיינען אים אַזוי דערעסן געוואָרן, אַז ער האָט שפּעטער־צו אויסגענומען מיט די מומעס, אַז ער וועט צוקומען צו זיי, אויב זיי וועלן אים ניט קושן. צווייטנס, האָבן זיי ליב געהאַט צו קעמען זיינע קופערנע האָר. אַלע אין שטעטל האָבן זיך געטשעפּעט צו זיינע האָר. ער האָט מקנא געווען די קינדער וואָס האָבן געהאַט שוואַרצע אָדער ברוינע האָר. ער פלעגט זיך בעטן ביי דער מאַמען, אַז מען זאָל אים אָפּשערן קורץ די האָר. די מאַמע, פאַרקערט, האָט ניט געוואָלט אַז זיינע לאָקן זאָלן אַנגערירט ווערן.

פינף מומעס אין איין הויז האָבן זיך געזאָרגט פאַר דעם קליינעם מאַטעק, נאָך מער ווי זיי האָט געהאַט איבער אים די שליטה די דינסט יאַדוויגאַ. קיינמאָל האָט מען ניט גענוצט דאָס וואָרט דינסט. זי איז געווען יאַדוויגאַ. דאָס האָט געמיינט: ליבע, דרך־ארץ, טראַדיציע. די וויבערישע מלוכה ביי די קאַלינסקיס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער פוילישער יאַדוויגאַ.

קאַפּיטל דריי

ל י ב ע

.1

וו ען מאַטעק איז געבוירן געוואָרן איז יאַדוויגאַ שוין געווען אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק. זי איז געווען אַ הויכע, מיט גלאַט־פאַרקאַמטע זאַמדיקע האָר, מיט וואַסערדיקע בלויע, ערלעכע אויגן, מיט אַ ברייטער פליישיקער נאָז, מיט אַ לאַנג און ברייט־קנאָכיק פּנים און געזונטע אויסגערונדיקטע פּלייצעס. איר קול איז געווען מענעריש־הייזעריקלעך. דער טראָט אַ פעסטער און די פיס באַפעלערישע. יאַדוויגא האָט דערצויגן כמעט אַלע קאַלינסקי מיידלעך, מיט דער אויסנאַם פון רעגינטשאַן. די זין האָט מען איר ניט אָנ־פאַרטרויט. ר׳ מרדכי האָט ניט געוואָלט.

ווען די קינדער זיינען אויסגעוואָקסן, איז יאדוויגא געווען ניט נויטיק מער אין הויז. זי האָט געפרואווט זיך ניצלעך מאַכן, נאָר אין קיך האָט מען זי ניט געדאַרפט האָבן: די חדרים געראַמט האָט אַן אַנדער פרוי. גיטל, מרדכיס פרוי, האָט זיך ניט געקאָנט שיידן מיט יאדוויגאן און זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל בלייבן.

— באַלד וועלן די קינדער חתונה האָבן און יאדוויגא וועט דערציען די אייניקלעך, — האָט גיטל איר דערקלערט.

נאָר אַוועק איז יאדוויגא, ווי איר באַטור איז געווען, אויף אַ דראַמאַטישן אופן און פונקט אַזוי איז זי צוריקגעקומען אין אַ צוויי יאָר אַרום אומגע־ריכטערהייט. דאַן איז זי שוין געבליבן מיט מאַטעקס מוטער, ווי די אויפ־פאַסערין אויף אירע קינדער. ווען טייבל האָט זיך איבערגעצויגן נאָך לאָדזש, איז יאדוויגא געפאָרן מיט איר. ווען ס׳איז נישט געווען וואָס צו עסן אין לאָדזש, האָט יאדוויגא מיט קיין וואָרט ניט פּראָטעסטירט, נאָר אין קאָש־טשאָל געלאָפן בעטן ביי איר גאָט, אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף דער אָרעמער סאַרנע משפּחה.

דער קליינער מאַטעק האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין צוליב וואָס דאַרף מען האָבן אַזוי פיל מומעס, נאָר ער האָט ניט געקאָנט זיך באַגיין אָן יאַדוויגאַן.

און ווען יאַדוויגאַ פלעגט, ווי איר שטייגער איז געווען, זיך געזעגענען און פאַרשווינדן, האָט מאַטעק, צוזאַמען מיט די שוועסטער זיינע, געוויינט און געבענקט און זיך די אויגן אויסגעקוקט, אַז יאַדוויגאַ זאָל צוריקקומען. און ווען זי איז, אין אַ לענגערער צייט, צוריקגעקומען, האָבן זיך די קינדער מיט איר מער דערפרייט, ווי מיט אַ נאָענטן קרוב.

גיטל פלעגט דערציילן די קינדער אירע, ווי אַזוי יאַדוויגאַ איז געוואָרן אַ טייל פון קאַלינסקיס הויז־געזינד. געווען איז זי אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן, ווען זי איז אָנגעקומען אַרבעטן צו גיטלען אין הויז. געבראַכט זי אַהין האָט איר אייגענע מאַמע, פון אַ דערבייאיקן דאָרף. איר פאָטער איז געווען אַ שרעקלעכער שיכור. געשלאָגן, געקאַטעוועט די קינדער. יאַדוויגאַ איז געווען אַ מיידל אַ שיינהייט, מיט טיף בלויע אויגן, ווי ניעזאַבודקעס. עפּעס איז געבליבן פון פאָטער אין יאַדוויגאַן. מחמת וואָס עלטער זי איז געוואָרן, אַלץ־מער האָט זי זיך גענומען צום טרונק. נאָר אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט זי וויינען, בליפען און נעמען אויף זיך די שולד פון אַלע קראַנקהייטן אין דער קאַלינסקי פאַמיליע און אַרויסגעבן אַלע זינדיקע מחשבות אירע.

מיט דער צייט האָט זיך גיטל אָן יאַדוויגאַן ניט געקאָנט קיין ריר טאָן. יאַדוויגאַ איז געווען ווי אַ צווייטע מאַמע און ווי אַזאַ האָט מען זיך צו איר באַצויגן. זי האָט דערגאַנצט דאָס וואָס האָט אויסגעפעלט גיטלען. גיטל איז געווען שטייף, מיט פאַרשנורעוועטע, דינע, פאַרביסענע ליפּן. יאַדוויגאַ איז געווען די גוטסקייט אַליין, דאָס קינד פון דער שוואַרצער פּוילישער ערד, דער פּראָדוקט פון דורות שווערער האַרעוואַניע און פּראַצע. דאָרט וואו גיטל האָט זיך פאַרלאָרן, אין שווערע צייטן, ווען אַ הויז מיט קינדער זיינען פאַר־שלאָפט געוואָרן, דאָרט איז יאַדוויגאַ אַרומגעגאַנגען אַ זיכערע, אַ געלאַסענע, מיט אַ באַרואיגנדיקן שמייכל אויף איר אויסדרוקפולן פּנים און געבראַכט אַלץ אין אָרדענונג.

נאָר ווען אַלץ איז שוין געווען איינגעשטעלט, ווען גיטל האָט גע־זאָגט: „געלויבט און געבענטשט זאָל זיין דער שם יתברך", דאַן האָט יאַד־וויגאַ זיך ערשט צעבליפּעט אויפן קול און זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ פאַר טעג אין בעט אַ קראַנקע פון אויסגעשעפּטקייט.

גיטל און יאַדוויגאַ זיינען געוואָרן ווי צווי שוועסטער. זי האָט יאַדוויגאַן אָנפאַרטרויט אירע געפילן מער ווי דעם מאַן און די קינדער. יאַדוויגאַ האָט געקאָנט האַלטן אַ סוד. ניט איינמאָל האָבן די קינדער זי געוואָלט „אונטער־קויפן" אַרויסצוקריגן עפּעס וועגן דער מאַמען, נאָר ניט ביי יאַדוויגאַן.

יאַדוויגאַ האָט געקאָנט מוחל זיין אַלץ, נאָר ניט קיין אָפּנאַרעריי. זי איז געווען אויפריכטיק אין אַלץ און זי האָט געפאָדערט אויפריכטיקייט אַרום

זיך. גיטל האָט דאָס געוואוסט און טאַקע צו זיין אויסגעהאַלטן האָט זי זיך מיט יאַדוויגאַן ניט איינמאָל צעווערטלט און צעקריגט. דער קריג האָט אָנגעהאַלטן אַ צייט לאַנג. ביידע פרויען האָבן געליטן און צוליב דעם האָט דאָס גאַנצע הויז געליטן. איבערגעבעטן האָט מען זיך נאָר דאַן, ווען אין הויז איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע — אַ קינד איז אַוועקגעפאַלן, אָדער מרדכין איז ניט גוט געוואָרן. דאַן האָט מען גלייך פאַרגעסן אַלע ברוגזן און מער ניט גערעדט וועגן דעם.

.2

דער ענין רעגינטשאַ האָט אומדירעקט געהאַט אָנגערירט יאַדוויגאַן. ביידע זיינען געווען אומגליקלעך אין זייער ליבע.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט יאַדוויגאַן. גיטל האָט באַמערקט, אַז יאַדוויגא איז ניט די זעלבע ווי שטענדיק. זי איז איינמאָל אַהיימגעקומען פון קאָשטשאָל, אַ זונטיק נאָכמיטאָג און — אָנגענומען אַ מויל מיט שווייגן. גיטל האָט געהאַט איינגעפירט, אַז זונטיק, און בכלל אין אַ חגא, האָט יאַדוויגא גאָרניט ניט געדאַרפט טאָן אין הויז. פאַרקערט, גיטל פלעגט דאַן אויפפאַסן אויף איר, אָנגרייטן פאַר איר די פיינסטע מאכלים און בכלל זיך באַציען מיט רעספעקט צו איר יום־טוב. ניט איינמאָל פלעגט זי איר אויך אָנקויפן זאַכן צום אָנטאָן, צוגעפאַסט צו דער חגא.

עס האָט אָבער דאַן פאַסירט, אַז יאַדוויגא האָט זיך באַצויגן ניט איבערגעגעבן צו דער אַרבעט, ווי תמיד. אַזוי האָט אָנגעהאַלטן אַ פאָר טעג. זי איז אַרויסגעגאַנגען אין אָוונט, ניט געזאָגט וואוהין זי גייט, ווי איר מנהג איז געווען, און זי איז צוריקגעקומען שפעט און פאַר גיטלען זיך ניט אָנטשולדיקט. אַלט געווען איז זי דאַן איינגאַנצן אַן אַכצן יאָר.

גיטל האָט פאַרדעכטיקט, אַז עפּעס האָט דער קשאָנדזש אין קאָשטשאָל געמוזט רעדן קעגן יידן און דערפאַר איז יאַדוויגא געווען אַזוי אָנגעצויגן. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און יאַוויגא האָט זיך אָנפאַרטרויט צו גיטלען. זי איז געווען פאַרליבט אין אַ יונג פון די יאַטקעס. יאַנוש האָט ער געהייסן. אויך ער איז ניט געווען גלייכגילטיק צו איר. טאַקע אין קאָשטשאָל האָבן זיי זיך באַקענט. יאַנוש האָט איר פאַרגעשלאָגן חתונה צו האָבן מיט אים און אַוועקפאָרן צו זיינע עלטערן אין וולאָצלאַוועק.

יעדע וואָך האָט יאַדוויגא דערציילט גיטלען וועגן אירע באַגעגענישן מיט יאַנושן. גיטל האָט איר שטאַרק צוגערעדט, אַז זי זאָל חתונה האָבן און מרדכין האָט זי געזאָגט, אַז מען וועט דאַרפן קריגן אַ ניי מיידל אין הויז.

עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז יאַדוויגא זאָל מיט איר יאַנושן פאָרן

קיין וואָלצלאַוועק צו זיינע עלטערן, נאָר דאַן האָט פּאַסירט וואָס האָט ניט גע־דאַרפט פּאַסירן און יאַנוש איז נעלם געוואָרן.

גיטל איז געווען די איינציקע וואָס האָט געוואוסט וועגן יאַדוויגאַס צו־שטאַנד. יאַדוויגאַ האָט געוואָלט אַהיימפאָרן צו אירע עלטערן און זיי פאַלן צו די פיס. זי האָט געוואוסט אַז דער פאָטער וועט זי דערהרגענען. גיטל האָט זיך דאַן געווענדט צו דער מומע שרה נאָך אַן עצה. שרה האָט יאַדוויגאַן געשיקט צו אַן אַלטער הייבאם און יענע האָט אָפּגעטריבן יאַדוויגאַס שוואַנ־גערשאַפט.

אין שטעטל האָט מען געוואוסט, אַז יאַדוויגאַ האָט געהאַט אַ געליבטן און אַז דער געליבטער איז צוריקגעפאָרן צו זיינע עלטערן אין וואָלצלאַוועק, נאָר מער האָט מען ניט געוואוסט.

גיטל האָט אויפגעפּאַסט אויף איר, זי באַהאַנדלט ווי אַ קראַנק קינד און יאַדוויגאַ איז צו זיך געקומען. מענער זיינען איר נאָכגעלאָפן, געקומען צו גיטלען און געבעטן, אַז זי זאָל זיך אַריינמישן און מאַכן אַ שידוך, נאָר יאַדוויגאַ האָט זיך אָפּגעקערט פון זיי.

מאַטעקס מאַמע, טייבל, האָט מיט יאָרן שפּעטער געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז יעדעס מאָל וואָס יאַדוויגאַ פלעגט פאַרלאָזן איר שטוב אויף אַ צייט — מערסטנס אויף חדשים, אָדער אַ יאָר — איז דאָס געווען צוליב אַ ליבע, הגם יאַדוויגאַ פלעגט אין אַזאַ פאַל קלאָגן און זיך געזעגענען „אויף אייביק”.

גיטל, ווי אַ מאַמע, האָט מיטגעפילט מיט יאַדוויגאַן אויף איר פאַר־שפּילטער ליבע, נאָר זי האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אויך אין איר אייגענעם הויז־געזינד וועט פאָרקומען אַ ליבעס־טראַגעדיע.

3.

איר עלטסטע טאָכטער רעגינטשאַ איז קוים זיבעצן יאָר אַלט געווען, ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט אַ בחור, אַ סטודענט. רעגינטשאַ האָט ליב געהאַט צו לייענען ביכער. געלייענט האָט מען אין יענער צייט מערסטנס פּוילישע און דייטשע ביכער. געווען אַ פּריוואַטע לייַ־ביבליאָטעק אין שטעטל. דאָרט האָבן זיך באַגעגנט יוגנטלעכע צוויי מאָל אַ וואָך, ווען די ביבליאָטעק איז געווען אָפן. רעגינאַ האָט געהאַט אַ וואונדער־שיינעם קאָפּ געקרייזלטע האַניק־בלאָנדע האָר. זי איז געווען אין וואוקס עטוואָס קלענער פון אַלע איבעריקע שוועסטער, וועלכע זיינען אַלע געווען העכער פון מיטלוואוקס. איר פּנים איז געווען בלאַס, די אויגן העל־בלויע, אַביסל גרוי, נאָר אַנטשלאָסנקייט איז גע־לעגן אַרום מויל און קלוגשאַפט האָט באַקרוינט איר שטערן.

באַלד האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוואוסט, אַז צווישן רעגינטשאַ קאַלינסקאַ

און יאקוב דעם פעלדשערס שפּילט זיך אַ ליבע. אויך גיטל האָט געוואוסט און מרדכי האָט געקוקט אויף דעם גאָר קרום. נאָר רעגינטשא איז ניט געווען פון די רעדעוודיקע און זי האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף די באַמער־קונגען וואָס איר מוטער האָט איר פון צייט צו צייט געמאַכט דערוועגן.

עס איז אַוועק אַ יאָר צייט און מרדכי האָט געלאָזט וויסן גיטלען, אַז ער פאָרט נאָך טורעק אָנקוקן אַ חתן פאַר ראָנען (רעגינטשאַן). גיטל האָט אים געוואונטשן הצלחה און זיך געריוטלט פון אויפרעגונג.

מרדכי איז צוריקגעקומען מיט די גוטע נייעס, אַז ער האָט געפונען אַ פּערל, אַ דימענט. גיטל האָט געזאָלט איבערגעבן דער טאָכטער די גוטע בשורה. דאָס האַרץ האָט איר אָבער אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל דאָס ניט טאָן. זי האָט געבעטן מרדכין אַז ער זאָל רעדן מיט רעגינטשאַן. ער האָט דאָס געטאָן. צו זיין דערשטוינונג האָט רעגינטשאַ אים, אָן וואקלעניש, קלאָר און דייטלעך דערקלערט, אַז זי דאַרף ניט, אַז דער טאַטעשי זאָל זיך מיען פאַר אירעטוועגן. זי האָט שוין אַ חתן. ווייסט ניט דער טאַטעשי, אַז זי גייט שוין איבער אַ יאָר צייט אַרום מיט יאקוב דעם פעלדשערס?

מרדכי איז געווען אויסער זיך. ער האָט איר אויפן שטעל פאַרבאָטן ווייטער זיך אַרומצושלעפּן מיטן „פראַנטל". רעגינטשאַ האָט אים אָקעגנגע־רעדט. מרדכי האָט געסטראַשעט מיט פעטש. גיטל האָט זיך אַריינגעמישט. איר עלטסטע טאָכטער איז געווען אַן ערנסט קינד און ווי אַלע קאַלינסקיס האָט זי געהאַט פאַרשנורעוועטע דינע ליפּעלעך, וואָס האָבן געקאָנט אַנ־האַלטן עקשנות. גיטל האָט זיך געשראָקן פאַר אָט־די ליפּעלעך. זי האָט אויך פאַרשטאַנען איר עלטסטע טאָכטער בעסער ווי די איבעריקע קינדער. האָט זי דאָך זיך געהאַט אָנגעליטן אַזוי פיל ביז זי האָט דערלעבט צו זען ווי דאָס ערשטע קינד ביי איר איז אויסגעוואַקסן און ניט געשטאָרבן אין דער קינדהייט, ווי אַנדערע קינדער פריער. איז דאָך רעגינטשאַ געווען איר ערשטע דערפילטע האָפענונג און טרייסט. פאַרוואָס האָט זי פאַרלאָרן די אַנ־דערע קינדער צו דריי, צו צוויי יאָר, צו זיבן יאָר? אַלע גוראָטענע זיסע מיידלעך. געפלעגט זיי פון פויגל־מילך, געפאָרן צו דאָקטוירים אין וואַרשע, מרדכי איז געפאָרן צו אַלע גוטע יידן, מען האָט געריסן קברים, געגעבן צדקה מיט דער פולער האַנט — און עס האָט ניט געהאָלפן.

ווען רעגינטשאַ איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט דאָס גאַנצע שטעטל פרייער אָפּגעאָטעמט. ענדלעך וועלן די קאַלינסקיס האָבן נחת פון קינדער. מען טאָר ניט געבן קיין עין הרע, נאָר יעדער איינער האָט צוגעוואונטשן, פון יעדן איינעם האָט דאָס קינד באַקומען אַ ברכה איבערן קעפּל.

אָן אַנדער קינד וואָלט געוואָרן צעלאָזן פון אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט.

רעגינטשאַ איז אָבער פון שטענדיק אָן געווען אַ קינד מיט אַ „כאַראַקטער“, האָט ר' מרדכי אַליין וועגן איר זיך אויסגעדריקט. זי האָט געהאַט אַן אייגענעם „קוקער“, האָט די מאַמע געזאָגט. געמיינט האָט זי מיט דעם, אַז רעגינטשאַ האָט ליב געהאַט אַליין אויסצופאָרשן. זי האָט געהערט, באַנומען און אַליין גענומען אויסגעפינען. קיינעם ניט געגלויבט. אַלץ אַליין געוואָלט דערגיין.

זי האָט געוואָלט אַלץ לערנען. פראַגעס געשטעלט, וואָס בלויז ביכער פאַרענטפערן. טאַטע־מאַמע האָבן ניט געוואוסט וואָס איר צו ענטפערן. האָט מען רעגינטשאַן געשיקט אין דער איינציקער מיידלשער שול פון שטעטל, די פּריוואַטע זארעצקי שול, וואו די שילערינס האָבן געטראָגן אַזעלכע שיינע שוואַרצע אוניפאָרמס מיט ווייסע שירצלעך. ווען רעגינטשאַ האָט זיך באַוויזן אין איר שול־אויסשטאַט, מיט דער טעקע אויף די שולטערס, האָט אפילו גיטל פאַר איר באַקומען דרך־ארץ. און מרדכי, וואָס איז געווען באַזאָרגט וועגן רעגינטשאַס יידישקייט, האָט לסוף איינגעזען, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך בלויז פאַר דער יידישער דערציאונג פון זיינע זין, פאַר טעכטער איז גענוג, אַז די מאַמע זאָל זיך זאָרגן. און די מאַמע האָט געוואוסט, אַז אַ מיידל דאַרף קענען זיין סטאַטעטשנע, זי דאַרף קענען פּאָלניש און דייטש און אַביסל רוסיש. אויף רוסיש האָט מען אין שטעטל געקוקט קרום. הגם גרויס־פּוילן איז שוין געווען אַ טייל פון רוסלאַנד, נאָר פּאָלניש און דייטש זיינען געווען אייגן, רוסיש איז געווען פרעמד. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז מען וועט זיך מוזן צוגעוואוינען, אַז דער רוס איז דאָ צו בלייבן, נאָר די אומגאַנגשפּראַך אין שטעטל איז געווען פּאָלניש און דייטש.

רעגינטשאַ האָט ליב געהאַט די שול אירע. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר איר געעפנט און איר אייגענע היים איז געוואָרן אַלץ שמאָלער און אומאינטערעסאַנטער. זי האָט ניט געקאָנט זיך טיילן מיט דער מאַמען די איינדרוקן פון דעם לערנען. די מאַמע האָט געוואָלט זיך אָפּגעבן צו דער טאָכטער, נאָר, ווי איר לעבן ביז דאַן, האָט זי געהאַלטן אין איין שוואַנגערן. זי איז נאָך געווען יונג, גיטל, און שוין האָט זי געטראָגן דאָס זיבעטע קינד.

רעגינטשאַס שול־איינדרוקן וואָלט איר אַ סך גוטס געטאָן, גיטלען, נאָר ווי האָט זי זיך געקאָנט פאַרנעמען מיט אַזעלכע קינדערשע עסקים, ווען דאָס הויז האָט געפאָדערט אַזאַ גרויסע באַלעבאַטישקייט? גיטל האָט געדאַרפט אויפפּאַסן אויף דער כשרות, אויף די דינסטן, אויף דעם עסן און אַליין זיך פאַרנומען מיטן איינקויפן. גיטל האָט אַליין ניט געקאָנט לייענען אָדער שרייבן פּויליש אָדער דייטש אָדער רוסיש. זי האָט געקענט אַביסל יידיש־טייטש, וואָס זי האָט זיך אַליין אויסגעלערנט דורכן טייטש־חומש.

דאָס וואָס רעגינטשאַ האָט געפּראוווט געפינען אין איר מאַמען אַ חברטע, מיט וועמען זיך צו טיילן מיט די וואונדער וואָס די שול־ביכער האָבן פאַר איר געעפנט און דאָס וואָס זי האָט זיך איבערצייגט, אַז די מאַמע איז ניט פאַראינטערעסירט גענוג זיך אָפּצוגעבן צו איר, אַז די מאַמע פאַרשטייט בכלל ניט וואָס אַ בוך קאָן אויפטאָן, — דאָס האָט רעגינטשאַן שטאַרק אַנטוישט און זי איז געבליבן אַן עלנטע אין איר אייגענער גרויסער און טומלדיקער היים.

.4

ווען רעגינטשאַ האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין יאַקוב דעם פעלדשערס, האָט גיטל אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דאָס וועט זיין אַ שווערער ביסן פאַר איר און מרדכין. די דערפאַרונג האָט גיטלען געלערנט, אַז רעגינטשאַ האָט ניט אומזיסט אַן אייגענעם „קוקער“, אַז דער „כאַראַקטער“ איז מיט איר געוואַקסן צוזאַמען מיט די יאָרן, אַז דאָס וואָס רעגינטשאַ נעמט אונטער, דאָס פירט זי דורך.

גיטל האָט זיך דורכגערעדט מיטן מאַן, אים דערמאָנט דעם „קוקער“ און דעם „כאַראַקטער“ פון קינד. מרדכי האָט ניט געהאַט קיין צייט און קיין געדולד זיך צו פאַרטראַכטן אין זיין פרויס רייד. אַ קינד דאַרף טאָן דעם ווילן פון די עלטערן. כיבוד אב און כיבוד אם זיינען די ערשטע זאַך און ווייטער דאַרף מען דאָס לאָזן צו דער השגחה.

רעגינטשאַ איז געווען אָנגעצויגן אויף די עלטערן. זי האָט דערפילט, אַז זיי פאַרשטייען זי ניט און אַז זיי זיינען ניט אירע פריינט. איר וועלט איז געווען די וועלט פון ביכער, פון לערער און שול־חברטעס. צווישן זיך האָט מען גערעדט וועגן בחורים און די מיידלעך האָבן אויף איר אַרויפגעקוקט וואָס זי גייט אַרום מיט יאַקובן. זי איז געווען אַ העלד ביי זיי. אין דער היים האָט מען געקוקט אויף איר ווי אויף אַ פאַרשולדיקט קינד.

מרדכי האָט פאַררופן צו זיך דעם חתן פון טורעק. די קופּערנע פאַנען האָבן געגלאַנצט אין דער קיך. די געשליפענע גלעזער האָבן געפינקלט אויפן צעשפּרייטן רונדיקן טיש. די בליצלאָמפּן האָבן געלויכטן יום־טובדיק. גיטלס אוירינגען און שנירלעך פּערל, וואָס זי האָט געטראָגן בלויז אין די הייליקע טעג, האָבן באַשיינט איר לייב יענעם געווינלעכן שבת קודש.

דעם חתנס פאָטער און דער חתן אַליין האָבן אָנגעקוקט די כלה. רעגינטשאַ האָט זיך ניט אויסבעהאַלטן און זיך אויך ניט אויסגעפּוצט. זי האָט דעם גאַסט אויפגענומען העפלעך און אים אַריינגעקוקט גלייך אין פּנים.

פאַרקערט, זי האָט טאַקע געוואָלט זען וואָס דער פאָטער האָט פאַר איר אויסגעקליבן, וואָס זיין געשמאַק איז געווען. זי האָט אפילו געשמייכלט צום חתן.

ר׳ מרדכי האָט פון דער זייט געפאָרשט דעם אויסדרוק אויף זיין טאָכ־טערס פּנים. נאָך מער האָט גיטל ניט אַראָפּגענומען איר אויג פון רעגינטשאַן. סיי מרדכי און זיין ווייב האָבן יענעם שבת צונאַכט געגלויבט, אַז עס וועט זיין אַ זיווג (זיוועג).

דער חתן איז אָוועקגעפאָרן מיט זיין פאָטער. נאָך צומאָרגנס האָט רע־גינטשאַ געלאָזט וויסן, אַז זי האָט איינגעלאַדן יאַקובן צו קומען אין הויז אַריין און „זאָלן זיך דער דער טאַטעשי און די מאַמעשי באַקענען מיט אים״. נאָך איידער מרדכי און גיטל האָבן געקאָנט האָבן אַ ישוב הדעת דערוועגן, האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן יאַקוב. ווען מרדכי האָט אים דערזען, איז ער געוואָרן אויסער זיך פון רציחה און ער האָט אויסגעשריען: — וואָן, אַרויס פון מיין הויז! — די מינוט אַרויס!

רעגינטשאַ האָט דאָס געהערט. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, וואָס האָט צונויפגעבראַכט דאָס גאַנצע הויזגעזינד. דאַן איז זי אַרויפגעלאָפן צו זיך אין צימער.

ווען זי איז אַרונטער, אין אַ פּאָר טעג אַרום, איז זי געווען אַן אַנדער מענטש. אַזוי איז זי פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן. זי האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט.

5.

די סצענע מיט רעגינטשאַן האָט בייגעוואוינט איר שוועסטער פרומטשע, וואָס האָט אַרויפגעקוקט צו איר עלטסטער שוועסטער און זי פאַרהערלעכט. פרומטשע איז געווען, ווי אַן איבערגעשראָקן לעמעלע. זי איז געווען די שטילסטע אין הויז, די קרענקלעכסטע. אירע קינדער־יאָרן זיינען אַריבער אין שלאָפקייטן. זי האָט ניט געהאַט קיין אָנהאַלט אין איר יונג לעבן. אין דעם פעסטן כאַראַקטער פון רעגינטשאַן האָט זי אַן אָנשפּאַר און אַ הילף געהאַט.

ווען רעגינטשאַ האָט צוזאַמענגעבראָכן ביי זיך אין צימער, איז די סענ־סיטיווע פרומטשע געווען דער עדות פון איר שוועסטערס יסורים. אויף איר האָט די פּאַסירונג געווירקט גרויזאַמער נאָך ווי אויף רעגינטשאַן. אויב רעגינטשאַ האָט געהאַט דעם פאַרשטאַנד צו קאָנען אָננעמען אַ באַשלוס און איינצאַמען אירע געוויינען אין אַ נקמה־געפיל, האָט אָבער פרומטשע זיך איינגאַנצן פאַרלאָרן און ניט געקאָנט זיך אַרויסקריכן פון דער פינצטערניש, אין וועלכער די פּאַסירונג מיט איר שוועסטער האָט זי אַריינגעשליידערט. ניט

בלויז האָט פרומטשע מורא געהאַט פון דאַן אַן צו קוקן אויף אַ מאַן, נאָר זי איז געוואָרן שטאַרק פרום און גערעדט כסדר וועגן יענער־וועלט.

גיטל און מרדכי האָבן דאַן דערפילט זייער אומגליק. לאַנג האָבן זיי שוין די שווערע לאַסט ניט געדאַרפט טראָגן. נאָך זייער טויט האָט זייער עלטסטער זון איבערגענומען אי די שוואַרצע פעסער גאָלד, אי די שוואַרצע אויסזיכטן וועגן זייגע צוויי שוועסטער.

יאַדוויגאַ האָט זיך באַצויגן צו רעגינטשאַן ווי צו אַ שוועסטער אין נויט. פרומטשע איז פאַר איר געווען אַ קראַנק, הילפלאָז קינד. יאַדוויגא האָט איר גאַנץ ברייט האַרץ געשטעלט אין דינסט צו די צוויי מיידלעך. די קלוגע רעגינטשאַ האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די מיטלייד־בליקן. זי האָט ניט געוואָלט זיך פאַרגלייכן צו יאַדוויגאַן. איר אייגענער אומגליק איז געווען אירער און מער קיינעמס ניט. זי האָט מיט קיינעם ניט גערעדט וועגן דעם און ניט צוגעלאָזט, אַז עמעצער זאָל מיט איר רעדן. אפילו ניט יאדוויגא. דאַן האָט יאַדוויגאַ פאַרשטאַנען רעגינטשאַס געפילן און מיט איר קיינמאָל ניט גערעדט וועגן אירע אייגענע ליידן, ניט וועגן רעגינטשאַס.

נאָך די עלטערנס טויט האָט מען פרומטשען ניט געשאָנקען קיין סך אויפמערקזאַמקייט. רעגינטשאַ האָט אויף איר אויפגעפּאַסט. נאָר אפילו זי האָט ניט געקאָנט זיך פאַרשטעלן, אַז איר פרומע שוועסטער זאָל האָבן אין זיך געהאַט די אַנטשלאָסנקייט צו רעוואָלטירן קעגן לעבן.

עס איז געווען אין יאָרן שפּעטער, ווען כמעט אַלע שוועסטער האָבן שוין געוואוינט אין לאָדזש. בלויז רעגינטשאַ און פרומטשע זיינען געבליבן אין שטעטל צוזאַמען מיט מאירן און זיין פאַמיליע. אויך יאַדוויגאַ איז געווען מיט טייבלען אין לאָדזש. פרומטשע האָט פאַר איר שוועסטער קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אָנגעגאַנגען מיט איר הויז־אַרבעט, אַריינגעקוקט אין אַ הייליקן ספר, זיך געזאָרגט פאַר איר באַליבטער ציג און געזען, אַז רעגינטשאַ זאָל האָבן איר באַטעמט מאכל אָנגעגרייט. איינמאָל איז זי אַוועק אויף איר שפּאַציר איבער די גערטנער, וואָס זיינען געלעגן לעבן וואַרטאַ, דעם טייך. דאָס איז געווען אַ געוואוינהייט ביי איר זינט אירע קינדער־יאָרן. נאָר מער איז זי ניט צוריקגעקומען. פרעמדע פישער־לייט האָבן זי געפונען פאַרטאָג אין דער וואַרטאַ און אַרויסגעצויגן פון וואַסער. מאיר דער געשפעטסטמאַן, מאיר דער שטאָט־באַלעבאָס, האָט מיט דער הילף פון לאַפּקע־געלט באַגראָבן די גאַנצע טראַגעדיע, צוזאַמען מיט דער שוועסטער. אויסער די סאַמע נאָענטסטע האָט קיינער ניט געוואוסט וואָס עס איז געשען אויף אַן אמת. געוואוסט האָט מען, אַז פרומטשע איז געווען שלאָף אַ לאַנגע צייט און זי איז אַוועק אויפן עולם־האמת צו אירע עלטערן. זי איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

קאַפּיטל פיר

פלאַקער, פייער, פלאַקער!

.1

מאָטעק האָט אַ לעבן לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן זיינע קינדער־יאָרן אין שטעטל. זיי האָבן אים געדינט ווי אַ מוסר השכל, ווי אַ פאַרגלייך און אויך ווי אַ קאָנטראַסט מיט דעם לעבן פון קינדער אין אַמעריקע. אין צייטן פון חשבון הנפש, ווען ער האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען צו די מאָדנע וועגן פון זיין נשמה, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט וואַנדערן צוריק צו זיין קינדהייט. ער האָט געמיינט, אַז ווען ער וועט זיך דערמאָנען וואָס מיט אים איז זיך פאַרלאָפן ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר צען, וועט דאָס אים העלפן בעסער זיך אַליין צו פאַרשטיין. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די כוחות וואָס האָבן געווירקט אויף אים, ווען ער איז אַלט געווען פינף יאָר און ביזן צענטן יאָר, זיינען געווען אפשר פונקט אַזוי וויכטיק ווי די יאָרן שפעטער.

ערשטנס, האָט ער פון קיין שפילצייגן ניט געוואוסט. בלויז ווען ער איז שטאַרק קראַנק געווען האָט מען אים געבראַכט מעטאַלענע סאָלדאַטיקלעך מיט ביקסלעך אויף די אַקסל. זיינען זיי אים איינגיכן נמאס געוואָרן און ער האָט זיי מער ניט געוואָלט אָנקוקן, דערפאַר וואָס זיי האָבן אים דערמאָנט זיין ליגן אין בעט, וואו ער האָט זיך געשפילט מיט זיי.

צווייטנס, האָט ער, ווי יעדעס קינד, ליב געהאַט צו הערן מעשות דערציילן. האָט אים דער פאָטער דערציילט מעשות פון חומש. זיינען זיי געווען טרויעריקע און אים געשראָקן. און ער האָט געגאַרט נאָך געלעכטער. אין הויז האָט מען ווייניק־וואָס געלאַכט. איז יאַדוויגאַ געווען די איינציקע וואָס האָט געקאָנט דערציילן שיינע מעשות וועגן וועלף און בערן, וואָס האָבן ניט אויפגעגעסן קיין קינדער, נאָר וואָס האָבן געבראַכט גוטע זאַכן פאַר זיי. האָט מאָטעק ליב געהאַט יאַדוויגאַס הייזעריקלעך קול און איר גוטמוטיק פנים, וואָס האָט געקאָנט אַזוי שיין שמייכלען. איז ווען זי פלעגט דערציילן, פלעגט ער זיך איינעסן אין אירע אויגן און אין זיי געזען אַלץ וואָס זי האָט דערציילט.

דריטנס, האָט מאָטעק פאַרבראַכט אַ סך צייט מיט זיך אַליין. געזעסן אויף דער שטיינערנער שוועל און געריבן פלוימען־קערן אויפן גלאַטן שטיין און געמאַכט פייפעלעך. מיט די שוועסטער זיך ניט געשפּילט, נאָר זיך ניט געשיידט מיט ליבטשען, אַ מיידעלע אַ שכנה, מיט איר געגאַנגען צום טייך וואַרטאַ און ביידע האָבן געוואָלט כאַפּן פיש אין בלעכענע קענדלעך.

צו פיר יאָר האָט מאָטעק אָנגעהויבן גיין אין חדר, וואָס האָט זיך געפונען ווייט אַוועק פון זיין הויז. ער האָט דעם חדר פיינט געהאַט און אַזוי ווי ער האָט אָפט געליטן פון ציין־ווייטאָג, איז ער מער געזעסן אין דער היים, ווי געגאַנגען אין חדר.

— קיין רב וועט שוין פון אים ניט אויסוואַקסן, — האָט דער טאַטע זייער זיך געקרימט.

— זאָל ער נאָר זיין אַן ערלעכער ייד, וועל איך קאָנען רואיק אין קבר איינליגן, — האָט טייבל געענטפערט דעם מאַן.

אין די לאַנגע ווינטער־חדשים, ווען דער שניי איז געלעגן ווי אַ פעסטונג אַרום הויז, האָט מאָטעק פאַרבראַכט די גאַנצע צייט אין הויז. ער האָט מורא געהאַט פאַר די קעלטן און זיך געטוליעט צום קאַלעכענעם אויוון. די מומעס זיינע האָבן אים ניט געלאָזט צורו און ער האָט זיך פון זיי ניט געקאָנט באַ־האַלטן. זיי זיינען געווען צודריגלעך מיט זייער האָניקדיקער גוטסקייט. ער האָט זיי אַלעמען ליב געהאַט — פון ווייטן. ער האָט געוואוסט אַז מער ווי שפּייז, און קושן האָבן זיי אים ניט געהאַט וואָס צו געבן. קיין מעשות דערציילן האָבן זיי ניט געקאָנט, קיין לידער האָבן זיי ניט געזונגען. שפּילן זיך מיט זיי האָט ער אויך ניט געוואָלט. די איינציקע שפּילערייען זייערע זיינען געווען: „בלינדע באַבע״ און לאָטאָ. יאַדוויגאַ האָט אי געקאָנט שיין זינגען, אי זי האָט געמאַכט פאַרשיידענע קונצן מיט אירע לאַנגע פינגער און מיט אירע אויערן.

אויפן צווייטן הויף האָבן זיך געפונען וואַגנערס גרויסע כלבים. וואַגנער איז געווען אַ דייטשער קיילער און געהאַלטן זיינע הינט אויף דער קייט. נאָר זייער בילן האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אויפן קליינעם מאָטעק. טאָמער האָט ער זיך שלעכט אויפגעפירט, האָט מען אים געסטראַשעט, אַז מען וועט אָנ־רייצן וואַגנערס הינט. יאָרנלאַנג זיינען ביי אים הינט געווען דאָס ערגסטע פון לעבעדיקן מין.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך איבערן שטעטל אַרומגעדרייט אַ פורל מיט אַן אייזעלע פון מיסט־קערער. דאָס אייזעלע איז געווען קליין און אויסגעקוקט נעבעכדיק און מאָטעק האָט רחמנות געהאַט אויף דעם און זיך געפילט שול־דיק קעגן דעם. ווען מען האָט אים געפרעגט וואָס ער וויל מיטנעמען פון

שטעטל, ווען די משפּחה האָט זיך געקליבן באַזעצן אין לאָדזש, האָט ער געענטפערט: „דאָס אייזעלע״.

.2

די קאַלינסקים זיינען געווען אומצופרידן, ווען מאָטעק איז געגאַנגען זען זיין פאָטערס משפּחה אויף דער זשיעלאָנע. איבערהויפּט האָבן די מומעס געזוכט אויסוועגן, אַז מאָטעק זאָל בלייבן אין הויף. נאָר ביי מאָטעקן איז דאָס געווען אַ פריידיקע דערוואַרטונג. גיין אויף דער זשיעלאָנע האָט גע־מיינט — גיין זען דעם זיידן זלמן, דעם פעטער נחום, די מומע סורטשע, זייערע זין און טאָכטער. עס האָט געמיינט: זיך פילן פריי אין זייער שטוב, ווי ער האָט זיך ניט געפילט פריי ביי זיך אין דער היים. געמיינט, אַז ער וועט זיך אָנהערן מיט געזאַנג און זיך אָנעסן מיט באָב און פלעצלעך. איבער־הויפּט איז אים געפעלן געוואָרן, וואָס ער וועט זיין אין געזעלשאַפט פון מענער, מחמת די מומע סורטשע האָט ווינציק גערעדט און זי איז געווען שטענדיק פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. זי האָט אים געוויזן, וואו עס שטייט די פאַן מיט די קיכלעך און דער טאָפּ מיט באָב, און אים געלאָזט צורו.

ווען ס׳איז מאָטעקן געוואָרן אומעטיק, האָט ער געמאָלדן, אַז ער גייט אויף דער זשיעלאָנע. און כאָטש עס איז געווען אַ נאָענטער מהלך, האָט מען אים אין הויז געלייגט דערנער אין וועג.

„וועסט נאָך אַראָפּפאַלן פון די טרעפּ, מאָטעק — וועסט זיך פאַרדאַרבן ס׳מעגעלע, מאָטעק״. ער האָט ניט איינמאָל געהערט שטעך־ווערטלעך אויפן חשבון פון פאָטערס קרובים פון דער זשיעלאָנע. דער פאָטער האָט דערפון געוואוסט. ער האָט פאַרביסן אַ ליפּ און געשוויגן. דער קליינער מאָטעק האָט געפילט, אַז דער טאַטע פילט זיך ניט־גוט אין הויז מיט די מומעס און ער האָט זיך אומגעקערט אין בית־מדרש אַריין.

ווען מאָטעק איז אַרויפגעקומען צום זיידן זלמן, וואָס האָט געוואוינט ביים פעטער נחום, דעם פאָטערס ברודער, האָט דער זיידע אים אַרויפגע־זעצט צו זיך אויפן שויס און געשטיפט מיט אים. ער האָט זיך מיט אים געשפּילט אין „אום און גראָד״ ניסלעך און אים געגעבן טרינקען קאַלטע וואַסער פון דער שעפּ און געלאָזט אים זיך שפּילן מיט די טעפּ וואָס האָבן אָנגעפילט אַלע חדרים. די סאַרנעס האָבן מקדמונים געהאַנדלט אויף די מערק מיט טעפּ. דער זיידע האָט ליב געהאַט צו דערציילן מאָטעקן וועגן דעם.

מאָטעקס עלטער באָבע איז געפאָרן אויף געמערק מיט טעפּ. מאָטעקס באָבע איז געווען אַ בריה אויף די יאַרמערק און געפירט אַ גרויסן מסחר. בכלל האָבן אין יענער צייט די פרויען מער געאַרבעט ווי די מענער ביי די

סאַרנעס. די מענער זיינען געווען די לערנער, די בית־מדרש זיצער. די פרויען האָבן געצויגן די פּרנסה.

מאָטעקן איז געווען געפעלן זיין זיידע זלמן, דערפאַר וואָס ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעבייזערט, קיינמאָל ניט געבלאָזן פון זיך און איבערהויפּט וואָס מאָטעק האָט אים געקאָנט אויפן קאָפּ קריכן און אים האָט עס ניט געאַרט. ער האָט געלאַכט און געלאָזט מאָטעקן רייטן אויף אים ווי אויף אַ פערד, אויף אַלע פיר.

שטאַרק הנאה געהאַט האָט מאָטעק פון פעטער נחום. דער פעטער האָט שטענדיק געזונגען. ער האָט געדינט אין מיליטער ביי פּאָניען און געקענט אַ מאַסע סאָלדאַטסקע לידלעך. ווען ער האָט געזונגען זינגען, האָט דאָס גאַנצע הויז אַרויסגעהאָלפן, אַזוי אַז עס האָט אויסגעוויזן, ווי עס גייען סאָלדאַטן און זינגען. דער זיידע האָט מיטגעזונגען, די מומע סורטשע האָט געפּרוּווט זינגען אויף אַ באַס און די צוויי בנים האָבן געגעמבעוועט ווי אמתע סאָל־דאַטן. און ווען נחום האָט זיך גענומען ציקלען ווי דער חזן אין די ימים־נוראים, דאַן איז אַן ערנסטע שטימונג אַלעמען באַפאַלן און דער זיידע האָט זיך געשאָקלט זינגענדיק און די מומע סורטשע האָט מיטגעברומט.

ביי זיך אין הויז, אויף דער דלוגע גאַס, אין קאַלינסקיס הויף, האָט מאָ־טעק געהערט ווי די מומעס האָבן כסדר געהאַט טענות און מענות איינע צו די אַנדערע און געפירט חשבונות מיט דער וועלט. אויף דער זשיעלאַנע ביים זיידן זלמן, האָט מען ניט גערעדט וועגן קיין געלט און וועגן קליידער און וועגן דעם נעכטיקן מאַלצייט און מאָרגנדיקע פּאַטראָוועס. דאָרט זיינען קיין דינסטן ניט געווען. די מומע סורטשע איז געווען פאַרנומען שאַרנדיק די טעפּ. איר פּנים איז מערסטנס געווען פאַרשוואַרצט. דער זיידע האָט געשיילט קאַרטאָפל. דער פעטער נחום האָט דערציילט די בייעס וואָס ער האָט געהערט אין דער פרי אין בית־מדרש.

נחומס צוויי זין און די איינציקע טאָכטער האָבן זיך קיינמאָל ניט גע־קריגט. זיי האָבן גערעדט וועגן דער גרויסער וועלט. דער עלטסטער זון האָט זיך געקליבן שטעלן צום פּריזיוו, דעם צווייטן זון האָט שוין געשפּראָצט אַ בערדל, און די טאָכטער, די עלטסטע פון די קינדער, איז געווען באַשעפּ־טיקט ביי אַ נייטאָרין.

ניט איינמאָל האָט זיך מאָטעק געוואונטשן צו וואוינען ביים פעטער נחום. ער האָט דאָס אַמאָל אַרויסגערעדט ביים עסן, ווען די מומעס זיינען געזעסן אַרום טיש, זיינען זיי צעפלאַמט געוואָרן און זיך איבערגעקוקט און מען האָט געהאַט נאָך דעם אַן אסיפה ניט צו לאָזן מאָטעקן גיין מער צו־גאַסט אויף דער זשיעלאָנע.

די מומעס האָבן, רעדנדיק וועגן דער זשיעלאָנע, אַ פּאָר מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט אַמעריקע. מאַטעק האָט זיך דערוואוסט, אַז דעם טאַטנס ברודער קיווע איז אַנטלאָפן נאָך אַמעריקע, ווען ער איז זיבעצן יאָר אַלט געווען. די קאַלינסקיס האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ פאַרוואורף קעגן די סאַרנעס. די צייט איז אָבער געקומען, ווען צווי קאַלינסקי זין האָבן אויך פאַרלאָזט דאָס זאַטע הויז און נאָך פאַר דער בר־מצוה. פון דאַן אָן האָבן די קאַלינסקיס מער ניט דערמאָנט דעם ענין קיווע.

3.

ליפּע, מאַטעקס פאַטער, האָט געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון דעם קאַלינסקי־הויף. טייבל האָט געבוירן נאָך אַ טאָכטער, מלכה. מאיר האָט ליפּען פאַר־געשלאָגן, אַז ער זאָל אַריין אין נאַפט־געשעפט. אפשר זיך באַזעצן אין קאליש און עפענען אַ פיליע.

ליפּעס פאָטער, זלמן, האָט געראָטן ליפּען איבערצונעמען די טעפּ און פאַרן אויף מערק. טייבל האָט ניט געוואָלט הערן דערפון. ליפּע איז געווען גענייגט מער אויף די נאַפט־געשעפטן, נאָר ניט ביי קאַלינסקין אין הויף. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די פאַרריסענע נעז פון די קאַלינסקיס און די שטעך־ווערטלעך קעגן דער זשיעלאָנע.

מאיר האָט גערעדט וועגן צובויען אַ נייעם מויער אין הויף. מ׳האָט זיך געריכט אויף אַ גרויסער שפּע אין שטעטל. קינד און קייט האָט געוואוסט, אַז מען האָט אויפגעבויט אַ סך באַראַקן הינטערן שטעטל און מיליטער האָט זיך געקליבן איינשטיין דאָרט אַ לענגערע צייט. מאיר האָט זיך געזען מיט נאַטשאַלסטוואָ און מען האָט אים צוגעזאָגט גוטע נאַפט־געשעפטן.

ליפּע האָט שוין אַזוי גוט ווי מסכים געווען צו ווערן אַ ווייטער שותף צו מאירן. ער איז שוין געשטאַנען שעהן לאַנג אין הויף און זיך געמישט, ווען מען האָט געבראַכט די שוואַרצע פעסער.

אין הויז ביי די קאַלינסקיס האָט מען דערפילט אַן אויפרודערונג. עס האָבן זיך באַוויזן פרעמדע מענטשן, סוחרים. מען האָט כסדר געגרייט צום טיש פאַר די אורחים. מאיר איז געווען שטאַרק פאַרנומען. דער הויף איז געווען פאַרלייגט מיט ברעטער. יעדן טאָג האָט מען געבראַכט נייע שוואַרצע פעסער. מען האָט געשריבן און געציילט. מען האָט געהאַרעוועט אויפן הויף. מאיר איז אַרומגעגאַנגען מיטן היטל אויף אַ זייט. די מומעס האָבן געדאַרפט זען, אַז די קינדער זאָלן זיך ניט דרייען איבערן הויף. זיי האָבן יעדן טאָג גענומען די קינדער און מיט זיי אַוועק צום טייך, אָדער צום גאָרטן ביים קאַשטשאָל.

נאָר גאָר אומגעריכטערהייט האָט זיך אַן אומגליק אַ לאָז געטאָן אויף דעם קאַלינסקי־הויף און שיעור ניט אָפּגעווישט די גאַנצע דלוגע גאַס.

מאָטעק האָט דאָס געדענקט יאָרנלאַנג. יאַדוויגאַ האָט יענעם אָוונט אים דערציילט אַ מעשה וועגן אַ גאָלדן פישל פון דער וואַרטאַ, וואָס איז געקומען צום ברעג און געוואָלט אַז מען זאָל עס כאַפּן, נאָר ווען עס איז אָנגעקומען, איז קיינער ביים ברעג ניט געווען.

מאָטעק איז איינגעשלאָפן מיטן פישל אין געדאַנק. מיטאַמאָל האָט מען אים אויפגעוועקט פון טיפן שלאָף. עמיצער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס און אים איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע. ס'איז געווען אַ פרעמדער מענטש. מאָטעק האָט גענומען וויינען. דאַן איז צו אים צוגעקומען די מומע העלטשאַ, וואָס האָט אינגאַנצן געציטערט און אים געזאָגט, אַז דער מאַן וועט מאָטעקן אַוועקטראָגן צו די קאָהנס, וואָס האָבן געוואוינט לעבן גרינעם מאַרק. די קאָהנס זיינען געווען קאַלינסקיס ווייטע קרובים. מאָטעק האָט זיך שוין געהאַט אויסגעטשוכעט. ער האָט געהערט ווילדע קולות, עס איז געווען פינצטער פון איין זייט און שטאַרק ליכטיק פון דער זייט פון הויף. ער האָט געהערט ווי מען איז געלאָפן און געשריען.

דער הויף האָט געברענט. נאַפט האָט געברענט. קאַלינסקיס הויף האָט זיך אָנגעצונדן אינמיטן נאַכט. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויף די פיס. די „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע“ פון שטעטל האָט געהאַט איר סטאַנציע ניט ווייט פון דער דלוגאַ גאַס און די פייער־לעשער זיינען געקומען אין צייט אַרויס־צוקאָלערן די שווערע פעסער נאַפט פון הויף, אַרויס דורך דער זשיעלאָנע גאַס, צום פעלד, וואו די ציגן האָבן זיך געפּאַשעט אַ גאַנצן טאָג.

די מומעס זיינען געווען פאַרנומען מיט ראַטעווען די קינדער פון הויז און באַזאָרגן זיי וואָס ווייטער פון דער דלוגע גאַס. זיי האָבן אויך געפּרואווט ראַטעווען דאָס פאַרמעגנס וואָס איז געווען אָנגעזאַמלט אין די פיל־צאָליקע שאַפעס און שופלאָדן פון יעדן חדר. די סומאַטאָכע איז אָבער געוואָרן אַזוי גרויס, אַז דאָס הויז איז אָנגעפילט געוואָרן פון פרעמדע מענטשן און מען האָט שוין ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן.

דאָס פייער האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרשפּרייטן צום הויז. פעסער האָבן אויפגעריסן מיט אַ קנאַל און די פייער־לעשער האָבן געטריבן דעם עולם. דאָס פייער האָט זיך ווי געריצט מיט די לעשער. זיי האָבן עס דערשטיקט אויף איין אָרט, און באַלד האָט עס געגעבן אַ פלאַקער־אויף אין אַן אומגעריכטער זייט. די פלאַמען זיינען געגאַנגען אַ שדים־טאַנץ. זיי האָבן זיך געריסן פון ביידע זייטן הויף צו די שכנישע הויפן און זיי האָבן זיך געשפּאַרט צום הויז פון די קאַלינסקיס. די פייער־לעשער האָבן געמוזט פאַר־

לאָזן דאָס הויז. דער דאַך האָט געברענט. וואַגנערס הויז דערלעבן איז גע־וואָרן איין ריזיקע ברענענדיקע הבדלה.

מאיר און ליפע האָבן באַקומען בראַנד־וואונדן אויף די הענט און אַ צאָל פייערלעשער האָבן קוים מיטן לעבן זיך געראַטעוועט. אַ גליק איז געווען וואָס די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע און קיין ווינט האָט ניט געבלאָזן.

נאָך איידער עס האָט זיך געשטעלט אויף טאָג זיינען די פלאַמען מיד געוואָרן און זיך אונטערגעגעבן. די פרימאָרגן זון האָט מער דאָס שיינע קאַלינסקי הויז ניט געפונען. זי האָט ניט אַריינגעשיינט אין די ברייטע פענצטער. מאַטעק האָט צומאָרגנס ניט דערקענט די שטוב, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. דער גאַנצער אויבערשטער שטאָק וואו עס האָבן זיך גע־פונען די שלאָפצימערן איז אַוועק מיטן רויך. פייערלעשער און אַ פּאָליציאַנט האָבן קיינעם ניט צוגעלאָזט צום הויז.

ביי די קאַלינסקיס איז געווען תשעה באב. אויף אַזאַ חורבן האָט זיך קיינער ניט געקענט ריכטן. „גאָטס שטראָף", האָט געשעפּטשעט מאיר. עמאַ איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ ווייסן האַנטוך איבערן קאָפּ. מאַטעקס מומעס און פעטערס זיינען געווען ניט צו דערקענען. דער הימל האָט זיך צו דער ערד אַראָפּגעניידערט. דער קאַלינסקי־שטאַם איז פאַרטריבן געוואָרן אין גלות.

אין דעם פייער זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען די פּאָר אויערינגען, וואָס גיטל, מאַטעקס באָבע, האָט געהאַט באַהאַלטן פאַר מאַטעקס כלה. דאָס איז געווען איר דרשה־געשאַנק פאַר טייבלס ערשטן זון, וואָס וועט געבוירן ווערן. גע־זאָגט האָט מען, אַז מען האָט געהאַט מער שאָדן פון צעראַבירט ווערן, ווי פון דעם פייער.

4.

ווי פון זיך אַליין האָבן אָנגעהויבן פליען דעפּעשן נאָך לאָדזש צו גוס־טאַוו. מיטאַמאָל האָט מען דערפילט, זיז ער קאָן ראַטעווען, אַז אין אים ליגט די ישועה. מען האָט אים געהייסן קומען — זאָפאָרט. אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפן דער פאַמיליע. גוסטאַוו האָט געענטפערט, אַז, לײַדער, קאָן ער ניט קומען, נאָר ער איז גרייט צו העלפן. ער שיקט אַרויס בריוו און געלט.

מיטאַמאָל איז דאָס הויז קאַלינסקי פאַראַרעמט געוואָרן. עמאַ איז מיט די קינדער אָפּגעפאָרן נאָך פויזן צו אירע עלטערן. מאַטעק האָט איצט ניט געהאַט קיין היים. די עלטערן האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין פאַרשיידענע ער־טער. זיינע מומעס זיינען געווען צעשיידט. נאָר יאַדוויגאַ האָט ניט פאַר־לאָזן טייבלען, וואָס האָט געהאַט אַ פּיצל קינד מיט זיך. גוסטאַוו האָט

געשיקט געלט. גוסטאַוו האָט געשיקט אַן עצה. געהייסן טייבלען מיטן מאַן און די קינדער זיך באַזעצן אין לאָדזש. ער וועט פאַר זיי אַ דירה קריגן. ער וועט זיי העלפן צו אַ תכלית קומען.

דער חלק איז אויפן האַלדז געלעגן. ס'איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג. מאיר האָט געזאָגט, אַז ער וועט פאַרבלייבן אין שטעטל און צוריק, מיטן אויבערשטנס הילף, אויפבויען זיין צעשטערטע היים. נאָר טייבלען מיט איר הויז־געזינט האָט ער מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן.

און אַזוי איז טייבל אויפן בית־עולם אַוועק און זיך מיט אירע על־טערן געזעגנט. און ליפּע האָט זיך אין דעם אַלטן בית־מדרש צעוויינט, וואָס ער פאַרלאָזט אים. זלמן האָט מאַטעקן געבענטשט און מאַטעק האָט זיך געלאָזט קושן פון אַלע מומעס, וואָס האָבן זיין פּנים מיט הייסע טרערן באַגאָסן. בלויז זיין קלענסטע שוועסטערל מלכה איז געבליבן ביי דער מומע פרומטשע אין שטעטל.

די קאַטש איז געווען גרייט. זי איז אָפּגעפאָרן שפּעט אין אָוונט. מיט אויסגעוויינטע אויגן האָט טייבל זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַטש. לעבן איר איז געזעסן יאַדוויגאַ. די קינדער האָט מען פאַרוויקלט אין קאָלדרעס און שאַלן. די נאַכט איז געווען אַ פּראָסטיקע. מען האָט געדאַרפט אַ גאַנצע נאַכט פאָרן מיט דער קאַטש ביז קאַליש. דאָרט איז אָפּגעגאַנגען אַ באַן נאָך לאָדזש.

די קאַטש איז געווען געשפּאַנט אין צוויי ברוינע פערד. דער קוטשער האָט געטראָגן אַ מאָדנע שימל־גרינע פאַטשיילע איבערן קאָפּ. מען האָט בלויז אַרויסגעזען זיין בלויל־עך־רויט פאַרפראָרענע נאָניע (נאָז). די בייטש איז געשטאַנען אַ שטייפע אין דער קעלניע. דער קוטשער האָט געהאַלטן אין איין שמירן די רעדער און זידלען זיי.

ליפּע האָט געדאַרפט זיצן מיטן קוטשער אויף דער קעלניע. אינווייניק איז פאַר אים ניט געווען קיין פּלאַץ.

יאַדוויגאַ האָט געהאַט אָנגעגרייט אַ סך לימענעס. די מאַמע האָט גע־הייסן מאַטעקן האַלטן אַ ציטרין (לימענע) אין קעשענע און אַז עס וועט אים ווערן נודנע, זאָל ער זי אָנהויבן נאָגן.

גלייך ווי די קאַטש האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן פינצטערן טראַקט, האָט זי זיך אָנגעהויבן שאָקלען. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פערד וועלן די קאַטש אַראָפּשליידערן פון די רעדער און די משפּחה סאַרנע וועט בלייבן ליגן צווישן שוואַרצע פעלדער. מאַטעק האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. אויך גוטשיאַ, זיין עלטסטע שוועסטער, איז ניט געשלאָפן. זיי האָבןביידע אַרויס־

געקוקט פון דעם פענצטער און זיך געשראָקן פאַר דער פינצטערניש און זיך אָנגעהאַלטן פאַר די הענט.

נאָר באַלד האָט מען אָנגעהויבן ברעכן מיט דער גרינער גאַל. די פענצ־טער האָבן געמוזט בלייבן אָפן. די מאַמע האָט געשריען, זיך געהאַלטן פאַרן קאָפּ. די קינדער האָבן געוויינט. טייבל האָט זיך געבעטן ביים מאַן, אַז ער זאָל הייסן אָפּשטעלן די קאַטש, נאָר דער קוטשער האָט ניט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט געדאַרפט אָנקומען נאָך קאַליש אין צייט. דער וועג איז געווען אַ שלעכטער, די פערד האָט ער קוים באַוויזן אָנצוטרייבן. דער פראָסט איז געוואָרן שטאַרקער.

אויך יאַדוויגאַ איז קראַנק געוואָרן און געלעגן אַ פאַרשמאַכטע פון בויך־קראַמפּן. מאָטעק האָט כסדר אַרויסגעקוקט. ווען ער האָט דערזען פון ווייטנס אַ פּאָס ליכט, האָט ער זיך דערפרייט און אויסגערופן:

— מאַמע, מיר קומען שוין אָן. עס זעט זיך שוין ליכט.

יאַדוויגאַ האָט אים דערקלערט, אַז דאָס פאַרט מען פאַרביי לעבן אַ ישוב, נאָר עס איז נאָך ווייט פון קאַליש. פאַר מאָטעקן איז דאָס אָבער געווען גענוג צו דערפרייען זיין האַרץ. ליכט האָט געמיינט, אַז מען איז צווישן מענטשן און אַז מען קאָן זען וואָס עס טוט זיך, איז שוין גוט. ער איז נאָך אַלץ געווען איבערגעשראָקן פון יענער נאַכט, ווען מען האָט אים אויפגעריסן פון שלאָף און ער האָט דערזען פאַר זיך איין שטאָק־שוואַרצע זייט און די צווייטע זייט, דעם הויף, אין ווילדע פלאַמען. איצט האָט אים געשראָקן די שוואַרצקייט פון די ליידיקע פעלדער. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווילדע חיות לויפן נאָך די קאַטש און ער איז געווען צופרידן וואָס דער קוטשער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בלייבן שטיין.

אפשר איז אים פון יענער נאַכט געוואָרן אַזוי נאָענט דער פּאָס ליכט, וואָס האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער געפינט זיך צווישן מענטשן. ליכט האָט פאַרטריבן פון אים דעם פחד. ליכט האָט אים דערפרייט. אַ ליכטיקער וועג פון דער געדיכטער פינצטערניש אַרויס, האָט אים אויפגעמונטערט.

— גוטשיאַ, זע, אַ ליכטיקער וועג, דאָ וואוינען מענטשן, — האָט ער אַ דערפרייטער אויסגעשריען.

פאַרטאָג איז די פאַרחלשטע קאַטש אָנגעקומען נאָך קאַליש.

קאַפּיטל פינף

וואָס קומט פריער?

.1

די גרויסע פאַבריק־שטאָט לאָדזש, די קליין־אַמעריקע פון פוילן, איז פאַר דער משפחה סאַרנע געווען ווי אַ מדבר. אַזוי האָט זיך ליפּע געפילט דאָרט די ערשטע צייט און אַזוי האָט ער דער ווייב זיינער טייבל געגעבן צו פאַרשטיין.

— טייבל, ס׳איז אַ גאָט־זאַך, אַן אצבע אלוקים, — האָט ער מיט די פינגער אָנגעוויזן צום באַלקן, — וואָס מיר זיינען דאָ. אין אַ שטאָט פון קיין עין־הרע אַזוי פיל יידן, וועלן מיר זיך פּאָמיעשטשען. נאָר וויסן זאָלסטו, מיין ווייב, אַז איך געפין זיך דאָ ווי אין מדבר. איך וויל ניט זינדיקן, ווי די יידן, ווען זיי זיינען אַרויס פון מצרים, נאָר דיין ברודער גוסטאַוו איז פאַר מיר ניט קיין נייער משה רבנו. טייבל־קרוין, כ׳וויל ניט האָבן צו טאָן מיט קיין וועקסלען און מיט קיין שאַכער־מאַכערס. אַ ייד וואַשט זיך צום עסן, אַ ייד דאַרף האָבן ריינע הענט, כ׳מיין ביים האַנדלען אויך. האָב ניט קיין פאַראיבל פאַר מיינע האַרבע רייד.

טייבל האָט זיך געביסן די ליפּן און איינגעבויגן דעם קאָפּ צו ענטפערן דעם מאַן. זי איז געווען העכער פון אים און ווען זי האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט זי זיך ווי פאַרנייגט פאַר אים.

— מאַן מיינער, מיר זיינען אַרויס פונעם פייער אין איין העמד, כ׳דאַרף דיר דאָס ניט דערציילן. ס׳איז געווען אַ גליק, וואָס מיין ברודער האָט גע־שיקט נאָך אונדז. איך ווייס, אַז ס׳איז אַ גאָטס־שטראָף אָנצוקומען צו יענעם, אפילו צו אַן אייגענעם שוואָגער. נאָר וואָס וואָלט געווען דער תכלית צו פאַרבלייבן אין שטעטל? . . . ליפּע: אין לאָדזש זיינען אויך דאָ פרומע יידן און בתי־מדרשים און חברות און בני תורה. ווער לאָזט דיך ניט זיצן און לערנען? זאָל נאָר גוסטאַוו פאַר אונדז קריגן די פּעק, וועל איך זיך שוין אַליין אַן עצה געבן מיט זיי. כ׳דאַרף דיך ניט האָבן דערביי. האָסט דאָך אַליין געהערט ווי גוסטאַוו האָט געזאָגט: „איינמאָל אַ וואָך וועט אָנקומען

אַ פור, אַרויפטראָגן די רעשטלעך און באַלד וועט אָנקומען אַ צווייטער וואָגן און זיי צונעמען. פאַרן געלט וועט איר זיך ניט דאַרפן זאָרגן". זאָג מיר, ליפּע, מיט גאָטס הילף, וואָס קאָן זיין לייכטער? גיי דיר אַרויס אין גאַס, באַקען זיך מיט יידן, קויף זיך פּריינט — דער פּרקי אבות זאָגט דאָך, אַז ווען מען דאַרף, זאָל מען זיך קויפן אַ פריינט, ניט אַזוי? — קלייב דיר אויס אַ שול, צי אַ חברה און גיב זיך אָפּ צו דיין לערנען. זאָל גוסטאַוו זיך זאָרגן וועגן פּרנסה פאַר אונדז. ער איז מיין יינגערער ברודער. דו וועסט שוין פאַר אים אויך לערנען.

גוסטאַוו איז טאַקע געווען מער ווי אַ געטרייער ברודער. ווען די סאַרנעס זיינען אָנגעקומען מיט דער באַן פון קאַליש, האָט ער זיי אָפּגעוואַרט און גלייך אין אַ דראָזשקע אָפּגעפירט צו אַ וואוינונג, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיי געדונגען. דאָס הויז האָט זיך געפונען אין אַ זייטיקער גאַס, וואו עס האָבן געוואוינט מענטשן פון פאַרמעגלעכערן שטאַנד, מער דייטשן ווי יידן; אָפּגערוקט פון האַנדלס גאַסן; דאָ און דאָרט זיינען געוואַקסן שאָטנדיקע בוימער. אמת, סאַרנעס נייע שטוב האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק און טייבל, וואָס איז געווען איבערגעשראָקן פון פייער אין שטעטל, האָט גלייך אַ טראַכט געטאָן, אַז די שעה זאָל ניט טרעפן, אויב עס זאָל עפּעס געשען, וועט מען דאַרפן אַראָפּשפּרינגען פון אַ פענצטער פון צווייטן שטאָק... נאָר ס'איז געווען גראַם און ליכטיק. דער איבערגעגעבענער גוסטאַוו האָט אינזינען געהאַט, אַז אויב ליפּע וועט זיך ניט אויסטויגן צום געשעפט, וועט ער, גוסטאַוו, דאַרפן ברענגען דאָס געשעפט צו דער שוועסטער אין שטוב אַריין.

אַזוי איז טאַקע געווען. גוסטאַוו האָט געהאַט אָנגעגרייט אַ פּלאַץ ביי איטשע בער לעווי פאַר ליפּען, אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַריינגענומען זיין ברודער מענדל אין דער פירמע. זיין פּלאַן איז געווען, אַז ליפּע און מענדל זאָלן מיט דער צייט עפענען אַ פיליע (אָפּצווייג) פון איטשע בער לעוויס מאַנופאַקטור בראַנזשע. מענדל האָט זיך טאַקע גלייך אויסגעטויגט. נאָר ליפּע ניט.

ווען ער איז אָנגעקומען נאָך לאָדזש מיט דער משפּחה, איז ליפּעס ערשטע דאגה געווען: ווי ווייט איז מען פון אַ בית־מדרש? און ס'איז געווען אַ היבשער מהלך אפילו צו אַ חברה. גיין אַהין צוויי אָדער דריי מאָל אַ טאָג איז ניט געווען באַקוועם. אויסער דעם האָט ער ניט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן אין הויז וואו ער האָט געוואוינט. די צווייטע יידישע משפּחה פון הויז האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דעם יידן מיט דער שוואַרצער לאַנגער קאַפּאָטע, און ליפּע ווידער האָט זיך ניט געפילט גוט

מיט אַ יידן אין אַ קורץ רעקל מיט אַ דייטשן קאַפּעלושל אויפן קאָפּ, וואָס רייבט זיך די מאָרדע מסתּם אַ פּאָר מאָל אין וואָך.

גוסטאַוו האָט געהייסן ליפּען צוקומען צו זיך אין דער קאַנצעלאַריע ביי איטשע בער לעווי. גוסטאַוו האָט שוין דאָרט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. ליפּע האָט זיך צורעכט געמאַכט די באָרד זי זאָל אויסקוקן ברייטער און לענגער, זיך אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און זיך געקרייזלט די פּאות. ביי איטשע בער לעווי האָט ער געפונען אַ מנין יידן — פרומע און ליטוואַקעס און אַזוי גרויסשטאָטישע סוחרים, וואָס האָבן גערעדט גיך־גיך, ווי זיי וואָלטן זיך געאיילט צו דער באַן.

ווען גוסטאַו האָט אים אַריינגערופן צו זיך הינטער דער גלעזערנער טיר און ליפּע האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ טיפן פאָטעל, איז אים באַפאַלן אַ פּחד. דער מענטשן־טומל אין דרויסן, גוסטאַווס ברייטער גרינער טיש און דער פאַרנעם פון גאַנצן פּלאַץ — איז געווען צופיל פאַר דעם אָפּגעשיידטן, קליינשטעטלדיקן ליפּען.

זינט ליפּע איז אָנגעקומען נאָך לאָדזש איז אין אים פאַרגעקומען אויך אַן איבערלעבכע איבערקערעניש. ער האָט אויסגעפונען, אַז מען קוקט אויף אים מיט שפּאָט. און ווער? טאַקע אחינו בני ישראל. אפילו יידן אין קאַפּאָטעס. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס ווען ער ר'עדט אויס אַ וואָרט, באַווייזט זיך אַ ביטול־שמייכל אויפן צוהערערס פּנים. וואָסי? ס'געפעלט זיי ניט זיין אויסשפּראַך. עס האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן זיין תּוך־הדבור, נאָר וועגן דעם ווי זיינע ווערטער זיינען אַרויסגערעדט געוואָרן. ער האָט, למשל, געזאָגט „איש", „מיש", אַנשטאָט „איך", „מיך", און „עטץ" און „עבקער", אַנשטאָט — „איר" און „אייער". אַזוי האָט מען אין זיין קאַנט גערעדט. אויך איז דעם לאָדזשער ניט אָנגעשטאַנען וואָס ליפּע האָט אויסגעזונגען זיינע ווערטער. איין ייד האָט זיך געחכמהט: „ר' ייד, איר זייט אַ חזן, אַ בעל־תּפילה, וואָס איר שאָקלט זיך ביים רעדן און וואָס איר ציקלט זיך אַזוי?

מאָדנע יידן, די לאָדזשער, האָט געטראַכט ליפּע. היינט דאָס האָוועניש! די חוצפּה זייערע! דאָס גרויס האַלטן זיך! . . . איבערהויפּט זיינען אים ניט געפעלן געוואָרן די ליטוואַקעס. און אַ ליטוואַק איז ביי אים געווען יעדער ייד, וואָס האָט, ערשטנס, געטראָגן אַ קורץ רעקל און אַ געקנייטשט קאַפּעלושל און, צווייטנס, יעדער איינער וואָס האָט ניט גערעדט קיין ליידיש יידיש, ווי מען האָט גערעדט אין „אונדזער קאַנט".

— אַז ס'איז זיי גאָר שווער צו פאַרשטיין, — האָט ליפּע זיך באַקלאָגט פאַר גוסטאַוון, — פון אַ פּאַסעך ווערט ביי זיי אַ קאָמעץ, פון אַ חיריק — אַ

מלאָפּים. מיין עלטער־זיידע האָט אַזוי ניט גערעדט, מיין באָבע וואָלט ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. אסור, אויב איך וועל אַמאָל צוגעוואוינען מיין אויער צו דעם קלאַפּערגעצייג זייערן.

גוסטאַוו האָט געשמייכלט מיט זיינע גרויסע בלאַסע אויגן און באַקוקט ליפּען. און דאַן איז טאַקע ליפּען איינגעפאַלן, אַז אויך ער, גוסטאַוו, האָט זיך „געשמדט״, אַז אויך ער רעדט שוין ניט ווי ביי „אינז אינדערהאַים״. מיט ליפּען האָט ער טאַקע גערעדט ווי אַ „מענטש״, נאָר מיט יידן וואָס זיינען אַריינגעקומען צו אים, האָט ער שוין געביטן דעם טאָן און ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ ליטוואַק צלם־קאָפּ.

דערפאַר, ווען ליפּע איז געזעסן ביי גוסטאַוון אין קאַנטאָר און אויס־געהערט וואָס דער שוואָגער האָט אים געהאַט פאַרגעשלאָגן, איז ער געוואָרן היפּש צעטומלט אי פון גוסטאַווס רייד, אי פון דער ירידה צו וועלכער ער איז דערגאַנגען, אַז מען זאָל אָפּשפּאָטן פון דעם אופן ווי ער רעדט אַרויס אַ יידיש וואָרט.

גוסטאַוו האָט געוואָלט פון ליפּען מאַכן אַ סוחר. אים אויסלערנען אָנ־טאַפּן אַ שטיקל וואַרע. אים אויסלערנען וואָס מיינט אַ שעוויאָט, אַ קאַמ־גאַרן; דערשמעקן אַ גוט שטיקל סחורה און די הויפּטזאַך — קענען „לייענען און שרייבן אַ וועקסל״ און וויסן ווי איין און ווי אויס.

האָט אים גוסטאַוו אַרומגעפירט איבער איטשע בערס סקלאַד, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט פון אויבן ביז אַרונטער מיט סחורות. און אויף די לאַנגע גלאַטע גלאַנציקע ברוינע טישן זיינען געווען אָנגעלייגט בערג מיט וואַרעס און יידן האָבן געטאַפּט און געשמעקט און הנאה געהאַט און גערעדט וועגן אַ שטיקל טוך, ווי ס׳וואָלט, להבדיל, געווען אַ דבר תורה.

און געוואָלט האָט גוסטאַוו ליפּען אַריינגעמען אין איטשע בערס רי־זיקער פירמע און אים שפּעטער איינאָרדנען פאַר זיך אַליין, צוזאַמען מיט זיין ברודער מענדל. האָט ליפּע אויסגעהערט גוסטאַווס פּלענער און זיינע שטייפע רייד, וואָס האָבן געקלונגען ווי אַ חוק ולא יעבור און זיך בשעת־מעשה צוגעקוקט צו גוסטאַווס גלאַט ראַזירט טריפן פּנים און צו די וואַנ־צעלעך, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פּילעווען, און ערגעצוואו אין מוח האָט עמיצער אים געוואָרנט: „אַנטלויף, ליפּע, וואו דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט פון אַט־די וואַנצעלעך, וואָס וועלן מיט דער צייט ווערן גרויסע פאַרדרייטע פריצישע וואָנצעס, פאַר וועלכע מען וועט זיך דאַרפן פאַרנייגן ווי פאַר אַ „ווילמאַזשנים פּאַניע״.

האָט ליפּע אויסגעהערט גוסטאַוון גאָר אויפמערקזאַם, נאָר דער פּראַק־טישער שוואָגער האָט געזען אין ליפּעס באַנעמען זיך, אַז ער איז ניט שטאַרק

פאַרקאָכט אין דער גאַנצער מעשה און ווען ליפּע האָט צו אים אַ זאָג געטאָן: „שוואָגער, איש וועל איהגען געיבן אַ תשובה די טעיג", — האָט גוסטאַוו פאַרשטאַנען, אַז ליפּע וועט שוין קיין לאָדזשער סוחר ניט ווערן.

און עס האָט אים שטאַרק געקרענקט, גוסטאַוון. טייבל האָט שוין פיר קינדער, איינס קלענער פון אַנדערן. עס וועלן דאָך זיכער קומען נאָך און נאָך. זיין מאַמע האָט דאָך געהאַט פערצן. און ווער וועט זיי אַלעמען אויסהאַלטן? וואָס מיינט ער מיט זיך, ליפּע, ער וועט זיין גאַנץ לעבן זיצן אויף קעסט? און ביי וועמען?

גוסטאַוו איז געקומען צו פאָרן אויף אַ דראָזשקע צו טייבלען, וויסנדיק אַז ליפּע וועט זיין ביים דאַווענען. ער האָט מיט דער שוועסטער גערעדט אָפענע דיבורים ניט אַנרירנדיק די ווירדע פון ליפּען. געוואוסט האָט ער, גוסטאַוו, אַז זיין שוועסטער וועט קיין שטויב ניט לאָזן פאַלן אויף איר מאַן. זי האָט אים געשעצט און געאַכפּערט. זיין לערנען תורה, זיין פרומקייט און ערלעכקייט האָבן איבערגעוואויגן אַלץ צוליב וועלכן ס'איז אויסגעקומען זיך אַנצולידן מאַטעריעל.

— שוועסטער מיינע, — האָט גוסטאַוו איינגעטענהט מיט איר, — צווישן אונדזערע קליענטן זיינען דאָ גרויסע פרומאַקעס. ר' בער לעווי איז אַליין אַ ייד אַ חסיד, נאָר דאָס שטערט אים ניט צו זיין אַ געשעפטסמאַן, וואָס איז ווערט מיליאָנען. וואָס האָט האַנדלשאַפט צו טאָן מיט ברודערשאַפט, כ'מיין מיט פרומקייט? וואָס איז צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט.

און טייבל האָט געענטפערט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גערעדט שטיל, גאָר שטיל, ווי זי וואָלט ניט וועלן אַז די ווענט זאָלן הערן. זי האָט זיך צוגערוקט צום ברודער גאָר נאָענט, אַזוי אַז זי האָט דערפילט דעם פאַרפיום ריח פון דעם זייף, מיט וועלכער ער האָט זיך געוואַשן.

— גוסטאַוו־לעבן, דו האָסט אַ האַרץ פון גאָלד און דיין טאַט איז ניט אָפּצושאַצן. זאָל דער זכות פון אונדזערע ליבע עלטערן דיר ביישטיין. דו זעסט דאָך, אַז ליפּע איז ניט פון דעם טייג געקנאָטן. ער שטאַמט טאַקע פון דער זשיעלאָנע און זיין מוטער און גראָס־מוטער זיינען געזעסן מיט טעפּ אין מאַרק, נאָר ליפּע איז איינגעטונקען אין תורה. ער איז אַן איידלמאַן. ווי קומט ער האָבן צו טאָן מיט וועקסלען און אַנזעצערס, אַז ער קאָן קיין פליג אויף דער וואַנט ניט אַנרירן . . . ווילסט מיך פאָלגן, גוסטאַוו־לעבן, געפין עפּעס, אַז איך זאָל זיך קאָנען באַשעפטיקן מיט דעם. איך וועל טאָן אַלץ, ס'וועט מיר גאָרניט זיין צו שווער. יאַדוויגאַ איז מיין רעכטע האַנט. אַזוי לאַנג ווי זי האַלט זיך ביי מיר, קאָן איך שוין, גאָט צו דאַנקען, מיין

שטעטל באַשטיין. גוטער גוסטאַוו, נעם ניט פאַר אומרעכט ליפעס וועגן. אַזוי איז מסתם באַשערט פון אויבן.

און גוסטאַוו האָט געפונען אַן אויסוועג. ער איז אַצינד שוין געווען איי־נער פון די הויפּט־פאַרוואַלטער פון איטשע בער לעוויס פירמע. איינס און צוויי האָט ער דורכגעפירט אַן אַקט, וואָס האָט דער שוועסטער פאַרזאָרגט מיט פּרנסה. אמת, די גוטע צייט האָט אָנגעהאַלטן ניט לאַנג, נאָר אַ גרויסע הילף איז דאָס געווען.

יעדע וואָך איז צו ליפעס הויז צוגעפאָרן אַ וואָגן מיט גרויסע פּעק, וואָס האָבן אַנטהאַלטן רעשטלעך, איבערגעקליבענע און צו־קורצע שטיקלעך וואַרע, מיט וועלכע די פירמע האָט זיך ניט געקאָנט אָפּגעבן. בעלנים זיינען געווען אַ סך דאָס אָפּצונעמען יעדע וואָך. גוסטאַוו האָט געהאַט צו זאָגן איבער דעם. ער האָט גלייך געהעכערט דעם פּרייז אויף אַט־דעם אַרטיקל. און די קוי־פער האָבן עס שוין געקויפט פון דער צווייטער האַנט, פון טייבלען. זי האָט געדאַרפט בלויז אונטערשרייבן זיך אויפן פּאַפּיר, אַז זי האָט דאָס דערהאַלטן און אַ צווייטן מאָל זיך אונטערשרייבן ווען זי האָט דאָס צוריק אַרויסגעגעבן. דאָס איבעריקע האָט שוין גוסטאַוו געהאַט באַזאָרגט. ער האָט יעדע וואָך אָדער אַליין געבראַכט אָדער צוגעשיקט מיט אַ מענטשן די סומע געלט וואָס זי האָט פאַרדינט.

ס'איז געווען אַזוי לייכט און אָנגענעם. נאָר ליפע איז נאָך אַלץ געווען אומצופרידן. ער האָט געדאַוונט אין אַ חברה, חברה משניות. דאָרט האָט ער זיך באַגעגנט מיט נאָך „גרים״. זיי האָבן זיך געהאַט צו באַקלאָגן אויף דעם אַנגעלאָפענעם המון, וואָס האָט געוועלטיקט אין לאָדזש, אויף די ליט־וואַקעס, אויף די שטעקל־דרייערס, אויף די וואָנצע־דרייער און אויף די וואָס זאָגן „וואָש״, אַנשטאָט „וואוע״ (וואָס). ליפע איז אַרומגעגאַנגען אַן אַנ־טוישטער. זיין לערנען האָט דאָ ניט געהאַט דעם האָפט ווי אין שטעטל. דאָרט האָבן אַלע געוואוסט, אַז ליפע גייט אין בית מדרש אַריין; מען האָט אים אַקעגנגעטראָגן דעם ברייטן ברוך הבא אומעטום; מען האָט זיך מיט אים באַראָטן אין בית מדרש און מען איז צו אים געקומען וועגן עניני־דיומא. ער איז געווען ניצלעך און דער טאָג איז ניט אַוועק לבטלה. ס'איז געווען אַ טאָג פון מצוות און צוליב דעם אַליין איז שוין ווערט געווען וואָס מען לעבט אויף דער וועלט.

ס'איז געווען נאָך אַ טיפע סיבה פאַרוואָס ליפע איז אַרומגעגאַנגען און געקרעכצט כסדר. נאָר וועגן דעם האָט ער מיט קיינעם ניט געוואָגט צו רעדן. דאָס האָט ער געהאַלטן אין זיך, אָדער זיך געפּראַוועט אויסטענהן מיטן רבונו של עולם. גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט פיר קינדער, זאָלן

לעבן און געזונט זיין, פאַרוואָס איז אים געקומען דריי טעכטער און איין זכר? אַ בן יחיד איז אַ ציטערדיק קינד. טעכטער זיינען אַ לאַסט. די יאָרן לויפן שנעל, ראַשיק. טעכטער לערנען ניט קיין תורה. זיי רעדן שוין איצט נאָר פּאָלניש און ווילן זיך דייטש לערנען. און אפילו זיין אשת חיל, טייבל, האַלט אויך אַז מען דאַרף זיך אויסמענטשלען און רעדן פּאָלניש און דייטש. זי וויל אפילו, ס'זאָל אין הויז אַריינקומען די דייטשע צייטונג, וואָס דער־שיינט אין לאָדזש. אַלץ צוליב די טעכטער. וואָלטן אָבער געווען זכרים אין הויז, וואָלטן די פרעמדע לשונות ניט אַריינגעשמעקט, מען וואָלט זיי אויף דער שוועל ניט אַרויפגעלאָזט.

אַביסל האָט אים געעגבערט דער געפיל, וואָס ער קאָן ניט מפרנס זיין די אייגענע פאַמיליע. פאַרוואָס האָט ער ניט אָנגענומען גוסטאַווס פאָר־שלאַג? טאַקע, פאַרוואָס? ער טרעפט דאָך אין דער חברה יידן וועבערס, שניידערס און שוסטערס וואָס קאָנען אויך לערנען, נאָר פריער פון אַלץ קומט די פּרנסה. זיי רייסן אָפּ בין מנחה למעריב אַריינצוכאַפּן אַביסל תורה. פאַר־וואָס קאָן ער ניט זיין ווי זיי? איז ער זיי ניט איינמאָל מקנא געווען.

נאָר ווערן אַ סוחר איז אינגאַנצן אַן אַנדער ענין. אַ באַלמעלאָכע שטייט אים ניט אָן צו ווערן, נאָר אַ סוחר איז — „פּע!" ס'גייט אים דורך אַ סקרוך איבערן לייב, ווען ער טראַכט אַז ער וואָלט געדאַרפט האָבן צו טאָן מיט וועקסלען און מיט שווינדל. אי, איטשע בער לעווי? וויל ער פון זיינע לעפצן ניט אַרויסברענגען קיין לשון הרע. נאָר מיטן אויבערשטנס הילף וועט ער מיט דער צייט זיך צו עפּעס צושלאָגן. דערווייל האָט ער וויכטי־קערע זאַכן צו טאָן. דערווייל דאַרף מען פאַר מאַטעקן געפינען אַ פּאַסיקן רבין.

.3

מאַטעק איז געוואָקסן ווי אויף הייוון. ער איז געווען אינגאַנצן געראָטן אין דער מאַמען. זי האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ משפחה הויך־געוויקסיקע, אויס־געצויגענע פּרויען און מיט אַ קאָפּ נידעריקערע, ברייט־פּלייציקע מענער. זי איז געווען שמאָל און דאַר. גוסטאַוו איז געווען מיטל־וויקסיק און ברייט־ביינערדיק. מאַטעק איז געווען געראָטן אין דער מאַמען. ליפּע איז געווען דער קעגנזאַץ אין אויסזען פון זיין פרוי. זי — הויך, שמאָל, ווייס־הויטיק, כאַטש מיט זומער־שפּרענקלעך, מיט בלאַס גרוילעכע אויגן וואָס האָבן אין געוויסע מאָמענטן אָנגענומען אַ בלוילעכן גלאַנץ, מיט האָר, וואָס זיינען געווען אַ געמיש פון האָניק און קופּער קאָליר. ליפּע — ברייט־פּלייציק, מיטלוויקסיק, שוואַרצהאָריק, אַ פאַרוואָקסענער, פון קאָפּ ביז פיס. מען האָט קוים געקאָנט אַרויסזען דאָס פּנים. די אויערן אינגאַנצן פאַרוואָקסן, די

באָרד האָט ווי פאַרשטעלט דאָס גאַנצע אויסזען זיינס. אויגן האָט ער פאַר־מאָגט טונקעלע. צוליב זיינע גערדיכטע וויעס און ברעמען איז שווער געווען צו וויסן זייער קאָליר.

מאַטעק איז ניט געווען צופרידן פון זיין ענלעכקייט אין דער מאַמען. ער האָט געוואָלט זיין ווי דער פאָטער. נאָר דאָס איז געווען בלויז אין די קינדער יאָרן. ערשטנס, האָט ער ניט ליב געהאַט די האָר זיינע, מחמת אַלע פרויען זיינען געווען משוגע פאַר זיינע האָר און זיך געוואונטשן צו האָבן אַזאַ קאָפּ מיט „גאָלד". ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, האָט אים געגלעט און געצופּט. אפילו אָפּיצערן וואָס זיינען דורכגעפאָרן זיין שטעטל, האָבן זיך אָפּגעשטעלט צו געבן אים אַ גלעט איבערן קעפּל. אויך האָט מען זיך געטשעפּעט צו זיינע אויערן. זיי זיינען געווען קליין (ווי ביי דער מאַ־מען) און שיין און זיי האָבן ניט אַרויסגעסטאַרטשעט ווי ביי זיין שוועסטער גוטשיאַן, נאָר זיי זיינען געווען ווי צוגעקלעפּט שטייף צום קאָפּ.

ס'איז אים אויך ניט געפעלן געוואָרן, מאַטעקן, וואָס ער איז געוואַקסן ווי אויף הייון. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט צו קורצע אַרבל און צוליב דעם באַקומען כלערליי צונעמענישן. צוליב די קורצע מלבושים האָט מען אים גערופן „קורצער פרייטאָג". צוליב דעם שנעלן וואַקסן האָט ער שפּעטער באַקומען פון די שוועסטער זיינע אַזעלכע כיבודים ווי „לאַנגער דראָנג", „וואַלגער האָלץ", „קוילעטש". אָט צוליב די צונעמענישן זיינען אָנגעגאַנגען אומאויפהערלעכע קריגערייען אין הויז. די שוועסטער זיינען ניט איינמאָל אַרומגעגאַנגען מיט בלויע פּאַסן אויפן לייב — מאַטעקס צייכנס...

לאָדזש איז פאַר מאַטעקן געווען ווי אָנגעמאָסטן, אַזוי האָט דער פאָ־טער געזאָגט. און מאַטעק האָט אַרויסגעוויזן זיין צופרידנקייט מיט לאָדזש אויף יעדן טריט און שריט. די ערשטע פאַר טעג פלעגט ער אַראָפּלויפן אין גאַס יעדעס מאָל, ווען ער האָט געהערט דאָס קלינגען און טראַסקען פון עלעקטרישן טראַמוואַי. ער איז געשטאַנען און באַקוקט אים ווי אַ בייז וואונדער. „רייטן" אויפן טראַמוואַי איז געוואָרן זיין אַמביציע. ער האָט איינגעוויליקט צו עסן אַ שטיקל פעט פלייש, אויב מען וועט אים מיטנעמען אויפן טראַמוואַי. אויך האָט אים דער אָנקל גוסטאַוו צוגעזאָגט צו נעמען אויף אַ דראָזשקע, אויב ער וועט זיך אויפפירן גוט און גיין אַלע טאָג אין חדר אַריין.

מאַטעק האָט טיילמאָל געבענקט נאָכן שטעטל און אפילו נאָך דער אַדער יענע טאַנטע, נאָר הויפּטזעכלעך האָט ער געבענקט נאָך דער מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך געשפּילט ביים ברעג פון טייך וואַרטאַ. זי, דאָס שכנישע מיידל ליבטשאַ, איז געווען מיט אַ יאָר עלטער פון אים און זי פלעגט

קומען אים איינלאַדן צו גיין צום טייך. אָנגענומען זיך ביידע פּאָר די הענט־לעך איז מען אַרויס פון הויף. די מומעס האָבן נאָכגעקוקט און געלאַכט, אַמאָל זיך געריצט מיט אים, אַז „מאָטעק האָט שוין אַ כלה״, נאָר אים האָט עס ניט אָנגעהויבן אַרן. ליבטשאַ האָט אויפגעפּאַסט אויף אים ווי אַ גע־טרייע שוועסטער, אַזאַ שוועסטער וואָס מען פאָלגט און וואָס מען שלאָגט זיך ניט מיט איר. ווען מאָטעק האָט זיך געזעגנט מיט ליבטשאַן ביים אַוועקפאָרן האָט זי זיך צעוויינט און ער האָט ניט געוואוסט ווי זי צו טרייסטן.

אין די בריוו וואָס זיינען אָנגעקומען פון שטעטל, האָט די מאַמע דער־ציילט דעם אָנקל גוסטאַוו, דערמאָנט מען מאָטעקס מיידל, וואָס קומט אין הויז אַריין צו מאירן פרעגן ווען קומט מאָטעק צוריק. מאָטעק האָט דאָס געהערט און ער האָט אָנגעהויבן צו חלומען וועגן שרייבן צו ליבטשאַן, אַז זי זאָל צורעדן אירע עלטערן, אַז זיי זאָלן זיך איבערפּעקלען נאָך לאָדזש. נאָר מאָטעק האָט ניט געקאָנט שרייבן. ער האָט שוין געקאָנט לייענען דעם סידור, געלערנט חומש, געקאָנט פון אויסנווייניק עטלעכע תפילות, נאָר שרייבן האָט ער גאָרניט ניט געקאָנט.

קיין חברים האָט ער נאָך דערווייל אין לאָדזש ניט געהאַט, מאָטעק. די קינדער פון הויז זיינען געגאַנגען אין שקאָלע. ער איז דערווייל אין ערגעץ ניט געגאַנגען.

דער פאָטער זיינער איז ניט געזעסן ליידיק דערוועגן. ער איז זיך די פיס אויסגעגאַנגען זוכנדיק אַ פּאַסיקן מלמד פאַר מאָטעקן, און טאַקע דער־פאַר וואָס ער איז געווען אַ מבין, האָט ער ניט געפונען עפּעס רעכטס.

ליפּע האָט געגלויבט אין אַ שטרענגן רבין, נאָר ער האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אויף מאָטעקן אַ האַנט אַרויפלייגן. דער ערשטער רבי וואָס האָט געלערנט מיט מאָטעקן אין שטעטל איז פאַרזאָגט געוואָרן: „אָפּגעהיטן זאָלט איר ווערן, אַז איר זאָלט אויף אים אַרויפלייגן אַ האַנט, אפילו אַ פינגער ניט. ער איז אַ בן יחיד.״

צייט האָט ער געהאַט ליפּע, איז ער געגאַנגען פון חדר צו חדר און אַר־מעטום זיינען אים די קולות פון געשמיסענע קינדער אָקעגנגעקומען. ער האָט פאַרשפּאַרט אַריינצוגיין צו באַקענען זיך מיטן רבין.

דערווייל האָט מאָטעק געלערנט. דאָס הייסט, ליפּע האָט מיט אים יעדן טאָג אַביסל איינגעחזרט די פרשה, נאָר מאָטעק איז געווען אומגעדולדיק און ליפּע האָט נאָך פאַרמאָגט ווינציקער געדולד. ביז פאַר מאָטעקן האָט זיך געפונען אַ חדר, ווייט אַוועק פון זיין היים.

קאַפּיטל זעקס

טייבל ווערט די ברויט־געבערין

.1

ווען דער פאָטער האָט ענדלעך געפונען אַ פּאַסיקן חדר פאַר מאָטעקן אין לאָדזש, האָט זיך פאַרן יינגל געעפנט אַ נייע וועלט. דער חדר איז געווען ווייט פון הויז און מאָטעק האָט געדאַרפט דורכגיין אַן אַ שיעור גאַסן און געסלעך. עס איז געווען אַזוי פיל צו זען, אַז דאָס אַהיימקומען האָט געדויערט גאָר אַ לאַנגע צייט און די מאַמע האָט זיך געזאָרגט און געשראָקן, טאָמער האָט מיטן קינד עפּעס, חלילה, פּאַסירט. ער האָט דאָך באַדאַרפט דורכגיין איבער טראַמוויי־שינעס, איבער גאַסן וואו דראָזשקעס זיינען געפאָרן אָן אויפהער. און ווידער האָט מען זיך געהאַט אָנגעהערט פון אַזוי פיל דוי־בעריען און קאַמפן, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישן דער פּאָליציי און אַר־בעטער, אַ זאַך וועגן וועלכער מען האָט אין שטעטל גאָרניט געוואוסט.

נאָר גראָד דאָס וואָס האָט דער מאַמען געשראָקן, האָט מאָטעקן פאַר־אינטערעסירט. די טראַמוואַיען האָבן פאַר אים געהאַט אַ באַזונדערן רייץ. מען קאָן דאָך מיט זיי אויספאָרן אַ וועלט. מען קאָן דאָך וויסן וואָס עס טוט זיך אין אַלע ווינקלען פון דער גרויסער שטאָט לאָדזש. ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער, וועט ער אַ גאַנצן טאָג אַרומפאָרן אויף טראַמוואַיען, ניט ווי עס איז געווען מיט דער באַן־רייזע פון קאַליש נאָך לאָדזש. מען האָט זיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן און איידער ער האָט נאָך געקאָנט אַרויסקוקן פון פענצטער, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן און מען האָט אים אויפגעוועקט, ווען מען איז אָנגעקומען אין לאָדזש.

אין חדר האָט מאָטעק געדאַרפט גיין אין דער פרי. ער האָט זיך שטענ־דיק פאַרשפּעטיקט. דערפאַר האָט ער זיך געזאַמט וואָס לענגער, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון לערנען. עס איז געווען אַזוי פיל צו זען אויפן וועג. ער האָט זיך איבערהויפּט אָפּגעשטעלט ביי די שויפענצטער פון די שפּילצייג־געשעפטן און ביים טערק, וואָס האָט פאַרקויפט שמעקעדיקע טשאַסטקעס און ביי די קראָמען, וואו מען האָט פאַרקויפט ציקערקעס און באַנבאָנס און כאַלוואַ.

איינמאָל איז זיין עלטסטע שוועסטער גוטשיאַ אים אַנטקעגנגעקומען, ווען ער איז געשטאַנען, אַ פּוס פאַרלייגט אויף אַ פּוס, און אַריינגעקוקט אין אַ שויפענצטער וואָס האָט געהאַט שפּילצייג פון דייטשלאַנד. גוטשיאַ האָט אויף אים אָנגעשריגן, אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און גענומען לויפן מיט אים אַהיים.

„וואַרט, וואַרט, וועסט שוין קריגן אַ פאַרציע פון דער מאַמעשי. עס פלאַצט איר ס'האַרץ פון שרעק און ער שטייט זיך, ווי אַ כּראַבריע. פאַר־וואָס ביזטו נישט אַהיימגעקומען, ווען דו ביזט פאַרטיק געוואָרן מיט דיין לערנען? וואָס דרייסטו זיך אַרום איבער די גאַסן שלינג־און־שלאַנג?"

גוטשיאַ האָט זיך צופיל אַריינגעמישט אין זיינע עסקים, האָט באַשלאָסן ביי זיך מאָטעק. זי איז טאַקע די עלטסטע אין הויז, נאָר זי איז ניט די מאַמע. און זי מאַכט זיך פאַר אַ גאַנצן יאַטעבעדאַם. וואָס גייט עס איר אָן וואָס ער שפּילט זיך דאָ אין גאַס? וואָס דען, אין דער היים וועט ער זיצן און זיך צוהערן ווי מען רעדט כּסדר וועגן די מומעס מיט די פעטערס, וועגן שטעטל און וועגן „פייער וואָס האָט פאַרברענט אונדזערע האָפענונגען..."

די גאַס איז פאַר מאָטעקן געוואָרן אַן אמתע היים. דאָרט האָט ער שוין געקענט די קוטשערס, די פורמאַנעס, די פאַרקויפער פון פאַרפרוירענע עפּל, די בעטלער, וואָס זיינען געזעסן אויף זייערע שטענדיקע ערטער, די יינגלעך אין די ארבע־כּנפותלעך מיט די ריבענדיקע נעזלעך, די גימנאַזיע־מיידלעך מיט די לאַנגע, געפלאָכטענע צעפּ און מיט די קאָלירטע בענדלעך און שלייפלעך אין די צעפּ; די גראָבע קישקע — דעם סטראַזשניק אויפן ראָג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ רויטן קאַרק און אַזאַ קליין קעפּל; די סטרוזשעס וואָס האָבן זיך שטענדיק געשאָלטן; די יידענעס אין די פאַטשיילעס, וואָס האָבן זיך געשלעפּט מיט שווערע פעק; די יידעלעך, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געשריגן איבער די הויפן: „האַנדל! האַנדל!"

פאַר איין זאַך האָט ער זיך בלויז געשראָקן, מאָטעק. דאָס איז געווען פאַר אַ הונט. די שרעק איז אים געבליבן פון שטעטל, פון וואַגנערס כּלבים, וואָס פלעגן שטענדיק בילן. און כאָטש זיי זיינען געווען צוגעבונדן צו אַ קייט, האָט מען אים אין הויז געשראָקן מיט זיי און צוליב זיי האָט ער טאַקע געפאָלגט און געגעסן אַלץ וואָס ער האָט ניט ליב געהאַט. אַ הונט איז ביי אים געווען ערגער ווי אַ פּריסטאַוו. גרויסע הינט, קליינע הינט — גאַנץ ענאַל. פאַר הינט פלעגט ער ציטערן אימת מות און זיך צעוויינען, ווען זיי פלעגן זיך אַ לאָז טאָן צו אים.

אין דער היים איז אים געווען גאָר ביטער, האָט ער באַשלאָסן ביי זיך. דער טאַטע האָט ניט געלאָזט לעבן, האָט ער געזאָגט צו דער מאַמען. אַלע

יינגלעך שפּילן זיך אין גאַס, נאָר אים לאָזט ער נישט. ס׳פּאַסט ניט פאַר אַ ייִדיש קינד זיך צו שפּילן מיט לאָבוסעס, האָט דער טאַטע דאָס מבטל געמאַכט. אַלץ איז דער טאַטע מבטל. אין שויפענצטער האָט ער געזען אַזוי פיל זאַכן, וואָס די שכנישע קינדער האָבן: אַ פייקעלע, אַן אמתדיק פייקעלע, ווי ביי די זעלנער, ווען זיי מאַרשירן פאַרביי די גאַס; אַ דראַגונער אויף אַ פערדל, וואָס מען קאָן אָנדרייען, אַז ער זאָל רייטן; קלעצלעך וואָס מען שטעלט דערפון צוזאַמען אַ קאַמעניצע; אמתע פייפלעך און האַרמאָשקעס און בייטשלעך און מעסערלעך מיט אַ סך קלינגלעך און קוקו־זייגערס. און אין אַ צווייטן שויפענצטער האָט ער געזען אפשר פינף ראָוועדס, אַלץ נייע און קאָלירטע און פון אַלערליי גרויסן; און שליטעלעך האָט ער געזען פון האָלץ און פון אייזן, און גליטשערס וואָס פינקלען און צאַפּלען זיך ממש מען זאָל זיי אַרויסנעמען אויפן אייז.

„גיי, רעד מיטן טאַטן, אַז איך וויל עפּעס האָבן,“ האָט מאָטעק פאַרצווייפלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אַ גרויסער.

פון איין שוי־פענצטער האָט מאָטעק איבער׳הויפּט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן. דאָרט איז געשטאַנען אַ לאַנגע באַן, מיט אַ לאָקאָמאָטיוו. און אַמאָל האָט מען געוויזן ווי די באַן לויפט, לויפט אויף אמתע רעלסן, דרייט זיך אַרויס און אַריין אין אַ גרינעם טונעל. און אין יענעם שוי־פענצטער האָט מען אויך געזען בריטשקעלעך און אַ קאָטש אויף גומענע רעדער מיט אַ לאַמטערן ביי דער זייט, מיט אַ קוטשער אין אַ שוואַרצן צילינדער; און אַ שליטן מיט דריי פערד, וואָס פליען ווי די אָדלערס.

די שענסטע זאַך פון אַלע זאַכן אויף דער גאַס איז געווען דער קאַטערינשטשיק, וואָס איז געקומען מיטן פּאָפּוגיי; און שפּעטער אַן אַנדער קאַטערינשטשיק מיט אַ מאַלפּעלע. ער האָט געדרייט די קאַטערינקע און עס זיינען פון איר אַרויס אַזעלכע טרויעריקע האַרציקע ניגונים, וואָס אפילו דער טאַטע האָט שטילערהייט נאָכגעברומט.

מאָטעק האָט געקאָנט נאָכלויפן דעם פּויקער אין אַלע גאַסן. דער פּויקאַרזש מיט דער גרויסער פּויק אויף דער פּלייצע, מיט די טאַצן פון אויבן, וואָס האָט געאַרבעט מיטן פוס און מיט די הענט און מיטן קאָפּ און זיך געדרייט און געטאַנצט, אַזש עס האָט אין קאָפּ פאַרשווינדלט. אַזאַ מאָדנע צורה האָט דער פּויקאַרזש געהאַט, ווען ער האָט זיך געדרייט, ווי ער וואָלט געדאַוונט אין אַ חסידיש שטיבל און ווי ער וואָלט אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה אין דעם.

און מאָטעק איז מיטגעגאַנגען אין די הויפן אַריין, ווען דער ייִד מיטן בלאָזאַק האָט זיך באַוויזן. ער האָט אַרויסגענומען די כלי פון שוואַרצן זאַק און

זיך אָוועקגעשטעלט אויסטרובען פאַרשיידענע געזאַנגען און דער עולם האָט געעפּנט די פענצטער און אַראָפּגעוואָרפן מטבעות, איינגעוויקלט אין שטיקלעך פּאַפּיר. מאַטעק איז געלאָפן זיי אויפהויבן און איבערגעבן דעם שפּילער. דאָס זעלבע האָט ער געטאָן, ווען אַ פידל־שפּילער און אַ זינגער זיינען געגאַנגען איבער די הויפן.

„דיין מאַטעק איז אַ גאַסן־יונג״, האָט דער טאַטע זיך באַקלאָגט פאַר דער מאַמען. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער מאַטעקן פאַרגעוואָרפן „די גאַס״, ווי ער וואָלט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ וואָס אין פאַרגעקומען אויף די ראַשיקע גאַסן פון לאָדזש.

פאַרקערט, מאַטעק האָט שטאָלצירט מיט דעם נאָמען, „גאַסן־יונג״. ער איז געווען פאַרליבט אין דער גאַס. יעדעס מאָל, ווען ער איז אַהיימגעקומען אָן אָנגעזאָפּטער מיט איינדרוקן פון דער גאַס, האָט ער געוואָלט מיט עמיצן זיך טיילן, איז ער נאָכגעגאַנגען די מאַמע אין קיך, אין שלאָף־צימער און געהאַלטן אין איין דערציילן די נסים פון טאָג. נאָר די מאַמע האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו אים און זי פלעגט זיך אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ מיטביידע הענט און אויסרופן: „דער יונג מאַכט מיר אַ לאָך אין קאָפּ״.

2.

מען האָט אויפגעהערט ברענגען יעדע וואָך די פּעק אין הויז אַריין. גוסטאַוו האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס וועט פּאַסירן. עפּעס האָט ער זיך געשושקעט מיט דער מאַמען וועגן אַן אַנדער שטעלע, גאָר אַ גרויסע שטעלע, וואָס מען האָט אים פאַרגעשלאָגן.

די מאַמע האָט געזאָגט צום טאַטן, אַז ס'דאַרף זיין אַ גרויסער סוד. דער אָנקל גוסטאַוו האָט זיך ביט געוויזן אַ פאַר וואָכן. די פּעקלעך זיינען געווען אויס. די פּרנסה ביי סאַרנען איז געווען אויס. ליפּע האָט געזאָגט, אַז מען זאָל צוריקפאָרן אין שטעטל. ער וועט זיך נעמען צו די טעפּ. ער וועט אַרומפאָרן אויף געמערק. די מאַמע האָט ניט געוואָלט הערן דערפון.

מיטאַמאָל איז פאַרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש אין הויז. די מאַמע איז יעדן טאָג אַוועקגעגאַנגען ערגעץ־וואו און ד'ער טאַטע איז געבליבן זיצן אין הויז. יאַדוויגאַ איז געווען די גאַנצע באַלעבאָסטע און גוטשיאַ איז געוואָרן איר אַרויסהעלפערין.

מאַטעקן האָט דער גאַנצער ענין נישט געשמעקט. גוטשיאַ ווייסט וואו די מאַמע גייט, נאָר ער ווייסט נישט. יאַדוויגאַ זאָגט נישט אויס. מיטן טאַטן קאָן מען וועגן דעם נישט רעדן.

נאָר די קליינע לאָטשיאַ ווייסט עפּעס. זי האָט מורא צו דערציילן.

מאַטעק זאָגט איר צו. אַז ער וועט איר ווייזן די שיינע זאַכן אין שוי־פּענצטער. דאָרט זיינען דאָ ליאַלקעס די גרויס ווי אמתע קינדער, מיט בלויע אויגן וואָס עפענען און פאַרמאַכן זיך אַליין. מאַטעק האָט לאַטשיאַן אַנגענומען פאַרן הענטל און זי אַוועקגעפירט צום שוי־פענצטער.

— די מאַמע לערנט זיך, — האָט לאַטשיאַ אויסגעזאָגט דעם סוד.

— זי לערנט זיך לייענען און שרייבן רוסיש? — האָט מאַטעק געוואָלט וויסן.

— ניין, די מאַמע קאָן לייענען און שרייבן רוסיש, און פּאָלניש אויך און דייטש נאָך בעסער, — האָט לאַטשיאַ געפּרואווט זיך באַרימען.

— וואָס דען לערנט זיך די מאַמע? — איז מאַטעק באַשטאַנען.

— די מאַמע לערנט זיך . . . מאַכן היט, — האָט לאַטשיאַ געזאָגט אין אַ וויינענדיקן טאָן.

— היט? וואָס הייסט היט? — האָט מאַטעק נישט געגלויבט.

— די מאַמע לערנט זיך מאַכן היט פאַר רייכע פרויען, — האָט לאַטשיאַ געזאָגט גאַר שטיל, ווי ס'וואָלט איר באַנג געטאָן, וואָס זי האָט דערציילט די גאַנצע מעשה.

מאַטעק האָט געקוקט אויף איר און געזען, ווי זי וועט זיך באַלד צע־וויינען, האָט ער איר מער ניט געפרעגט, נאָר דער ענין איז אים אַריינגע־קראָכן אין דער נאָז. ווי קליין ער איז געווען, האָט ער געפילט, אַז עפּעס קומט פאָר אין הויז, וואָס וועט אים אויך אָנרירן און דאָס האָט אים באַ־אומרואיקט.

יאָ, טייבל איז יעדן טאָג אַוועק צו אַ מאָדיסטקע זיך לערנען מאַכן פרויען־היט. זי, ווי אירע שוועסטער, האָט געהאַט גאָלדענע הענט. זייער שטריקן און העפטן האָט געהאַט אַ שם. טייבל האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין מאַכן היט פאַר זיך און פאַר אירע שוועסטער און גלאַט פריינט. איצט, ווען מען איז געבליבן אָן פּרנסה, איז איר איינגעפאַלן צו ווערן אַ מאָדיסטקע. זי איז אַוועק צו אַ באַקאַנטער פון איר שטעטל, וואָס האָט אין לאָדזש גע־עפנט אַ קראָם פון פרויען־היט און זי האָט שוין באַשעפטיקט אַ פּאָר מיידלעך. זי איז געווען צופרידן צו לאָזן טייבלען זיך אויסלערנען ביי איר צו ווערן אַ היט־פוצערקע. טייבל האָט אַרויסגעוויזן פיינע פייאיקייטן און די באַ־לעבאַסטע האָט איר פאַרגעשלאָגן אַ שטעלע ביי זיך, מיט אַ גוטן געהאַלט אין אַ קורצער צייט אַרום.

גוסטאַוו איז אָבער געווען קעגן דעם. ער האָט געראָטן דער שוועסטער, אַז זי זאָל זיך גרייטן אַליין צו עפענען אַ קראָם. ער וועט פאַר איר קריגן אַ פּאַסיקן פּלאַץ, אויף אַן אַנגעזעענער גאַס. ער וועט פאַר איר קריגן אַז

ערשט קלאַסיקע מאַדיסטקע, וואָס זאָל אָנפירן מיטן געשעפט, ביז טייבל וועט זיך קאָנען באַגיין אָן איר.

טייבל פלעגט אַהיימקומען שפעט פון דער אַרבעט, אַ מידע, נאָר אַ צו־פרידענע, וואָס זי וועט קאָנען ווערן די ברויטגעבערין. אמת, דאָס האָט זיך אָנגעזען אויף די קינדער און אויך אויפן מאַן. יאַדוויגאַ איז געווען גע־טריי, ווי שטענדיק, נאָר אויך איר האָט געהאַט אַ ווירקונג די שטאָט לאָדזש. זי האָט ניט געהאַט דעם „גרינעם מאַרק" לעבן זיך, וואו זי האָט זיך געטראָפן מיט פויערטעס פון די דערפער, מיט וועלכע זי האָט געהאַט איינגעשטעלט פאַרבינדונגען יאָרלאַנג. דאָ, אין לאָדזש, איז זי ניט איינמאָל אָפגענאַרט געוואָרן קויפנדיק. אויך איז דאָס געלט דאָ אויסגערונען געוואָרן אונטער די הענט. אַלץ איז געווען בראַנד־טייער און טייבל איז ניט געווען צופרידן פון די פּראָדוקטן. פון פאַרדרוס האָט יאַדוויגאַ זיך גענומען צום טרונק. דאָס הויז האָט געליטן. טייבל האָט געצי־טערט טאָמער וועט יאַדוויגאַ זיך אָנהויבן „געזעגענען".

ליפּע האָט געזען ווי זיין בן יחיד טוט גאָרנישט אויף אין חדר ; ווי די גאַס אינטערעסרט אים מער פון אַלץ. די גאַס מיט איר קאַטערינשטשיקעס, פויקערס און הויף־זינגערס, די גאַס מיט אירע הייף, קוימענס און מיט דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע.

„אָט דאָס איז די תורה פון דער שטאָט. און ס׳איז דאָך ניט די שולד פון קינד. ס׳איז דאָך מיין אייגענע שולד", האָט זיך אַליין פאַרגעוואָרפן ליפּע. ער האָט געזען ווי זיין עלטסטע טאָכטער גוטשיאַ קאָן מער אין דער שקאָלע נישט גיין, מחמת מען דאַרף זי האָבן אין הויז. און לאָטשיאַ וואַקסט אויס ווי ווילדגראָז, אָן אַן אויפזעער. ווער ווייסט ווי די קליינע מלכה ווערט דער־צויגן אין שטעטל ? די פאַרבאָרגענע פרימטשע און די איינגעשפּאַרטע רע־גינטשאַ קאָנען מסתם זיך ניט איינטיילן מיט דער דערציאונג פאַר מלכהן.

„דער אויבערשטער זאָל זיך אויף אונדז מרחם זיין", האָט געזיפצט ליפּע. דאָס זיצן אין דער חברה איז אים מער נישט איינגעגאַנגען. אַ חברה איז נישט קיין בית־המדרש. דאָ קומט מען אַריין אָפּדאַווענען און אַוועקגיין. מען קוקט אויף אים קרום. ווי נעמט עס אַ יונגערמאַן און לאָזט איבער ווייב און קינדער און טראַכט נישט וועגן עול פרנסה ? וואָס האָט ער געקאָנט ענטפערן די פראַגע־שטעלער ?

די צייט איז געפלויגן אין לאָדזש. איידער מען האָט זיך געקאָנט אַרומ־קוקן, האָט גוסטאַוו געמאָלדן, אַז ער זוכט אַ קראָם פאַר זיין שוועסטער. טייבל האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די קראָם און די וואוינונג וועלן

דאַרפן זיין צוזאַמען, אָדער גאָר נאָענט איינע לעבן די אַנדערע. גוסטאַוו האָט דאָס פאַרשטאַנען.

נאָך איינמאָל איז פאָרגעקומען צווישן אים און ליפען אַ שמועס וועגן תכלית. גוסטאַוו האָט טאַקע געוואָלט, אַז טייבל זאָל זיין דערביי. זי האָט זיך ניט אַריינגעמישט, נאָר געטרייסט דעם מאַן, נאָכדעם ווי גוסטאַוו איז אַוועקגעגאַנגען.

— מיט קיין וועקסלען וויל זיך דער שוואָגער ניט פאַרנעמען. גוט. אַ מענטש דאַרף דאָך אָבער האָבן אַ באַשעפטיקונג. אפשר ווילן זי ווערן אַ בעל־תפילה אויף די ימים־נוראים? — האָט גוסטאַוו גערעדט גאַנץ ערנסט.

— די וועלט גייט נישט אונטער, גוסטאַוו. דער אויבערשטער וועט מיר העלפן און איך וועל נאָך, מיט זיין הילף, מצליח זיין, — האָט ליפע אָנגעהויבן.

— די קינדער וואַקסן אונטער, שוואָגער, — האָט גוסטאַוו אים אונ־טערבראָכן מילד, — טייבל פאַרנאַכלעסיקט זיי. קינדער מוזן האָבן די אויפ־זיכט פון אַ מוטער. אָט איז מענדל געוואָרן אַ געשעפטסמאַן און ס׳גייט אים צימלעך גוט. באַלד וועט העלטשאַ קומען צופאָרן נאָך לאָדזש. זי ווערט, מיט גאָטס הילף, פאַרלאָבט און איר חתן איז אַ רייכער מאַן. אפשר וויל דער שוואָגער זיך מיט אים זען און איך וועל איהנען העלפן. וועגן געלט וועט קיין אָפּהאַלט ניט זיין.

ליפע האָט געשוויגן. אויף דעם לעצטן האָט ער זיך נישט גערעכט. דאָך האָט ער איינגעזען, אַז ענטפערן מוז ער.

— גוסטאַוו מוז דאָך פאַרשטיין, אַז קיין געשעפט פאַלט פון הימל ניט אַראָפּ. העלטשאַ וועט געוויס הייראַטן פאַר אַ פיינעם מענטש. נאָר דערווייל קען איך אים נאָך נישט און אַז מען וועט זיך, אם ירצה השם, נעענטער באַ־קענען, וועט מען דאַן זען.

גוסטאַוו האָט אויסגענוצט דאָס לעצטע מיטל:

— דער שוואָגער זעט דאָך, אַז טייבל וועט מוזן אַליין אָנפירן אי מיטן געשעפט, אי מיט דער שטוב. אפשר זאָל דער שוואָגער זיך פאַראינטע־רעסירן מיט דער היט־פּוצעריי און העלפן איינקויפן די מאַטעריאַלן, די שטרוי, די זייד, די בענדער און סאַמעטן וואָס מען דאַרף האָבן. מיט איין וואָרט, דער שוואָגער ברויך ווערן דער פאַרוואַלטער פון געשעפט און טייבל זאָל זיך קאָנען באַפרייען פון אירע איבעריקע פליכטן.

ליפע האָט באַהאַלטן די האַנט אונטער דער ברייטער באָרד. טייבל האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַ סימן, אַז ער איז באַזאָרגט און אַז ער האָט עגמת נפש.

— גוסטאַוו מיינט דאָך, חלילה, נישט צו שפּאַסן. וואָס הייסט, איך וועל

זיך פֿאַרנעמען מיט זאַכן, וואָס פּאַסן זיך נאָר פֿאַר אַ פּרויוענצימער? ווי קום איך צו סאַמעט פֿאַר פּרויען־היט? ס'איז אַזוי ווי איך זאָל, להבדיל, אָנהויבן האַנדלען מיט חזיר־האָר... נאַטירלעך, וועל איך מיטהעלפֿן אין דער ווירטשאַפֿט, נאָר אין קראָם, וואו עס וועלן זיך געפֿינען בלויז נשים, איז פֿאַר מיר קיין שום פּלאַץ נישטאָ. ווי קאָן עס דעם שוואָגער גאָר איינפֿאַלן אַזאַ קרומע זאַך?

גוסטאַוו האָט אויסגעקלאַפּט מיט זיינע פֿינגער אויפֿן טיש אַ „יאַ־יאַ!" און איבערלאָזנדיק מיט דער שוועסטער אַ סומע געלט, האָט ער פֿאַרלאָזן דאָס הויז.

.3

ווען טייבל האָט דערהערט, אַז גוסטאַוו האָט געפֿונען פֿאַר איר אַ קראָם מיט אַ וואוינונג צוזאַמען, אויף דער דזשעלנע גאַס, איז זי געוואָרן זייער נערוועז. זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פֿאַר דער וואַזשנער געגנט און זי האָט מורא געהאַט, אַז זי האָט ניט גענוג דערפֿאַרונג צו באַדינען אַזאַ אַריסטאָקראַטישע קליענטעל. נאָר גוסטאַוו האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז ווען ער איז אַריין צו איטשע בער לעווי אין געשעפֿט, האָט ער געקאָנט נאָך ווינציקער פֿון איר.

— שוועסטער, אַזוי פֿירט מען זיך ביי אונדז אין לאָדזש. עס קומען אַהער די ליטוואַקעס. זיי קאָנען נישט רעדן קיין פּויליש און קיין דייטש און קיין יידיש געוויס נישט. זיי קומען אַהער אָן אַ העמד, אָן לייב און לעבן, נאָר זיי האָבן מוט און אַנטשלאָסנהייט און עס דויערט נישט לאַנג און זיי שטייגן איבער די פּאָלנישע יידן. נעם אונדזער ברודער מענדל פֿאַר אַ ביישפּיל. דו ווייסט, שוועסטער, אַז ער האָט נישט קיין אונטערנעמונג־גייסט, דאָך האָט ער זיך שוין איינגעשטעלט — און פֿאַרלאָזט זיך שוין אפֿילו אַזעלכע וואָגעס ווי איך... טייבל־לעבן, איך האָב גערעדט, ווי דו האָסט געזען, מיט דיין מאַן. ער איז, ווי דו זאָגסט, אַן איידלמאַן. נאָר אין לאָדזש פּאַסן זיך קיין איידללייט נישט אַריין. דאָ מוז מען האָבן פּראַקטישע, האַרטנעקיקע מענטשן. דו האָסט דערוויל נישט קיין אַנדער אויסוועג ווי אַליין זיך צו פֿאַרזאָרגן. אפֿשר וועט ליפּע מיט דער צייט זיך אויפֿכאַפּן פֿון זיינע חלומות און ווערן אַ פּראַקטישער מענטש. איך וועל דיר העלפֿן עפֿענען אַ שיינע קראָם אויף דער דזשעלניע. דאָס איז אַ צענטראַלע גאַס. דאָ געפֿינט זיך דער דייטשער אַמפּי־טעאַטער. דאָ איז נישט ווייט דער קאָלע־גאָרטן. דאָ גייט מען צום באַנהויף. דאָ גייען פֿאַרביי פּרויען וואָס טראָגן רייכע היט. דו ביסט געשיקט אין אויסטראַכטן נייע פֿאָרמען. דו טראַגסט שטענדיק

פּאַסיקע היט. אויב מען קאָן מאַכן פאַר זיך, קאָן מען מאַכן פאַר יענעם . . .

גראָד האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז גוסטאַוו איז געוואָרן שטאַרק פאַרנומען. ער האָט נאָר־וואָס געהאַט זיך איינגעאָרדנט אויף אַ נייעם פּאָסטן אין איינער פון די פיר גרעסטע פירמעס פון מאַנופאַקטור אין לאָדזש פון יענער צייט. ער האָט זיך דאָרט באַלד דערהויבן צו אַ העכערן ראַנג. פּונקט דאַן, ווען טייבל האָט זיך געדאַרפט אַריינבציען אין דער נייער וואוינונג אויף דזשעלניע און עפענען די קראָם, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער וואוי־נונג, — פּונקט דאַן האָט גוסטאַוו געמוזט אָפּפאָרן נאָך וואַרשע און זיך פאַר־זאָמען אַ פּאָר וואָכן דאָרטן. ווען ער איז צוריקגעקומען, איז שוין טייבלס קראָם געווען אָפן. גוסטאַוו איז די אויסשטעלונג פון דער קראָם־מעבל נישט גע־ווען געפעלן, ווי אויך די שילד וואָס איז געהאַנגען איבער דער קראָם, נאָר עס איז געווען פאַרפאַלן.

טייבל האָט זיך איבערגעאַרבעט ביים איינאָרדענען. ליפּע האָט אַרויס־געהאָלפן, נאָר ווען אַ פרוי האָט זיך באַוויזן אין דער קראָם, איז ער שנעל נעלם געוואָרן אין הינטערשטן צימער אַריין. טייבל האָט זיך פאַר יאַדוויגאַן און גוטשיאַן באַקלאָגט אויף מידקייט און שוואַכקייט, נאָר פאַר ליפּען האָט זי וועגן דעם קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

אויף גוסטאַווס ראָט האָט טייבל אַריינגענומען אַ גוטע פאַרקויפערין, וועלכע האָט אויך געהאָלפן איינקויפן וואַרע און פאַרטיקע היט. טייבל האָט פון איר פיל געלערנט. אין שוי־פענצטער האָט טייבל אויסגעשטעלט די היט וואָס זי האָט אַליין געמאַכט. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז די היט האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ פּאָר עלטערע שוישפּילערינס פון דייטשן אַמפּי־טעאַטער. טייבל האָט גערעדט אַ גוטן דייטש, ווייל זי האָט אָפּגעשטאַמט פון שטעטל, וואָס איז געלעגן לעבן דער דייטשער גרענעץ. די שוישפּילערינס איז דאָס געפעלן געוואָרן. אויך איז זיי געפעלן געוואָרן טייבלס הויכע, שלאַנקע פיגור און די אַניק־רויטלעכע האָר, וואָס זי האָט געטראָגן הויך אויפגעקאַמט. איר שייטל איז געמאַכט געוואָרן פון אירע אייגענע האָר.

נאָר באַלד נאָך דער צווייטער וואָך האָט טייבלס אַרויסהעלפערין גע־בעטן אַ העכערונג אין איר געהאַלט. טייבל האָט געשיקט רופן דעם ברו־דער צו זיך. גוסטאַוו איז געקומען שפּעט אין אָוונט. ער איז געווען מיד און נערוועז.

— נישט נאָכגעבן, שוועסטער! אין קיין פאַל נישט נאָכגעבן! ווייז זיי אַ פינגער, וועלן זיי וועלן די גאַנצע האַנט. זי באַלאַנגט מסתם צו „יענער באַנדע". איך וועל דיר געפינען אַן אַנדער פאַרקויפערין, וואָס וועט זיין געטריי צו דער אַרבעט.

די פֿאַרקויפֿערין האָט פֿאַרלאָזן. גוסטאַוו האָט דאָסמאָל זיין וואָרט נישט געהאַלטן. קיין אַנדער פֿאַרקויפֿערין האָט ער נישט געשיקט און טייבל האָט געפֿילט, אַז זי גייט פֿון די כוחות אויס. עס האָט איר טאַקע אויסגעפֿעלט פּראַקטישע דערפֿאַרונג אין רעדן און קענען איינרעדן אַ קונה. זי האָט געפֿילט, אַז זי פֿאַרלירט לייזונג צוליב דעם.

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטן און טייבל האָט זיך ווי עס איז איינגעשטעלט. די לייזונג איז געוואָרן שוואַכער. דערפֿאַרונג האָט טייבל זיך דערוואָרבן און זי האָט שוין אויפֿגעהערט זוכן אַ פֿאַרקויפֿערין.

איינמאָל האָט זיך אָבער אין קראָם באַוויזן אַ יונג יידיש מיידל, נאָך אַ קינד, און געבעטן אַז זי וויל זיך זען מיט דער אייגנטימערין. דאָס מיידל האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז זי קומט פֿון דעם שטעטל קלעטשעוו און אַז זי איז אין לאָדזש אַ יאָר צייט. אירע עלטערן זיינען נאָך דאָרט. דאָ איז זי געווען אויף דער לער ביי אַ הוטן־פּוצערקע. זי האָט געהערט, אַז טייבל זוכט אַן אַרויסהעלפֿערין. קיין צופֿיל דערפֿאַרונג האָט זי נישט, נאָר אויב טייבל וועט איר געבן עסן און אַ בעט און אַ פּאָר רובל אַ חודש, וועט זי זיין צופֿרידן צו בלייבן מיט איר.

טייבלען איז דאָס מיידל גלייך געפֿעלן געוואָרן. זי האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ גליק פֿון הימל. אין אַ וואָך אַרום האָט זיך דאָס מיידל געשטעלט אַרבעטן ביי טייבלען אין קראָם און עסן פֿון איר טיש.

דאָס מיידל האָט געהייסן סאַלטשע. אַלט געווען איז זי דאַן דרייצן יאָר.

קאַפּיטל זיבן

דער דזשעלנער „גאון"

.1

די דזשעלנע גאַס איז געבליבן אין מאַטעקס לעבן, ווי אַ טאָג־בוך אין וועלכן מען געפינט די אינטימע סודות, אָדער דורך וועלכן מען וויל אָפּפרישן זכרונות.

ער האָט אין משך פון יאָרן געוואוינט אין אַמעריקע, אין פאַרשיידענע שטעט, אויף פאַרשיידענע גאַסן. ער האָט מיט דער צייט פאַרגעסן די נע־מען פון די גאַסן און ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין אַ שטאָט, איז אים קיינמאָל ניט איינגעפאַלן זיך דורכשפּאַצירן צו דער גאַס און זען דאָס הויז, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר און וואו עס זיינען פאָרגעקומען דראַ־מאַטישע געשעענישן אין זיין לעבן.

אַנדערש איז געווען מיט דער דזשעלנע גאַס. זי האָט אים נאָכגעפאָלגט דאָס גאַנצע לעבן. ווען ער איז מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער צוריקגע־קומען אויף אַ באַזוך נאָך לאָדזש, האָט ער זיך ניט געפילט צופרידנגעשטעלט, ביז די שוועסטער האָבן אים געבראַכט אויף דער דזשעלנע. ער איז דאָן אַריין אין הויף, זיך אַרומגעקוקט אַ שווייגנדיקער און פאַרטיפט אין זיך האָט ער באַטראַכט די וואוינונג, וואו ער האָט געלעבט אין זיינע קינדער־יאָרן. ער האָט די לאָקאַטאָרן שטיל באַדאַנקט, זיי ניט דערציילט ווער ער איז און וואָס עס האָט אים געבראַכט אַהער. ערשט ווען ער האָט פאַרלאָזן, האָבן זיי באַמערקט אַז ער האָט געטראָגן אַמעריקאַנער קליידער און די פרוי איז נאָכגעלאָפן גוטשיאַן און זיך דערקונדיקט וועגן „מאַן וואָס האָט געקוקט און געשוויגן."

עס איז געווען אין אָנהויב ווינטער, ווען די משפחה סאַרנע האָט זיך אַריינגעקליבן אויף דער דזשעלנע. דאָס הויז איז געשטאַנען אויף אַ ראָג, פאָרמירט ווי אַ „ד". דער ברייטער הויף האָט זיך געגרענעצט מיט אַן אַנדער הויף, וואו מען האָט געהאַלטן ברוכוואַרג, מערסטנס פאַרזשאַווערט אייזן. ביידע הויפן האָט אָפּגעטיילט אַ הויכער הילצערנער פּאַרקן. דער אָפּטריט פון הויז האָט זיך געפונען אין וויטסטן ווינקל פון הויף און ער האָט זיך

געגרענעצט מיט אַן אַנדער הויף, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ פּאָר בהמות. דער געשמאַנק פון די בהמות און פון אָפּטריט איז אַריינגעדרונגען אין די וואוינונגען.

מאַטעקס עלטערן זיינען ניט געווען צופרידן פון דער וואוינונג. זי איז באַשטאַנען פון צוויי לאַנגע, נאָר גאָר שמאָלע חדרים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פענצטער, נאָר טירן מיט לופטשיקעס, — דאָס איינציקע אָרט דורך וועלכן ס׳איז אַריינגעקומען די לופט פון הויף. איין צימער האָט אַריינגעפירט אין קראָם אַריין. מחמת עס איז געווען צו־ענג פאַר אַלעמען צו שלאָפן אין די צוויי חדרים, האָט מען נאָך כאַלטשעס אַנקומען, אָפּגעטיילט דעם הינטערשטן חלק פון דער קראָם פאַר אַ שלאָף־ווינקל, פריער פאַר סאלטשען און שפּעטער אויך פאַר גוטשיאַן און מאַטעקן.

מיט דער צייט האָט מען אַראָפּגעבראַכט פון שטעטל מאַטעקס יינגערע שוועסטער מלכה. איז געוואָרן נאָך ענגער אין הויז. די מאַמע האָט געוואוסט, אַז ליפּע איז אומצופרידן, וואָס זי האָט אים געבוירן דריי טעכטער און בלויז איין זון און זי האָט געהאָפט אים נאָך צו באַגליקן מיט אַ זכר. זי האָט פאַרשווענגערט אין אַ יאָר אַרום און זי האָט ווידער געבוירן אַ מיידעלע, אַנדזשיאַ.

די קראָמען אויף דער דזשעלניע אין מאַטעקס הויז, האָבן זיך אָפּט גע־ביטן. נאָר טייבל די הוטן־פוצערקע איז דאָרט געבליבן אַ צייט לאַנג. אַזוי ווי די שכנישע געוועלבער זיינען אַמאָל געשטאַנען ליידיק, האָט מען פאַר־מאַכט זייערע לאָדנס. שפּעטער איז איין געוועלב פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „הייזל״. אַזוי ווי די געשעפטן פון „הייזל״ זיינען אַוועק גוט, האָט מען אין זעלבן הויז, אויף אַן אויבערשטן שטאָק, געעפנט נאָך אַ באָרדעל.

מאַטעקן איז די דזשעלניע גאַס שטאַרק געפעלן געוואָרן. דעם פאָטער האָט זייער געאַרט וואָס מאַטעק שפּילט זיך אין הויף מיטן סטאָלערס יינגל לייבטשע און דער סטאָלער האָט געוואוינט אין קעלער. געזאָגט האָט מען, אַז ער באַלאַנגט צו דער „אחדות״ און אַז ער שיקט ניט זיין צוועלף־יאָריקן לייבטשע אין חדר, נאָר דאָס קינד העלפט אַרויס ביי דער אַרבעט.

מיטן באַזעצן זיך אויף דער דזשעלנע האָט זיך איינגעשטעלט אַ סדר ביי מאַטעקן אין הויז. אַזוי ווי די מאַמע איז געווען פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג אין קראָם און זי האָט נאָך געדאַרפט גיין באַקוקן אַנדערע שוי־פענצטער פון מאָדיסטקעס, כדי צו כאַפּן דעם שניט פון זייערע היט און צו זען וואָס עס איז אין דער לעצטער מאָדע, — איז די ווירטשאַפט פון דער שטוב איבגעגאַנצן אַריבער צו דער אַלטע יאַדוויגאַ און צו דער קליינער גוטשיאַ ווע־מען ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן אָפּצוהיטן דאָס כשרות.

ליפּע האָט געהאָלפן אין קיך, געהאָלפן „עקספּעדירן" די קינדער אין דרויסן אַרויס, געזען אַז טייבל זאָל עסן אין צייט און ווען ס'איז געוואָרן שטיל איז ער צוגעגאַנגען צו דער ספרים־שאַנק און זיך אַוועקגעשטעלט לערנען, אָנגעלענט אויפן לייען־ברעט פון אַלמער. דער ספרים־אַלמער איז געווען ליפּעס טרייסט און נאָענטסטער חבר און פריינט. לעבן אים האָט ער פאַרגעסן אין דאגות פּרנסה, אין גוסטאַוון דעם „פּריץ" און אין דער „געמיינער" שטאָט לאָדזש.

פאַרשטאַנען האָט ער, ליפּע, אַז קיין געלט־ירושה וועט ער זיינע קינדער ניט לאָזן. „מרבה נכסים, מרבה דאגה", האָט ער טייבלען ניט איינמאָל דערקלערט, דער וואָס זאַמלט־אָן פאַרמעגנס, זאַמלט אָן זאָרג. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט גרויס הנאה פון אָנזאַמלען ספרים. אַ ספר איז ביי אים געווען אַ פאַרמעגן, וואָס פאַרשאַפט ניט קיין זאָרג, נאָר פאַרקערט. אַ ספר, וואָס עלטער ער איז געווען, אַלץ מער האָט ער ליפּען דערפרייט. מחמת ער האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר אַלץ וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אויף לשון־קודש. האָבן טאַקע ניט איינמאָל באַטראַכטן זיין אָרעמע שוועל יידן מחברים, וואָס האָבן געשריבן פּירושים אויף הייליקע ספרים. אַ פּירוש אויפן שולחן־ערוך, אַ פּירוש אויפן עין־יעקב, נאָך אַ פּירוש אויף רש"י. ס'האָט ניט אויסגעמאַכט וואָס, אַבי דער מחבר האָט זיך עוסק במצוה געווען. ליפּע האָט קיינעם ניט אָפּגעזאָגט, געקויפט יעדן ספר, צי ס'איז יאָ געווען אויף שבת, צי, חלילה, ניט. ליפּע האָט געהאַט אַ באַזונדער „קניפּל" פאַר דעם צוועק. ניט איינמאָל האָט אים דער חיבור אַנטוישט, נאָר עס האָט אים קיינמאָל ניט באַנג געטאָן, ליפּען, וואָס ער האָט אים געקויפט.

גלייך ווי דער קליינער מאָטעק האָט געקאָנט האַלטן אַ ספר אין זיינע הענטלעך און אים ניט אומווילִיק אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע, האָט אים דער פאָטער אויסגעלערנט לופטערן די ספרים פון זיין אַלמער. לכבוד דעם הייליקן שבת האָט מאָטעק געדאַרפט אַרומווישן דעם שטויב פון ספר, דורכלופטערן די בלעטער, אַז אַ קרישקעלע זאָל זיך אין זיי ניט געפינען. אָנגעהויבן האָט דער פאָטער מיט די קלענערע ספרים און וואָס עלטער מאָטעק איז געוואָרן, האָט אים דער פאָטער דערלויבט צו נעמען די שווערע גמרא־ש"סן מיט די דיקע לעדערנע איינבונדן, וואָס האָבן זיך געבויגן אין זיינע דאַרע הענטלעך.

וואָס מאָטעק האָט ניט געקאָנט באַגרייפן איז געווען: פאַרוואָס האָט דער פאָטער אים געהייסן קושן דעם ספר, ווען ער האָט אים אומווילִיק אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע? דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך פאַרן באַליידיקטן ספר אַנטשולדיקן. מאָטעק האָט ניט ליב געהאַט, אַז

מען האָט אים געקושט און דאָ האָט דער טאַטע אים געהייסן קושן אַן אַלטן, אַ שמותדיקן ספר.

דער ענין קושן האָט מאַטעקן געאַרט. אין שטעטל האָבן אים די מו־מעס ניט געלאָזט לעבן. נאָר זיי האָבן פון אים „שטיקער געריסן". איצט באַקלאָגט זיך די מאַמע, אַז איר בן־יחיד ווייזט אים ניט אַרויס קיין צערט־לעכקייט. ער גיט איר קיינמאָל נישט קיין קוש און אַז זי וויל אים אַרומ־נעמען, ווערט ער זיך פון איר. און דאָ וויל גאָר זיין אייגענער טאַטע, אַז ער זאָל קושן די אַלטע ספרים, וואָס ער הויבט אויף פון דער פּאַדלאָגע.

— איך האָב אַן איינאַיינציקס, נאָר דערפאַר אַ רעכטס, — פלעגט די מאַמע זיך באַקלאָגן אויף מאַטעקן, — נאָר ער לויפט אויף דער גאַס אַרויס. העלף אַרויס דער מאַמען, ווייז איר, אַז דו שאַצסט אָפּ ווי זי פּראַצעוועט פאַר דיר, גיב איר אַ קוש . . . וויפל מאַמעס האָסטו דען, מאַטעק־לעבן? דאַרף מען זיך ביי אים די לונגען אויסעסן, אַז ער זאָל איר די טובה טאָן און אַרויס־ווייזן, אַז ער איז אַ קינד מיט אַלע קינדער צוגלייך.

מאַטעקן זיינען אַזעלכע רייד ניט געווען אַנגענעם. פון אַלע זייטן האָט מען אים געהאַלטן אין איין זאָגן מוסר, אין איין אַנווייזן אויף פעלערן. מילא, די מאַמע מעג, דער טאַטע מעג, אפילו דער אַנקל גוסטאַוו מעג, נאָר נישט דער אַנקל מענדל (פאַרוואָס נישט ער — האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון) און זיין שוועסטער גוטשיאַ — חס וחלילה. גאַנץ אַנ־דערש איז, ווען יאַדוויגאַ שטראָפט אים אַמאָל. אָ, ווען זי זאָגט עפּעס, איז וואָלט ער פאַר איר אין פייער און אין וואַסער געגאַנגען. אַז זי רעדט אים אויס, רעדט זי אַזוי ווייך און ווערט קיינמאָל נישט אין כעס און זי זאָגט נישט: „מאַטעק, ביסט שוין אַ גרויסער יונג", נאָר באַלד האָט זי אַ מעשה צו דערציילן און עס ווערט דיר אַזוי גוט דערפון און דו זאָגסט איר צו אַז מער נישט, מער וועסטו איר ניט אָנטאָן קיין עגמת נפש.

.2

דאָס וואָס פאַרן פאָטער זיינען געווען די ספרים, דאָס איז מסתם פאַר דער מאַמען געווען איר „וולוטשקע", פון וועלכער זי האָט אויסגעבייט, אויס־געשטריקט און אויסגעהעפּט אַזעלכע שיינע זאַכן. איבערן טאַטנס בעט איז געהאַנגען דאָס בילד פון משה רבנו ווי ער קומט אַרונטער פון באַרג סיני מיט די לוחות. און איבער דער מאַמעס בעט איז געהאַנגען דאָס בילד ווי אברהם אבינו פירט יצחקן צו דער עקידה. ביידע בילדער האָט די מאַמע אַליין אויסגעבייט פון וולוטשקע און קרעלן. עס האָט איר געדויערט מער ווי צוויי יאָר זיי פאַרטיק צו מאַכן. מאַטעק האָט זיך ניט געקאָנט זאַט אָנקוקן

אויף זיי. זיין מאַמע האָט געקאָנט מאַכן אַ בילד מיט משה רבנו און אברהם אבינו! דער טאַטע איז געווען זייער שטאָלץ אויף איר אַרבעט און ער האָט געזאָגט, אַז מען האָט אים אָנגעבאָטן אַ סך געלט פאַר זיי, נאָר פאַר קיין געלט אין דער וועלט וועט ער זיך מיט זיי נישט שיידן.

צווײ בעטן, דער ספרים אַלמער, אַ רונדיקער טיש מיט שטולן און די קליידער־שאַנק — דאָס איז געווען דער הויפּט־צימער, וואָס האָט געפירט צו דער קראָם. אינמיטן פון דער וואַנט פון צימער האָט געדאַרפט זיין אַ טיר אין צווייטן צימער אַריין. די טיר האָט מען אַרויסגענומען, כדי צו קריגן די וואַרעמקייט פון אַנדערן צימער, וואו עס האָט זיך געפונען דער גרויסער קיך־אויוון, וואָס איז געהייצט געוואָרן אויף קוילן. אין דעם קיך־צימער זיינען געשלאָפן יאַדוויגאַ, גוטשיא מיט לאַטשיאַן. מאַטעק איז גע־שלאָפן מיטן טאַטן. מלכה — די ערשטע צייט מיט דער מאַמען. מיט סאַל־טשעס אָנקומען איז גוטשיא געשלאָפן מיט איר אין דער הינטערשטער, אָפּגעצאַמטער טייל פון דער קראָם. שפּעטער־צו האָט מען דאָרט געמאַכט פּלאַץ פאַר מאַטעקן צום שלאָפן. מען האָט אים אויסגעבעט אויף אַ קאָמ־בינאַציע פון צוויי אַלטע שטיקער מעבל, עפּעס אַ באַנק און אַ פאָטעל. דער פאָטער האָט אַ סך מאָל „געמייסטרעוועט" דאָס געלעגער, נאָר מאַטעק האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט צוגעוואוינען צו דעם. ווען ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר האָט אים דער פאָטער פאַרזיכערט, אַז צו זיין בר־מצוה וועט מען אים קויפן אַן אמתדיק בעט און ער וועט „באַלוינט" ווערן פאַר זיין אָפּקו־מעניש.

אויב עס איז אים געווען האַרט און הויקערדיק צו שלאָפן, האָט ער אָבער געפּרוּווט פאַרגעסן אין דעם, זיך צוהערנדיק צו די שמועסן וואָס סאַלטשע האָט ביינאַכט געפירט מיט גוטשיאַן, וועלכע איז געווען אַביסל יינגער פון איר.

צווישן מאַטעקן און גוטשיאַן איז אָנגעגאַנגען אַ בייז לעבן אין משך פון זייערע קינדער־יאָרן. גוטשיאַן האָט פאַרדראָסן וואָס מאַטעק, דער לאַנ־גער דראַנג, „אַזאַ יונגאַטש מיט אַ וויסן לייב פון אַ מיידל", דער איינצי־קער, וואָס קאָן פאַרטראָגן זיך צו וואַשן מיט אייז־קאַלט וואַסער גלייך פון דער פּלומפּ, גייט זיך אַרום, די הענט די אייזערנע — די בוכצעס, וואָס זי האָט באַקומען פון אים זיינען געווען אירע עדות — אַריינגעשטעקט אין די קעשענעס און וויל נישט טאָן אַ פינגער אין קאַלטן וואַסער אַריין. ער איז אַ גאַרנישט מיט אַ ניכטס. וואַסי, דער טאַטע האָט אים געגעבן די דערלויבעניש ניט צו העלפן אין הויז. ער דאַרף לערנען, דאַרף ער. אַ רב וועט עס אויסוואַקסן, אַ מורה־מורנו, אַז עס לויפט אין חדר אַריין, ווי אַ שולדיקער אין דער „קאָזע" (טורמע), אַז עס חברט זיך שוין מיט די לאַ־

בוסעס פון „קליינעם בונד״, אז באַלד וועט ער אײנגאַנצן זיך אויסלאָכן פון פרומקייט און ער וועט נאָך עסן אַן אַ היטל און ער וועט אײנגאַנצן אויפ־הערן דאַווענען . . .

נאָך איין זיג האָט זי אָפּגעהאַלטן איבער אים, גוטשיאַ. עס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. פריער האָט זי געהאַט אַ גרויסע מפּלה. געשען איז דאָס צופעליק, אי די מפּלה, אי דער זיג. עס האָט אויסגעפעלט צוקער צו דער טיי. (טיי האָט מען געטרונקען אַ גאַנצן טאָג. די בלוילעך־ווייסע מילך האָט מען בלויז אַרייגעגאָסן אין דער טיי. דער אָנקל גוסטאַוו האָט, ווען אַ קינד איז פאַרשלאָפן געוואָרן, געבראַכט אַ שאַכטל קאַקאַאָ, וואָס מען האָט גענוצט בלויז אין אויסנאַם־פאַלן). האָט גוטשיאַ אַרויסגעשיקט מאַטעקן קויפן אַ פונט צוקער. האָט דער פאָטער געזען ווי מאַטעק קומט אַרײַנצו־לויפן אין הויז מיט אַ טיט (פּאַפּיר־זעקל) פון קראָם.

— ווי ביסטע געווען?

— נאָך ציקער, טאַטעשי.

— ווערטדעך געשיקט?

— גוטשיאַ, טאַטעשי.

מער האָט נישט געפעלט. דער טאַטע האָט זיך געקאָכט. וויפל מאָל האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל מאַטעקן ניט ברויכן פאַר קיין שום זאַך אין הויז, בלויז אַרײַנצוברענגען וואַסער פון דער פּלומפּ. ווייטער ברויך ער זיצן און בעמען אַ ספר אין האַנט אַרײַן. דער ספרים־אַלמער איז קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן. דער שליסל שטעקט אין אים.

האָט גוטשיאַ זיך באַקלאָגט און טאַקע געקלאָגט פאַר דער מאַמען. האָט עס דער מאַמען שוין פאַרדראָסן. נישט גענוג וואָס מען האָט גענומען אַזאַ יונג קינד און זי געמאַכט פאַר דער גאַנצער הויזווירטין און זי וואַקסט אויס אַן אַ שקאַלע, — איז נישטאָ ווער עס זאָל פאַר איר אַרײַנברענגען אַ פונט צוקער פון קראָם?

איז צווישן איר און ליפּען פאַרגעקומען אַ דורכרייד. טײַבל האָט קיינ־מאָל נישט אָנטקעגנגערעדט דעם מאַן, נאָר די קינדער האָבן יענע נאַכט גע־הערט ווי אין צווייטן צימער האָבן טאַטע־מאַמע אַ לאַנגע צייט גערעדט וועגן מאַטעקן און גוטשיאַן. די מאַמע האָט זיך אָנגענומען פאַר גוטשיאַן, דער טאַטע — פאַר מאַטעקן.

דער סוף איז געווען, אַז דער פאָטער האָט צומאָרגנס גערעדט מיט גוטשיאַן וועגן דעם ווי עס פעלט איר שוער די הויז־ווירטשאַפט און גוטשיאַ האָט פאַר אים געוויינט און אים דערציילט ווי שווער עס קומט איר אָן דורכ־צוקומען מיטן טאָג. און ווען דער טאַטע האָט געהערט, אַז זי דאַרף יעדן

דאַנערשטיק גיין אַ מהלך צום שוחט שעכטן אַן עוף, האָט דער טאַטע אָנגעהויבן אַריינגעמען די שפּיצן פון דער באָרד אין מויל אַריין — אַ סימן אַז ער איז מיט עפּעס געווען אומצופרידן. דעם זעלבן טאָג נאָך האָט ער צוגערופן צו זיך מאָטעקן און, פאַר גוטשיאַן אין די אויגן, אים אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז ווען עס וועט זיין אַן עוף צו שעכטן, זאָל ער אַלץ איבערלאָזן און גיין צום שוחט, מחמת דאָס איז אויך אַ מצווה.

און אַזוי האָט מאָטעק געדאַרפט יעדע וואָך זיך טראָגן מיט אַ לעבע־דיקער הון צום שוחט און אַהיימברענגען אַ צעבלוטיקט, נאָך וואַרעם, טויט באַשעפעניש. ער האָט זיך אין קיין פאַל נישט געקאָנט צוגעוואוינען צו דעם. עס האָט אַלץ אין אים געוויינט, ווען ער האָט די לעבעדיקע הון גע־טראָגן מיט זיך. אין ווינטער־צייט האָט זי אים געוואַרעמט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די הון בעט זיך ביי אים, אַז ער זאָל זי באַפרייען, אַז זי פילט ווי ער פירט זי צו דער שחיטה. ער האָט נישט איינמאָל צו איר גע־רעדט און געזאָגט: „אויף מיין לעבן, ס׳איז נישט מיין שולד". אין הויז האָט מען געוואוסט, אַז מאָטעק עסט ניט קיין עוף, רינדערן פליש — יאָ.

מאָטעק האָט איבערגעלעבט פיזישע יסורים ביים שוחט אין הויף, ווען ער האָט געזען ווי דער שוחט גיט אַ שליידער די געשאָכטענע הון אויף דער ערד און ווי זי צאַפּלט זיך ביז זי גייט אויס. ווען ער האָט געדאַרפט צוגיין און נעמען זיין עוף, איז זיין פנים געווען צעווייטאָגט. נישט איינמאָל האָט ער אויפן קול געשאָלטן דעם שוחט. איבערהויפּט האָט מאָטעק נישט געקאָנט פאַרטראָגן ווען ער האָט געדאַרפט פירן צו דער שחיטה די יונגע ווייסע הינדעלעך, די קינדערלעך. ער האָט זיי געגלעט איבערן קעפּל, איבער די פעדערן. גוטשיאַ האָט שוין געוואוסט, אַז ווען מאָטעק ברענגט אַהיים דאָס עוף, דאַרף מען אים לאָזן צורו, אַז ער וויל דאַן נישט בעמען קיין זאַך אין מויל. נאָר ס׳איז געווען איר זיג. זאָל ער אויך עפּעס טאָן, דער מורה־מורנו, דער דזשעלנער גאון . . .

עס איז געווען קלאָר, אַז די שוועסטער האָבן מקנא געווען מאָטעקן זיינע שיינע קופּער־רויטלעכע, געקרייזלטע האָר. אויך זיי האָבן געהאַט דער מאַמעס האָר, מיט דער אויסנאַם פון דער יינגסטער שוועסטער אַנדזשיאַ, וואָס איז כמעט אינגאַנצן געווען געראָטן אין טאַטן, — נאָר זייערע האָר האָבן ניט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט ווי זיינע. זיי האָבן מקנא געווען זיין ווייס לייב און די בעקלעך וואָס האָבן געגלאַנצט ווי אַ שמחת־תורה־עפּל. זיי האָבן אפילו מקנא געווען זיינע קליינע אויערן. „אַ לאַנגער דראָנג מיט קליינע אויערלעך".

גוטשיאַ איז געווען די הערשערין פון הויז, האָט זיך מאָטעק באַקלאָגט.

זי האָט געהאַט אויף איר זייט אי לאָטשיאַן, אי די קליינע מלכה. אי, ווען ער האָט אַ ברודער מיט זיך, וואָלטן די צוויי מאַנסבילן פון די דריי נקבות געמאַכט אַש, האָט מאָטעק זיך באַרימט פאַר זיין חבר אין חדר.

ליפּע האָט באַמערקט, אַז זיין מאָטעק קומט אַהיים פון חדר מיט שפּאָגל־נייע געננ, וואָס דער רבי האָט זיי זיכער אים ניט געוויזן, מיט ווערטלעך וואָס מען האָט אין די הייליקע ספרים ניט געלערנט, מיט אַ צעקראַצט פּנים און פאַרווייַנטע אויגן. נאָך ערגער פון אַלץ — מאָטעק ברענגט אַהיים אַ חוצפּה, וואָס מען מוז תיכף ומיד אָפּשטעלן, איידער עס ווערט צו־שפּעט. אָט־דאָס איז לאָדזש! גיי טרעף מיט וועמען דאָס קינד זיצט אויף איין באַנק אין חדר, גיי רעד־זיך אויס מיטן רבין, אַז ער זאָל אַריינעמען נאָר קינדער פון לייטישע עלטערן . . .

און אַז ליפּע האָט שבת, פאַרן אויסטיילן דאָס שבת אויבסט, גענומען פאַרהערן מאָטעקן די פּרשה פון דער וואָך, האָט ער געזען, אַז דאָס קינד האָט אַ גוט קעפּל, נאָר עס פעלט די התמדה. אַ סימן, אַז דער רבי קאָן אים ניט באַאיינפלוסן, אַז די לאָבוסעס אין די גאַס פאַרמאָגן מער האַפט ווי דער ספר. האָט ליפּע איינגעפירט, אַז גלייך ווי ער איז אויפגעשטאַנען פון נאָכמיטאָג־שלאָף, האָט ער נישט בלויז פאַרהערט מאָטעקן, נאָר נאָכן פאַרטיק ווערן מיטן שבת־אויבסט, האָט ער זיך ערשט רעכט אַוועקגעזעצט לערנען מיטן בן־יחיד, אַזוי אַז דער קליינער האָט זיך דערפילט ווי אַ געפאַנגענער, און ווען ער פלעגט הערן דורך דער טיר, ווי די קינדער רופן אים אין הויף אַריין, איז אים שוין דער קאָפּ נישט געלעגן ביים טאַטנס ספר און ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן צו דער טיר. דאָס האָט דעם טאַטן אַריינגעבראַכט אין כעס. ליפּע האָט געפּרוּווט איינהאַלטן דעם כעס אין זיך און ער האָט זיך געבעטן ביי מאָטעקן:

— צעשטער מיר ניט דעם שבת־קודש. זיי וועלן ניט אַנטלויפן, נאָר דאָס לערנען, אויב מען דערווייטערט זיך פון דעם, וועט עס דיר אויספעלן דאָס גאַנצע לעבן. געדענק, מאָטעק, וואָס דער טאַטע האָט דיר געזאָגט: עס וועט דיר אויספעלן דאָס גאַנצע לעבן . . .

געוועז צייטן אין זיין לעבן, ווען דעם טאַטנס לערנען האָט אים אויסגעפעלט, האָט מאָטעק געפילט.

די שלעכטע חברים מיט וועלכע מאָטעק האָט זיך אַרומגעשלעפּט, זיינען געוואָרן די שווערע זאָרג פון טאַטע־מאַמע. און פון וואַנען האָבן זיינע עלטערן זיך דערוואוסט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך ביי מאָטעקן אויפן הויף, אָדער מיט וועמען ער חברט זיך? מאָטעק האָט זיך דערטראַכט, אַז שטאַמען שטאַמט עס פון די שוועסטער זיינע. זיי דערציילן אַלץ. די גוטשיא,

דאָס איז אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר! זי מיינט, אַז גאַנץ לאָדזש געהער צו איר. אין אַלעם מישט זי זיך, יעדער איינער דאַרף איר אַ ראַפּאָרט אָפּגעבן . . .

— ווי ביסטע געווען, מאַטעק? וואָס האָסטע געטין, לאַטשיאַ? מלכה, באַנעץ זעך נישט . . .

לאַטשיאַ האָט זיך געשוואָרן ביי אים, אַז זי דערציילט גוטשיאַן גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אין הויף, נאָר די מויד האָט געוואוסט. זי האָט אפילו געוואוסט וואָס עס איז געווען אין חדר. אַז ער האָט דערלאַנגט אַ פּאָר פּלעם אַן אַנדער ייִנגל, האָט גוטשיאַ נאָך דעם זעלבן טאָג געוואוסט דערפון און צוגעשטעלט אַ בענקל צום טאַטן. זי האָט געקאָנט דערקענען אויף מאַטעקס פּנים וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים אין חדר, האָט זי געזאָגט.

אָט אַזוי האָט זיך אַנגעזאַמלט ביי מאַטעקן אַ האָס צו גוטשיאַן און צוליב איר צו די אַנדערע שוועסטער און נאָכדעם — צו אַלע מיידלעך וואָס אויפן הויף און ער איז נישט געווען דער איינציקער. אַלע ייִנגלעך פון הויף האָבן זיך געוואָלט „אָפּרעכענען" מיט די מיידלעך.

די ערשטע זאַך האָט מען זיי גערופן צונעמעניש. „שוואַרץ, ווי אַ טינטער", „דאָס ווייך שטיקל וואַרע", „לאַנגער צאָפּ", „קורץ קליידל", „די מאַיטקעס". פון דעם איז מען אַריבער צו וואַרפן שטיינדלעך אויף זיי, ווען זיי זיינען געגאַנגען אין אָפּטריט אַריין. און ערשט דאַן איז מען זיי באַפאַלן, ווען זיי האָבן זיך געשפּילט אַליין און מען האָט געפּרוּווט אויפהויבן זייערע קליידלעך צו זען, צי זיי טראָגן מאַיטקעס.

האָט גוטשיאַ געשוואָרן זיך ביים האַרצן, אַז זי זאָל אַזוי לעבן און אַז „איך זאָל אַוועקפאַלן אויפן אָרט, אויב איך זאָג אַ ליגן", אַז זי האָט אַליין געזען ווי דער תכשיט מאַטעק איז צוגעלאָפן צו דער סטעפּאַנקע און איר אויפגעשאַרצט דאָס קליידל.

מאַטעק האָט זיך ניט געקאָנט פאַרענטפערן. ס'איז געווען אמת. לאַטשיאַ האָט עס דאָך אויך געזען. נו, אַלע ייִנגלעך פון הויז האָבן עס געטאָן. „זאָלן זיי זיך גיין שפּילן וואו ערגעץ אַנדערש. דער הויף באַלאַנגט צו אונדז. מיר ווילן נישט קיין מוידן אויפן הויף. זיי טאָרן ניט וויסן אונדזערע געשעפטן..."

— גי נאָר אַ קיק אויפן דזשעלנער גאון, זאָלסט אַזוי לעבן. דער טאַטעשי מיינט דאָך, ס'איז גאָט די נשמה שילדעק. גי־נאָר אַ קיק אויף זיין אימשיל־דיקן פּנימל. ס'קען דאָך קאַ פליג אויף דער וואַנט נישט אַנרירן, נאָר די מיידלעך קאָנען ניש גאָין ווי זאַי באַדאַרפן, צעליב אים . . .

אַזוי האָט גוטשיאַ אָפּגעחוזקט פון אים. קיין זאַך האָט אים ניט אַזוי געקרענקט, ווי ווען מען האָט אים גערופן „דזשעלנער גאון". נאָר דאַן האָט זיך סאָלטשע פאַר אים אָנגענומען. סאָלטשע איז געווען אַ גאָלד, אַ זייד.

קאַפּיטל אַכט

סאַלטשע

.1

טייבל האָט ניט איינמאָל איבערגערעדט מיט איר מאַן דעם ענין סאַלטשע. זי איז דאָך געווען אינגאַנצן אַ יאָר עלטער פון גוטשיאַן און דאָך איז זי געווען ווי פון אַ גאַנץ אַנדער טייג געקנאָטן. זי האָט פאַרלאָזט איר שטעטל קלעטשעוו צו צוועלף יאָר און געקומען נאָך לאָדזש אויף דער לער צו אַ הוטן־פוצערקע.

טאָג־איין, טאָג־אויס האָט מען געאַרבעט ביים זעלבן טיש, געגעסן צו־זאַמען, געשלאָפן אונטערן זעלבן דאַך און דאָך האָט טייבל סאַלטשען ניט געקאָנט באַנעמען. ניט וואָס סאַלטשע האָט עפּעס געהאַט אויסבאַהאַלטן פון איר, ניט וואָס סאַלטשע איז געווען פאַרשלאָסן אין זיך, נאָר, אדרבה, זי איז געווען די אָפנהאַרציקייט אַליין און דאָך האָט מען נישט געקאָנט אַריינבליקן אין איר און וויסן וואָס פאַר אַ מענטש זי איז.

קודם כל איז סאַלטשע געווען אַ מיידל מיט אַ לאַכעדיק פּנים. זי איז געווען גוט געבויט. צו 13 יאָר האָט זי אויסגעקוקט ווי 15. זי האָט שוין דאַן געהאַט דאָס אויסזען פון אַ פריילייך, ניט פון אַ קינד. אירע לאַנגע קאַשטאַן האָר האָט זי פאַרקאַמט אויף אַרונטער און אירע געזיכט־שטריכן האָבן געטראָגן סימנים פון דערוואַקסנקייט. די ברוינע אויגן אירע זיינען געווען גרויס און לענגלעך און עס האָט פון זיי אַרויסגעקוקט אַ פאַרשייטער שטיפער. די ווינקלען פון ברייטן מויל זיינען געווען אָנגעפילט מיט אַ זאָרג־לאָז געלעכטערל. דאָס גאַנצע פּנים — די זון אין פרימאָרגן.

ווען דער אָנקל גוסטאַוו האָט זי דערזען, האָט ער דער מאַמען געזאָגט, אַז אָט דאָס „מעידשען וועט פאַנגען מענער גאָר פרי, היט זיך פאַר איר“. ער האָט זי זעלטן געזען, נאָר זיך נאָכגעפרעגט אויף איר. „וואָס מאַכט עפּעס סאַלטשע ? די יונגען לויפן איר שוין נאָך ?“

די פרויען, וואָס זיינען אַריינגעקומען אָנפּאַסן היט, אָדער פאַרריכטן אַלטע היט, האָבן מקנא געווען סאַלטשעס פרישע, ראָזעווע פּנים. די פרויען זיינען מערסטנס געווען עלטערע און אָפּגעלעבטע. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן

לאַכן, ווען סאַלטשע האָט זיך צעלאַכט און דאָס האָט פּאַסירט אָן אויפהער, מחמת סאַלטשעס קול האָט געקלונגען, ווי זי וואָלט שטאַרק הנאה געהאַט פון יעדן קונה. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן איר געדולד און ווי יונג זי איז געווען, האָט זי פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף צושמייכלען און קעכלען די אַלטע פּרויען, וואָס האָבן געמיינט, אַז נאָך אַ פּאָר פרילינג־בלומען אין זייער הוט וועט זיי מאַכן אויסקוקן ייִנגער, אָדער זיי וועלן דורכדעם פּטור ווערן פון אַ פּאָר קראַנקהייטן, פון וועלכע זיי האָבן געליטן.

סאַלטשעס קול איז געווען גאָלע געלעכטער. אפילו ווען זי האָט גע־וויינט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז זי מאַכט זיך אַזוי. געווען צייטן, ווען טייבל איז געוואָרן אויף איר רעכט אין כעס. טייבל איז געווען פאַרקלאָגט, פאַרצאָגט. אין הויז האָט געהערשט אַ חושך, אַ תשעה־באב, אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרטרויערטע, פאַרזויערטע, נאָר סאַלטשעס קול האָט גע־לאַכט, כאָטש נעמט זיך אָן פאַר די הענט און גייט אַ טענצל.

— סאַלטשע, סאַלטשע, זאָלסט מיר געזונט און שטאַרק זיין, וואָס איז אויף דיר אַזוי די שמחה? — האָט טייבל זיך געבייזערט אויף איר, — מלכה איז קראַנק, אַז נאָר דער ליבער גאָט זאָל זיך אויף איר מרחם זיין, מאָטעק דרייט זיך אַרום מיט אַ באַנדע קינדער־אויסוואורפן, וואָס וועלן פון אים, טפו זאָל עס ווערן, נאָך מאַכן אַ קעשענע־גנב! כ'האָב שוין דריי טעג ניט געזען קיין לייזונג — און די לאַכסט און פרייסט זיך און קוועלסט. דאַרפסט זיך שעמען, סאַלטשע־לעבן, אַזוי וואָר ווי איך לעב!

טייבל האָט זיך אַזוי דערלויבט צו רעדן צו סאַלטשען דערפאַר, וואָס מען האָט זיך צו איר אַזוי צוגעוואוינט אין הויז, אַז מען האָט זי געהאַלטן פאַר אַ בת־בית. ווען מען האָט געדאַרפט וויינען, האָט סאַלטשע מיט־געוויינט; ווען מען האָט געדאַרפט זיך אָנפלאָגן, האָט סאַלטשע זיך גענוג אָנגעפלאָגט, בלויז דערפאַר ווייל זי האָט זיך גענומען צום האַרצן פון די צרות פון הויז, — נאָר איר קול האָט זי נישט געקאָנט בייטן; איר פרישע פּנים האָט ניט געקאָנט אָננעמען קיין זויערע מינע; אירע שטיפערישע אויגן האָבן זיך ניט געקאָנט פאַרלעשן. זי האָט וועגן זיי אַליין אַמאָל געזאָגט צו טייבלען: „איך קאָן די קנויט נישט פאַרדרייען" און זיך הילכיק צעלאַכט.

יאָ, סאַלטשע איז געווען דער איינציקער מענטש אין סאַרנעס הויז וואָס האָט געקאָנט שטאַרק לאַכן. אפילו גוטשיא האָט ניט געהאַט קיין העלפט ברען אין זיך, וואָס סאַלטשע האָט געהאַט. ווען סאַלטשע האָט גערעדט שטיל, האָט מען געקאָנט הערן אין אַלע צימערן.

מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן רייפער, רונדיקער און פריילעכער. ווען טייבל האָט גערעדט צום מאַן וועגן איר, האָט ליפּע געווייגלעך געשוויגן. ער

האָט אויף סאַלטשען ניט איינמאָל אַ קוק געטאָן פון דער זייט און ער האָט גלייך דערזען, אַז דער יצר הרע אין איר איז גרויס. זי קאָן פאַרשרפענען בלויז מיט איר קול, מיט אירע גרויסע, תאווהדיקע אויגן און „ס׳איז״ נאָך אַזוי יונג, אַזוי פריש פון אייעלע, נאָר שוין נקבהדיק . . .

טייבלען האָט ער זיינע מחשבות נישט איבערגעגעבן.

וועגן וואָס האָט טייבל גערעדט מיט ליפען אין באַצוג צו סאַלטשען?

טייבל האָט געזאָגט צו אים, אַזוי צו זאָגן:

— די מויד איז געבויט פון אייזן. כוח האָט עס פאַר דריי. עסן עסט עס פאַר צוויי, אַרבעטן אַרבעט עס ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. זי איז געטריי, איבערגעגעבן, אַ ברכה זי צו האָבן ביי דער אַרבעט, נאָר עפּעס איז זי אַנדערש ווי אונדזערס אַ קינד. פאַרוואָס לאַכט זי שטענדיק? איז דאָס אַזאַ קרענק ביי איר? טוט איר קיינמאָל קיין זאַך ניט וויי, ווי אַנדערע מענטשן? נאָר עס זינגט און שפּרינגט און איז שטענדיק אויפגעלייגט. האָט זי גאָר קיין האַרץ ניט, וואָס זאָל איר געבן אַ טיאָך פאַר עפּעס? האָסט געזען, ווי זי האָט לעצטנס געוויינט? איך בין זיך משער, אַז ס׳האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן, ווען זי האָט געהערט, אַז די מומע לאַהטשע איז געשטאָרבן און זי האָט געהערט די יללה ביי אונדז אין שטוב, — נאָר איך איר געוויין האָט עפּעס געלאַכט, ווי עס וואָלט איר עמיצער געשטויסן צו לאַכן, ווי דער נאָר וואָלט איר געשטויסן צום כאַ־כאַ־כאַ . . . דו ווייסט, ליפּע, אַז ווען זי רעדט אַמאָל וועגן איר היים אין קלעטשעוו, וועגן אירע עלטערן, וועגן אירע ברידער, נאָר וועגן זיי רעדט זי נישט — דאַכט זיך מיר אויס, אַז באַלד, באַלד וועט זי זיך צעכליפּען, נאָר מיטאַמאָל גיט זי זיך אַ גלייך־אויס, אירע זגראַבנע שולטערן ברייטערן זיך אויס און זי פּאַרציט אַ פריילעך לידל און ס׳איז ווידער אַמאָל די פריערדיקע סאַלטשע. און ס׳גאַנצע מענטש איז קוים פערצן יאָר אַלט. גוטשיאַ זאָגט מיר, אַז סאַלטשע גייט אַרום מיט אַ פּאָר יונגען. דאָס מיינט נישט, אַז זי איז, חלילה, אַן אויסגעלאַסענע — איך וואָלט זי איבער דער שוועל ניט אַרויפגעלאָזט — נאָר די יונגען ווערן פאַרצאַפּלט פון איר אַנבליק און אין אָוונט, ווען זי גייט שפּאַצירן, וואַרטן זיי זי אָפּ און זי גייט מיט זיי אין קאַלטע גאָרטן.

און אַן אַנדערש מאָל:

— ליפּע, דו ווייסט וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? די מויד לייענט מיר עפּעס צופיל די קליינע ביכלעך, די יידישע. גוטשיא, זאָל לעבן, לייענט דאָך אויך. נאָר גוטשיאַ לייענט אָפּענע זאַכן, פּאָלנישע מעשה־ביכער וועגן קאַראַלעווענעס און פּאַנעס. נאָר סאַלטשע לייענט מיר עפּעס פאַרשטעלטע סחורה. די זשאַרגאָנישע בלעטלעך, אָן טעוועלעך. כ׳האָב מורא, אַז די יונגען שטעקן

זי אָן מיט טרייפענע ביכלעך. דער „בונד" מוז האָבן אַ האַנט אין דעם. וואָס קען מען טאָן? זי היט זיך אויס פאַר מיר, אַזוי זאָלן מיר האָבן גוטס אויף דער וועלט, ווי סאָלטשע היט זיך אויס פאַר מיר. „וואָס נעמסטע דיר די אויגן אַרויס, די ליכטיקע?", האָב איך איר געפרעגט. „ס'איז גורנישט, פאַני טייבל", האָט זי מיר געענטפערט און זיך אַריינגעלייגט די בלעטלעך אין בוזעם . . . מער פעלט אונדז נישט, אַז מיר זאָלן האָבן איינע פון „יענע" אין הויז . . . מילא, גוטשיא וועט זיך פון איר נישט אָננעמען. גוטשיא איז אַ בר־דעת. איר קאָפּ איז צופיל פאַרנומען פאַר די פוסטע געדאַנקען. נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה מיט מאָטעקן! דער יונגאַטש דאַרף נישט מער. אין הויף האָט ער דעם לאָבוס לייבטשע. יענער רייצט אים אָן, אַז ער זאָל נישט פאָלגן קיינעם. סאָלטשע וועט אַזאַ זאַך נישט טאָן, נאָר אַז מאָטעק וועט דערטאַפּן אַ ביכל, וועט ער זיך צוכאַפּן צו דעם ווי צו עפּעס רעכטס. און דאָס וועט נישט טויגן. ליפּע, דו ווייסט, אַז מאָטעק טרייבערט מיר די אָדערן, אַז מען זאָל אים לערנען פּאָלניש און רוסיש און דייטש. דיר וועט ער נישט וואַגן צו זאָגן עפּעס, נאָר מיך לאָזט ער נישט רוען. „מאַמעשי, איך וויל קענען לייענען די שילדן; מאַמעשי, פאַרוואָס זאָלן די מיידלעך קענען לייענען פּאָלניש און רוסיש און דייטש און איך זאָל אַרומגיין ווי אַ שטומע לעלע און קוקן אויף די אַפּישן ווי אַ שלעפּע באָבע?" אַזוי זאָגט ער און דאָס הערצל קלאַפּט אים פון אויפרעגונג".

.2

אויב סאָלטשע האָט אַ גאַנצן טאָג געזונגען און געלאַכט ביי דער אַרבעט, האָט זי דערפאַר ביינאַכט געוועדט שטיל אין בעט מיט גוטשיאַן.ביידע זיינען געשלאָפן אין איין בעט, אין דער הינטערשטער טייל פון דער קראָם. די טייל איז געווען אָפּגעצאָמט מיט צווי ברייטע שאַפעס, וואו עס זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלטע היט. זייער בעט איז געשטאַנען לעבן דער וואַנט. נאָר לעבן דער שאַפע איז געשטאַנען מאָטעקס „הסב־בעט", אַזוי האָט געהייסן מאָטעקס צעבראָכענער געלעגער, וואָס האָט מיט דער צייט באַקומען נאָך נעמען. וואָס ערגער עס איז געוואָרן צו שלאָפן אויף אים און וואָס מער דער טאַטע האָט אים געפּרוואווט אויסגלייכן, אַלץ־מער האָט מען זיך געוויצלט אויף דעם חשבון פון בעט. מאָטעק האָט זיך באַקלאָגט, נאָר ער אַליין האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אַ מאַן און נישט קיין מיידל און עס אַרט אים נישט, אויב דאָס בעט איז האַרט און צעפּאַרן.

— אַ בעט איז דאָס? ס'איז יעקב אבינוס געלעגער; ס'איז יצחקס עקדה; אַ פּאַזנאַנסקי מעג שלאָפן אויף דעם, — אַזוי האָט מאָטעק זיך גע־

וויצלט און אַלע אין הויז האָבן געלאַכט. נאָר דער טאַטע האָט זיך געגלעט די ברייטע באָרד און גערעדט ווייך צו מאָטעקן. דאָס וואָס מאָטעק האָט געוואָלט. ווען דער טאַטע האָט ניט געמוסרט און ניט באַשולדיקט אים אין אַלץ אין דער וועלט, האָט מאָטעק אים געוואָלדיק ליב געהאַט. ווען דער טאַטע האָט גערעדט שטיל צו אים, האָט עס אים אָנגעהויבן קיצלען אין אַלע אברים.

— וועסט זען, קינד מיינס, זון מיינער, אַז ס׳וועט נאָך זיין גוט. אם ירצה השם, צו דיין בן מצוה, וועל איך דיר קויפן אַן אמתדיק בעט, וועסט לאַכן פון זיי (פון די שוועסטער), וועסט ליגן ווי אַ כראבריע, וועסט קאָנען מאַכן קאָזשעלקעס אין בעט און קיינער וועט דיר ניט שטערן.

סאָלטשע האָט טאַקע גערעדט שטיל אין בעט, נאָר מאָטעק האָט געוואָלט וויסן וואָס זי זאָגט. ער האָט בלויז אויפגעכאַפּט איינציקע ווערטער. איינמאָל האָט ער געהערט ווי זי האָט געזאָגט צו גוטשיאַן:

— מיינסט, אַז מאָטעק שלאָפט? מיינסט, אַז ער הערט וואָס איך רעד? ער קאָן נאָך אַמאָל דערציילן דער מאַמעשין, אַז כ׳רעד וועגן יינגלעך . . . מאָטעק, דו שלאָפסט? ער איז אויף, נאָר ער מאַכט זיך, דער ממזר, אַז ער כראָפּעט. מען קען שוין דיינע שטיק, מאָטעק. מאָטעק, אָט קום איך אַריין צו דיר אין בעט, מאָטעק.

ווען מאָטעק האָט דערהערט די רייד, איז ער געוואָרן אַ פּאַרציטערטער, ער האָט אויסגעשריען:

— אויב דו וועסט אַריינקריכן צו מיר אין בעט, וועל איך רופן דעם טאַטעשי, איך זאָל אַזוי לעבן.

סאָלטשע האָט זיך דאַן אַזוי צעלאַכט און מיט איר גוטשיא, אַז דער טאַטע האָט אַריינגעשריען פון צימער, דורך דער פאַרמאַכטער טיר:

— משוגע, צי חסר דעה? וואָס איז דאָרט די גדולה אויף אייך? איר וועט נאָך אויפוועקן מאָטעקן.

פון זיינע רייד האָבן די מוידן נאָך מער געלאַכט. זיי האָבן אַריבערגע־צויגן די קאָלדרע איבער די קעפּ און אַריינגעכיכיקעט אין איר. מאָטעק האָט ניט פאַרשטאַנען: פון וואָס האָבן זיי זיך אַזוי צעלאַכט? ער האָט זיך אָנגערופן:

— ס׳איז נישטאָ פון וואָס צו לאַכן. סאָלטשע האָט ניט געמיינט, וואָס זי האָט געזאָגט. זי האָט בלויז געשפּאַסט. שטענדיק שפּאַסט זי, סאָלטשע, אפילו אין בעט, נישט אמת, סאָלטשע?

— אמת ויציב, דער טאַטע איז אַ קצב, ס׳האָט שוין געברענט, מען האָט שוין געלאָשן, מען פאָרט שוין צוריק אַהיים, — האָט סאָלטשע געזאָגט צו מאָטעקן,

ווייסנדיק אַז ער האָט ליב צו הערן ווי זי זינגט אויס ווי די פּאָזשאַרנע קאָ־מאַנדע פאָרט אַהיים פון אַ שׂרפה — און איצט, מאַטעק, לאָמיר שלאָפן און מער נישט קיין פּיפּס פון קיינעם, אַנישט פאָר איך צוריק קיין קלעטשעוו . . .

סאַלטשע האָט געבענקט נאָך איר שטעטל, נאָך איר היים, נאָר זי האָט זעלטן גערעדט דערוועגן. טייבל האָט פון איר קיינמאָל ניט געקאָנט אַרויס־קריגן אַלץ וואָס עס וואָלט זיך וועלן איר וויסן וועגן סאַלטשעס עלטערן. וואָס זי האָט יאָ אויסגעפונען איז געווען, אַז זי שטאַמט פון גרויס אָרעמקייט, אַז אין דער היים פלעגט זי עסן פּעניצלעך מיט ציבעלע איינגעריבן, אָנ־שטאָט פרישע ברויט און זעמל מיט פּוטער. פון וואַנען ס'האָט זיך צו סאַל־טשען גענומען אַזאַ געזונטער גוף ווי אייזן, און פאַרוואָס זי וואַקסט ווי אַן אָסאָבע, ווי איינע וואָס וואָלט זיך געפלעגט אויף סמעטענע און הייוון — האָט טייבל ניט געקאָנט פאַרשטיין.

ווען סאַלטשע האָט אַמאָל, זייער זעלטן, דערציילט וועגן אירע פינצטערע קינדער־יאָרן אין קלעטשעוו, פלעגט טייבל דערפילן ווי עס וואָלט איר דורכ־געגאַנגען אַ סקרוך איבערן לייב פון ניט־גוטסקייט. טאָ ווי קומט צו סאַל־טשען אַזאַ געשמאַק געלעכטער, אַזאַ שטיפערישע נאַטור, אַזאַ שיקסעדיקע זאָרגלאָזיקייט?

נאָך אַ זאַך האָט טייבלען געחידושט. זי האָט זיך געריכט, אַז אויף די יום־טובים וועט סאַלטשע אויסדריקן אַ פאַרלאַנג, אַ באַגער צו פאָרן זען אירע אייגענע. טייבל איז געווען גרייט זי אָפּצולאָזן אויף אַ פּאָר וואָכן. ס'וואָלט געוואָרן גראַמער אין הויז און ס'איז טאַקע אַ רחמנות אויף סאַלטשען אויך. נאָר סאַלטשע האָט געזאָגט, אַז זי האָט קיין חשק ניט אַהיימצופאָרן. עס דערוואַרט איר דאָרט נישט קיין נחת און קיין פרייד. וויינען קאָן זי אין לאָדזש אויך.

אין הויז האָט מען גערעדט יידיש און פויליש און דייטש. גוטשיא האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ אויף זיך. זי האָט אָנגעהויבן גיין אין שקאָלע, נאָר מען האָט זיך געגעוויטיקט אין איר אין הויז, האָט זי מער די שקאָלע נישט באַזוכט, נאָר פון זיך אַליין האָט זי זיך געלערנט. דער חשק איז געווען גרויס און דאָס האָט איר געהאָלפן. ווען לאָטשיא האָט אָנגעהויבן גיין אין שקאָלע מיט דער הילף פון אָנקל גוסטאַוווס געלט, האָט גוטשיא יעדן טאָג נאָכגעפאָלגט וואָס די יינגערע שוועסטער האָט זיך געלערנט און גוטשיאַ האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. קיין יידיש האָבן ביידע מיידלעך זיך נישט געלערנט, פויליש און דייטש איז געווען זייער אומגאַנג־שפּראַך. אין דער קראָם האָט גוטשיא מיט דער מאַמען גערעדט אָדער פויליש אָדער דייטש, עס האָט זיך געווענדט אין דעם קונה. ווען לאָטשיא האָט זיך אָנגעהויבן לערנען רוסיש, האָט

גוטשיאַ ניט געהאַט קיין גרויסן חשק איבערצונעמען דעם לימוד פון איר. רוסיש איז געװען פאַרבונדן מיט פּאַניע גנב. רוסיש האָט געמיינט — אַ רעװיראָװע, אַ סטראַזשניק, אַ פּריסטאַװ, און אַן אָביסק, אַ פּראָטאָקאָל, אַ דיעלע. פאַר רוסיש האָט מען זיך געשראָקן, װי פאַר די קאָזאַקן װאָס זיינען געקומען פון טיף־ראָסעי. אויסערדעם האָט דער טאַטע דערציילט, אַז זיין פאָטער האָט זיך אַלס יונגערמאַן באַטייליקט אין מיאַטעזש פון 1863. ער איז געװען אַ פּוילישער פּאַטריאָט. װען דער רוס האָט געהייסן איבערמאַכן די נעמען, אַז זיי זאָלן קלינגען רוסיש, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. געהייסן האָט ער סאַרנע, נאָר מען האָט אים געצװאונגען צו בייטן דעם נאָמען אויף סאַרנאָװסקי. ער האָט זיך געלאָזט מאַכן אַ שטעמפּל, װאָס מען האָט אָנגעטריפּט ביי אַ חלבן ליכטל און דער שטעמפּל איז געװען — סאַרנע, נישט סאַרנאָװסקי און דעם שטעמפּל האָט ער גענוצט אויף יעדן אָפּענעם קאַרטל, װאָס ער האָט געשיקט צו די קינדער אין לאָדזש. גוטשיא האָט געװאוסט, אַז מיט דעם נאָמען סאַרנע האָט דער טאַטע שטאָלצירט, דערפאַר װאָס דער זיידע האָט געװאָלט װייזן, אַז ער פייפט אויף פּאַניע גנב.

די ביכלעך און בלעטלעך, װאָס סאַלטשע האָט געלייענט זיינען אַלע געװען אין יידיש, מחמת פּויליש, דייטש און רוסיש זיינען סאַלטשען געװען פרעמד. זי האָט זיך טאַקע געשעמט, װאָס זי קען נישט די שפּראַכן, הגם רעדן האָט זי גערעדט אויף פּויליש און דייטש גאַנץ נישקשהדיק. דאָס װאָס גוטשיא האָט איבערגענומען פון איר ייִנגערער שװעסטער לאָטשיא, דאָס האָט זי אין די אָװנטן געפּרואװט איבערגעבן סאַלטשען. און אַמאָל װען זי האָט נישט געהאַט װאָס צו טאָן און לאָטשיא איז געװען אין הויז, האָט זי לאָטשיאַן אַריינגענומען אין קראָם און געבעטן, אַז זי זאָל מיטברענגען אירע ביכער און סאַלטשיא האָט זיך פון דער קליינער געלערנט. דערפאַר האָט זי איר יעדע װאָך געגעבן אַ פּאָר קאָפּיקעס.

מאָטעק האָט געװאוסט דערפון און ער האָט די שװעסטער שטאַרק מקנא געװען. ערשטנס, האָט אים געצויגן צו סאַלטשען, צו זיין לעבן איר, זי לערנען װי זיין שװעסטער טוט. צװייטנס, האָט ער טאַקע געװאָלט פאַרדינען די פּאָר קאָפּיקעס. דריטנס, האָט מאָטעק געװאָלט קענען לייענען, שרייבן און רעדן פּויליש, דייטש און איבערהויפּט רוסיש. אין חדר האָט מען אים די אַלע זאַכן ניט געלערנט. דער חדר איז געװען אַן איבעריקע זאַך. אַזוי האָט מאָטעק באַשלאָסן. דאָס װאָס דער טאַטע לערנט אים יעדן שבת, איז ביי אים געבליבן. דאָס װאָס ער האָט געלערנט אין חדר, איז אים אין איין אויער אַריין, אין צװייטן אַרויס. ער האָט אָפן געזאָגט דער מאַמען, אַז ער װיל מער נישט גיין אין חדר.

— זאָל נאָר דער טאַטע נישט הערן וואָס דו פּלאַפּלסט. מער וועט דיר ניט פעלן. פאַרמאַך ס'מויל און וויש זיך אָפּ די ליפּן מיט אַ ריינעם האַנטוך, — האָט די מאַמע מאַטעקן געדראָט מיטן גראָבן פינגער.

די בלעטלעך וואָס סאַלטשע האָט געליייענט און געהאַלטן ביי זיך און מען האָט זיי ניט געקענט אין ערגעץ געפינען אין שטוב, האָט מאַטעקן זייער פאַראינטריגירט. דורך זיי האָט ער געוואָלט זיך דערגעענטערן צו סאַלטשען. זי האָט ליב געהאַט, ווי אַלע פרויען, צו גלעטן זיינע געקרייזלטע, פייערדיקע האָר נאָר דאָס האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן. זי האָט ליב געהאַט צו שטיפן מיט אים, ווי ער וואָלט געווען אַ פּיצל קינד. דאָס האָט מאַטעקן פאַרדראָסן. ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ גרויסן. ער האָט שוין ניט געוואָלט גיין אין חדר. ער האָט זיך שוין געחברט מיט לייבטשען און קינדער פון לייבטשעס כיתה. מיט סאַלטשען האָט ער געוואָלט רעדן, ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן.

— וואָס האָט סאַלטשע פאַראַ ביכלעך? זאָל מיך סאַלטשע לאָזן זען די ביכלעך. איך וועל זיי איבערלייענען, וועט קיינער וועט ניט זען און איר דאָס אָפּגעבן, אַזוי זאָלן מיר אַלע דערלעבן צו זען משיחן, — האָט מאַטעק זיך געבעטן ביי איר, וועט קיינער האָט ניט געהערט.

סאַלטשע האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגן, וואָס זיינען נאָך איצט געוואָרן גרעסער, נאָר ניט פריילעכער.

— פון וואַנען ווייסטו, צי דו וועסט קענען לייענען די ביכלעך, מאַטעק? ווען דו וועסט מיך לאָזן דיך אַ קוש טאָן, וועל איך דיר איבעראַיאַר מיטוואָך געבן אַ פּאָר ביכלעך.

— סאַלטשע איז אַ מרשעת, אַ יוקס שביוקס. זי איז אַזוי ווי אַלע מיידלעך, אַבי איך האָב געמיינט, אַז זי איז אַנדערש.

— אַי, דו נאַרישער יונגאַטש. איך וואָלט דיך אויפגעגעסן מיט דיינע בלאָטיקע שטיוועלעך אינאיינעם. מאַטעק, האַניק־לעקעכל מיינער, איך בין אַ יוקס? איך וועל זיך באַלד צעוויינען. שוין פּאַק איך מיך איין און געפין מיר אַן אַנדער פּלאַץ צום אַרבעטן . . . בו־ו־ו . . . — האָט סאַלטשע געמאַכט ווי זי וויינט.

מאַטעק האָט געוואוסט, אַז זי שפּאַסט, נאָר עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ.

— סאַלטשע, זיי זיינען ניט קיין שלעכטס, נאָר אַז אַ מענטש בעט אינען צו ווייזן אַ זשאַרגאָניש ביכל, דאַרפט עץ ווייזן.

מאַטעק האָט זיך אויסגעלערנט איין זאַך: צושטיין, ניט אָפּטרעטן און — אויספירן. ער האָט אויסגעפירט. סאַלטשע האָט אים געוויזן אירע זשאַר־

גאַנישע בלעטער. דאָס ערשטע בלעטל, וואָס זי האָט אים געוויזן, האָט זי געהאַט אַרויסגענומען פון איר בוזים. מאָטעק איז רויט געוואָרן, ווען ער האָט דאָס דערזען. דאָס בלעטל איז נאָך געווען וואַרעם. ער האָט עס אַריינ־געגומען אין אָפּטריט און דאָרט געלייענט. ער האָט געוואוסט, אַז קיינער טאָר ניט וויסן, אַז ער לייענט די זשאַרגאָנישע זאַכן. איבערהויפּט טאָרן טאַטע־מאַמע ניט וויסן. דער יידיש אין דעם בלעטל איז געווען אַביסל אַנדערש ווי דער יידיש פון טייטש־חומש, וואָס די מאַמע האָט געלייענט און אַנדערש ווי דער יידיש־טייטש אין די סידורים און מחזורים. נאָר מאָטעק האָט זיך שנעל צוגעוואוינט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָס בלעטל האָט געמיינט.

איין זאַך האָט ער שוין געוואוסט, מאָטעק, אַז דאָס בלעטל איז געווען אַ פּראָקלאַמאַציע קעגן צאַר. מען האָט דאָרט געשריבן קעגן דער מלחמה וואָס רוסלאַנד האָט געפירט מיט יאַפּאַניע. די פּראָקלאַמאַציע האָט זיך גע־ענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס זיינען מאָטעקן געבליבן אין זכרון, מחמת עס איז אים אויסגעקומען צו הערן די ווערטער אָפט אין גאַס:

„נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! עס לעבע דער אַלגעמיינער פרידן צווישן אַלע פעלקער. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד“.

ווייזט אויס, אַז סאַלטשע האָט זיך אַביסל דערשראָקן פאַר איר טאַט. זי האָט זיך געבעטן ביי מאָטעקן: „ווי גאָט איז דיר ליב, דערצייל נישט קיינעם וואָס איך האָב דיר געגעבן לייענען“. און זי האָט זיך בכלל אויסגע־היט, אַז מאָטעק זאָל מיט איר רעדן דערוועגן.

נאָר מאָטעק האָט דעם סוד ניט געקאָנט האַלטן. ער האָט געשוואָרן לייבטשען, אַז צווישן זייביידן וועלן קיין סודות נישט זיין. לייבטשען האָט ער יאָ דערציילט, אַז ער האָט געלייענט אַ פּראָקלאַמאַציע. לייבטשע האָט אים געדריקט די האַנט דערפאַר.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מאָטעק איז דערגאַנגען, וואו סאַלטשע האַלט אירע ביכלעך. אייגמאָל, ווען קיינער איז ניט געווען אין קראָם, אַ שבת ביי טאָג ווען דער טאַטע איז געשלאָפן, האָט מאָטעק געזוכט אין סאַלטשעס בעט, אונטערן שעניק, און דאָרט האָט ער געפונען עטלעכע בלעט־לעך און אַ פּאָר ביכלעך אָן טעוועלעך. ער האָט אַרויסגענומען איין ביכל. ער האָט געהאָפט, אַז עס וועט זיין אַ מעשה ביכל, נאָר ער האָט עס ניט פאַרשטאַנען און אַביסל מורא געהאַט האָט ער אויך, האָט ער עס באַלד צוריק אַריינגעלייגט. נאָר ער האָט זיך געפילט ווי אַ זיגער. ער האָט אַנטדעקט אַ געהיימניש. בלויז לייבטשע מעג דערפון וויסן.

קאַפּיטל ניין

קוימענס און רינשטאָקן

.1

עס איז געווען אין אַ שמחת־תורה פאַרמיטאָג, נאָכן דאַווענען. מאַטעק איז געגאַנגען מיטן פאָטער אויף אַ גלעזל וויין מיט לעקעך צו אַ יידן אַ נגיד פון בית מדרש. ס'איז שוין געווען היבשלעך קאַלט און דער טאַטע האָט געהאַט אויפגעשטעלט דעם קאַלנער פון זיין יום־טובדיקן פּאַלטן. מאַטעק האָט געהאַלטן די הענט פאַררוקט אין די טיפע קעשענעס. אויף דעם טראָ־טואַר זיינען געווען זייער ווינציק מענטשן. מיטאַמאָל איז פון ערגעץ אַ ראָג גאַס אַנגעריטן אַ קאַלמיק און גלייך אַרויף מיטן צעיושעטן פערד אויפן טראָ־טואַר און נאָך איידער ליפע האָט געקאָנט אומקוקן זיך און אַ כאַפּ טאָן מאַטעקן אונטערן מאַנטל, האָט דער קאַלמיק זיך געגעבן אַ בויג און מיט אַ נאַגייקע דערלאַנגט ליפען איבערן קאָפּ. ליפע האָט געטראָגן אַ טוכן היטעלע. די נאַגייקע האָט דאָס היטל אַראָפּגעוואָרפן. ליפע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און באַלד פאַרן אויער. דער קאַלמיק איז שוין ניט געווען. דער טאַטע האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן מאַטעקן און ער איז מיט אים אַריין אין אַן אָפענעם טויער. די גאַס איז געווען אינגאַנצן לער. פונווייטנס האָבן זיך געהערט די פּאַדקאָוועס פון קאָזאַצקע פערד. זיי זיינען געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. עס איז מיטאַמאָל געוואָרן אינגאַנצן שטיל. דער פאָטער האָט געוויינט פון ווייטאָג: „אוי ווי איז מיר, ווינד איז מיר, מיין אויער!"

ליפע האָט אָנגענומען מאַטעקן פאַר דער האַנט. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זיך געהאַלטן פאַרן אויער. די האַנט איז געווען פאַרשמירט מיט בלוט. זיין שוואַרצע באָרד איז פאַרקלעפּט געוואָרן מיט פאַרטריקנט טונקל רויט בלוט. צום נגיד איז געווען ניט ווייט.

ווען ליפע האָט געעפנט די טיר האָט מען פון אינעווייניק דערהערט אַ פריילעכקייט, אַ יום־טובדיק געזאַנג. עס האָט געשמעקט מיט וויין און צו־בייסנס. נאָר ווען דער עולם יידן האָט דערזען ליפען אַ צעבלוטיקטן, איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע.

— אוי, ווי, אָפּגעריסן אים אַ שטיק אויער! פּאַניע גנב! קאָזאָקן,

רוצחים! אַזוינס זאָל טרעפן אין שמחת תורה און מיט אַזאַ ערלעכן יידן ווי ליפּע סאָרנע!

בעת מען האָט דעם פאָטער צוגעלייגט קאַלט וואַסער און נאָך זאַכן צום אויער און צום קאָפּ, האָט מען מאַטעקן אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט קיכלעך, מיט זויערע צוקערקעס און ניס. מען האָט אים אויך געגעבן צו טרינקען אַביסל מעד, מיט אַ שטיקל לעקעך צו פאַרבייסן. אין דער סאָלע, וואו די יידן זיינען געווען פאַרזאַמלט, האָבן זיך געפונען נאָך ייִנגלעך און מאַטעק האָט זיך ערשט געוואָלט דערוואַרעמען, — האָט דער טאַטע אים אָנגענומען פאַר דער האַנט, און ווינטשנדיק אַלעמען אַ פריילעכן יום־טוב, איז ער מיטן זון אַהיימגעלאָפן.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן אויף דער גאַס, ליפּע, נאָר מענטשן זיינען זיך געגאַנגען גאַנץ געמיטלעך. קיין קאָזאַקן האָט מען אין ערגעץ ניט געזען.

— טאַטעשי, פאַרוואָס האָט מען דעם טאַטעשי געשלאָגן?

— קינד מיינס, ביי אונדז אין שטעטל האָט מען פון קיין קאָזאַקן און קאַלמיקן ניט געוואוסט. דאָס איז לאָדזש מיט אירע פאַבריקן, מיט אירע קוימענס, מיט די צאַרישע פּאָזשאַנדקעס. ס'איז אַ געפאַר אין גאַס אַרויס־צוגיין. ימח שמם וזכרם!

אין דער היים איז געוואָרן אַ יללה.

אָפּגעהאַקט דעם טאַטעשין אַ שטיק אויער! פון דער העלער הויט איז ער אָנגעריטן, דער יון! מען דאַרף גומל בענטשן, וואָס מען האָט אַזוי אָפּ־געשניטן. ס'האָט געקאָנט בלייבן מיט אַ צעלעכערטן קאָפּ. אַ דאַנק דעם אויבערשטן דערפאַר. „גם זו לטובה״.

נאָר מאַטעק איז אַרומגעגאַנגען אַן אויפגעקאָכטער. „דאָלאָי סאַמאָדער־זשאַוויע!״, האָט ער אויסגעשריען די ווערטער, וואָס ער האָט געהערט יעדן טאָג אין גאַס.

— בייס זיך אָפּ די צונג! — האָט גוטשיא זיך געבייזערט אויף אים.

— מעגסט עס נאָכאַמאָל זאָגן, מאַטעק, — האָט אַן ערנסטע געזאָגט סאַלטשע.

גוטשיא האָט אויף איר אַ קוק געטאָן פּילדייטיק.

— דאָס בלוט פון אומשולדיקע מענטשן וועט ניט פאַרגעסן ווערן, — האָט סאַלטשע מיט אַ ציטערדיק קול אויסגערופן. און זי האָט צוגעגעבן, זיך ווענדנדיק צו מאַטעקן: — זאָלסט געדענקען, וואָס די מאַשעניקעס האָבן גע־טאָן צו דיין אָרעמען טאַטן, מאַטעק.

אין יענער וואָך איז מען ביי מאַטעקן אין הויז געווען שטאַרק אויפגע־

בראַכט אויפֿן צאַר און אויף זיינע „ווילדע הינט", וואָס וואַרפֿן אָן אַן אימה אויף לאָדזש.

ווען דער אָנקל גוסטאַוו און דער אָנקל מענדל זיינען אַריינגעקומען אין הויז און די מאַמע האָט זיי דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן טאַטן, האָט דער אָנקל גוסטאַוו זיך אָנגערופֿן:

— אין אַלץ, וויסן זי, זיינען שולדיק זיי, די ציציליסטן, די אחדות, דער בונד, די פּ. פּ. ס. און די ס. ד. . . . זיי, מיט זייערע סכאָדקעס, מיט זייערע בירזשעס, מיט דער רויטער פֿאָן — זיי ווילן אָראָפּוואַרפֿן דעם צאַר, — זיי געפֿעלט ניט ניקאָלאַי, זיי, מיט די שפּאַציר־שטעקעלעך ווילן זיך פּאַרמעסטן קעגן די קאָלמיקעס מיט די שטיקעס, קעגן די סאָלדאַטן מיט די ביקסן און פּולעמיאָטן . . . גיב זיי נאָר איבער די פֿאַבריקן, ניט אַנדערש. זיי מאַכן אַ חורבן. זאָלן זיי זיך ניט מישן אין דער מלוכה, וועט מען צונעמען פֿון דאַנען די קאָזאַקן און זיי צוריקשיקן אין טיף ראַסיי. די טורמעס זיינען דאָך שוין פֿול מיט די ווילע יונגען.

נאָך זיינע רייד איז געווען שטיל. קיינער האָט אים ניט דערווידערט. נאָר מאַטעקן האָט עס געברענט אינעווייניק. ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפֿרייען פֿון בילד, ווי דער קאָלמיק איז אַרויפֿגעפֿאָרן אויפֿן טראָטואַר אַ ווילדער און ווי ער האָט דעם פֿאָטער דערלאַנגט מיט דער נאַגייקע איבערן קאָפּ. ווען דער אָנקל גוסטאַוו איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר האָט מאַטעק אויסגעשריען הויך: „דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע!" אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

2.

דינט מאַטעק איז געווען אין לאָדזש האָט ער אינגאַנצן אָנגעוואָרן זיין שטעטלדיקייט. אויב ער האָט אַמאָל געבענקט נאָך דעם גרינעם מאַרק, נאָך די פּויערטעס, מיט די גרינצייגן, נאָך דעם טייך וואַרטאַ, — האָבן די טעג־לעכע געשעענישן אין לאָדזש פֿאַרווישט זיינע טרוימען. לאָדזש איז אַריין אין זיין יונג בלוט און כאָטש זיין היים האָט אים געפּרוּווט אויסהיטן פֿון דעם אויפֿברויז, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון דער גאַס, האָט אָבער מאַטעק געפֿיבערט מיט אַלע חושים און אינסטינקטיוו דערפֿילט, אַז ער באַלאַנגט צום דרויסן.

די שוואַרצע געשוואָלענע רויכן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פֿון די הויכע ציגלענע קוימענס, האָבן מאַטעקן אָנגעזאָגט, אַז עס רוישט, עס רודערט זיך אין די פֿאַבריקן, דאַמף־פֿאַבריקן, מעכאַנישע וועב־שטולן, טעקסטיל־מייסטערס, קאָמי־וואָיאַזשאָר, געזעלן, לוין־קעטניקעס, פֿאַבריקאַנטן, ליוועראַנטן, משרתים,

קאָנטראַקטאָר, גאָרן, שערער, שטרומפּן־מאַכער — אַט־די און ענלעכע ווערטער זייַנען פֿאַר מאַטעקן געווען אינגאַנצן ניי און אין יעדן וואָרט איז געלעגן אַ רייץ. ס'האָט אים געדורשט אויסצוגעפֿינען, צו דערגיין זייער באַדייט. פֿון פֿאָטער האָט ער גאָרניט געקאָנט אַרויסקריגן. די מאַמע האָט אויך ניט געוואוסט. גוטשיא האָט אַליין געוואָלט וויסן. די איינציקע, וואָס האָט אים אַלץ געוואָלט דערציילן, איז געווען סאַלטשע, נאָר זי האָט זיך געשראָקן. זי האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט איר באַשולדיקן, אַז זי „שטעקט אָן" דעם מאַטעקן. געזען האָט זי, אַז מאַטעק וועט שוין אין טאַטנס און אין דער מאַמעס וועגן נישט גיין. ער איז געווען צו וואַך, אַט דער קלענער מאַטעק, אַז דעם פֿאָטערס בית־מדרש, אָדער דער חדר זאָלן האָבן אויף אים וועלכע ס'איז ווירקונג. פֿאַרשטאַנען האָט זי, סאַלטשע, מיט איר געזונטן חוש, אַז עס וועט פֿאָרקומען אַ טראַגעדיע אין הויז, ווען מאַטעק וועט אַביסל אונטער־וואַקסן און אַרונטערוואַרפֿן פֿון זיך דעם שלייער, אין וועלכן מען וויל דאָס קינד איינהילן. ניין, מאַטעק וועט שוין קיין פֿרומער בחור ניט זיין. און ווען ס'וועט קומען צום איבערברוך אין הויז, וואָלט זי, סאַלטשע, ניט וועלן זיין די אורזאַך דערפֿון.

און דאָך האָט זי זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און זי האָט זיך אָפּגערופֿן אויף מאַטעקס פֿראַגעס און זי האָט אים צוגעגעבן מוט שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „קליינעם בונד". סאַלטשע האָט געפּרוּווט ווירקן אויף גוטשיאַן, ביינאַכט, ווען זיי זיינען געלעגן אין איין בעט. נאָר גוטשיא האָט געציטערט ווי אַ בלאַט, ווען מען האָט מיט איר גערעדט וועגן דעם, וואָס אַ סטרייק איז און וועגן דעם, וואָס עס שטייט פֿאַר אין לאָדזש און אין איבערן לאַנד. גוטשיא האָט מורא געהאַט פֿאַר גאָט און וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געזאָגט, אין דעם האָט זי געגלויבט. אַנדערש איז געווען מיט מאַטעקן. די עלטערן האָבן ניט געקאָנט באַגרייפֿן פֿון וואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ געוואַגטקייט און אַזאַ גלויבן אין דער גאַס און אין די „אחדות" און פֿאַרוואָס פֿאַרלירט ער דעם גלויבן און צוטרוי צום חדר, צום בית־מדרש און אפֿילו צום אָנקל גוסטאַוו, פֿאַר וועלכן ער פֿלעגט האָבן אַזאַ גרויסן אָפּשיי.

יאָ, די הויכע קוימענס מיט זייערע שוואַרצע און כמאַרנע רויכן האָבן נישט בלויז אָנגעפֿילט די לאָדזשער לופֿט מיט אַ דושנעקייט און געדיכטקייט, נאָר זיי זיינען אויך אַריין אין די הערצער פֿון די קינדער. „לאָדזש איז פֿול מיט ברוד", האָט געזאָגט ליפּע. „מען דאַרף זיך די נאָז צוהאַלטן פֿון דעם ריח פֿון די רינשטאָקן", — האָט ער זיך געקלאָגט.

פֿאַרנאַכט, ווען די מאַסע האָט זיך אַרויסגעלאָזט פֿון די דאַמף־

פּאַבריקן, איז פון די רינשטאָקן געגאַנגען אַ פּאַרע, האָט זיך געהערט פון זיי אַן איבלדיקער ריח; זיינען זיי געווען אָנגעטרונקען מיט קאַלירטע, ברודנע וואַסערן, איז די לופט געווען ווי פאַרשוויצט פון דער פּראַצע פון שטאָט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט געווען אַ ריזיקער פאַר־שוואַרצטער לווין־אַרבעטער אין פאַריסטע קליידער, וואָס איז געווען דורכ־געזאַפּט פון שווייס און שטאָף־געררוכן.

אין לאָדזש האָט מאָטעק פאַר זיך געזען גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטשן ווי ער האָט געקענט אין שטעטל. דאָ איז מען געווען אָנגעצויגן, ניט פאַר־גענעצט; דאָ האָט מען זיך שטענדיק געריכט אויף עפּעס; דאָ האָט מען אַזוי אָפט געהערט אין גאַס דאָס וואָרט קאַמף, סכאָדקע, בירזשע, בונד, פּ. פּ. ס. און פּ. ס. ד. און מענטשן האָבן זיך כסדר געקאָכט; דאָ האָט מען פיינט געהאַט די פּאָליציי און דעם אוטשאַסטאָק און דעם אַלפאַנס און דעם סטרייק־ברעכער.

מאָטעק האָט געפילט, אַז דאָס איז זיין וועלט, דאָס דאַרף ער לערנען, און ניט דאָס וואָס דער רבי לערנט אים אין חדר. דער חדר האָט באַלאַנגט צו עפּעס אַ שטעטל, ניט צו לאָדזש. ווי קומט אַ חדר אין לאָדזש? ווען עס ברענט אונטער די פיס מיט סטרייק און אַכראַנקע און בונטאָווטשיקעס און פּראָקלאַמאַציעס און קאָנסטאַנטינער וואַלד . . . וואָס האָט דער חדר גע־לערנט וועגן דעם? גאָרנישט שבנישט. האָט מען מיטן רבין געקענט רעדן וועגן דעם, וואָס האָט זיך נעכטן אָפּגעטאָן אויף זיין גאַס, וואו די פּאָליציי האָט געשלאָגן אַרבעטער, אפילו יידן מיט בערד?

— שגץ איינער, ס'איז נישט דיין געשעפט, דו ראָצער דו! קוק אַריין אין אַ ספר, לערן די פּרשה פון דער וואָך, אָדער ווילסט פאַרזוכן אַ פּאָר לאָקשן? — אַט אַזוי האָט דער רבי געענטפערט אויף פראַגעס, וואָס אינ־טערעסירן מאָטעקן און זיינע חברים פון חדר.

און טאַקע אין זעלבן חדר האָט זיך שוין געפונען אַ ייִנגל, וואָס האָט יאָ געקאָנט ענטפערן אויף אַלע פראַגעס. ער האָט באַלאַנגט צום „קליינעם בונד". ער איז געווען אַנדערש פון אַלע ייִנגלעך. ער האָט זיך ניט גע־לאָזט שמייסן פון רבין. ער האָט ניט געוואָלט גיין אַ גאַנג פאַר דער רביצין. מאָטעק האָט זיך געוואָלט חברן מיט אים.

— זע נאָר דעם שמעלקע, דאָס מישט זיך שוין אין סטרייקס! אויך מיר אַ מענטש! — האָט פון דעם ייִנגל אָפּגעלאַכט דער רבי. נאָר די קינדער האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר דעם אויסגעדאַרטן ייִנגל.

ניט איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז גייענדיק פון חדר איז פּלוצים גע־וואָרן אַ געררודער אין גאַס. די סטרוזשעס האָבן פאַרמאַכט די טויערן. דער

עולם איז געלאָפן אין אַלע זייטן. עס האָט זיך דערהערט אַ פּייפן, אַ לויפן, אַ קלינגען פון שפּאָרעס . . . און פּאָליציי מיט שאַשקעס, צעווילדעוועטע קאָזאַקן אויף פערד און סישטשיקעס אין ציווילע קליידער האָבן געזוכט און גע־בישטערט און, ווי ראַצן, געניוכעט אין אַלע ווינקלען. מאָטעקן און ייִנגלעך ווי ער אין די שוואַרצע קאַפּאָטקעס, מיט געקרייזלטע פּיאות און מיט ייִדישע היטעלעך האָט מען ניט געטשעפּעט.

ווען מאָטעק האָט זיך אָנגעשלאָסן אין „קליינעם בונד“ און צוזאַמען מיט לייבטשען פון זיין הויף געגאַנגען אויף שליחותן, האָט ער אין זיין גרוי־סער גמרא, וואָס ער האָט געטראָגן אונטערן אָרעם, געהאַט פאַרבאַהאַלטן פּראָקלאַמאַציעס. דער פּאָליציי האָט ניט געקאָנט איינפאַלן, אַז אָט די פרומע ייִנגלעך זאָלן דינען דער רעוואָלוציע. זיי האָט מען ניט באַזוכט. האָט טאַקע פּאַסירט, אַז מען האָט אָפּגעשלאָסן אַ טראָטואַר און אַלעמען באַזוכט, נאָר די ייִנגלעך מיט די שוואַרצע קאַפּאָטקעלעך און די שוואַרצע היטעלעך האָט מען געהייסן גיין.

.3

אין דער היים האָט בלויז סאַלטשע געוואוסט, אַז מאָטעק באַלאַנגט צום „קליינעם בונד“. מאָטעק אַליין האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז יאַדוויגאַ ווייס אויך דערפון, נאָר זי האָט געמאַכט אַ שוויַיג. סיי ער און סיי סאַלטשע זיינען געווען זיכער, אַז יאַדוויגאַ איז סימפּאַטיש געניגט צו דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג, כאָטש זי איז געגאַנגען אין קאָשטשאָל און אין טאַקע געווען אַ פרומע.

שפּעטער־צו ווען די צייט איז געוואָרן הייס, האָט יאַדוויגאַ ניט איינ־מאָל געהאָלפן קעמפער זיך באַהאַלטן אין הויף. זי האָט געגעבן דער פּאָליציי פאַלשע אינפאָרמאַציע און אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט ניט איין בחור פון פאַרשיקט ווערן.

ווען טייבל האָט שוין אויך זיכער געוואוסט, אַז סאַלטשע איז „אָנגע־שטעקט“, האָט זי זיך באַטראַכט, אַז ס'איז שוין צו שפּעט עפּעס צו טאָן. דאַן האָט דער בראַנד פון אויפשטאַנד און אויפברויז געהאַט אַרומגעכאַפּט די אַרבעטנדיקע, די סטודענטן און בכלל מענטשן פון ערלעכן סאָרט. צווישן זיי זיינען געווען ייִדן מיט בערד, יונגעלייט, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון די פיינסטע היימען, חסידישע טעכטער מיט לאַנגע צעפּ. ס'איז געווען ווי אַ וואַלד־פייער, וואָס מען האָט ניט געקאָנט וויסן, וואו עס וועט זיך אָנכאַפּן און וואו עס וועט זיך פאַרשפּרייטן.

ליפּע האָט פאַרשטאַנען, אַז מאָטעק איז „פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער

מעשה". ער האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיין בן־יחיד איז אַנגע־שלאָסן אין אַ באַוועגונג אַראָפּצואוואַרפן דעם צאַר און אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט פּראָקלאַמאַציעס אין זיינע קעשענעס און אין דער גמרא, — נאָר אַז מען האַקט האָלץ פליען שפּענער, דאָס איז געווען קלאָר. ווייל עס איז דאָך נישט פאַרביי דער טאָג, אַז מען זאָל נישט מאַכן אַן אָביסק אויף דער דזשעלנע גאַס. ניט ווייט פון זיין הויז האָט זיך געפונען בירנבוימס פאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט בלויז קריסטן, הגם דער באַלעבאָס איז געווען אַ ייד און נאָך אַ פרומער ייד דערצו, און לעבן דער פאַבריק זיינען אָפט פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן די אַרבעטער און דער פּאָליציי. ניט איינמאָל האָט די פּאָליציי געוואָלט עמיצן אַרעסטירן און די אַרבעטער האָבן זיך איינגעשטעלט און ניט דערלאָזט און אַרויסגעראַטעוועט זייער חבר פון די פּאָליצייאישע לאַפּעס.

ליפּע האָט אין געהיים געגעבן די אַרבעטער גערעכט. זיין שכל הישר האָט אים אויסגעטראָגן, אַז אַראָפּוואַרפן דעם קייסער טאָר מען טאַקע נישט, נאָר די אַרבעטער זיינען דאָך גערעכט, וואָס זיי פאָדערן אַ בעסערן לוין־טאָג און קירצערע שטונדן. אפילו אין דער הייליקער תורה שטייט אויך געשריבן, אַז דו זאָלסט יענעם ניט פאַרשקלאַפן און ניט באַרויבן פון זיין לוין. ווייס ער דאָך, ליפּע, אַז אַ סך פרומע באַלעבאַטים, מ׳שטיינס געזאָגט, באַהאַנדלען זייערע אַרבעטער ניט ריכטיק, שוין אָפּגערעדט פון די יידישע באַלעבאַטים, וואָס שטעלן ניט אָן קיין יידישע באַלמעלאָכעס.

נאָר גיי טענה זיך אויס מיט גוסטאַוון וועגן דעם. גוסטאַוו ברענט אַ וועלט אויף די סטרייקערס און אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ער פרייט זיך, ווען ער זעט ווי מען פירט זיי געשמידט אין קייטן איבער די גאַסן, אַזוי זאָגט ער. ניט איין פירמע האָט באַנקראָטירט צוליב די וואוילע יונגען פון דער בירזשע. וואָס מער מיליטער עס וועט זיין אין לאָדזש, וואָס שנעלער וועט מען פּטור ווערן פון דעם פּעבל, — האָט גוסטאַוו זיך געקאָכט.

שווייגט ליפּע, ווען גוסטאַוו צערעדט זיך וועגן די „ציציליסטן". און טייבל וויל זיך אויך ניט מישן. זי ווייס, אַז סאָלטשע איז איינע פון זיי. און קיין שענערע נשמה ווי סאָלטשע איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ. זי בעט גאָט, אַז מען זאָל סאָלטשען אַמאָל ניט כאַפּן און זי פאַרשיקן נאָך סיביר. זי האָט שוין מיט סאָלטשען גערעדט אָפּן דערוועגן. און סאָלטשע האָט איר געגעבן אַ הייליק וואָרט, אַז זי וועט קיינמאָל ניט אַריינברענגען קיין טרייפענע סחורה צו איר אין הויז אַריין. וואָס זי טוט אין אָוונט, ווען זי גייט שפּאַ־צירן, דאָס איז איר זאַך, נאָר אין הויז פירט זי זיך אויף ווי אַ סטאַטעק. אויך האָט טייבל מיט איר אויסגערעדט, אַז זי זאָל די קינדער לאָזן צורו מיט

די „ווילדע" געדאַנקען. געגנג וואָס מאַטעק חברט זיך אין הויף מיט לייבטשען.

גראַד איז טייבל דאַן געווען אין אַנדערע אומשטענדן. זי האָט געבעטן גאָט, אַז ס'זאָל איר געשענקט ווערן אַ זכר, צו דערפרייען ליפּעס האַרץ. נאָר ס'איז געבאָרן געוואָרן נאָך אַ מיידל. מען האָט זי אַ נאָמען געגעבן אַנדזשיא. טייבל האָט זיך די אויגן אויסגעוויינט. זי האָט געקוקט אַ פּאַרשולדיקטע אויף ליפּען און ליפּע האָט זיך געגלעט די ברייטע באָרד און זיך געמאַכט האַרץ, אַז עס אַרט אים ניט.

און גראַד האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט, אַז אַנדזשיא איז געוואָרן ליפּעס ליבלינג. געוואוסט האָט ער, אַז מער וועט טייבל קיין קינדער שוין ניט האָבן. ליפּע האָט זיך צום עופּעלע צוגעבונדן מער ווי צו אַלע פיר קינדער. טייבל האָט זיך געוואונדערט און זיך געפרייט, וואָס ער האָט דאָס פּיצעלע אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. ווען אַנדזשיא איז אויסגעוואָקסן, איז זי געווען איינגאַנצן געראָטן אין פאָטער, די איינציקע פון אַלע קינדער.

עס איז געקומען אַ צייט, ווען מען האָט שוין ניט געקאָנט די אויגן פאַרמאַכן און ניט זען וואָס עס קומט פאָר אַרום זיך. אי ליפּע, אי טייבל האָבן געציטערט יעדן טאָג, אַז מען זאָל ניט מאַכן קיין איבערפאַל אויף זייער הויז און צונעמען סאַלטשען, אָדער אפילו זיך טשעפּען צו ליפּען. אַזעלכע זאַכן האָבן דאַן זיך פאַרלאָפן. קיינער איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן. די פּאָליציי איז באַפאַלן אין מיטן נאַכט. דאָס האָט שפּעטער אויך פּאַסירט ניט איינמאָל מיט ליפּעס הויז.

איין זאַך האָבן ליפּע און טייבל פאַרשטאַנען: די בעסטע, די ערלעכסטע זיינען אויף דער זייט פון די סטרייקערס. ווער איז קעגן די אַרבעטער? די שיכורע פּאָליציי, די מערדערישע קאָזאַקן, די אונטערוועלט חברה, די אַלפאָנסן, די רייכסטע פאַבריקאַנטן, וואָס באָדן זיך אין גאָלד, נאָר די אַרבעטער וועלן זיי ניט געבן נאָך אַ רובל הוספה. נאָר מען דאַרף האַלטן ס'מויל פאַרמאַכט און מיט קיין וואָרט ניט אַרויסזאָגן זיך. אומעטום זיינען דאָ שפּיקעס. די ווענט האָבן אויערן. עס האָט ליפּען געקרענקט, וואָס אַ סך פרומאַקעס האָבן געמאַכט יד אחת מיט דער פּאָליציי. פרומע יידן האָבן ניט געטאָרט זיין מיט די אַלפאָנסן, מיט די פּריסטאַווס. ס'איז ניט שיין. ניט ערלעך.

געוואוסט האָבן ליפּע און טייבל אויך, אַז אַ סך קריסטן געפינען זיך צווישן די סטרייקערס און די רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן דאָס אָפּט געזען מיט זייערע אויגן, ווי מען האָט מיטן עטאַפּ געפירט איבער די גאַסן פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, און די מערסטע פון זיי זיינען געווען קריסטן. פיינע איידעלע פּנימער פון אויסגעאַרבעטע וועבער און שטרימפּווערקער. ניט

איינמאָל איז אַ פּאָליאַק געווען צוגעשמידט צו אַ יידן מיט אַ שוואַרץ היטל און אַ לאַנגער קאַפּאָטע. „יעדנאָשטש" (איניקייט) קאָן מען ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט", האָט באַשלאָסן ליפּע.

די יידישע פּראָקלאַמאַציעס זיינען אַריינגעדרונגען אין דער חברה, וואו ליפּע האָט געדאַוונט. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און זיי בסוד געלייענט אין מקום קדוש, דאָרט האָט ער ניט מורא געהאַט זיי צו לייענען. ער האָט זיי טאַקע תיכף פאַרברענט.

פון די בלעטלעך איז ער דערגאַנגען די לעצטע נייעס אויף דער וועלט. ער האָט געזען, אַז מען קאָן זיך ריכטן אויף ערגערע צייטן. ער האָט געטראַכט, וואָס וועט ווערן פון מאָטעקן אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען ער וועט ווערן בר־מצווה און מען וועט שוין ניט קאָנען האָבן קיין שליטה איבער אים. ער האָט ניט געוואָלט זיך צוגעבן, אַז שוין איצט האָט ער איבערן יינגל קיין ווירקונג ניט געהאַט. ער האָט זיך נאָר געוואָלט איינרעדן, אַז דאָס וואָס ער לערנט מיט אים יעדן שבת, דאָס וועט אים פאַרהיטן פון ווערן איינער פון „יענע".

ליפּע האָט ניט געוואוסט, אַז מאָטעק האָט זיך שוין געהאַט באַטייליקט אין אַ פּאָר פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס און אַז סאַלטשע האָט געהאַלטן אַן אויג אויף אים ביי איין דעמאָנסטראַציע און זי האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם און מיט אים אַוועקגעלאָפן פון דער אַנקומענדיקער פּאָליציי, כדי אים צו פאַרהיטן פון קלעפּ.

אָט דער געפיל פון אחדות צווישן סאַלטשען און מאָטעקן האָט דערבראַכט דערצו, אַז מאָטעק האָט ממש געקושט סאַלטשעס טריט. זי האָט דאָס געזען. „דאָס יינגל איז פאַרליבט אין מיר", האָט זי געלאַכט, „ווען ער וואָלט געווען מיט אַ פינף יאָר עלטער פון מיר, וואָלט געוואָרן אַ פּאַסיקער שידוך". זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט מאָטעקן האַלטן פון זיך אַביסל אָפּגעשיידט. זי וועט מיט אים אויך ניט שפּאַסן מער, ווי זי האָט עס געטאָן ביז דאַן. ער ווערט צו ערנסט אין איר אָנוועזנקייט. ער איז נאָך פאָרט אַ קינד.

נאָר מאָטעק האָט זי געגעסן מיט זיינע אויגן. ער האָט ליב געהאַט אָנצוטאָפּן אירע קליידער, וואָס זיינען געהאַנגען אין דערזעלבער שאַפע, וואו זיינע מלבושים זיינען געהאַנגען. ער האָט ליב געהאַט איר אַריינצוטראָגן אַ הייסע גלאָז טיי אין קראָם, ווען עס איז געווען אַ געפערלעכער פראָסט, אַזוי ווי זיין פאָטער האָט דאָס געטאָן צו דער מאַמען.

די קראָם האָט אינגאַנצן קיין באַהייצונג ניט געהאַט. דער דיל איז דאָרט געווען אַ שטיינערנער. עס האָט געבלאָזן פון אים אַ שרעקלעכע קעלט. ביי־נאַכט, ווען מאָטעק, גוטשיא און סאַלטשע זיינען דאָרט געשלאָפן, זיינען זיי

געלעגן צוגעדעקט מיט בערג שמאַטעס. ווי קאַלט עס איז מאָטעקן געווען, האָט ער אָבער פאַרגעסן אין דעם, ווען ער האָט געהערט סאַלטשעס קול דערלעבן. איבערהויפּט, ווען זי האָט גערעדט צו אים. נאָר זי האָט דאָס איצט זעלטענער געטאָן. זי איז געווען מיד, אָדער זי פלעגט אַהיימקומען שפּעט און זיך גלייך לייגן. מאָטעק האָט אָבער ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן ביז סאַלטשע איז געקומען.

— ס'איז עפּעס קאַלט אין דרויסן, סאַלטשע?

— שלאָפסט נאָך ניט, מאָטעק? שאַ, שאַ, וועסט אויפוועקן ס'הויז. איך וויל ניט, אַז די מאַמע זאָל וויסן, אַז איך בין אַהיימגעקומען אַזוי שפּעט. אַ גוטע נאַכט, מאָטעק קרויז, זאָלסט חלומען פון סאַלטשען אַ זיסן חלום.

קאַפּיטל צען

דער סטרייק קעגן שבת אויבס

.1

מאָטעקס מומעס, העלטשא און לאה, דער מאַמעס שוועסטער, האָבן חתונה געהאַט פאַר וואויל־האָבנדיקע מענער. העלטשא האָט זיך באַזעצט אין טאָמאַשאָוו און לאה — אין לאָדזש. האָט מאָטעק צוגעקראָגן צוויי פעטערס. דער טאָמאַשאָווער פעטער פלעגט אָפט קומען נאָך לאָדזש און אַריינקומען צו מאָטעקן אין הויז אַריין און כאַפּן אַ שמועס מיטן טאַטן וועגן פּאָליטיקע. נאָר מאָטעקן און לאָטשאן און מלכהן האָט געאַרט, וואָס דער טאָמאַשאָווער פעטער ברענגט זיי גאָרניט.

— וואָס פאַר אַן אָנקל איז דאָס? — האָט געפרעגט לאָטשיא.

— דאָס איז ניט קיין אָנקל, דאָס איז אַ פּעטער, — האָט געענטפערט מאָטעק.

— אַ פּעטער און אַן אָנקל איז די זעלבע זאַך, — האָט אויפגעקלערט מלכה.

— זי הויבט ניט אָן וויסן פון איר לייב און לעבן, — האָט זי „אָפּגעוואַשן" מאָטעקן. — אַן אָנקל טראָגט דייטשע קליידער, אַ פעטער גייט אין אַ זשוביצע און האָט אַן אמתע באָרד, ניט קיין ציגן בערדל, — האָט אינפאָרמירט מאָטעק.

— ניין, — האָט זיך אַריינגעמישט לאָטשיא, — אַן אָנקל ברענגט עפּעס שטענדיק; אַ פעטער פאַרוויקלט אַ פּאַפּיראָס און גיט דיר אַ שנעל אין אויער און ברענגט דיר — אַ פייג.

דערפאַר אָבער ווען ס'איז געקומען פון טאָמאַשאָוו די מומע העלטשא איז געווען אַ שמחה ביי די קינדער. זי האָט פאַר יעדערן געבראַכט אי נאַשערייען, אי שפּילצייג. זי איז געקומען מיט פולע אָרעמס און מיט אַ פול האַרץ פון ליבע און וואַרעמקייט, אויסגעדורשט נאָך איר שוועסטערס קינדער. זי איז געווען די גוטסקייט אַליין. די קינדער האָבן געוואוסט, אַז ווען די מומע העלטשא איז אַוועקגעפאָרן, האָט די מאַמע זיך דערלויבט אויסצו־

געבן אַ רובל. ס'איז שטענדיק געוואָרן פרייליכער אין הויז, דערפאַר וואָס עס איז געווען פון אַלדעם גוטן. זי איז טאַקע אַוועקגעפאָרן, די מומע העלטשאַ, נאָר עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז נאָך דאָ. פאַר יעדן האָט זי אַ גוט וואָרט, אַ גלעט, אַ שמייכל, אַן אָפענעם טייסטער.

נאָר פונקט פאַרקערט פון איר איז געווען איר מאַן, דער טאָמאַשאָווער פעטער. געהייסן האָט ער אויך מענדל, נאָר אַזוי ווי אין לאָדזש איז שוין געווען אַן אָנקל מענדל, האָט מען דעם נייעם פעטער גערופן דער טאָמאַ־שאָווער פעטער. געקומען איז ער אַן אויסגעפוצטער, געפּראַוואָט אויסזען ווי דר. הערצל. ער האָט טאַקע געהאַט אויגן, וואָס זיינען געווען ענלעך צו דר. הערצלס. זיי האָבן אין אייך אַריינגעקוקט. און זיין באָרד, אַביסל קירצער פון דאָקטאָרס, איז אויך געווען זייער געפּילגעוועט. עס האָט זיך געדוכט שטענדיק, אַז דער טאָמאַשאָווער האָט ניט קיין אַנדער אַרבעט ווי צו פלעגן זיין באָרד. אַ צירלעך־מאַנירלעך יונגערמאַן איז ער געווען. אַן אויסגע־פּאַשעטער, מיט רויטע בעקלעך און ווייסע הענטלעך. מאָטעקן איז געפעלן געוואָרן וואָס דער פעטער איז געווען אַ קורצער, אַזוי אַז מאָטעק איז שוין געווען באַלד אַזוי הויך ווי ער. מאָטעק האָט ליב געהאַט צו שטיין לעבן פעטער און זיך פאַרמעסטן מיט אים זון אַמאָל זיך אונטערהויבן צו ווייזן, אַז ער איז שוין באַלד העכער.

ווען דער פעטער פלעגט אָנקומען פון טאָמאַשאָוו, האָט ער עפּעס גע־קייט. ניט קיין שטרוי, חלילה, נישט קיין באַניע־קערלעך, נאָר אמתע שאָ־קאָלאַדע, די גאָר האַרטע, עכטע דייטשע שאָקאָלאַדע. ער פלעגט עס האַלטן אין דער קעשענע און מיט דער האַנט אין קעשענע טאַקע אָפּברעכן אַ שטיק און אויף שנעל אַריינוואָרפן אין מויל. די קינדער האָבן דאָס געזען און זיי האָבן דערשמעקט דעם געשמאַקן ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיין האַנט, פון זיין מויל. נאָר קיינמאָל האָט ער די קינדער קיין ברעקל ניט געגעבן. בעטן אים האָט קיינער ניט געוואַגט. מען האָט געהאַט דרך־ארץ. פאַרדראָסן האָט עס אָבער שטאַרק.

— מאַמעשי, דער טאָמאַשאָווער פעטער נאַשט האַרטע שאָקאָלאַדע, עכטע סחורה, — האָט אָנגעהויבן מאָטעק.

— מאַמעשי, פאַרוואָס שטאָפּט דער טאָמאַשאָווער פעטער זיך אָן מיט שאָקאָלאַדע, ווען ער קומט צו אונדז צו פאָרן? — האָט געפרעגט לאָטשאַ.

— מאַמעשי, דער טאָמאַשאָווער פעטער האָט געמעגט אַמאָל אָפּברעכן אַ שטיק שאָקאָלאַדע פאַר אונדז אויך, — האָט אַרויסגעלאָזט די קאַץ פון זאַק די קליינע מלכה.

— קינדער, קינדער, ס'איז נישט שיין צו האָבן גרויסע אויגן, מען זאָל

זאָגן, אַז סאַרנעס קינדער זיינען זולל וסובאס, — האָט געמוסרט די מאַמע.
האָט זיך מיט דער צייט אויסגעאַרבעט אַ מעטאָדע, אַז דער טאָמאַ־שאָווער פעטער איז געקומען, האָבן אים די דריי קינדער אַרומגערינגלט און אים געשפּיזט מיט זייערע דורכדריגנדיקע בליקן. זיי האָבן געהאַלטן אַן אויג אויף זיין רעכטער האַנט, ווייל זי איז געווען שטאַרקער און מיט איר האָט ער געקאָנט גרינגער אָפּברעכן אַ שטיק שאָקאָלאַדע. ער האָט געזען, אַז מען היט אים, נאָר דער יצר הרע איז געווען גרויס און ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און שנעל־שנעל אַריינגעוואָרפן אין מויל אַ שטיק רייצנדיקע זיסקייט. די קינדער האָבן אַלע אַן עפּן געטאָן די מיילער און אַרונטערגעשלונגען די סלינע.
— נו, ס'איז לעבעדיק אין מאַנדזשוריע, ליפּע, — האָט דער פעטער אַ צופרידענער, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָנגעהויבן אַרויסווייזן זיין קענ־טעניש פאַרן טאַטן.
ליפּע האָט גוט געוואוסט וועגן דער שאָקאָלאַדע און עס האָט אים אויך פאַרדראָסן. ער האָט דאָס איבערגערעדט אַמאָל פאַר טייבלען.
— וועלכער שוואַרץ יאָר בעט אים, אַז ער זאָל גראָד אין אונדזער הויז נאַשן און צערייצן די קינדער. ווילסט זיך לאָזן וואוילגיין, טו עס אין דרויסן. עס איז נישט שיין, אַז אַ פאַרהייראַטער מאַן זאָל נאַשן ווי אַ קינד, — האָט ער געשפּאַסט.
געקומען איז ער נאָך לאַדזש איינקויפן וואַרע, דער פעטער. געקומען אַ צופרידענער מיט זיך און אַוועקגעפאָרן נאָך מער צופרידן.
— מ'עט מאַכן גוטע געשעפטן, ליפּע. כ'על אויסליידיקן די פּאַליצעס איינס און צוויי און ווידער קומען.
די טאָטע העלטשאַ פלעגט אָבער קומען צוליב משפּחה אָנגעלעגנהייטן און אויסצוגעבן געלט פאַרן הויז־געברויך. זי פלעגט זיך סודן מיט דער מאַמען און איר פּנים איז שטענדיק געווען מילד, בעת דער מאַמעס איז געווען אָנגעצויגן, פאַרטרויערט.
— גוט ווי די טאָנטע העלטשאַ, — האָט גוטשיאַ זי באַטיטולט.
— אַ נאַשער ווי דער טאָמאַשאָווער פעטער, — האָט מאָטעק זיך געוואָלט מיט איר פאַרגלייכן.

2.

די טאָנטע לאה האָט חתונה געהאַט אין לאַדזש פאַר אַ רייכן אייגנ־טימער פון קאמעניצעס. געהייסן האָט דער נייער פעטער — ניסן. ער איז אַי געווען אַן אָנקל, אַי אַ פעטער. אין שול האָט ער געטראָגן יידישע בגדים;

אויף פּיעטריקאָווער גאַס — האָט ער אויסגעקוקט ווי אַ ליטוואַק חזיר, און די פֿאַרדרייטע וואָנצעס האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ דייטשן היצל. ווען ער פֿלעגט, אַמאָל אין אַ יובל, אַריינקומען מיט דער טאַנטע לאה צו מאָטעקן אין שטוב אַריין, פֿלעגט ער אַרויסנעמען אַ רובל און דאָס דערלאַנגען דער מאַמען, אַז זי זאָל קויפֿן גוטע זאַכן פֿאַר די קינדער. ער פֿלעגט דעם רובל אַרויסנעמען מיט אַזאַ וואַרע, אַז דער טאַטע פֿלעגט שפּעטער זאָגן, אַז „ווען מיר וואָלטן געהאַט פּענצטער, וואָלטן מיר זיי באַדאַרפֿט עפֿענען.״

אויך פּעטער ניסן איז געווען זייער צופֿרידן מיט זיך. ער האָט די טאַנטע לאה שטאַרק ליב געהאַט. ער פֿלעגט האַלטן אין איין קוקן אויף איר, ווי ער וואָלט זי שוין לאַנג ניט געהאַט געזען, כאָטש ער פֿלעגט זי דאָך באַגלייטן אין שטוב אַריין. ער פֿלעגט איר אַריינקוקן אין מויל, שלינגען אירע רייד און צוגיין צו איר און פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, איר אַ קנייפּ טאָן אין דער גלאַטער באַק ווי סאַמעט.

די טאַנטע לאה איז טאַקע געווען די שענסטע פֿון אַלע שוועסטער. זי האָט געהאַט גרויסע בלויע אויגן און זי האָט געטראָגן אירע אייגענע האָר — אַזעלכע גאָלדענע, ווייכע האָר, פֿאַרקעמט אין אַ הויכער פֿריזור. די הויט איז ביי איר געווען אַ ראָזעווע, דורכזיכטיקע און די דינע ליפּן אירע זיינען געווען אַנדערש ווי ביי די איבעריקע שוועס(ט)ער. זיי זיינען געווען אַזעלכע צאַרטע, אומשולדיקע און נאָכגיביקע, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: מיר ווילן נאָר רעדן גוטס וועגן אַלעמען. זאָגט וואָס איר ווילט, וועלן מיר אייך נאָכגעבן.

אויב מען האָט אין הויז אַמאָל גערעדט וועגן דעם און יענעם, גערעדט אַביסל לשון הרע (דער טאַטע האָט געדראָט מיטן פֿינגער, אַז מען טאָר ניט, ס'איז אַן עבירה), איז אָבער מאָטעקן קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו הערן אַ הויך וואָרט קעגן לאהן. אויף איר איז קיין שטויבעלע קיינמאָל ניט געפֿאַלן.

די קאַלינסקיס האָבן איבערהויפּט שטאָלצירט מיט לאהן. זי איז געווען „אַן אָסאָבע, אַ קעניגלעכע פֿיגור . . . אַ הויך . . . אַ שטעל . . . אַ שיק . . .״ אַז זי איז געגאַנגען אויף דער גאַס, האָבן פֿרויען איר נאָכגעקוקט. די קליי-דער־מאַכער אירע זיינען געווען פֿון די סאַמע פֿיינסטע אין לאָדזש און זיי האָבן שטאָלצירט וואָס זיי האָבן זי פֿאַר אַ קליענט.

מאָטעק האָט תּמיד געהאַלטן זיינע קליינע אויערן אָנגעשפּיצט. ער האָט געוואָלט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס איז זיין מאַמע שטענדיק פֿאַרצאָגט, פֿאַרקלאָגט — און די טאַנטע לאה, וויפֿל מאָל ער האָט זי געזען, איז זי מלא חן, איר קול איז פֿריש, זינגענדיק, איר פּנים איז ווי אַ ליכטיקע זון, די גרויסע בלויע אויגן לאַכן און שטיפֿן און אַלץ אויף איר איז ווי עס וואָלט אינמיטן

וואָך געווען אַ גרויסער יום־טוב. אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק און זי רעדט ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו אַ חתונה, צו אַ ברית — פרייליך, לוס־טיק, דאָס מויל איז פול מיט געלעכטער. וועגן איר רעדט מען אין הויז, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב, מען באָדט זיך דאָרט אין גאָלד און מען טראָגט זי אויף די הענט. און פאַרוואָס טאַקע ניט? איר מאַן ניסן איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד, נאָר קיין בן תורה איז ער ניט, קיין איידעלער מענטש איז ער אויך ניט און אַזוי אויך ניט די גאַנצע גרויסע משפחה זיינע. און אַז ער האָט אַריינגעכאַפּט אַזאַ ליכטיק פּנים ווי לאה און אַזאַ גאָלדענע נשמה, דאַרף ער טאַקע גיין טאַנצן איבער אַלע גאַסן.

דער פעטער ניסן פילט זיך נישט גוט ביי מאַטעקן אין הויז. מאַטעק זעט עס. ער האַלט אין איין דערמאָנען די טאַנטע, אַז ס'איז שוין צייט אַהיים צו גיין, אַז ער האָט נאָך אַ סך געשעפטן צו באַזאָרגן. לאה הערט אים ווי דעם קאָטער און זי פרעגלט זיך פון פאַרגעניגן, וואָס זי קאָן פאַרברענגען מיט די קינדער. זי האָט אויסערגעוויינלעך ליב קינדער. זי זאָגט, אַז זי וועט האָבן אַזוי פיל קינדער וויפל איר מאַמע האָט געהאַט — נאָר אַלע וועלן ביי איר לעבן און זיין געזונט. אין לאָדזש איז ניט דאָס וואָס עס איז געווען אין שטעטל. דאָרט האָט מען געלאָזט אַ מענטשן אויסגיין ביז מען האָט גערופן אַ פעלדשער. דאָ זיינען דאָ גרויסע ספּעציאַליסטן און אַז מען דאַרף, גיט מען זיך אַ פאָר דורך נאָך ווין, אָדער מען ברענגט אַראָפּ דעם פּראָפעסאָר פון דאָרט.

אפשר דערפאַר וואָס מאַטעק אַנטלויפט נאָך אַלץ פון די קושערייען, יאָגט זיך די טאַנטע לאה נאָך אים. עס וועט איר ניט נמאס צו שפּילן זיך מיט דער קליינער אַנדזשיאַ און צו קאַמען מלכהס האָר און אויסצופּוצן לאָטשיאַן אין קרעלן און שלייפעלעך, נאָר איר הויפּט־פאַרגעניגן איז צו האָבן ליבן זיך מאַטעקן. ער ווייסט עס, ער פילט עס. ווען זי כאַפּט אים אַריין אין אירע וואַרעמע אָרעמס, דריקט זי אים צו צו זיך אַזוי שטאַרק, אַז עס פעלט אים אויס אָטעם. ער שרייט: „גוואַלד, מענטשן, זי דערשטיקט מיך". זי קנייפּט אים, זי רייסט פּאַסן פון אים, זי קושט אים די אויגן אויס.

דער פעטער ניסן קאָן דאָס אַלץ ניט פאַרליידן. ער איז, זאָגט מען, אַ גרויסער כעסן, נאָר פאַר דער ווייב זיינער ציטערט ער. מאַטעק האָט געהערט רעדן וועגן דעם אין הויז. מען האָט געמיינט, אַז ער הערט ניט. די מאַמע זיינע האָט דערציילט דער טאַנטע העלטשאַ פון טאָמאַשאָוו, אַז גלייך נאָך דער חתונה זיינען פאָרגעקומען סקאַנדאַלן מיט ניסנען. ער האָט לאהן ניט געלאָזט אַרויסגיין פון הויז. ער איז געווען אַ צאַר ניקאָלאַי, אַ סאַמאָדער־זשאַוועץ, נאָר ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ קאַלינסקאַ. איז זי טאַקע גוט און

זיס ווי אַ מלאך, נאָר טרעטן אַזאַ פרישע בלום קאָנען די הויכע שטיוול ניט. זי איז געווען גרייט זיך איינצופּאַקן און פאַרלאָזן זיינע קאָמעניצעס מיט אים אינאיינעם. זי האָט אַלץ דערציילט גוסטאַוון און ער האָט איר געהייסן ניט מאַכן קיין לייטישן געלעכטער. ער האָט צו זיך גערופן אין קאַצנעלאַריע אַריין ניסנען און מיט אים גערעדט קלאָרע דיבורים. פון דאַן אָן איז אַ לעבן צווישן זיי, ווי צוויי טייבעלעך, אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן.

אַלץ וואָס עס פעלט לאהן — איז אַ קינד. מאָטעק האָט גוט געזען, ווי די מאַמע זייגע קוקט אויף לאהס בויך, ווען זי קומט אין הויז אַריין. די מאַמע זאָגט, אַנווייזנדיק אויפן בויך: „נו?“ און לאה סודעט זיך מיט איר אַ לאַנגע צייט. וואָס און ווען קאָן מאָטעק ניט דערגיין, ווייל די מאַמע קאָן אויך האַלטן אַ סוד. אפילו דער טאַטע ווייסט ניט דערפון, אַניט וואָלט מאָטעק געהערט.

.3

טאָמער האָט מאָטעקן אויסגעפעלט פעטערס און מומעס, איז אים צוגעקומען נאָך אַ פעטער און נאָך אַ מומע. טאַקע ניט קיין אָנקל מיט אַ טאַנטע, נאָר אַ פעטער מיט אַ מומע. דאָס איז געווען דעם פאָטערס עלטערע שוועסטער פייגע, וואָס מאָטעק האָט זי נישט געהאַט געקענט פון שטעטל, מחמת זי האָט נאָך דער חתונה געוואוינט אין בענדין. און ווי אַ סך יידן פון די שטעטלעך האָט איר מאַן באַשלאָסן אויסצוואַנדערן און פאָרן נאָך לאָדזש. ער האָט אין בענדין זיך פאַרנומען מיט זאָקנמאַכעריי. אין לאָדזש האָט דער נייער פעטער, בעריש, זיך באַזעצט אויף דער ווסכאָדניע גאַס, וואו עס האָבן זיך געפונען די שטרימפּפן ווערקער און וואָס מען האָט זי גערופן די שטרימפּ־ווערקער גאַס און עס איז אים אַוועק גרויסאַרטיק און ער האָט זיך געעפנט אַ פאַבריקל און אין אַ יאָר אַרום האָט ער שוין געהאַט אַ גרעסערע פאַבריק.

אַזוי ווי זיי האָבן געוואוינט זייער ווייט פון דער דזשעלנע גאַס, האָט מען זיך זעלטן געזען, נאָר ווען גוטשיא האָט אַמאָל אין אַ שבת נאָכמיטאָג צוגעשפּאַצירט אַהין מיט מאָטעקן און זיי האָבן באַקומען זייער אַ גוטן שבת אויבס, האָט מען זיך שוין געמאַכט אַ געוואוינהייט צו גיין צו דער מומע פייגע נאָך שבת אויבס. אמת, מאָטעק האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך קאָנען אַרויסדרייען פון טאַטנס לערנען, נאָר איינס האָט נישט געהאַט צו טאָן מיטן אַנדערן. איז דער שבת ביי מאָטעקן געווען דער פאַרנומענסטער טאָג אין וואָך. אין דער פרי אין שול מיטן טאַטן, נאָכמיטאָג, ווען דער טאַטע האָט זיך צוגעלייגט, צו דער מומע פייגע און צוריקקומענדיק — צום פרק.

די מומע פייגע איז נישט געווען געראָטן אין אירע ברידער, האָבן גוטשיא

און מאַטעק איינגעשטימט (מאַטעק האָט זעלטן איינגעשטימט מיט דער שוועסטער). סיי דער זיידע, סיי דער פעטער נחום און דער טאַטע זיינען געווען וואַרעמע נשמות, באַרעדעוודיקע, מיט ליבשאַפט און אויך ביט־ליב־שאַפט אויסגעדריקט אָפן און ברייט. די מומע פייגע האָט געהאַלטן אירע גראָבע, בלוילעכע ליפּן פאַרשלאָסן אונטערן ריגל. זי האָט גערעדט נאָר דאַן, ווען זי האָט עפּעס געוואָלט אויסגעפינען פאַר זיך.

— ס׳מאַכט דער טאַטעשי? געלויבט איז דער אויבערשטער דערפאַר.

און ווייטער האָט זי געלאָזט גוטשיאַן און מאַטעקן רעדן. זי האָט בלויז געהערט און געשוויגן. דאָס גאַנצע הויז אירס האָט געשוויגן. דער פעטער בעריש פלעגט נאָך שלאָפן, ווען די קינדער זיינען געקומען. אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די חדרים, באַקוקט די געסט פון דער זייט און געשוויגן. עפּעס האָט ער אָנגעהויבן מורמלען, „זאָגן״, נאָר קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס. די מומע האָט געלאָזט וויסן די קינדער: — ער״ט באַלד אויפהערן „זאָגן״, וועל איך איינטיילן שבת אויבס.

אַזוי שווייגנדיק ווי דער פעטער און די מומע זיינען געווען, אַט אַזוי שווייגנדיק זיינען זייערע דריי קינדער געווען. די צוויי בחורים, אין די שוואַרצע קאַפּאָטעס מיט די שוואַרצע היטלעך און די געדרייטע פּאות, האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט די הענט אויף הינטן און אויך עפּעס „געזאָגט״, ווי זייער פאָטער. די פּנימער ביי זיי אויסגעצויגענע, מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע גאָרגלען, מיט פאַרגלאָצטע אויגן, זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אין אויסגעטראָ־גענע לאַטשן און דאָס גאַנצע הויז האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט עמיצער דאָ קראַנק געווען און מען דאַרף אַרומגיין אויף די שפּיץ־פינגער.

וואָס האָט געצויגן גוטשיאַן און מאַטעקן יעדן שבת אהער? דער שבת אויבס דאָ איז טאַקע געווען בעסער, ווי ביי זיך אין דער היים. די מומע פייגע האָט מכבד געווען מיט געטריקנטע שופטאַלן און באַרן און טייטלען, און טאַקע ניט געזשאַלעוועט אויך. נאָר דאָס איז ניט געווען די הויפּט סיבה, וואָס עס האָט די קינדער געצויגן צו לאָזן זיך אין ווייטן וועג. איז טאַקע דער לאַנגער מהלך געווען די אורזאַך דערפון. גוטשיא איז געווען אַזוי פאַר־שקלאַפט אַ גאַנצע וואָך, אַז דער לאַנגער שבתדיקער שפּאַציר איז פאַר איר געווען אַ דערפרישונג. אויסער דעם האָט זי זיך באַפריינדט מיט דער מומעס טאָכטער, הינדע, וואָס איז געווען מיט אַ יאָר דריי עלטער פון גוטשיאַן און ביידע מיידלעך זיינען אַרויסגעגאַנגען אין הויף און פאַרבראַכט צווישן זיך.

נאָר מאַטעק האָט ניט געהאַט מיט וועמען צו רעדן אין דער מומעס הויז. די יינגלעך דאָרט זיינען געווען אַ סך עלטער פון אים, און די הויפּט־זאַך, זיינען זיי געווען פאַרשמאַיעט און ווען מאַטעק האָט אַמאָל אָפּגעשטעלט

איינעם פון זיי, האָט יענער זיך פאַרקרימט, ווי מען וואָלט אים פּלוצים אויפגעוועקט פון אַ שווערן שלאָף.

מאַטעק האָט געטראַכט, אַז אים האָט געצויגן יעדן שבת צו גיין צו דער מומע צוליב דעם הויף אין וועלכן זי האָט געוואוינט. עס איז געווען אַ מאָדנער הויף. אַבּיסל האָט עס אים דערמאָנט אין קאַלינסקי הויף אין שטעטל. לאַנג איז ער געווען ווי דער גלות, און ער האָט געהאַט דעם אויסזען ניט פון איין הויף, נאָר פון צוויי באַזונדערע הייף (הויפן). פריער האָט מען געדאַרפט דורכגיין איין גרויסן הויף, וואָס האָט געהאַט פון בײדע זײטן הויכע ציגעלנע מויערן, וואַנט ביי וואַנט, וואו אַ פענצטער האָט זיך זעלטן געזען אַן אָפּנס. נאָכדעם איז מען ערשט אַריין אין צווייטן הויף, וואָס איז געווען גראַמער, ברייטער. מען איז דורכגעגאַנגען — שפּעטער צו פלעגט מאַטעק דורכלויפן — אַ פאַרמאַכטע בודע, וואו עס האָט זיך געפונען דער אָפּטריט, און ערשט דאַן האָט מען דערזען פאַר זיך אין מיטן הויף דעם פעטער בערישעס שטרימפּף־פאַבּריק, וואָס האָט געהאַט דאָס אויסזען פון אַ קאַזאַרמע. ביי דער זייט איז געשטאַנען דעם פעטערס וואוינונג אַן און פאַר זיך אַליין, אַט אַזוי אָפּגעשיידט, ווי דער פעטער און די מומע זיינען בײדע געווען.

ער האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס, נאָר אַט דער הויף, איבערהויפּט דער צווייטער הויף, וואו די פאַבּריק האָט זיך געפונען, איז מאַטעקן געווען געפעלן. דאָ זיינען שבת קיין מענטשן ניט געווען. מען האָט אין הויף קיין שאָרך ניט געהערט. און אַזוי ווי ביי דער מומען, האָט מען אויך ניט גערעדט; האָט מאַטעק געפילט ווי ער וואָלט געווען אויף אַ לאָנקע, הינטערן שטעטל.

.4

מיטאָמאָל האָט מאַטעק דערקלערט, אַז מער גייט ער נישט צום פעטער בעריש נאָך שבת אויבּס. וואָס איז געשען? גוטשיא האָט געזאָגט, אַז זי גייט יאָ, נאָר אַליין האָט זי ניט געוואָלט גיין און זי האָט צוגערעדט לאָטשיאַן, אַז זי זאָל מיטגיין. מאַטעק האָט אָבער געוואָרנט, אַז זי זאָל האַלטן מיט אים, אַניט וועט ער זיך מיט איר אָפּרעכענען . . .

וואָס איז געווען די מעשה?

ביים פעטער בעריש אין דער זאָקן־פאַבּריק האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק. געאַרבעט ביי אים האָבן נאָר קריסטלעכע פרויען, פּאָלאַטשקעס און דייטשקעס. קיין ייד האָט ביי אים ניט געקראָגן קיין באַשעפטיקונג. טאָקע דערפאַר וואָס ער האָט זיך געשראָקן, אַז אויב ער וועט באַשעפטיקן יידן, וועלן זיי קומען צום שכל און וועלן האָבן קירצערע שטונדן און אַ העכערונג אין לוין.

גיי ווייס, אַז מען וועט אויך די אַלטע פרויען אָרגאַניזירן און זיי וועלן אַלע ווי איינע אַרונטערגיין אין סטרייק!

געאַרבעט ביי אים האָט מען פון כעלות הבוקר ביז העט נאָך מעריב, ביי נאַפט־לאָמפּן. דער פרומער בעריש, וואָס אין הויז האָט ער געהאַלטן אין איין „זאָגן", איז געווען שווער ווי אַ קאַצאַפּ און ער האָט געהאַט אַ האַרץ פון אַ טאַטער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די שטרימפּפּן־ווערקער. עס האָט אים ניט געאַרט וואָס די פרויען האָבן זיך ביי אים די אויגן אַרויסגע־נומען און וואָס זיי זיינען אַהיימגעגאַנגען מיט אַזאַ קנאַפּן לוין, אַז זיי האָבן ניט געהאַט גענוג דאָס מאַגערע לייב צו באַקליידן.

דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, אפשר צוויי חדשים. פון וואַנען האָט זיך מאָטעק דערוואוסט דערפון? פון סאַלטשען. זי איז געווען די וואָס האָט דער מאַמען דערציילט. דער פעטער האָט געדונגען סטרייק־ברעכער, אַנגעשטעלט די בענקאַרטס, די אונטערוועלט חברה, וואָס האָבן געשלאָגן, געטריבן די סטרייקערס. דעם פעטערס נאָמען איז געוואָרן פאַר־שוואַרצט ביי „אחדות" און ביי די אַנדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס.

ווען מאָטעקס פאָטער האָט דערהערט דערפון — די מאַמע האָט אים דערציילט — האָט ער בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— יאָ, יאָ, דער פרומער בעריש... איך בין דאָך ניט גענוג פרום פאַר אים, ווייסטע, טייבל? אים שטייט דאָך ניט אָן צו באַזוכן אונדז, טאָמער וועט מען אים מכבד זיין מיט עפּעס און עס וועט ניט זיין גענוג כשר. יאָ, יאָ, דער שוואָגער בעריש דינט דעם עגל הזהב, ווי אַ סך פרומע יידן אין לאָדזש, בעונותנו הרבים...

ליפּע האָט מקנא געווען בערישן די ערשטע צייט — ניט זיין רייכטום, נאָר זיין קענען. בעריש איז געווען אַ חריף, אַ למדן. ליפּע האָט דאָס אויס־געפונען פון שמועסן מיט אים און זינט דאַן האָט ער פאַר אים געהאַט גרויס אָפּשיי. וועגן קיין אַנדער זאַך האָט ליפּע מיט בערישן קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו רעדן. נאָר ווען זיי פלעגן זיך אַמאָל באַגעגענען, האָט ליפּע געהאַט אָנגעגרייט פאַר בערישן שאלות, וואָס האָבן אים געעגבערט אין תוספות. בעריש איז געווען שאַרף ווי אַ בריטווע, ניט געדאַרפט אַ פּינטל טאָן מיט אַן אויג, גלייך געהאַט די תשובה גרייט.

נאָר זינט דעם סטרייק, האָט ליפּע באַדויערט זיין שוועסטער און פון דאַן אָן זיך איינגאַנצן אָפּגעפרעמדט פון שוואָגער בעריש. ליפּע האָט אויף אים געטראָגן אַזאַ האַרץ, אַז ער האָט אים מער ניט געזען. אויך בעריש האָט זיך געהאַלטן פון ווייטן פון דער גאַנצער משפחה.

ניט איינמאָל האָט ליפּע איבערגערעדט פאַר זיין ווייב, אַז „באַנוצן זיך

מיט דעם שווייס און מי פון אַלטע פּרויען, לעבן אויף זייער האָרעוואַניע, און דינגען אַלפאָנסן צו פּאַרטיידיקן זיך קעגן די שוואַכע, וואָס האָבן געוואָלט נאָך אַ פּאָר גראָשן אַ טאָג — איז אַ חלול השם, איז גזלה.״

מאַטעק האָט אויף זיין אופן דערקלערט זיין פּראָטעסט קעגן פעטער בעריש. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו דער מומען אויף שבת אויבס. ער האָט אַגיטירט די שוועסטער, אַז זיי זאָלן נישט גיין. גוטשיא האָט געזאָגט: „וואָס האָט איינס צו טאָן מיטן צווייטן?״ זי גייט זיך זען מיט הינדען. נאָר מאַטעק האָט איר געזאָגט, אַז ער וועט זי באַטראַכטן ווי אַ סטרייק־ברעכערין, אויב זי וועט גיין אַהין. גוטשיא האָט זיך פאַר דעם סטראַשונעק דערשראָקן, איבערהויפּט נאָך ווען סאָלטשע האָט איר אויך געהייסן נישט גיין.

דער סוף איז געווען, אַז מער זיינען די קינדער נישט געגאַנגען אויף דער סכאָדניע שבת נאָכמיטאָג.

אַז עס זיינען אַוועק אַ דריי חדשים און די קינדער זיינען נישט געקומען, האָט די מומע פייגע געשיקט איר טאָכטער הינדע צום פעטער ליפע אויסצו־געפינען, צי איז עמיצער חס ושלום נישט פאַרשלאָפן געוואָרן. מען האָט איר אין הויז געגעבן אַ גאַנץ קאַלטע אויפנאַמע און הינדע האָט מסתם דער־ציילט וועגן דעם אין דער היים און דאָס האָט געבראַכט די מומע פייגע צו איר ברודער ליפע אין הויז אַריין.

די מומע פייגע האָט געוויינט. עס איז נישט איר שולד, האָט זי געטענהט. קאָן זי גיין קעגן אייגענעם מאַן? ס׳איז די ביטערע פּרנסה.

נאָר צווישן איר און איר ברודער און זיינע קינדער איז מער קיין גוט לעבן קיינמאָל נישט געווען.

קאַפּיטל עלף

כמאַרעס איבער לאָדזש

.1

ליפּע, מאַטעקס פאָטער, איז געווען אַ מתנגד. אין יענער צייט האָט זיך אין זיינע פרומע קרייזן געררודערט וועגן די חסידים. צווישן ליפּעס שכנים און באַקאַנטע זיינען געווען אי גערער, אי אַלעקסאַנדער חסידים. צווישן די גערער און די אַלעקסאַנדער זיינען „אָנגעגאַנגען ווילדע שטיק", האָט ליפּע געזאָגט דער מאַמען. מען האָט זיך פּשוט געגעבן פּעטש, אָנגערעדט איינער אויפן אַנדערן, וואָס אין קאָרט, זיך געריסן ביז בלוט. טאַמער איז נאָך געווען ווינציק זיך צוצוהערן וועגן די מחלוקתן, האָט זיך אין ליפּעס הויף אַריינגע־קליבן אַן אַלעקסאַנדער „שטיבל". דאָס האָט ליפּען געגעבן די געלעגנהייט זיך צו דערנעענטערן צו די חסידים. עס פלעגט טרעפן, אַז אין אַ זאַווערוכע, ווען ליפּע האָט נישט געקאָנט גיין אין זיין „חברה" אַריין דאַוונען אַ מנחה, אָדער ווען עס איז געווען אַ געפאַר דורכצוגיין די גאַס, צוליב די שיסערייען צווישן אַרבעטער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס מיט דער פּאָליציי, איז ליפּע אַריינ־געגאַנגען אין „שטיבל" אָפּדאַוונען. און אָט אויף אַזאַ אופן האָט ער זיך דערוואוסט זאַכן וועגן די חסידים, וואָס האָבן אים אָנגעהויבן געפעלן ווערן.

ערשטנס, איז אים סתם געפעלן געוואָרן דער חסיד אַלס מענטש. עס האָט אים אימפּאָנירט דאָס פּשטות זייערס. חסידים זיינען געווען יידן האָרע־פּאַשנע. דאָס דאַוונען זייערס איז געווען אַן אָנשטעלן. יעדער ייד האָט זיך געקאָנט שטעלן צום עמוד. דאָס „שטיבל" איז געווען זיינס, נישט קיין גבאים, אָדער קיין מורה מורנוס. דאָן די חדוה זיינע ביים דאַוונען! דאָס מאַכן מיט די הענט, דאָס זינגען, דאָס אונטערטאַנצן, דאָס אַריינלייגן די גאַנצע נשמה אין דעם „אחד!"

צווייטנס, האָט אין חסיד דעם צווייטן מקרב געווען. עס איז געווען אחדות צווישן זיך. מען האָט איינעם דעם אַנדערן געליען אַ גמילות־חסד אָן דעם גאַנצן קלאָפּערגעצייג, בלויז אויפן „הן שלי". אַ חסיד איז בכלל געווען אַ וואַרעמער מענטש. ער האָט געהאַט בטחון. ער האָט נישט מורא

געהאַט און זיך נישט געדאגהט, זיך געוויצלט אויפן אייגענעם חשבון און הנאה געהאַט פון געדאַנק, אַז ער לעבט, אַז ער האַלט די אויגן אָפן.

דער אמת איז געווען, אַז ליפּע איז, זינט ער האָט געוואוינט אין לאָדזש, געווען היבש אַנטוישט מיט די פּיראַכצן פון אַ סך פרומע רייכע יידן און אויך מיטן לאָדזשער רב, וואָס האָט זיך שטענדיק אָנגענומען פאַר די באַ־לעבאַטים און האָט צופיל געפריינדלט זיך מיט „פּאָניע גנב".

ליפּע האָט טאַקע געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט מורד במלכות זיין, נאָר פאָדערן פון אַ באַלעבאָס, אַ שטיין־רייכן פאַבריקאַנט, אַ העכערונג אין לוין, — דאָס איז דער חוב פון יעדן באַלמעלאָכע, וואָס דאַרף מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער. זיצן ביים וועב־שטול ביי אַ פאַרקאָפּטשעט נאָפּט־לעמפּל, פון איז דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט, און קריגן די סוכאָטע, איז פּשוט אַן עבירה קעגן זיך און קעגן דער גאַנצע פאַמיליע. מען דאַרף אויסקעמפן אַ בעסערן מצב. מענטשן זיינען נישט קיין פּי. פּי אַז מען באַהאַנדלט זיי נישט גוט, מעקען זיי אויך. זיי וויינען, זיי באַקלאָגן זיך פאַרן האַר פון אַלע וועלטן. די שכינה טוט זיך אָפּ פון דעם מקום, וואו אַ מענטש פּייניקט דעם צווייטן — האָט ליפּע געטענהט.

האָט ער געמיינט אַז צווישן די חסידים איז בעסער. מען האַלט זיך פאַרן גאַרטל, דער זעלבער גאַרטל ביים אביון ווי ביים נגיד, דער זעלבער „גוטער רבי", דאָס זעלבע „שטיבל", נישטאָ קיין מזרח־שטול און קיין עני בפתח.

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און ליפּע האָט טייבלען דערציילט די מעשה מיט חיים יעקב ווישליצקין, דעם געררער חסיד. און ווישליצקי איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט פאַרשוואַרצט דעם אייגענעם יידישן נאָמען אין לאָדזש. געווען געררער חסדים, וואָס האָבן געקאָנט דערציילן ענלעכע מעשי־תעתועים אויך אויף אַלעקסאַנדער חסידים און אַנגעזעענע חסידים פון אַנדערע רביים.

די מעשה מיט ווישליצקיס פאַבריק האָט געהאַט פּאַסירט מיט אַ פּאָר יאָר פריער, נאָך איידער ליפּע איז מיט זיין משפחה אָנגעקומען נאָך לאָדזש. נאָר ליפּע האָט זיך די לעצטע צייט אָנגעהויבן דערוויסן זאַכן, פון וועלכע די האָר אויפן קאָפּ האָט זיך אויפגעשטעלט. ווען סטרייקס און אָבלאַוועס האָבן, אַזוי צו זאָגן, אָנגעקלאַפּט אין זיין אייגענער טיר. דער סטרייק ביי זיין שוואָגער בעריש האָט אים נאָך מער די אויגן געעפנט. די פּאָר אָביסקן, וואָס פּאָליציי האָט שוין געהאַט דורכגעפירט אין זיין הויף און אויך אין זיין אייגענער דירה, האָבן אים שטאַרק אויפגערודערט און צעשטרייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז וואָס עס רירט אָן כלל ישראל, וועט אָנרירן רב ישראל.

ער וועט זיך נישט קאָנען אין ערגעץ באַהאַלטן, סיידן ער זאָל פאַרלאָזן לאָדזש און זיך באַזעצן אין אַ קליין שטעטל. נאָר טייבל האָט דערפון ניט געוואָלט הערן און געדענקען.

דערציילט ליפען די מעשה וועגן חיים יעקב ווישליצקי האָט טאַקע אַ גערער חסיד אַליין. דאָס איז געווען סוכער פון דער פעפער גאַס. סוכער האָט אַמאָל געהאַט געאַרבעט ביי ווישליצקין אין פאַבריק און ווען די דאָק־טוירים האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז זיינע לונגען זיינען שוואַך און אַז ער מוז זיין אין דרויסן, האָט ער געדאַרפט זוכן אַ נייע פּרנסה. סוכער איז געווען אַ בעל מטופל מיט זעקס קליינע קינדער. צו וואָס האָט ער זיך געקאָנט נע־מען, אַז זינט ער איז דרייצן יאָר אַלט געווען, האָט ער שוין געאַרבעט ביים וועב־שטול? קיין געלט, קיין פּרוטה קיין אָפּגעשפּאָרטע, האָט ער נישט געהאַט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: די פאַבריק איז סם המות פאַר אים, ס'איז אַ לעבעדיקער קבר, ר"ל. האָבן זיך אַ פּאָר גערער חסידים צוזאַמענ־געלייגט און אים געקויפט אַ פּאָר קאַנען נאַפט, און אַזוי איז סוכער געוואָרן אַ נאַפט־הענדלער, מ'שטיינס געזאָגט. גייט אַרום איבער די הייזער און פאַר־קויפט נאַפט. האָט ער זיך פון דער פעפער גאַס אין באַלוט דערשלעפּט צו דער דזשעלנע גאַס . . . אַז מען דאַרף לופט איז דאָך נישט שייך. אפשר וועט אים דער קאַלע גאָרטן צושטעלן אַ רפואה . . .

ווי קומט סוכער פון קאָנסטאַנטין צו חיים יעקב ווישליצקיס פאַבריק, אין דעם מאַנטשעסטער פון פּוילן, אין לאָדזש? איז דער תירוץ, אַז דער גערער רבי, זאָל לעבן, האָט זיך געהאַט אַריינגעמישט אין דעם. אַ סך יידישע פאַבריקן האָבן נישט געוואָלט צולאָזן קיין יידישע אַרבעטער אין זייערע פאַבריקן. נאָר אין חיים יעקב ווישליצקיס פאַבריקן האָבן געאַרבעט גערער חסידים, אנשי שלומנו, פון איין „שטיבל". דער רבי, זאָל לעבן, האָט געגעבן אַ קוויטל און מען האָט אַריינגענומען אין דער פאַבריק. סוכער האָט זיך דאַ־ביוועט צו אַזאַ קוויטל און ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיין פאַרזאָרגט מיט אַ זיכער שטיקל ברויט. וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן? אַז ביים חסיד ווישליצקי אַליין האָבן זיינע אייגענע חסידים געהאַט אויסגעריסענע יאָר. מען האָט פאַרדינט העכסטנס אַרום פינף רובל די וואָך און מען האָט גע־אַרבעט פון העט פאַרטאָג ביז שפּעט ביינאַכט. פאַר דער קלענסטער קליינ־קייט האָט מען דעם אַרבעטער באַשטראָפט. וואָס פאַר אַ שטראָף? אַרונטער־געריסן פון „גרויסן" לוין. טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווינציק, הענגט ער אַרויס אַ מודעה, דער שטיין־רייכער פאַבריקאַנט חיים יעקב ווישליצקי, אַז ער קאָן נעבעך נישט נאָכקומען דעם לוין, אַז ער מוז שניידן אויף פופצן פּראָצענט . . .

מילא, ער האָט געמאַכט דעם חשבון אָנ׳עם באַלעבאָס. דאָס מאָל זיינען די אַרבעטער געווען די דעה־זאָגער, כאָטש די מאה איז געבליבן ביי ווישליצקין. מאַכט זיך, אַז יאַנקל גערער, אַן אַרבעטער אין אַ לאַנגן טלית קטן, ווערט דער ראש המדברים און אַלע אַרבעטער הערן זיך צו אים צו און מען שווערט זיך ביים לעבן, אַז קיינער זאָל נישט אַריינקומען צו דער אַרבעט, ביז ווישליצקי וועט נישט אַרונטערנעמען דעם חרם, דעם וואָלף ביי דער טיר, דעם לוין־שניט. דערהערט דאָס חיים יעקב ווישליצקי מאַכט ער אַ גוואַלד: סטייטש, זיינע חסידים וועלן נאָכטאָן די „טרייפניאַקעס״, די „אחדות״ און דערקלערן אַ סטרייק? ענטפערט אים יאַנקל גערער: יאָ, „פּאַניע ווי־לעמאַזשני״, אַ סטרייק; קיינער וועט נישט אַריינקומען צו דער אַרבעט ביז מען וועט דעם לוין־שניט נישט אַראָפּנעמען און ביז מען וועט אויפהערן גראָב באַהאַנדלען יעדן איינעם. און אויב מען וועט וואַגן עמיצן אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט, וועלן אַלע אַרויסגיין.

און כדי ער זאָל זען באַשיינפּערלעך, אַז דאָס איז פּשוטו כמשמעו, האָבן די אַרבעטער אויסגעקליבן פון זיך אַ בית־דין פון די דריי עלטסטע און ערלעכסטע אַרבעטער. איינער איז געווען דער אַלטער זאַנוול, דער צווייטער איז געווען דער פרומער דוד לייב און דער דריטער, דער למדן אברהמל מיט דער לאַנגער באָרד. האָט זיך דער דאָזיקער בית־דין אַוועקגעזעצט אין די קאַפּלען ביי דער טיר. עס האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט געווען ערב יום־כיפור, ס׳האָט געהערשט אַ פאַרכטיקע שטימונג. יעדער אַרבעטער האָט גע־דאַרפט צוגיין צום בית־דין און געבן אַ האַנט, אַ תקיעת כף, אַז קיינער וועט נישט צוריקקומען צו דער אַרבעט, ביז מ׳וועט נישט צוריקשטעלן דעם פרי־ערדיקן לוין און ביז מען וועט נישט זיין פאַרזיכערט, אַז מען וועט יעדן איינעם צוריקגעבן זיין פּלאַץ אין דער פאַבריק.

ר׳ חיים יעקל האָט דאַן פאַרשטאַנען, אַז די קליפּה האָט זיך אויך אַריינ־געכאַפּט אין זיינע גערער חסידים. אַ חסיד, האָט ער געוואוסט, וועט האַלטן אַ שבועה. אַ חסיד איז געטריי. וואָס טוט מען? איז דעם גרויסן קאָפּ־מענטש איינגעפאַלן צו טאָן, וואָס אַלע פאַבריקאַנטן האָבן געטאָן אין אַזעלכע פאַלן. וואָס מיר יידישקייט, וואָס מיר מענטשלעכקייט, וואָס מיר כל ישראל ערבים זה בזה . . . דער גערער חשובער חסיד, ר׳ חיים יעקב ווישליצקי, איז אַוועק צו באַטשאַלסטווע, צום פּאָליציי־מייסטער און פאַרמסרט אַלע אַרבעטער זיינע, אַז זיי זיינען מורד במלכות, אַז זיי זיינען „ציציליסטן״ . . .

דער פּאָליציי־מייסטער האָט מער נישט געדאַרפט. ער האָט געוואוסט, אַז די בונטאָוושיקעס זיינען פרומע יידן און ביי פרומע יידן איז פרייטיק־צו־נאַכט אַ הייליקער יום־טוב. מען עסט חלה מיט פיש, מען טרינקט וויין,

מען גייט אַנגעטאָן אַנדערש. האָט ער אויסגעקליבן פּונקט אַ פּרייטיק־צו־נאַכט אַנצוקלאַפּן אין יעדער טיר פון ווישליצקיס אַרבעטער און געזאָגט צו זיי: „קום, יידל, אין אוטשאַסטאָק אַריין". און אויסגעקליבן האָט מען פאַר די יידעלעך די טורמע אויף דער טאַרגאָווע גאַס. דאָרט האָט מען די יידן מכבד געווען מיט די אמתע קלעפּ. וויפל קלעפּ האָט אַזאַ ייד ווי סוכער גע־קאָנט אויסשטיין? צי אַזאַ איידעלער ייד ווי דער אַלטער זאַנוול?

סוכערן האָט מען אין עטלעכע טעג אַרום אָוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ צוריק נאָך קאָנסטאַנטין, די אַנדערע יידן האָט מען געשיקט מיטן עטאַפּ פון וואַנען זיי זיינען געקומען, אָדער וואו זיי זיינען געבוירן געוואָרן. זיי זיינען געקומען אויף די ערטער אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע און ניט איינער איז געבליבן אַ בעל־מום אויפן גאַנצן לעבן.

די ווייבער זיינען געבליבן אָן די מענער, די קינדער אָן זייערע טאַטעס. עס איז געוואָרן אַ יללה, אַ יאָמער אין אַלע גאַסן. מען האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן ביז מאָרגן אין דער פרי. נאָך איידער מען האָט זיך דערוואוסט דערוועגן איבער גאַנץ לאָדזש, האָבן די פרויען מיט די קינדער פון די פאַר־שיקטע, געשטורעמט דאָס גערער „שטיבל", וואו חיים יעקב ווישלעצקי האָט געדאַוונט. דער פּרומאַק איז געשטאַנען אין אַ שטריימל און זיך געשאָקלט, ווי נישט אים האָט מען געמיינט. די גוואַלדן פון די פרויען און די קינדער זיינען געווען אין לשער. און פאַן ווישליצקי האָט נעבעך געמוזט נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און דורכן פענצטער אַרויספליען.

עס האָט געדויערט עטלעכע וואָכן און די ערלעכע יידן, די גערער חסידים פון ווישליצקיס פאַבריק, זיינען צוריקגעקומען פון עטאַפּ נאָך לאָדזש. סוכער האָט זיך אויפן וועג געהאַט צוגעקילט און פון דאַן אָן האָט ער נישט אויפגעהערט הוסטן. אין דער היים ביי אים איז מען ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט אין אַנדערע היימען. די אַרבעטער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און מען האָט זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. מען האָט זיך געגעבן שלום.

יאַנקל גערער איז ווידער געווען דער ראש המדברים. יעדער איינער האָט געהאַט צו דערציילן וועגן די פּורעניותן וואָס מען איז אויסגעשטאַנען דורך דער צייט. ווי האָט עס געהאַלטן איצט? יאַנקל גערער האָט מיט שטאָלץ דערקלערט, אַז קיינער האָט נישט געבראָכן דעם תקיעת כף. קיינער איז נישט צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, קיינער איז ניט געווען קיין ירבעם בן נבט. דער בית־דין האָט געהאַט גוטע נייעס צו מעלדן. חיים יעקל וויש־ליצקי האָט צוריקגערופן די גזירה. אַלע אַרבעטער גייען מאָרגן צוריק צו

דער אַרבעט. דער לוין ווערט נישט געשניטן. מען וועט זיך מיט קיינעם נישט אָפּרעכענען.

סוכער האָט נאָך געאַרבעט אַביסל צייט נאָכדעם, נאָר ער האָט אָנגעהויבן אויסשפּייען די לונגען און זינט דאַן אָן דרייט ער זיך אַרום איבער די גאַסן מיט די צוויי קאַנען נאַפט. ליפּע נעמט אים שטענדיק אויף ווי אַ גוטן גאַסט. ער קומט צוויי מאָל אַ וואָך און וואַרעמט זיך אָן און טרינקט אַ גלעזל טיי מיט ציטרין. דאָס האַרץ נעבעך חלשט אים, נאָר ער וועט זיך נישט צורירן צום טיש. אַזאַ ייד איז דאָס. די מילדקייט אַליין. קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט קעגן קיינעם. אַ ייד אַ לערנער. און דערפאַר האָט אים ליפּע ליב.

.2

ס'איז אים געווען אומעטיק, ליפּען, פון די פּיראַכצן צווישן די פרומע יידן. בלויז לאַדזש, מיט איר תאוה נאָך געלט, האָט ער געזאָגט, שטויסט צו זינד און אפילו פרומע יידן ווערן געשטרויכלט. וואו אַ ייד אַ פאַבריקאַנט, הערט מען זיך אָן וועגן אים נישט קיין שיינע זאַכן. און ס'איז דען עפּעס דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן לאַנגע קאַפּאָטעס און קורצע רעק? געלט פאַרדעקט אַלץ. און נאָכאַמאָל און אָבער־אַמאָל האָט ליפּע געדאַנקט די השגחה, וואָס האָט אים אויסגעהיט פון ווערן אַ סוחר, פון האָבן צו טאָן מיט וועקסלען און פעקלעך.

ליפּע האָט באַטראַכט זיינע שוואָגערס. אַלע זיינען זיי געווען גבירים, אויסגעפּאַשעטע, זאַטע, צופרידענע. פון גוסטאַוון איז דאָך שוין געוועזן אָפּגערעדט. ער האָט דאָך שוין געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אפילו אין די בענק. אים האָט גלאַט אָפּגעגליקט. נאָר אַזאַ ייד ווי זיין שוואָגער מענדל, גוסטאַווס ברודער, וואָס האָט נישט געקאָנט אַ קאָץ דעם עק פאַרבינדן, וואָס איז מיט אים געווען די גדולה? גייט שוין אויסגעפּוצט אין אַ האַרטן קאַפּעלוש, טראָגט לאַקירטע שיך, יידישקייט איז שוין ביי אים אַ ביי־זאַך, צי אינגאַנצן אַן איבעריקע זאַך. וואָס איז דער תכלית פון זיין לעבן? געלט, וועקסלען, פולע פּאַליצעס מיט וואַרע, קאָפּ־דרייעניש, די האָר הייבן אים שוין אָן אויספאַלן, קאָן זיך קיין כלה נישט צופּאַסן מיטן געלט און איז אינגאַנצן אָפּהענגיק אין גוסטאַוון. אָן גוסטאַוון וואָלט ער מסתם אָנגעזעצט, און, ווי די מידה אין לאַדזש, אַלץ געבליבן אַ פיינער מענטש.

אָדער דער שוואָגער ניסן. געבלאָזן פון זיך אַליין נאָך דער חתונה און איצט קוקט ער שוין אינגאַנצן נישט אויף קיין מענטשן. וואָס איז מיט אים די גדולה? ער האָט אַ ווייב אַ יפת תואר. קיין קינד, פאַר קיין יידישער

שטוב געדאַכט, קאָן זי נישט האָבן. קיין בן־תורה איז ער נישט. וואוינט אין אַ הויז מיט סאַלעס, וואָס אַז מען גייט אַריין אַהין, ווייסט מען נישט ווי אַרויס־צוגיין. וואָס האָט ער פון זיין לעבן? אויך ער קוקט שוין אַראָפּ אויפן דאַוונען, ווי אַן איבעריקע זאַך. אויך מיר אַ מענטש!

וואָס קומט אַרויס פון די רייכטימער, האָט ליפּע נישט איינמאָל גע־רעדט מיט טייבלען, אַז דער צאָרן פון די אָרעמעלייט וואַקסט. די כמאַרעס איבער לאָדזשער הימל ווערן שוואַרצער און געדיכטער. נו, אַז עס וועט אָנ־קומען נאָך אַ פּאָלק סאָלדאַטן און אַז מען וועט פון טיף־ראַסיי אַהער ברענגען די ווילדסטע קאָזאַקן מיט די גרעבסטע נאַגייקעס, וועט עס העלפן? אַ שטאָט וואָס האָט קיין קאַנאַליזאַציע נישט, אַ שטאָט וואָס קאָן פון זיך דאָס שמוץ נישט אָפּווישן, אַ שטאָט פון רינשטאָקן, אָנגעפּילט מיטן שווייס און פּראַצע פון די שקלאַפן פון מצרים . . . עס מוז דאָך קומען אַ משה וואָס זאָל זיי באַפרייען. אַז נישט די „אחדות“, וועט קומען עפּעס אַנדערש. עבירה גוררת עבירה. די פאַבריקאַנטן וועלן קריגן זייערס. ס'איז נאָר אַ שאָד וואָס אַזוי פיל אומשולדיק בלוט ווערט פאַרגאָסן און פאַרצאַפּט . . .

טייבל האָט געזען, ווי ליפּע גייט אַרום אַ טיף־פאַרביטערטער. זי האָט געטראַכט, אַז דאָס ליידיק אַרומגיין, טוט אים נישט קיין גוטס. ער טראַכט צופיל און ס'איז בעסער היינטיקע צייטן, אַז מען טראַכט נישט. קיין גוטס קאָן פון די געדאַנקען נישט אַרויסקומען. זי האָט זיך שטאַרק געזאָרגט פאַר דעם אייגענעם הויז־געזינד. מילא, ליפּע האָט זיך זיינע ספרים. אַז עס ווערט גאָר שלעכט, זעצט ער זיך איבער אַ ספר און ער ווערט אַן אַנדער מענטש. די הייליקע ספרים האָבן אַן ענטפער אויף אַלע צרות. נאָר וואָס טוט מען צו אַזאַ קינד ווי מאָטעק? דער פאָטער האָט איבער אים קיין שליטה נישט. די גאַס איז שטאַרקער פון אַלץ. דער חדר גיט אים גאָרנישט. זי האָט מורא, אַז דער חדר מאַכט אים נאָך קאַליע. ער קומט אַהיים מיט ווילדע געדאַנקען און נאָך ווילדערע רייד. סאַלטשע האָט לעצטנס אָנגענומען אַ פול מויל מיט שווייגן. דאָס איז אַ שלעכטער סימן. שטיל וואַסער גראָבט טיף. זי ווייס צופיל וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. זי איז, ווייזט אויס, אויסגעבונדן מיט די פּאַרטייען. ווער ווייס וואָס עס קאָן נאָך אַרויסקומען דערפון? אין איין שיינעם אויף דער נאַכט קאָן מען באַפאַלן דאָס הויז און אַלעמען אַריינזעצן. ווי קאָן זי נעמען סאַלטשען און הייסן איר גיין? זי איז דאָך ביי איר ווי אַן אייגן קינד. וואוהין וועט זי גיין? דאָס געוויסן וואָלט איר געפּלאָגט דאָס גאַנצע לעבן, אויב עס זאָל, חלילה, עפּעס פּאַסירן מיטן יונגן מיידל.

טייבל האָט געטראַכט, אַז אפילו יאַדוויגאַ האָט זיך אויך געביטן אין לאָדזש. אויך זי, די פרומע יאַדוויגאַ, שעלט מיט טויטע קללות די פּאָליציי

און זי ווייזט אַרויס איר סימפּאַטיע מיט דער רעוואָלוציע. גיי, זיי אַ מבין וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט . . .

.3

אין איין ווינטערדיקן אויפדערנאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געלעגן אין די בעטן און אויך גוטשיא און סאַלטשע זיינען שוין געשלאָפן, האָט זיך דערהערט אַ זעצן אין טיר פון הויף. ליפּעס און טייבלס בעטן זיינען גע־שטאַנען לעבן דער טיר. זיי האָבן די ערשטע דערהערט דאָס זעצן.

— עפענען! — האָט מען דערהערט דאָס באַקאַנטע קול פון דער פּאָליציי.

— שוין טו איך זיך אָן און איך עפן! — האָט טייבל די ערשטע געלאָזט וויסן און זי איז אין דער שטיל און אין דער פינצטער אַריינגעלאָפן צו סאַלטשען אין קראָם און זי אויפגעוועקט.

— סאַלטשע, דער יון איז דאָ. ווי גאָט איז דיר ליב, זאָג, האָסט עפּעס מיט זיך?

— איך זאָל אַזוי ריין זיין פון אַלדאָס שלעכטס, כ׳האָב גאָרנישט.

דאָס זעצן איז געוואָרן שטאַרקער. ליפּע האָט אָנגעצונדן דאָס נאַפט־לעמפּל. טייבל איז צוריק אַריין אין צימער.

מאָטעק איז געווען אויף די פיס. סאַלטשע האָט דערשפּירט געפאַר. זי איז צוגעלאָפן צו מאָטעקן, אים אַרומגענומען און זיך געבעטן ביי אים:

— מאָטעק־קרוין, זאָג, דו האָסט עפּעס? גיב עס מיר שנעל, אַניט וועט זיין שלעכט!

— יאָ, סאַלטשע, אָט איז עס.

און מאָטעק האָט פון אונטערן קישן אַרויסגעצויגן אַ פּאַק פּראָקלאַמאַ־ציעס, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. סאַלטשע האָט זיי אַ כאַפּ־געטאָן און מיט זיי באַרוועסערהייט אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער, אין קיך־צימער, וואו דער אויוון האָט געברענט. זי האָט אַריינגעוואָרפן אַהין די פּראָקלאַ־מאַציעס. יאַדוויגאַ איז שוין געבליבן ביים אויוון און זי האָט געטאָן דאָס איבעריקע. זיי האָבן דערהערט ווי די פּאָליציי איז אַריינגעקומען.

סאַלטשע האָט אויף שנעל פאַרמאַכט דעם פאַרהאַנג, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט און אויסגערופן: „איך טו זיך אָן״. זי האָט פון דער שאַפע אַרויסגענומען ליפּעס אַן אַלטע קאַפּאַטע און זי אַרויפגעוואָרפן אויף זיך. זי האָט אינגאַנצן געציטערט. די פיס זיינען געווען באָרוועס. דאָס לייב האָט געשטאָכן ווי מיט נאָדלען.

דריי פּאָליציייליט זיינען אַריינגעקומען. דער טאַטע האָט זיי געפירט מיטן נאַפט־לעמפּל. זיי האָבן געזוכט אין בעט און אונטערן בעט אין ערשטן

צימער. זיי האָבן געעפנט דעם ספרים־אַלמער. אַרויסגעוואָרפן אַלע ספרים אויף דער פּאַדלאָגע. אין ליפּען האָט דאָס בלוט געקאָכט פון אויפרעגונג און באַליידיקונג.

— מאַלטשאַט! — האָט איינער פון די דריי אויסגעשריען, ווען ליפּע האָט געפּרואווט אַרויסרעדן אַ וואָרט.

ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דעם צימער, זיינען זיי אַריין אין קיך. סאָלטשע איז דאָרט געווען. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויף איר אין איר שוואַרצער מענערשער קאַפּאָטע און זיי האָבן זיך אַלע דריי צעלאַכט. זי איז געווען אַזוי באַחנט און אַזוי אומשולדיק און עס האָט אין איר געציטערט אַ צאָן אַן אַ צאָן.

— שרעק זיך נישט, דיעווקאַ, מיר וועלן דיר גאָרנישט טאָן. גיי טו זיך אָן אַ פּאָר פּאַנטאָפל, — האָט איינער געפּרואווט זיין וויציק.

זיי האָבן געזוכט אין יאַדוויגאַס בעט, אין לאָטשיאַס בעט, זיי האָבן געעפנט די שאַפע, זיי האָבן געזוכט צווישן געפעס. נאָר אין אויוון האָבן זיי נישט אַריינגעקוקט.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, געדרייט די וואָנצעס. איינער האָט זיך גוט אויסגעזידלט, ווי ער וואָלט אָפּגעזאָגט אַ מאָליטווע און מיטאַמאָל אויסגערופן: „אָפּטראָגן זיך פון דאַנען!"

זיי זיינען אַוועק.

— קינדער — אין די בעטן! שלאָפן! — האָט ליפּע באַפוילן. נאָר אַליין איז ער געבליבן מיט טייבלען אין קיך. סאָלטשע איז צוריק אַריין צו זיך אין בעט, נאָר באַלד האָט זי דערהערט טייבלס ציטערדיק קול:

— סאָלטשע, קום נאָר אַריין . . .

מאָטעק איז געלעגן און עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער האָט זיך געמאַכט ווי ער שלאָפט. נאָר מיט אַלע חושים איז ער געווען וואַך און זיך איינגעהערט צום קלענסטן שאָרך.

— וואָס האָסטעס אַריינגעוואָרפן אין אויוון, סאָלטשע?

סאָלטשע איז געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. זי האָט דאָך פריער געהאַט זיך געשוואָרן, אַז זי האָט ניט געהאַט קיין זאַך מיט זיך. אַרויפּ־וואַרפן אויף זיך די שולד, וואָלט געמיינט פאַרלירן נישט אַזוי די שטעלע, נאָר איר גוטן נאָמען ביי טייבלען. זי האָט טייבלען צופיל ליב געהאַט. זי איז געווען ווי אַ מאַמע צו איר. פאַרשאַפן איר עגמת־נפש און באַוויזן, אַז זי איז אַ ליגנערקע, האָט סאָלטשע נישט געקאָנט.

סאָלטשע האָט געשוויגן.

— סאַלטשע, קוק מיר גלייך אין די אויגן אַריין און זאָג: וואָס האָסטו אַרייַנגעוואָרפן אין אויוון אַריין?

סאַלטשע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך צעכליפּעט אויפן קול.

ליפּע האָט זיך געצופּט די באָרד. עס איז אַנטשטאַנען אַ פּיינלעך שווייגן.

מיטאַמאָל איז פון קראָם אַרייַנגעלאָפן גוטשיא און אויסגערופן:

— טאַטעשי, מאַמעשי, איך וועל דערציילן דעם ריינעם אמת, אַזוי זאָל איך ניט דערלעבן צוריקצוגיין צו מיין בעט, אויב איך זאָג נישט די גאַנצע וואָרהייט. ס'איז געווען זיינס, מאָטעקס. זי האָט אים געפרעגט צי ער האָט עפּעס, האָט ער פון אונטערן קישן אַרויסגעכאַפּט אַ פּאַק בלעטלעך און איר דאָס געגעבן, איז זי אַרייַנגעלאָפן אַ באָרוועסע און —

— גענוג, גענוג, טאָכטערשי . . . עס איז אונדז שוין אַלץ קלאָר, אַז ווי און ווינד איז אונדז, צו וואָס מיר האָבן זיך דערלעבט.

— לאָמיר מאַכן נאַכט, — האָט ליפּע געזאָגט און אַלע האָבן זיך גע־לייגט אויף זייערע געלעגערס.

בלויז מאָטעקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיין הויקערדיק בעטל שטעכט אים ווי מיט קאָזאַצקע פּיקעס. ער האָט געוואוסט, אַז אין דער פרי וועט מען זיך אַ נעם טאָן צו זיינע ביינער. ער האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן און זיך קיינמאָל מער ניט אויפכאַפּן.

קאַפּיטל צוועלף

דער לאָדזשער הימל ברענט

.1

נאָכדעם ווי מען האָט געדאַרפט גומל בענטשן, וואָס מען איז אַרויס מיט גאַנצע ביינער פון דער רעוויזיע — ווייל טאָמער וואָלט איינגעפאַלן דער פּאָליציי אַריינצוקוקן אין אויוון, וואָלט זי דאָך נאָך געפונען שפּורן פון מאָטעקס פּראָקלאַמאַציעס, — האָט מען זיך ערשט רעכט אַ נעם־געטאָן צו מאָטעקן.

צוערשט האָט די מאַמע גערופן צו זיך דעם אָנקל גוסטאַוו און אים דער־ציילט דעם גאַנצן אמת, אַז איר בן־יחיד, איר אויג אין קאָפּ, האָט שיער ניט אָוועקגעשיקט דעם טאַטן אויף קאַטאָרגע אין סיביר. ווי קאָן מען האַלטן אַזאַ שונא אין אייגענעם הויז? זינט יענער נאַכט האָט גוטשיא אַליין געמאַכט אַ „רעוויזיע" אין אַלע ווינקלען, וואו מאָטעק פלעגט צוקומען. זי האָט געזוכט אין זיין „הסב־בעט", אין זיינע מלבושים, אין די שאַפעס. גוטשיאַ האָט, מיט דער צושטימונג פון די עלטערן, געהאַלטן אַן אויג אויף מאָטעקן. זי האָט פאַרדעכטיקט, אַז סאַלטשאַ איז אַ סך שולדיק אין מאָטעקס קרומע וועגן.

דער אָנקל גוסטאַוו איז געוואָרן אויסער זיך פון אויפרעגונג. ער האָט אויסגעסטאַרטשעט זיינע גרויסע, פאַרפרוירענע אויגן אויף מאָטעקן און גע־בייזערט זיך:

— שעמען מעגסטו זיך אין דיין ווייטן האַלדז, דו ניקס שבניקס, דו אומ־זיסטיקער פרעסער און זויפער, דו אָפּגעריסענער נאַר! וואָס וועט פון דיר ווערן? אַ קעשענע גנב? אַ לויזער? דו וועסט פאַרפוילט ווערן אויף קאַ־טאָרגע. איך האָב געזען, ווי מען האָט אַזעלכע ראַצערס ווי דו, געשיקט מיטן עטאַפּ, און די קייטן האָבן אויף זיי געקלימפּערט. דו פאַרנעמסט זיך אויך מיט רעוואָלוציע? דו ווילסט אומוואַרפן דעם צאַר ניקאָלאַי? דו ווילסט זיך פאַרמעסטן מיט פּאָזנאַנסקין און שייבלערן? זיי געפעלן דיר נישט אין יחוס? ווען איך וואָלט זיין דיין טאַטע, וואָלט איך דיר געמאַכט בלויע צייכנס אויפן לייב, איך וואָלט געשמיסן, אַז בלוט זאָל שפּריצן . . .

דער אָנקל גוסטאַוו האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו מאָטעקן, וואָס איז געזעסן אויף אַ האַלב־צעבראָכן בענקל און געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ־געלאָזט און די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים געציטערט, ווי ער וואָלט גע־האַלטן ביים צעוויינען זיך. דער אָנקל האָט זיך געשטעלט לעבן אים און מיטן פינגער געדראָט אים:

— מער זאָל איך פון דיר נישט הערן קיין שלעכטע גרוסן, הערסט, מאָטעק, וואָס דער אָנקל זאָגט דיר? נאַדיר אַ האַלבן רובל און קויפּצענק ניט קיין כאַזערייען און טיילט איין אַלעמען צו גלייכע פּאָרציעס. דער אָנקל גוסטאַוו װיל פון איצט אָן און ווייטער הערן בעסערע בשורות פון דיר, דו הערסט, טאַנעבאַרטעק?

ערשט איצט האָט זיך מאָטעק צעוויינט און צעהעשעט און ער איז אַריינ־געלאָפן אין קיך און זיך צוגעטוליעט צו יאַדוויגאַן.

קעגן יאַדוויגאַן האָט זיך אפילו די מאַמע ניט געוואַגט אַקעגנצושטעלן. מען איז ניט געלאָפן ביי יעדער געלעגנהייט צו זוכן שוץ ביי יאַדוויגאַן. נאָר צו איר איז מען געקומען אין אַן אויסנאַם־פאַל, ווען טאַטע־מאַמע האָבן שוין קיין איינזעעניש ניט געהאַט.

נאָר מיט דעם איז דער ענין ניט געווען געשליכטעט. טייבל און ליפּע האָבן פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט־אַריין, רעדנדיק צווישן זיך, וואָס מען טוט מיט מאָטעקן.

— עס וועט שוין פון יונג קיין לייט נישט זיין, — האָט געזאָגט ליפּע.

— איינער, נאָר אַ רעכטער . . . אפשר זאָל מען אים אָוועקשיקן אין אַ ישיבה, אין דער לידער ישיבה, ווי דו האָסט אַמאָל געחלומט, ליפּע? — האָט טייבל אַריינגעקוקט דעם מאַן אין פּנים אַריין.

— שוין צו־שפּעט, טייבל. אַז עס הויבט זיך אָן רייסן, אין אַ סימן, אַז עס איז דין. מיר האָבן זיך צו־שפּעט דערמאָנט. מאָטעק האָט פאָרן רבין אין חדר קיין דרך־ארץ ניט. מיר האָבן איבער אים קיין שליטה נישט מער. דער איינציקער וואָס קאָן נאָך אויסאיבן אויף אים אַן איינפלוס איז גוסטאַוו. נו, האָט גוסטאַוו ניט מער צו טאָן, נאָר איבערלאָזן זיינע געשעפטן אויף גייערס מאַרק און אויסהערן אונדזערע קלאַגעס קעגן מאָטעקן? כ'זאָל אַזוי וויסן פון שלעכטס, ווי איך ווייס נישט, וואָס מען טוט מיטן יונג. דער הויף טוט אים נישט קיין גוטס. ער שלעפּט זיך אַרום מיט לייבטשען און אַנדערע קינדער פון געמיינע היימען. ער האָט נישט קיין איין לייטישן חבר.

— אפשר זאָל מען אים אַוועקשיקן צו מיין שוועסטער העלטשע אין טאָמאַשאָוו? פּאָרט אַ קליינע שטאָט.

— ניין, טייבל־קרוין! — אין טאָמאַשאָוו האָב איך געהערט זיינען אויך

פֿאַרגעקומען סטרייקס און דאָרט איז אויך דאָ „דער קליינער בונד". לאָמיר פּרובירן מיט גוטן. מיט גוטן קאָנסטו מיטן יונג מער אויספֿירן.

האָט מען אָפּגעשפּאָרט פֿון אַלעם נויטיקסטן און געקויפֿט מאָטעקן נייע שיך און אַ נײַ היטל און שווערע אונטערוועש, און אַ בלויען וואָלענעם שאַליקל. זײַנען די שוועסטער געווען אויפֿגעבראַכט אויף אים. איבערהויפּט האָט דאָס גוטשיאַ ניט געקאָנט באַגרײַפֿן.

— פֿאַרן גוטן אויפֿפֿירן זיך זײַנעם, קריגט ער נאָך פֿון שענסטן און בעסטן. אַלץ וואָס עס פֿעלט אים איז אַ גאָלדענע מעדאַל. מסתמא ווייסט די מאַמע בעסער, — האָט זי זיך געקלאָגט פֿאַר דער מוטער.

די מאַמע האָט זיך שטענדיק געפֿילט שולדיק פֿאַר גוטשיאַן. דאָס קינד האָט דאָך מקריב געווען אירע יונגע יאָרן פֿאַרן הויז. נישט קיין שקאָלע, נישט קיין חברטעס, נישט קיין רעכט אָנטועכץ, נאָר אַרבעט און זאָרג און קרענקעניש און רײַסערייען מיט די קינדער און אַ שטענדיקע מלחמה מיט מאָטעקן.

— מײַן טײַער קינד, — האָט זי זיך געווענדעט צו גוטשיאַן, — דו פֿאַרשטייסט דאָך בעסער, דו ביסט דאָך מײַן רעכטע האַנט. וואָס זאָל מען טאָן? מען קאָן דאָך נישט צוזען ווי מאָטעק ווערט אַן אויסוואורף, ווי ער שלעפּט זיך אַרום מיט די גאַסן־קינדער. די היים דאַרף קאָנען אויסאיבן אַ ווירקונג אויף אים. מען וועט פּרוּװון מיט גוטן.

ווי האָט „די גוטע ווירקונג" געווירקט אויף מאָטעקן?

ער האָט געשטעלט דעם טאַטן פֿראַגעס. ער האָט געשטעלט דעם רבין אין חדר פֿראַגעס, נאָר קיין ענטפֿערס האָט ער פֿון זיי נישט באַקומען.

אָט איז מאָטעק אין דער פֿרי געגאַנגען מיטן פֿאָטער אין בית־מדרש אַרײַן. עס איז נאָך געווען גאָר פֿרי. די טראָטואַרן זײַנען געווען ליידיק. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט פּאַטרולן סאָלדאַטן מיט די ביקסן אויף די אַקסל. דערזעענדיק אַ יידן מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ קינד בײַ דער האַנט, האָבן זיי אים ניט אָפּגעשטעלט.

— עפּעס האָט דאָ געמוזט פּאַרקומען, — האָט ליפּע גערעדט צו זיך אַליין.

ער האָט פֿאַרגיכערט די טריט. און אַרײַנדרייענדיק זיך אויף אַן אַנדער גאַס, האָט ער גלײַך דערזען ווי אויפֿן טראָטואַר, דורך וועלכן ער האָט געדאַרפֿט דורכגיין, איז געלעגן אויסגעצויגן אַ יונגערמאַן, אַ בחור אפֿשר פֿון 18 יאָר. די אויגן זײַנען בײַ אים געווען אָפֿן, נאָר פֿון קאָפּ, פֿון די בלאָנדע האָר, האָט גענעצט אַ ריטשקעלע בלוט. דער בחור איז געווען טויט. מאָטעק

האָט זיך געוואָלט איינקוקן אין פּנים. דער טאַטע איז שנעל פאַרבייגעלאָפן און מיטגעריסן מיט זיך מאַטעקן.

— ס'איז אַ רעוואָלוציאָנער, טאַטעשי, — האָט מאַטעק אָנגעהויבן.

— ווער ווייס, אפשר איז דאָס גאָר אַ קעשענע־גנב? — האָט ליפּע מיט ניט קיין איבערצייגנדיק קול געענטפערט.

— קעשענע־גנבים שיסט מען ניט, טאַטעשי, נאָר רעוואָלוציאָנערן הרגעט מען. ער האָט געמוזט באַלאַנגען צו דער ס. ד. ער איז געווען אַ קריסט, — האָט מאַטעק געוואָלט אַריינציען דעם פאָטער אין אַ שמועס.

— זעסט, מאַטעק, צו וואָס דאָס קאָן דערברענגען, — האָט דער פאָטער אים אָנגעהויבן מוסרן, — האָט זיך געלוינט דער גאַנצער עסק? מען קאָן זיך מיט פּאָניע גנב ניט אָנהויבן. און פאַר אַ יידיש קינד איז אוודאי נישט קיין תכלית זיך אַריינצולאָזן אין אַזעלכע זאַכן. דו ביסט אַ לייטיש קינד, שטאַמסט פון דער פיינסטער פאַמיליע אויףביידע זייטן. ווילסט נישט זיין קיין סוחר, וועסטו ווערן אַ קירזשנער. אַבי וועסט זיין אַן ערלעכער ייד, וואָס וועט זיך ניט מישן אין פרעמדע זאַכן. פאָלג מיך, מאַטעק, און שפּיי אויף דעם „קליינעם בונד" מיט זיינע ראַצערס. דאָס זיינען אַלץ געמיינע יונגען, ייִנגלעך וואָס זיינען פאַרפירט געוואָרן. עס איז ניט פאַר דיר. דו לערן זיך בעסער. עס געפעלט דיר נישט דער רבי, וועל איך פאַר דיר אויסזוכן אַ בע־סערן רבי. אַבי לערן און פאַרשאַף אונדז נישט קיין שפיכת־דמים. ווען דו וועסט אי"ה ווערן בר־מצווה, וועט מען דאַן זען וועגן אַ תכלית פאַר דיר. דערווייל שלאָג דיר אַרויס פון דיין קאָפּ די ווילדע געדאַנקען מיט פּראָקלאַ־מאַציעס, מיט סטרייקס און סכאָדקעס און בערזעס. דאָס איז גוט פאַר באַלוט, ניט פאַר אונדז.

די אַלע רייד פון פאָטער האָבן אויף מאַטעקן גאָר קיין ווירקונג ניט געהאַט. דער טויטער בחור וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן קאַלטן טראָ־טואַר האָט מאַטעקן געגעבן דעם ענטפער אויף זיינע פראַגעס. ער האָט זיך געפילט שולדיק פאַר יענעמס טויט און ער האָט געזוכט אַן אויסוועג.

דאָס זעלבע איז פאַרגעקומען אין חדר. אין מיטן העלן טאָג איז אין הויף, וואו דער חדר האָט זיך געפונען, פאַרגעקומען אַן אַבלאַווע. פּאָליציי מיט סאָל־דאַטן האָבן אַרומגערינגלט דעם הויף. מען האָט דערהערט קנאַלן פון „שפּיי־ערס". דער רבי האָט פאַרשלאָסן די טיר. ער האָט די קינדער זיך געהייסן לייגן אויפן דיל. די רביצן מיט די קינדער אין קיך האָבן זיך אויך אויס־געצויגן אויף דער פאָדלאָגע. מען איז אַזוי געלעגן אַ לאַנגע צייט, ביז דער רבי האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן און צעשראָקענערהייט אַרויסגע־קוקט. דאַן איז ער אַרויסגעגאַנגען און איבערגעלאָזט די רביצן אין חדר און

אָנגעזאָגט איר, אַז זי זאָל קיינעם נישט אַרויסלאָזן. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַ בלאַסער און אַ שווער־סאָפּענדיקער, האָט ער דער רביצן דערציילט, אַז ס׳איז געווען אַ שלאַכט צווישן דער אונטערוועלט און ציציליסטן. די „אחדות״ האָט געפּאַקט אַ „בענקאַרט״ און אים אָוועקגעלייגט אַ טויטן. די פּאָליציי האָט אַרומגעזוכט די אַרבעטער.

מאָטעק איז געווען דער ערשטער צו שטעלן דעם רבין אַ פראַגע:

— רבי, ווער איז גערעכט, די „בענקאַרטס״, צי די אַרבעטער?

— שוויג, שוויג, דו ראָצער! זיץ איינגעלייגט . . . נעמצעך צי דער פּרשה, באַלד וועלן פליען פייערדיקע פּעטש; הייבט אָן.

דעם ענטפער האָט מאָטעק באַקומען אַרויסגייענדיק פון חדר, וואו עס האָבן שוין אויף אים געוואַרט חברים פון קליינעם בונד.

.2

יאַדוויגאַ האָט זיך גענומען צום פּלעשל. זי האָט געקאָנט אַריינגיסן, ווען ס׳איז איר אָנגעקומען די בייזע שעה. זי איז געווען אומגליקלעך דאָן. מען האָט געוואוסט, אַז אָדער עס וועט איר איבערגיין, אָדער זי וועט זיך קלייבן אין וועג אַריין. דאָס מאָל האָט זי גלייך אין אָנהויב דערקלערט, אַז זי וועט פאַרלאָזן און „מער קיינמאָל, קיינמאָל נישט צוריקקומען, מיינע טייערע, האַרציקע פריינט״.

— סאָלטשע, טו מיר אַ טובה און שלאָג איר אַרויס די בייזע מחשבות פון קאָפּ, — האָט די מאַמע זיך געבעטן ביי סאָלטשען. זי האָט געוואוסט, אַז סאָלטשען פאָלגט זי געווינלעך, יאַדוויגאַ. סאָלטשע איז ביי יאַדוויגאַן געווען „מיין יינגסטע שוועסטערל״. ווען זי האָט זיך אָנגעטרונקען, האָט זי געוויינט און אַלעמען געקושט. אַלעמען, מיטן אויסנאַם פון ליפּען. פאַר ליפּען האָט זי זיך געניגט:

— גרויסער געלערנטער, פּאַן סאַרנע! איך וועל אייך פאַלן צו די פיס און בעטן מחילה. אַ זינדיקע בין איך און בין נישט ווערט אייערע טריט צו קושן, — האָט זי געוויינט פאַר אים.

יאַדוויגאַ האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען באַצייטנס מיט די קינדער. דאָס געזעגענען האָט אָנגעהאַלטן אַ דריי וואָכן צייט.

— מאָטעק, קינד מיינס! מלאכל מיינס! איך האָב דאָך דיינע זיסע ביינדעלעך אויסגעקושט און אויסגענאָגט, ווען דו ביסט נאָך קיין חודש נישט אַלט געווען. ווי קאָן איך דיך פאַרלאָזן? ווען סאָלדאַטן וועלן אַריינקומען און דיך וועלן צונעמען, וועל איך זיי צו די פיס פאַלן און אויסשרייען: „איבער מיין טויטן קערפּער וועט איר אָנרירן אָט־דאָס אומשולדיק נפשל . . .

קריסטן זייט איר, די הייליקע מאַריע זעט אַלץ און זי וועט אייך נישט פאַר־געבן, אויב איר וועט זיך צורירן צו דעם סטאַראָ־זאַקאָנעס. ער איז מיין האַרעוואָניע, מיין ליבלינג . . . נאָר, מאַטעק! מיין צייט איז געקומען. איך מוז פאַרלאָזן . . . אַזוי איז דאָס דער גורל מיינער. קום אַהער און לאָמיר זיך צעקושן צום לעצטן מאָל . . . מער וועסטו דיין יאַדוויגאַן נישט זען. זי וועט דיך מער נישט טרייסטן, ווען דו וועסט וויינען, זי וועט ניט דערלאַנגען דיר קיין הייסע קאָמפּרעסן, ווען דו וועסט זיין קראַנק . . . וועסט חתונה האָבן, מאַטעק, וועסט דיר אויסקלייבן אַ שיינע כלה, ווי דו פאַרדינסט זיך. זי וועט קושן און גלעטן דיין גאָלדענעם קאָפּ, נאָר אין יאַדוויגאַן זאָלסטו נישט פאַר־געסן. זאָלסט דערציילן דער כלה דיינער, ווער יאַדוויגאַ איז געווען, דערציילן איר, אַז איך האָב דיך ליב געהאַט מער פון מיין לעבן. און ווען זי וועט דיך פרעגן, וואו איז זי אַהינגעקומען, די יאַדוויגאַ, זאָלסטו איר זאָגן, אַז דער ווינט האָט זי אַוועקגעטראָגן; ווי דער בלומען־שטויב איז זי פאַרשוואונדן פון דער ערד; זי שוועבט אין דער לופט, איבער סאָסנאָווע וועלדער, איבער מיאַטנע פעלדער . . . נישטאָ מער די אַלטע יאַדוויגאַ . . .

מאַטעק האָט געהערט און געוויינט. גוטשיאַ און לאַטשיאַ האָבן געהערט און געקלאָגט. און יאַדוויגאַ האָט געשלוכצט און זיך די אויגן געווישט מיט איר שווערער פאַטשיילע.

און אַזוי האָט זי זיך אָנגעהויבן פּאַקן אין וועג אַריין. געקומען אַ טאָג, ווען דאָס פּעקל אירס איז שוין געווען גרייט, געשטאַנען אין אַ ווינקל. יאַדוויגאַ האָט געקוקט אויף דעם און גערעדט צו דעם:

— מיר ביידע, פאַרמעגן מיינס, וועלן זיך לאָזן וואַנדערן צו דער היי־ליקער שטאָט טשענסטאָכאָוו. מיר וועלן בעטלען אויף די וועגן און תפילה טאָן פאַר אַלע אומגליקלעכע און ליידנדיקע. דו וועסט מיר זיין אַ קישן און אַ געליבטער, דו וועסט מיר זיין מיין וואַך־הונט און דער עדות פון מיין לעצטן טאָג אויף דער זינדיקער ערד . . .

גוטשיאַ, די פּראַקטישע גוטשיאַ, פלעגט דאַן צוגיין צום פּעקל, עס אויפ־הויבן און עס אַריינטראָגן צו זיך לעבן בעט, אין קראָם.

— טייערסטע יאַדוויגאַ, איך וועל דיך נישט לאָזן גיין אין אַזאַ פראָסט. וואַרט צו, ביז עס וועט ווערן פרילינג און די בלימעלעך וועלן אַרויסשפּראָצן, דאַן וועלן מיר דיך אויספּוצן און דו וועסט פאָרן אין דיין הייליקער שטאָט טשענסטאָכאָוו.

נאָר עס האָבן דאָס מאָל ניט געהאָלפן קיין גוטע רייד און קיין געוויינען פון די קינדער. יאַדוויגאַ האָט אויפגעהערט רעדן. זי האָט געטאָן איר אַר־בעט, נאָר זי האָט שוין געלאָזט וויסן דער מאַמען, אַז באַלד, באַלד וועט זי

פאַרלאָזן און אַז מען זאָל זי אין ערגעץ נישט זוכן, דערפאַר וואָס זי וועט פאַרשווינדן און קיינער וועט זי נישט קאָנען מער געפינען. זי האָט אירס אָפּגעטאָן אויף דער וועלט. איצט וועט זי שוין מער קיינמאָל, קיינמאָל נישט צוריקקומען.

אין אַ פּראָסטיקן פאַרטאָג, נאָך איידער דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען צו גיין דאַוונען, האָט יאַדוויגאַ זיך אַרויסגעשליכט פון הויז. קיינער האָט נישט געהערט. איר בעט איז געווען נעט פאַרבעט. אין קיך האָט אַלץ גע־פינקלט פון ריינקייט. נאָר יאַדוויגאַ איז מער נישט געווען.

נו, האָט זיך דאָס אָפּגעטאָן צווישן די קינדער. זיי האָבן געכליפּעט און געביסן זיך די נעגל. אפילו גוטשיא האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון וויינען. מער פון אַלץ האָט געוויינט דער לאַנגער דראַנג, דער „חתן בחור" מאַטעק, ווי דער טאַטע האָט אים גערופן אין אַזאַ צושטאַנד.

וואָכנלאַנג האָט מען טאָג־טעגלעך איר נאָמען ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל. גערעדט פון איר האָבן די קינדער. נאָר טייבל, וואָס האָט געשוויגן, האָט געבענקט נאָך איר מער ווי אַלע. ביינאַכט, ווען זיי האָבן ניט געהערט, האָט זי פאַר ליפּען אויסגעגאָסן אירע געפילן צו יאַדוויגאַן. ליפּע האָט געפונען פּאַסיקע טרייסט־ווערטער און באַרואיקט זיין ווייב. ער האָט געוואוסט, אַז יאַדוויגאַ איז געווען אַ לייבלעכער טייל פון זיין הויז־געזינד.

מיט יאַדוויגאַס אַוועקגיין האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווער לעבן פאַרן הויז. ס'איז אויך געפאַלן שווער אויף מאַטעקן. ער האָט איצט געדאַרפט אַ פּאָר מאָל אין טאָג אַריינברענגען וואַסער פון דער פּלומפּ. אין הויז איז קיין וואַסער־לייטונג ניט געווען, האָט מען געדאַרפט פּאָמפּען וואַסער אין דרויסן. מען האָט זיך געדאַרפט טראָגן מיט די עמערס אַ היבשן מהלך. עס איז געווען גליטשיק אַרום פּלומפּ. עס זיינען געלעגן גלאַטע שיכטן אייז, וואָס מען האָט זיך אויף זיי אויסגעגליטשט איינס־און־צוויי, און נישט איינמאָל זיך די זייטן אָפּגעהאַקט. יאַדוויגאַ האָט שוין געוואוסט ווי זיך אַן עצה צו געבן. מיט איר האָט קיינמאָל גאָרניט פּאַסירט. נאָר איינמאָל האָט גוטשיא זיך אויסגעגליטשט און זי איז געלעגן צו־בעט אַ פּאָר טעג און שפּעטער אַרומגעגאַנגען און געקרעכצט אַ לאַנגע צייט. איז דער גורל געפאַלן אויף מאַטעקן.

ער פלעגט אַריינקומען אין הויז אַדורכגענומענער פון קעלט. די הענט זיינען ביי אים געווען בלוי און די קליינע אויערן פייער־רויט. עס איז אָנ־געקומען שווער ביז דאָס וואַסער איז אַרויפגעקומען, נאָר ער האָט געפילט, אַז דאָס איז אַ מענערישע אַרבעט און ער האָט געוואָלט וויַזן אַז ער איז אַ מאַן.

דער אָפּטריט האָט זיך געפונען אין וויַיטן ווינקל פון הויף. ווען דער

טאַטע האָט געדאַרפט גיין אין אָפּטריט אין אָוונט, האָט ער מיט זיך מיטגע־נומען מאָטעקן. עפּעס האָט ער ערגעץ־וואו געהאַט געלייענט אין די ספרים, אַז מען טאָר ניט גיין אַליין אין אָוונט אין אָפּטריט, אַזוי האָט זיך מאָטעקן אויסגעוויזן. מאָטעק האָט אים קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט, ער פלעגט שטיין אַביסל פון וויטן, דער טאַטע פלעגט פרעגן: „מאָטעק, ביסדאָ?"

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט, ווען מאָטעק האָט געדאַרפט גיין אין אָפּטריט ביינאַכט. דער טאַטע איז דאַן געשטאַנען נעענטער צו אים.

— ביסט נאָך ניט פאַרטיק, מאָטעק? מאַך שוין אַ סוף.

ווען אַ קינד אָדער אפילו ווען די מאַמע האָט געדאַרפט גיין אין אָפּטריט אין אָוונט, איז יאַדוויגאָ שטענדיק געווען די באַגלייטערין. בלויז זי איז געגאַנגען אַהין אַליין. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט פאַר קיין שדים קיין מורא נישט. איצט, ווען יאַדוויגאַ איז אַוועק, האָט מאָטעק געדאַרפט ווערן דער באַגלייטער. מיט אַלעמען איז ער געגאַנגען, נאָר ניט מיט גוטשיאַן. אויף איר איז ער געווען מלא רציחה. און ווען זי האָט געדאַרפט גיין, האָבן לאָטשיא און מלכה זי באַגלייט. וויפל די מאַמע האָט אין אים ניט אַריינגערעדט, אַז מען שיקט ניט אַרויס מיידלעך אַליין ביינאַכט אין אַזאַ וויסטן ווינקל, מאָטעק איז געווען איינגעשפּאַרט ווי קורח.

— וואַרט, איך וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען, מאָטעק, — האָט גוטשיא געדראָט אים מיטן פויסט אַ פאַרשעמטע.

נאָר מאָטעק איז געבליבן ביי זיינס. אין אַזאַ פאַל, האָט ער זיך מיט איר אָפּגערעכנט פאַרן גאַנצן טאָג.

.3

מאָטעק האָט גראָד שטאַרק ליב געהאַט צו זיין אין דרויסן אין אָוונט. ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויפן הימל. דער לאָדזשער הימל איז אין אָוונט געווען אַנדערש, ווי דער הימל אין אַנדערע שטעט. אין לאָדזש איז תמיד געווען אַ רויטער הימל אין אָוונט. עס איז נישט דורך קיין אָוונט אַז עס זאָל ניט זיין געווען אַ פייער אין אַ פאַבריק, אָדער אין אַ שניט־קראָם. אַ גאַנצן אָוונט האָט מען געקאָנט הערן דאָס קלינגען און טראָמפּייטן פון די פייערלעשער, פון דער פאָזשאַרנע קאָמאַנדע.

אין הויז האָט מען געוואוסט, אַז אויב עס ברענט ניט ווייט, מוז מאָטעק דאָרט זיין. ער האָט געקאָנט האַלטן אין מיטן עסן, אָדער אין מיטן אויסטאָן זיך, האָט ער נאָר דערהערט דעם טומל פון די פייערלעשער איז ער גלייך געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער און זיך אַרויסגעלאָזט פון הויז, ווי מען וואָלט אַן אים זיך נישט געקאָנט באַגיין. ער איז געלאָפן הענדום־פּענדום נאָך די פייער־

לעשער און זיך געפּילט צופרידן, ווען ער איז צוגעקומען צום פייער און געקאָנט זען ווי עס ווערט געלאָשן.

אַמאָל האָט ער בלויז געהערט דאָס רוישן פון דער „קאָמאַנדע", נאָר זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן צו זען אויף וועלכער גאַס זיי געפינען זיך. דאַן האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן הימל און זיך געלאָזט אין יענער ריכטונג, וואו עס איז געווען רויט דער הימל.

מיט דער צייט האָט מאָטעק שוין געהאַט דערקענט, צי עס איז געווען אַן אונטערגעצונדענער פייער, אַן אייגן־געמאַכטער, כדי זיך צו ראַטעווען פון אַ באַנקראָט. אַזאַ פייער האָט געהייסן „בורא מאורי האש", אָדער ווען דער פייער האָט אויסגעבראָכן אַ שבת־צו־נאַכט, האָט מען געזאָגט, אַז „מען מאַכט הבדלה". ניט איין מאָל האָט מאָטעק נאָך געפילט דעם ריח פון נאַפט ביים פייער.

ווען ער האָט געהערט אין שטוב, ווי די פייערלעשער פאָרן שוין צוריק אַהיים, פלעגט ער הויך אויפן קול אויסזינגען, נאָכמאַכנדיק אַ טראָמפּייט:

„עס האָט שוין געברענט,
מען האָט שוין געלאָשן,
מען פאָרט שוין צוריק אַהיי־ם".

פון אַלע קינדער אין הויז, האָט מאָטעק זיך געלאָזט פילן מער ווי אַלע צוזאַמען. מיט אים איז געווען פול דאָס הויז. ניט קיין קינד, נאָר אַ רוח שטעקט אין אים, האָט מען וועגן אים געזאָגט.

איבערהויפּט האָט עס דעם טאַטן פאַרדראָסן, וואָס מאָטעק ווייס גענוי דעם חשבון וועגן יעדן גרויסן פייער, וואָס איז געווען פאַר דער וואָך, נאָר די פּרשה פון דער וואָך איז אים ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען.

— וואָס ברענט עס ביי דיר אַזוי? — האָט דער טאַטע, אָדער די מאַמע, זיך געבעטן ביי אים.

— איך מוז זען ווי אַזוי זיי וואַרפן אַרויס די שטיקער סחורה. איך וויל זען ווי אַ וואַנט ווערט אומפאַלן. איך מוז לויפן צום פייער.

דער גייסט פון פייער איז אַריין אין זיין בלוט. עס האָט אַלץ געפיבערט אין אים, ווען עס האָט אויסגעבראָכן אַ פייער. ער האָט געקענט אַלע סיגנאַלן פון די פייערלעשער. ער האָט זיך צוגעהערט צום טרובן און געוואוסט ווי עס האַלט מיטן פייער.

ווען אַלץ איז געווען שטיל אין אָוונט, האָט אָבער מאָטעק זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און מען האָט געוואוסט, אַז ער גייט אַרויס אין הויף, ווי קאַלט עס האָט געקאָנט זיין, אַ קוק טאָן צום הימל.

— טאַטעשי, ס׳ברענט ערגעץ ווייט. מאָרגן וועלן די בלעטער דערציילן וועגן אַ גרויס פייער, טאַטעשי.

— אַ גדולה אויף מיין קאָפּ, לאָדזש ברענט. פון מיינטוועגן האָט עס געמעגט פאַרברענט ווערן אינגאַנצן, נאָך איידער מיר זיינען געקומען אַהער. אַזאַ שטאָט איז סדום און עס האָט געמעגט אַוועק מיטן רויך.

ווען מאָטעק איז געוואָרן רעוואָלוציאָנעריש געשטימט און שוין געקאָנט זינגען דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר״, האָט ער פאַרגליכן דעם רויטן הימל מיט דער רויטער פאָן. ער האָט אַמאָל צו סאַלטשען געזאָגט:

— סאַלטשע, איבערן לאָדזשער הימל האָט זיך פאַרשפּרייט די רויטע פאָן.

— זאָלסט מיר געזונט און שטאַרק זיין, וואָס פּלוידערסטו דאָרט?

— דער הימל איז רויט. עס ברענט, סאַלטשע! די רויטע פאָן פלאַטערט! „דאָלאָי סאַמאָדערזשאַוויע!״ הוראַ, סאַלטשע!

קאַפּיטל דרייצן

מאַטעק מאַכט אַ רעוואָלוציע

.1

אפּטער און אָפּטער האָט מען ביינאַכט געהערט דאָס קנאַלן פון רעוואָלווערן איבער גאַסן. נאָך איידער מען האָט געמאַכט נאַכט, נאָך איידער מען האָט אָפּגעזאָגט קרישמע (קריאת שמע) ... מאַטעקס אָנגעשפּיצטע אויערן זיינען געווען די ערשטע צו הערן.

— טאַטעשי, מען שיסט: איינס־צוויי־דריי־פיר. אױ־וואַ!! באַלד וועט מען ענטפערן. אַהאַ! טראַטאַטאַט!!! באַיאָוקעס רעכענען זיך אָפּ מיט בוטשעקס און בענקאַרטס. באַלד וועט דער טאַטעשי הערן דעם גאַלאָפּ פון קאָזאַצקע פערד ... איך זאָל אַזוי לעבן, ווי איך האָב געטראָפן, נישט וואָער?

און דער טאַטע האָט געענטפערט:

— אַי, מאַטעק, ווען דיין קאָפּ וואָלט נישט געלעגן אויף אַזעלכע באַריש־קייטן, וואָלט איך מיר דאָס האַרץ נישט אויסגעגעסן. כ׳וואָלט אויך געלאַכט, ווען דער נאַר וואָלט נישט מיינער געווען ... וואָס גייט דיר אָן, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס? ווען דו וואָלסט מיר בעסער דערציילט וואָס די גמרא „בבא קמא״ זאָגט, וואָלסטו מיר מער נחת פאַרשאַפט. איך האָב שטאַרק מורא, מאַטעק, אַז דו היפּערסט איבער ביים דאַוונען. דו מאַלסט מיר עפּעס אָפּ צו שנעל — אַזוי וואָר ווי איך לעב ... און דער רבי גיט מיר אויך נישט אָפּ קיין גוטע גרוסן פון דיר ...

נאָך איידער מאַטעק האָט באַוויזן צו זאָגן מודה אני, האָט ער אַלעמען דערציילט, ווי ער האָט געהערט, אַז אין גאַס האָט מען געיאָגט ביינאַכט. עס האָט אים אויפגעוועקט, ער האָט שוין נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט געפּרואווט וועקן גוטשיאַן און סאַלטשען, נאָר זיי האָבן געכראָפּעט, ווי די בערן אין וואַלד ...

— מען האָט זיך געיאָגט. איך האָב געקאָנט שווערן, אַז די סיסטשיקעס האָבן געוואָלט כאַפּן רעוואָלוציאָנערן. כ׳האָב געהערט טריט, גאָר לייכטע טריט. מסתם חברה מיט שטעקלעך אין די הענט און באַלד אַ פייפן פון אַ

סטרוזש, צי אַ סטראַזשניק, און באַלד שווערע טריט פון דער פּאָליציי. זייערע שפּאָרעס האָבן געקלימפּערט און געקלונגען און די שיידן פון די שווערדן האָבן צוגעבראַזגעט . . . און ווידער אַ פּייפן און פון ווייטן אַ קנאַל פון אַ „שפּייער" און אַ שטאַרק פּייפן און — — —

— שוין, ער האָט זיך שוין צעלאָזט, ווי אַ לאָשעק פון שטאַל, — האָט די מאַמע אָפּגעשטעלט מאָטעקן. — אַלץ הערט עס, אַלץ ווייס עס, נאָר וואָס אין דער גמרא שטייט, דאָס איז נישט זיין זאַך. רעוואָלווערן, שפּיקעס, שווערדן, דער הימל לייגט זיך צו דער ערד, די קו איז געפלויגן איבערן דאַך, די קאַץ האָט זיך געקעצלט און די באָבע יאַכנע איז געגאַנגען אַ טאַנץ... אַי, מאָטעק, מאָטעק! איך וואָלט אויך געלאַכט, ווען דער נאַר וואָלט נישט מיינער געווען . . .

— ביים טאַטעשי בין איך אַ נאַר, ביי דער מאַמעשי בין איך אַ נאַר. מאָטעק, דער אָפּגעריסענער נאַר! דאָס אַלץ וואָס מען ווייס נאָר אין דעם הויז . . . טאָמער וויל איך עפּעס דערציילן — זאָל איך נישט דערלעבן אַרי־בערצוגיין די שוועל, צי איך טראַכט עפּעס אויס, — איז באַלד בין איך שולדיק. אויף פּאָלודנאָווע איז געווען אַ פּייער, ווער איז שולדיק? מאָטעק! אפשר בין איך שולדיק, וואָס עס איז נישטאָ קיין לייזונג?

— פאַרמאַך שוין דעם רינשטאָק, דזשעלנער גאון, — האָט גוטשיאַ זיך אַריינגעמישט.

— דו שווייג, גוטשיא, מיש זיך נישט, אין נישט־דיינע געשעפטן, — האָט די מאַמע זיך אָנגעבייזערט אויף איר.

וויל געוואוסט האָט זי, טייבל, אַז יעדעס מאָל וואָס גוטשיא עפנט אויף ס'מויל קעגן מאָטעקן, וועט שוין דער טאָג זיין אַ פאַרפאַלענער, וועט מען זיך שוין שלאָגן און שעלטן און אָנרייצן די אַנדערע קינדער איינער קעגן אַנדערן — און אַלץ וועט אויסגיין צו איר קאָפּ. און ליפּע וועט אַרויס פון הויז און זיך שטעלן אויף דער שוועל פון דער קראָם און רויכערן און שוויגן און זיין פאַרטיפט אין דער מחשבה. קיין געזונט וועט אים שוין דערפון נישט צוקומען.

עס איז זעלטן אַריבער אַ טאָג אָן קריגערייען צווישן די קינדער און אָן געשלעגן צווישן מאָטעקן און גוטשיאַן. טייבל האָט שוין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ליפּע האָט זיך גענומען צום האַרצן, נאָר מאָטעק האָט זיך נישט געבעסערט. פאַרקערט, ער איז געוואָרן ווילדער און שוין אינגאַנצן נישט געוואָלט גיין אין חדר אַריין. מער פעלט נישט אַז מאָטעק זאָל בלייבן אין הויז אַ גאַנצן טאָג. מען וועט מעגן זיך איינפּאַקן און אינגאַנצן איבערלאָזן ס'הויז מיט אַלץ מיט אַנאַנדער, האָט טייבל געטראַכט.

די לעצטע צייט האָט ליפּע געביטן צוויי מאָל מאָטעקס חדר. לאַדזשער חדרים האָבן מיר אויך אַ טעם, האָט זיך באַקלאָגט ליפּע פאַרן טאָמאַשאָווער פעטער. מאָטעק איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער גמרא אונטערן אָרעם און צוריק אַהיים געקומען מיט איר. צי ס׳איז אים עפּעס געבליבן פון איר, האָט ליפּע געצווייפלט. אַרויסגעוואָרפן די פּאָר רובל. וואָס וועט ווערן פון דעם יונג, ווייס איין גאָט.

און מאָטעק האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז מער וועט ער אין חדר נישט גיין. ער וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט נישט צו גיין מער אין חדר. גענוג חדר, „דאַלאַי סאַמאָדערזשאַוויע״, נידער מיטן רבין! נידער מיט די היי־צעלס! . . . ער האָט מורא געהאַט צו זאָגן דאָס דעם טאַטן אין די אויגן, האָט ער עס געזאָגט דער מאַמען. זי איז געוואָרן אַן אויפגעבראַכטע און געענטפערט: „מאָטעק, בייס זיך אָפּ די צונג!״ נאָר קענענדיק איר בן־יחיד, האָט זי געציטערט אַז ער וועט נאָך אָפּטאָן די קונץ און נישט גיין מער אין חדר. דער טאַטע וועט עס נישט אויסהאַלטן. מען וועט ווידער דאַרפן רופן גוסטאַוון. זאָל ער געבן אַן עצה. פון דעם יונג איז מער נישט אויסצוהאַלטן.

און מיטאַמאָל איז געקומען דאָס וואָס האָט געטראָפן ווי אַ באָמבע אין מאָטעקס הויז.

אין חדר האָט דער רבי זיך פאַרטשעפּעט מיט מאָטעקן. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס אָנזאָגן פון ליפּען, אַז מען זאָל אויף זיין בן יחיד קיינמאָל די האַנט נישט אַרויפלייגן. דער רבי איז אַרויס פון די כלים און דערלאַנגט מאָטעקן אַ פּאָר פּעטש, פון וועלכע זיין פּנים האָט אים אָנגעהויבן פלאַמען. די פּעטש האָט זיך מאָטעק פאַרדינט פאַר ניט קענען די גמרא און, הויפּט־זעכלעך, פאַר שטעלן אַ קלאָץ־קשיה. צווישן רבין און מאָטעקן איז ניט געווען קיין גוט לעבן פון ערשטן טאָג אָן. מאָטעק האָט נישט געקאָנט פאַר־טראָגן דעם רבינס פאַרקרימט, בייז פּנים און זיין גראָב קול, וואָס האָט רק באַפוילן, וואָס האָט געזעדט צו די קינדער ווי צו אַרעסטאַנטן. דער רבי האָט געהערט מאָטעקס באַמערקונגען וועגן זיך, וואָס דער בחור האָט גע־מאַכט צו אַנדערע קינדער, מיינענדיק אַז דער רבי הערט ניט.

ווען מאָטעק האָט באַקומען די צוויי פייערדיקע פּעטש, וואָס האָבן זיין פּנים אַ ברי געטאָן, איז ער אויפן ערשטן מאָמענט געוואָרן צעטומלט, זיך ניט געהאַט געריכט אויף דערויף. נאָר גלייך איז ער צו זיך געקומען, אַ קוק געטאָן אויפן רבין מיט אַ פּאָר ווילדע אויגן און זיך אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט זיין האַנט און מיטן גאַנצן כוח אַ זעץ געטאָן דעם רבין אין באַק אַריין. ער האָט אָנגערירט האָר און אַדורך זיי עפּעס האַרטס. דער רבי האָט זיך ניט געהאַט געריכט דערויף און די קינדער האָבן אַרויסגעלאָזט אַן

„אַי־אַי!" . . . מאָטעק האָט זיך מיטאַמאָל דערשראָקן, אַ כאַפּ געטאָן די אָפענע גמרא וואָס איז געלעגן אויפן טיש, זי אויף גיך צוגעמאַכט מיט אַ קנאַק און זיך געלאָזט לויפן אַרויס פון חדר. ער איז געלאָפן איבערן הויף, מיינענדיק אַז מען יאָגט אים נאָך. ער איז אַרויס אויף דער גאַס און געפילט ווי עס פעלט אים אָטעם אויס, נאָר ער איז נאָך אַלץ געלאָפן. אַ שווייס איז אים באַפאַלן. אין מויל איז אים געוואָרן טרוקן. ער האָט זיך פאַרדרייט אין אַן אַנדער גאַס און פון דאָרט נאָך אין אַן אַנדער ריכטונג, ווי ער וואָלט זיך וועלן אויסבאַהאַלטן פון דעם נאָכיאָגער. נאָר קיינער האָט אים ניט נאָכגעפאָלגט. ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען די פאַר־שמאַיעטע יידן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם שמאָלן טראָטואַר, האָט ער זיך דערפילט זיכערער מיט זיך און זיך אָפּגעשטעלט. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ שויי־פענצטער פון קורצע קליידער, קראַגנס און שניפּסן. ער האָט נאָך איינ־גאַנצן געציטערט. מיטאַמאָל האָט ער געגעבן אַ פּלאַץ אויס אין אַ געיאָמער. ער האָט זיך געווישט דאָס נאַסע פנים מיטן אַרבל פון זיין קאַפּאָטקע. דער אַרבל איז געוואָרן שטייף. האָט ער זיך געווישט מיטן אַנדערן אַרבל. עס איז אים געוואָרן לייכטער דערפון. ער האָט נאָך געצוקט מיטן מויל, גע־שלוכצט, נאָר זיך ענדלעך איינגאַנצן באַהערשט. ער האָט גענומען גיין און זיך איינגעקוקט אין די פּנימער פון די וואָס זיינען אים אַנטקעגנגעקומען. ער האָט אָנגעהויבן לאַכן צו זיך אַליין, ניט וויסנדיק פאַרוואָס ער לאַכט. דאָס האָט אים געמאַכט צו לאַכן נאָך שטאַרקער.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן אַ לאַנגע צייט. ער האָט ניט געוואָלט אַהיימגיין. עס איז געווען אין מיטן טאָג. מען האָט אים אין דער היים דערוואַרט ערשט פאַרנאַכט. עס האָט אים אָנגענומען אַ שטאַרקער הונגער. זיין פּעקל עסן האָט ער געלאָזט אין חדר. יעדן אין דער פרי האָט אים גוטשיא מיטגעגעבן אַ פּעקל עסן. וואָס מען זאָל ניט זאָגן וועגן דער מרשעת, אָבער אַ גוט פּעקל האָט זי אים יעדן טאָג מיטגעגעבן, האָט ער געטראַכט. זי ווייס וואָס ער האָט ליב און וואָס ער האָט ניט ליב. און זי גיט אים שטענדיק מיט אַזאַ פּעקל וואָס ער עסט אַלץ אויף.

וואָס וועט זיין, ווען ער וועט פלוצלינג, אין מיטן העלן טאָג, אַהיימ־קומען? עס וועט ווערן אַ טומל, אַ גערודער. וואָס וועט ער זאָגן דער מאַ־מען? דעם טאַטן? וואָס וועט דערויף זאָגן דער אָנקל גוסטאַוו? און דער אָנקל מענדל וועט זיך אויך אַריינמישן און נאָך צעבלאָזן דאָס פייער. טאָמער וועט זיין ווינציק אָן אים. אַזוי טוט ער שטענדיק, דער שמענדריק.

ביין, ער וועט נישט אַהיים גיין. ער וועט איינגאַנצן נישט מער אַהיים גיין. ער וועט ווערן אַ גאַסן־ייִנגל און זיך אַרומשלעפּן מיט די קאַטערינ־

שטשיקעס. ער וועט זיך אָנדינגען צו אַ האַנדלאַרזש און אים העלפן שרייען „האַנדל, האַנדל" איבער די הויפן . . . ער וועט אָוועקפאָרן נאָך טאָמאַשעוו צו דער טאַנטע העלטשיאַ. זי וועט זיין גוט צו אים.

וועד ווייס ווי לאַנג ער וואָלט זיך אַזוי אַרומגעדרייט איבער די ענגע טראָטואַרן, ווען ער גייט נישט פאַרביי אַ קאַנדיאַטריי, פון וועלכער עס האָט געשמעקט מיט פריש געבעקס, מיט פוטער־קיכלעך און טאָרטן, מיט ברוינע בולקעלעך און קאַווע־שמאַנט. די ריחות האָבן אים דעם קאָפּ פאַרדרייט. ער האָט דערפילט ווי די פיס ווערן ביי אים שוואַך. אָט באַלד וועט ער אַוועקפאַלן, אויב מען וועט אים ניט געבן עפּעס צו עסן. ער מוז קריגן עפּעס צו עסן.

מאָטעק האָט מיטאָמאָל זיך אָנגעהויבן יאָגן און שטופּן איבער די טראָטואַרן, ווי ער וואָלט זיך געפּערלעך געאיילט. עס האָט אים געטריבן דער הונגער. און ער האָט פאַרגעסן די „פּאַרציע", וואָס האָט אים דערוואַרט אין דער היים. ער האָט געטראַכט בלויז וועגן אַ שטיק ברויט מיט פּוטער, בלויז אַ שטיק ראַזעווע ברויט מיט פּוטער און אפשר אויך אַ פאַרפּראַרענעם עפּל מיט רויטע בעקעלעך.

אַן אָטעם איז ער אַריינגעלאָפן צו דער מאַמען אין קראָם. זי איז גראָד געווען פאַרנומען מיט אַ קונה. דערזעענדיק אים און ווייסנדיק, אַז ער איז געקומען צופרי, האָט זי גלייך דערפילט, אַז עפּעס האָט פּאַסירט:

— מאָטעק, וואָס עפּעס אין מיטן דערינען?

מאָטעק האָט אַוועקגעלייגט די גמרא אויף אַ שטול און געזאָגט:

— מער גיי איך נישט אין חדר אַריין!

ער האָט ניט געוואַרט ביז די מאַמע וועט אים עפּעס זאָגן, נאָר ער איז גלייך אַריין אין קיך און זיך אָפּגעשניטן אַ גרויס שטיק ברויט. ער האָט געפּאַקט אין זיך דאָס ברויט און ער איז געווען צופרידן וואָס קיינער איז דאָן אין הויז ניט געווען. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן באַגרייפן וואָס עס שטייט אים פאָר. ער וועט אין חדר מער נישט גיין, אפילו מען זאָל אים אויף שטיקער צעקאָטעווען. ער וועט כאַפּן אַ שטול און דערלאַנגען יעדן איינעם איבערן קאָפּ, אפילו, אפילו . . . ניין, דער טאַטע וועט אים ניט שלאָגן, די מאַמע אויך ניט. אפשר וועט אָנקל גוסטאַוו וועלן אַרויפלייגן די האַנט אויף אים. אָדער גאָר דער אָנקל מענדל. דער אָנקל מענדל רייסט זיך אַרויפצולייגן זיין הענטל אויף אים . . . ער וועט אַנטלויפן פון הויז, אויב עמיצער וועט אים שלאָגן. ער וועט עס זאָגן דער מאַמען. זי ווייס, אַז ער האַלט וואָרט.

זיך אָנגעגעסן צו זאַט, איז מאָטעק אַרויס פון הויז. זאָל די מאַמע דערציילן דעם טאַטן. זאָלן אַלע וויסן. ער וועט אַהיים קומען שפּעט. ער וועט

זיין אייגנגעשפּאַרט. זאָל ער קראַפּירן דאָ אויפן אָרט, אויב ער וועט צוריק־גיין אין חדר. נישט אין דעם חדר, נישט אין קיין חדר. אויס! ער ווייס וואָס ער וויל און ער וועט זײַנס אויספירן . . .

.3

דער פּאַטער איז אַוועק צום רבין אויסצוגעפינען וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן. דער רבי האָט ליפּען באַהאַנדלט גראָב. פּאַר קיין געלט אין דער וועלט וויל ער מער דעם תכשיט ניט אַרויפלאָזן איבער זיין שוועל. ער וויל אפילו ניט רעדן וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען.

ליפּע איז אַהיים געקומען אויסער זיך. זיין קינד האָט אויפגעהויבן אַ האַנט קעגן אַ רבין. מעג עס זיין דער ערגסטער רבי, נאָר אויפהויבן אַ האַנט קעגן אַן עלטערן מענטשן? דאָס זאָל זיך טרעפן מיט סאַרנעס זון?

ווען מאָטעק איז אַהיים געקומען, האָט ליפּע מיט אים גאָרנישט ניט גערעדט. ער האָט אים בלויז געפרעגט, צי ער האָט געדאַוונט מנחה־מעריב. ווען דאָס הויז איז געשלאָפן, האָבן ליפּע און טייבל אַ לאַנגע צייט גערעדט וועגן וואָס צו טאָן מיט מאָטעקן. ס׳איז מער קיין תכלית ניט אים צו שיקן אין אַ חדר. „זאָל ער נאָר בלייבן אַן ערלעכער ייד, דאָס אַלץ וואָס איך בעט גאָט", האָט ליפּע אָפּגעזיפצעט. עס איז געבליבן זיך באַראַטן נאָכאַמאָל מיט גוסטאַוון, אים דערציילן דעם גאַנצן אמת, זאָל ער זאָגן וואָס מען דאַרף טאָן. זאָל ער פּרוּוון ווירקן נאָכאַמאָל אויף מאָטעקן. קיין אַנדער אויסוועג איז גאָרנישט דאָ.

אויף צומאָרגנס איז מאָטעק ניט געגאַנגען אין חדר. די גמרא איז גע־לעגן אין אַלמער. די מאַמע האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיך צו מאָטעקן ניט טשעפּען, אים לאָזן לויפן. עס וועט איבערגייין.

מאָטעק האָט זיך טאַקע געוואונדערט, וואָס דער טאַטע האָט אים גאָרניט ניט געזאָגט און וואָס גוטשיא האָט געהאַלטן ס׳מויל פאַרמאַכט און וואָס די מאַמע אַליין האָט געשוויגן. ער האָט אויך באַמערקט, אַז סאַלטשע האַלט זיך פון אים פון ווייטן. זי פרעגט ניט, רעדט ניט, שטיפט ניט. זי איז עפּעס טרויעריק געוואָרן.

עס איז אים געוואָרן איבערדריסיק אַרומצוגייין אַ גאַנצן טאָג לײדיק, מאָטעקן. ער האָט זיך געזעגן מיט לייבטשען, זיין חבר פון הויף. לייבטשע האָט געדאַרפט אַרויסהעלפן דעם טאַטן דעם סטאָלער און ערשט פאַרנאַכט פאַרבראַכט מיט מאָטעקן. עס איז געוועזן גענוג אַרבעט צו טאָן פאַר דער אָרגאַניזאַציע, האָט לייבטשע דערקלערט. גיי, און טו. נאָר גראָד דאָן האָט מאָטעק ניט געוואָלט פאַרלאָזן די היים. עס האָט אים געצויגן צו זיך אַרום

הויז און ביט גיין צו אַ דעמאָנסטראַציע וואָס איז יענעם טאָג פֿאָרגעקומען. ער האָט געוואָרט, אַז די מאַמע זאָל אים אַריינרופֿן און רעדן מיט אים. ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן שולדיק קעגן טאַטע־מאַמע. ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז עפּעס וועט פֿאָרקומען מיט אים. זייער ערנסטקייט האָט אים ווי געטאָן. „ס׳איז מיין שולד“.

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג. מאָטעק האָט זיך געשלעפּט איבער די גאַסן, נאָר זיך געהאַלטן נאָענט פֿון דער היים. יעדע פּאָר שעה איז ער אַהיים געקומען. זיך געפּרוּווט אַפֿילו ניצלעך מאַכן פֿאַר גוטשיאַן, נאָר זי האָט אים קורץ און שאַרף געענטפֿערט: „מען וועט זיך באַגיין אָן דיר“.

אויפֿן דריטן טאָג איז געקומען דער אָנקל גוסטאַוו און באַלד נאָך אים איז אַריינגעקומען דער אָנקל מענדל. דער טיש איז געווען באַדעקט מיט אַ פֿרישן טישטוך. אַ סימן, אַז די אָנקלס וועלן באַלד ניט אַוועקגיין. די קינדער האָט מען אַוועקגעשיקט, בלויז גוטשיאַ איז געבליבן אין קיך. סאַלטשע איז נאָך פֿריער געהאַט אַוועקגעגאַנגען. גוטשיאַ האָט דערלאַנגט טיי צו די אָנקלס. טאַטע־מאַמע האָבן גאָרניט טועם געווען.

— גיי נישט אַוועק, מאָטעק, — האָט די מאַמע געזאָגט.

— בלייב דאָ, — האָט דער טאַטע צוגעגעבן.

דער אָנקל גוסטאַוו האָט פֿאַרענדיקט טרינקען טיי פֿריער ווי אַלעמאָל. אָנקל מענדל האָט נאָך געהאַלטן אין מויל זיין שטיקל צוקער, ווען דער אָנקל גוסטאַוו האָט אָנגעפֿאַנגען:

— מאָטעק, די מאַמע האָט מיר פֿאַרציילט גאָר נישט קיין שיינע זאַכן וועגן דיר. האָסט געשלוגן דיין רבי. דו ווייסט וואָס דו האָסט אָפּגעטון? ס׳איז ווי דו וואָלסט געשלאָגן דיין אייגענעם טאַטן. ווי דו וואָלסט געשלאָגן דיין אָנקל גוסטאַוו, צי אָנקל מענדל . . . שוין דריי טעג, זאָגט מיר די מאַמע, ווי דו שלעפּסט זיך אַרום שלינג און שלאַנג איבער די גאַסן. ס׳איז דיר אַפֿילו אין קאָפּ נישט געלעגן זיך צו נעמען צו דער גמרא . . . מאָטעק, דו ווייסט אַז איך בין זייער אַ פֿאַרנומענער מענטש, כ׳האָב בילכערע זאַכן צו טאָן ווי צו קומען און זיך צו פֿאַרנעמען מיט דיר. הער מיך גיט אויס: — איך וועל דיך שיקן צום בעסטן רבין אין לאָדזש. פֿון פּרייז וועט נישט זיין קיין אָפּהאַלט. וויפֿל מען וועט וועלן, וועל איך צאָלן, אַבי דו זאָלסט נאָר וועלן לערנען. גיט, מאָטעק?

מיטאַמאָל איז געוואָרן זייער שטיל אין צימער. מאָטעקן האָט אָנגעהויבן רוישן אין די אויערן. ער האָט געפֿילט ווי אַוועקצוטרייבן פֿון זיך דאָס רוישן. ער האָט מיט דער האַנט זיך געכאַפּט צום אויער.

— נו, וואָס ענטפֿערסטו נישט דעם אָנקל גוסטאַוו? מען רעדט דאָך צו

דיר, — האָט די מאַמע זיך געווענדט צו מאָטעקן אין אַן ערנסטן טאָן.

— איך וויל נישט גיין אין קיין חדר, אפילו ביים בעסטן רבין אין דער וועלט, — האָט מאָטעק געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זיין קול איז געווען פאַרשטיקט, די ווערטער זיינען קוים פון מויל אַרויסגעקומען.

— ווילסט אויסוואַקסן אַ ווילדער מענטש, אַן עם הארץ . . . אַ יידיש קינד אָן תורה איז אַ פּלעק, אַן אייביקער פלעק אויף זיינע עלטערן. מען וועט עס אונדז קיינמאָל נישט מוחל זיין אויבן, — האָט דער טאַטע גערעדט. אויך זיין קול איז איצט געווען אַנדערש. ער האָט גערעדט צו מאָטעקן, ווי צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן.

ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל.

— נו, דער אָנקל גוסטאַוו וואַרט. זאָג וואָס דו ווילסט זאָגן. זאָג, אַז דו וועסט פון איצט אָן זיך לערנען און אונדז נישט פאַרשאַפן מער קיין עגמת־נפש. האָסט מיר שוין גענוג בלוט געצאַפּט די לעצטע פּאָר טעג, מאָטעק. איך האָב זיך דאָס אסור פאַרדינט, — האָט די מאַמע געזאָגט, און די לעצטע ווערטער אירע זיינען אַרויסגעקומען ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן ביים צעוויינען.

מאָטעק האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעשטעלט און געמאַכט אַ טריט פאַר־אויס, אַזוי אַז ער איז געשטאַנען צווישן דער מאַמען און דעם אָנקל גוסטאַוו. ער האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט די הענט און אַרויסגערעדט שנעל־שנעל:

— אַזוי ווי מיר האָבן היינט מיטוואָך אויף דער וועלט, שווער איך, אַז איך וועל מער נישט גיין אין חדר . . . פאַרוואָס זאָל איך זיין ערגער פון לאַטשיאַן און מלכהן? זיי קאָנען לייענען און שרייבן פּויליש, דייטש און רוסיש, לאַטשיאַ קאָן שוין אפילו פראַנצויזיש, נאָר איך קאָן גאָרנישט. איך קאָן נישט איבערלייענען קיין שילד אין גאַס. איך פאַרשטיי נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. איך גיי אַרום ווי אַ בלינדע־באָבע. אַנדערע יידישע יינגלעך קענען שפּראַכן, איך קען גאָרנישט. איך קאָן נישט רעכענען, איך ווייס נישט די היסטאָריע און די געאָגראַפיע. אַלץ וואָס איך ווייס איז, אַז אַן אָקס האָט געשטויסן אַ קו און „אמר אביי, האָט אביי געזאָגט". איך וועל מער נישט גיין אין קיין חדר. איך וויל גיין אין אַ שקאָלע, אָדער צו אַ פּריוואַטן אוטשיטשעל און זיך לערנען וועלט־זאַכן . . .

מאָטעק האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט. עס איז געוואָרן ווידער שטיל. די מאַמע האָט זיך פאַרהוסט. דער טאַטע האָט געריסן די באָרד. אָנקל גוסטאַוו האָט געפּויקט מיט די פינגער אויפן טיש. דער אָנקל מענדל האָט זיך געדרייט די וואָנצעס.

דער אָנקל גוסטאַוו האָט זיך אויפגעשטעלט און קוקנדיק אויף אים האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט, אויך מאָטעק.

— נו, מאַטעק, איך גיב דיר נאָך איין טאָג צו באַטראַכטן זיך, — האָט אָנגעהויבן גוסטאַוו, — איין טאָג און נישט מער. דו קלייב דיר אויס דעם בעסטן חדר, אָדער לאָז מיר אויסקלייבן פאַר דיר דעם בעסטן חדר. הייב אָן אַ ניי בלאַט און לאָמיר מער נישט הערן פון דיר אַזעלכע מיאוסע זאַכן. ס'איז אַ שאַנד און אַ בזיון, אַז אַזעלכעס זאָל פאַרקומען אין אונדזער מיטע... איך מוז לויפן.

יענעם אָוונט האָט דער פאָטער גערעדט צו מאַטעקן.

— באַטראַכט זיך גוט, מאַטעק, איידער עס ווערט צו שפּעט. וועסט אַמאָל חרטה האָבן אויף דיינע זינד. הער זיך צו וואָס די עלטערע מענטשן זאָגן דיר. מילא, מיך ווילסטו נישט פאָלגן. וואָס ווייס דען דער טאַטעשי? אָבער געדענק, אַז אַ וועלט איז נישט משוגע. דער וואָס קען נישט קיין תורה, איז געגליכן צו אַ לערער פאַס. די תורה וועט דיר שטענדיק צונוץ קומען. טאַטע־מאַמע לעבן נישט אייביק, נאָר די תורה לעבט אייביק. און זי איז דיין בעסטער פריינט און דיין טרייסט אין אַ פינצטערער צייט.

מאַטעק האָט נישט געענטפערט. ער האָט געוואוסט, אַז מיטן טאַטן איז נישטאָ וואָס צו ריידן וועגן שיקן אים אין אַ שקאָלע. איצט האָט ער די געלעגנהייט אויסצופירן זיינס, האָט מאַטעק באַשלאָסן ביי זיך. ער וויל גיין אין אַ שקאָלע. דער אָנקל גוסטאַוו וועט עס פאַרשטיין און אים נאָכגעבן.

ביינאַכט אויפן געלעגער, האָט מאַטעק אָנגעהויבן רעדן צו סאַלטשען. גוטשיא האָט געהערט, נאָר זי האָט געשוויגן.

— סאַלטשע, איך וועל זאָגן דעם אָנקל גוסטאַוו, אַז ער זאָל מיך שיקן אין אַ שקאָלע, האָב איך רעכט?

— מאַטעק טייערער, אַן עצה פרעגט מען ביים רב, נישט ביי קיין פריילין סאַלטשע. איך ווינטש דיר הצלחה און אַלץ וואָס דו וועסט טאָן, נאָר פאַרשאַף נישט טאַטע־מאַמע קיין עגמת־נפש. פון דער מאַמען איז געוואָרן אַ תל, מאַטעק. דאָס אַלץ וואָס איך קאָן דיר זאָגן.

איז מאַטעק אַנטשוויגן געוואָרן.

— מאַמעשי, דער רבי האָט מיך געשלאָגן. זאָל די מאַמעשי נישט מיינען, אַז איך בין אַ יוקס. איך וויל אויסוואַקסן אַ געבילדעטער מענטש. איך וויל זיך נישט שעמען פאַר מיינע געשוויסטער. זיי קענען אַלץ און איך קען אַ פייג. איך בין נישט קיין דומקאָפּף.

און כדי נישט צו געבן דער מאַמען דעם ענטפער, וואָס ער האָט אָנ־געגרייט פאַרן אָנקל, איז ער שנעל פון הויז אַרויסגעלאָפן.

ער איז געגאַנגען צום אָנקל גוסטאַוו אין דער קאַנצעלאַריע.

קאַפּיטל פערצן

קום, מאַטעק

.1

ווען מאַטעק איז אָנגעקומען צום אָנקל גוסטאַוו אין דער קאַנצע־לאַריע, איז ער געווען גוט אויסגעמאַטערט פון לאַנגן מהלך. קיין געלט צו פאָרן אַהין מיטן טראַמוואַי האָט ער נישט געהאַט און ער האָט ביי די עלטערן נישט געוואָלט בעטן. דערפאַר, וואָס ער איז געגאַנגען צום אָנקל מיט אַן ענטפער, וואָס וועט די עלטערן נישט געפעלן ווערן. האָט ער נישט גע־וואָלט מיט זייער געלט נאָך מער זיי ווי טאָן.

אָנקל גוסטאַוו איז איצט געווען דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון איינער פון די גרעסטע דייטשע טעקסטיל פירמעס אין לאָדזש. זיין קאַנטאָר האָט זיך געפונען אין אַ ווינקל פון אַ ריזיקן האַנדלס־פּלאַץ, וואו עס זיינען אַריינגע־קומען בלויז סוחרים, גאָר אַ סך פון אַנדערע שטעט און פון גאַנץ רוסלאַנד. דעם אָנקלס קאַנטאָר איז באַשטאַנען פון גלעזערנע פענצטער און אַ גלעזער־נער טיר, וואָס איז געווען פאַרמאַכט. די וואָס האָבן געוואַרט אויף אים, זיינען געזעסן אויף בענק אין דרויסן. ער האָט געקאָנט אַרויסקוקן, נאָר וואָס ער האָט גערעדט אינווייניק האָט מען אין דרויסן ניט געקאָנט הערן.

מאַטעק האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און געוואַרט צוזאַמען מיט אַנדערע יידן. ער האָט זיך אַליין דערפילט ווי אַ יידעלע און דער אָנקל איז אים איצט געווען פרעמד, אַזוי ווי די מענטשן מיט וועלכע ער איז געזעסן אויף דער באַנק. דער אָנקל האָט זיך אויפגעשטעלט, עפּעס אַ זאָג געטאָן צום יידן, וואָס איז געהאַט געזעסן לעבן אים. יענער האָט זיך אויך אויפגע־שטעלט, געגעבן דעם אָנקל די האַנט און זיך פאַרנייגט און פאַרלאָזן. דער אָנקל איז אַרויסגעקומען. אַ פּאָר יידן האָבן זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט רעדן צו אים, נאָר ער האָט זיי אָפּגעשטעלט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט און געזאָגט צו מאַטעקן:

— קום אַריין, מאַטעק.

אַביסל האָט ער זיך דערשראָקן, מאַטעק. צי פאַר דעם ריזיקן פּלאַץ, וואָס

האָט אים דערמאָנט אין אַ וואַלד, צי פאַר דעם אַנקלס וואַשנעם אויסזען דאָ.
גוסטאַוו האָט אים גאַנץ ווייך געזאָגט:

— זעץ זיך, מאַטעק.

און צוגעגעבן:

— ביסט געקומען מיטן טראַמוויי? געגאַנגען? דו, דומקאָפּף, דו! אַזאַ מהלך? פאַרוואָס האָסטו נישט געבעטן ביי דער מאַמעשי טראַמוויי־געלט? נו, גוט, וואָס ווערסטו זאָגן גוטס, מאַטעק?

— טייערער אַנקל גוסטאַוו, — האָט מאַטעק אָנגעהויבן, שלינגענדיק די סלונע, — איך בין געקומען זאָגן דעם אַנקל, אַז ער זאָל זיין אַזוי געפעליק און מיך שיקן אין אַ שקאָלע. פאַרוואָס בין איך ערגער פון לאַטשיאַן, וואָס איז יינגער פון מיר? פאַרוואָס זאָל זי קאָנען לייענען אַלע שילדן, אַלע וויוועסקעס און אַפישן און איך נישט? דער חדר קריכט מיר פון האַלדז, טייערער אַנקל גוסטאַוו. זאָל דער אַנקל ניט זיין בייז אויף מיר.

מאַטעק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געפילט ווי עס ווערט אים שטיקנדיק אין האַלדז.

דער אַנקל האָט אים פּלוצלינג אָנגענומען פאַר דער געמבע און געזאָגט:

— קוק צו מיר, מאַטעק. האָב נישט קיין מורא. איך וועל דיך נישט בייסן. דער אַנקל גוסטאַוו בייסט נישט קיין קינדער. דער אַנקל גוסטאַוו וויל, אַז עס זאָל דיר זיין גוט. עס שטייט אין ערגעץ נישט געשריבן, אַז מען גייט נישט אין חדר, קאָן מען קיין מענטש נישט אויסוואַקסן. אָט איז דער אַנקל גוסטאַוו אויך אַוועק פון חדר כמעט אין דיין עלטער און דו זעסט דאָך, אַז ער איז נישט פאַרלאָרן געגאַנגען . . . הער זיך איין מאַטעק, וואָס דער אַנקל רעדט צו דיר און זאָל דאָס אַריין אין דיינע אויערן. — דו וואַשסט זיי אַמאָל אויס, האַ? — יאָ, צום לעצטן מאָל זאָג איך דיר, אַז דו קאָנסט גיין אין בעסטן חדר אין לאָדזש. איך וועל פאַר דיר צאָלן וויפל מען וועט נאָר וועלן. ווילסט נישט? שאָקלסט מיטן קאָפּ אויף „ניין". נו, וואָס קאָן מען מאַכן מיט דיר. ביסט געראָטן אין די קאַלינסקיס, אַזוי איז דיין באָבע גיטל, ע״ה, געווען . . . און אויב אַזוי, האָב איך פאַר דיר אַן אַנדער פּלאַן, נאָר דו ווערסט דאַרפן שווער אַרבעטן, דערפאַר וואָס דו ווערסט מוזן אַניאָגן, וואָס אַנדערע האָבן שוין געלערנט פאַר דיר . . . איך וויל דו זאָלסט זיך אויסלערנען אַ פאַך. מיר מאַכט ניט אויס וואָס פאַר אַ פאַך. איך וועל דיר אויסרעכענען דאָס צווייטע מאָל, ווען דו ווערסט אַהער קומען, וואָס פאַראַ פאַכן עס גיבט נאָר. קלייב דיר אויס וואָס דו ווילסט ווערן. פריער וועל איך דיך שיקן אין אַ פּראָ־גימנאַזיע, אין אַ יידישער פּראָ־גימנאַזיע, וואו עס גייען די פיינסטע קינדער. דאָרט ווערסטו זיך אויסלערנען

לייענען און שרייבן שפּראַכן, רעכענען און ענלעכע זאַכן. וועסט אָפּגיין אַ יאָר, וועל איך דיך אַרויסנעמען פון דאָרט. אויב דו וועסט וועלן נעמען מיין עצה, וועל איך דיך שיקן אין יאַראָטשינסקיס פאַך־שול, וואו דו וועסט זיך קאָנען אויסקלייבן צו ווערן אַ וועבער־מייסטער אָדער אַן עלעקטראָ־טעכניקער. וועבער־מייסטערס זיינען דאָ ווי מיסט. מיין עצה איז, אַז זאָלסט זיך לערנען אַלס עלעקטראָ־טעכניקער. דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז? ס׳מאַכט נישט . . . ווילסט גיין אין פּראָ־גימנאַזיע? איך וועל האָבן אויסגעריסענע יאָר פון דיינע טאַטע־מאַמע, ווייל איך וועל דאַרפן דיר אָנטאָן אַ סטודענטן־מונדיר און אָפּשערן דיינע לאַנגע פּאות. שבת וועסטו נישט לערנען, אויך נישט אין די יידישע פייער־טעג. — וואָס זאָגסטו דערצו, מאָטעק?

מאָטעק האָט דערפילט ווי דער קאָפּ האָט זיך אים אָנגעהויבן דרייען. די צונג האָט זיך ביי אים אָפּגענומען. אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט. מיינט טאַקע דער אָנקל וואָס ער האָט נאָר־וואָס געזאָגט? ער וועט אים שיקן אין אַ שקאָלע? ער וועט אים לערנען אַ פאַך? ער וועט קאָנען זיך פאַרגלייכן אין קענטעניש מיט לאָטשיאַן? ער וועט לייענען פּוילישע ביכער, רוסישע ביכער און די דייטשע צייטונג וואָס די מאַמע האָט ליב אין איר אַריינצוקוקן? און וואָס וועט דער טאַטע זאָגן? און די מאַמע אַליין? זיי וועלן נישט לאָזן. זיי ווילן, אַז ער זאָל בלויז קענען יידישע זאַכן.

— נו, וואָס שוויגסטו, מאָטעק? עס ברענט נישט. דאַרפסט מיר איצט נישט געבן קיין אַנטוואָרט. נאָר דו דרייסט זיך אַרום שלינג־און־שלאַנג. גייסט נישט אין חדר, בראַיעסט אַרום אין הויף מיט דעם אויסוואורף לייבטשע, וואָס וויל אַראָפּוואַרפן צאַר ניקאָלאַי און צונעמען שייבלערס פאַבריק און מיך מאַכן פאַר אויס קאַפּעלושמאַכער . . . פאָלג דיין אָנקל גוסטאַוו. שלאָג זיך דיר אַרויס פון קאָפּ די נאַרישקייטן. איך, אין דיינע יאָרן, האָב שוין געטראַכט פון אַ תכלית און האָב מיר שוין אין קניפּל געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן. איך זע נישט, אַז דו זאָלסט וועלן עפּעס גרייכן. אַן אַמביציאָן איז אַ גרויסע זאַך . . .

— איך וויל זייער גיין אין שקאָלע, טייערער אָנקל גוסטאַוו. איך וועל דעם אָנקל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, נאָר וואָס וועלן טאַטעשי־מאַמעשי זאָגן?

— דאָס לאָז שוין איבער צו מיר, מאָטעק. די צייט שטייט נישט אויף איין פּלאַץ. נאַ דיר טראַמוויי־געלט און קויף דיר אַ נאַש. זאָג דער מאַמען, אַז איך וועל זיין אין הויז מאָרגן, אַז מען וועט דערלעבן.

דער אָנקל האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פאָטעל־שטול און אָנגענומען מאָטעקן פאַרן אָרעם און אים אַרויסגעפירט פון קאַנטאָר. מאָטעקן האָט זיך

נאָך אַלץ געשווינדלט אין קאָפּ. ער האָט זיך אַנגעשטויסן אין אַ יידן און אים אַנגעטראָטן אויף די שיך.

2.

ווען אַנקל גוסטאַוו איז צומאַרגנס געקומען צו מאָטעקן אין הויז אַריין, האָט די מאַמע געהייסן די קינדער גיין אויף אַ שפּאַציר, אָדער זיך שפּילן אין הויף, „ביז מען וועט אייך אַריינרופן". עס איז געווען אין אַ פֿאַרנאַכט. די מאַמע האָט איבערגעלאָזט די קראָם אין סאַלטשעס הענט. דער אַנקל איז געווען זייער ערנסט, גערעדט שטיל צו די קינדער: — „כ'האָב גורנישט נישט געבראַכט. ס'צווייטע מול".

מאָטעק האָט געוואוסט צוליב וואָס דער אַנקל איז געקומען. צוליב אים. די מאַמע וועט נישט וועלן אים לאָזן שיקן אין שקאָלע. דער טאַטע אַוודאי נישט. ביז דער בר־מצווה מוז ער גיין אין חדר. נאָכדעם וועט מען זען. דער טאַטע, ווייסט מאָטעק, וויל נישט, אַז זיין בן־יחיד זאָל ווערן אַ פּראָסטער באַלמעלאָכע. ער וויל אויך נישט, אַז ער זאָל ווערן אַ סוחר. וואָס וויל ער יאָ? ס'איז צו־פּרי צו טראַכטן אפילו וועגן דעם. ער וויל, אַז ער זאָל אויס־וואַקסן אַ פרומער ערלעכער ייד. מער נישט.

עס איז שוין געווען פינצטער, ווען די מאַמע האָט אַריינגערופן די קינדער פון הויף. מאָטעקן איז געווען זייער אומעטיק. ער האָט ליב געהאַט די מאַמע און ער האָט נישט געוואָלט זי זען מיט אַ טרויעריק געזיכט און פאַרמאַכטע שטייפע ליפּן. ווען זי האָט זיך געפילט אויפגעלייגט, האָט זיך מאָטעקן אויסגעוויזן, אַז די זון שיינט איבערן גאַנצן הויז. די זון האָט זיך געהאַט צוגערירט בלויז צו דער דרויסנדיקער שוועל: אינווייניק איז זי קיינמאָל נישט אַריינגעקומען. ווען די מאַמע האָט געשמייכלט, איז געווען אַ נייעס. ווען די קינדער זיינען געווען אויסגעפּוצט אויף יום־טוב; ווען דער טיש איז געווען געגרייט ווי ווען מען גוטס גיבט, דאַן האָט די מאַמע געשמייכלט. נאָר דאָס איז געווען זייער זעלטן.

מאָטעק האָט געפילט, אַז ווען ער וועט אַריינקומען אַצינד אין הויז אַריין, וועט די מאַמע זיין טרויעריק. און שולדיק אין דעם וועט זיין ער, מאָטעק. דער אַנקל האָט איר געוויס איבערגעגעבן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ צו גיין ווייטער אין אַ חדר, אַז ער וויל דורכאויס גיין אין אַ שקאָלע און אַז נאָך דער שקאָלע וועט מען אים פּיליכט שיקן אין יאַראָטשינסקיס פּאַך־שול און מען וועט אים אָפּשערן די פּאות און אָנטאָן אַ מונדיר מיט אַ קוקאַרדע. די מאַמע וויל נישט ווי טאָן דעם טאַטן. זי ווייס, אַז ווען דער טאַטע האָט עגמת־נפש, האָט זי אויך עגמת נפש בלויז דערפון. ס'איז אַ טאָפּלטער עגמת־

נפש ביי איר. צוליב דער זאַך און צוליב דעם טאַטן.

דער פּאַטער איז שוין געהאַט געקומען פון מעריב. ער האָט מסתם אויך געהאַט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ווען מאָטעק איז אַריינגעקומען, האָט קיינער זיך ניט געהאַט אומגעקוקט אויף אים. פאַרקערט, ער האָט גוט באַמערקט, ווי די מאַמע האָט אים אויסגעמידן. זי האָט נישט געוואָלט קוקן אויף אים. אַלעמאָל ווען ער קומט אַריין פון הויף, באַטראַכט זי אים, צי ער איז נישט צעשלאָגן, צעקראַצט, אָדער פאַרשמירט. היינט האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון אים. מאָטעק האָט עס געפילט. דעם טאַטנס פּנים איז געווען אָנגעצויגן. מאָטעק האָט עס אַרויסגעזען פון דעם פאַרוואָקסן פּנים. דעם טאַטנס קול איז געווען ווי פאַרהוילן. דער טאַטע האָט עגמת נפש. און מסתם צוליב אים. האָט זיך מאָטעק נישט געקאָנט איינהאַלטן און געפרעגט דעם טאַטן אַ פראַגע וועגן מאַרגנדיקן מנין, צי דער טאַטע וועט דאַוונען מיטן ערשטן, צי מיטן צווייטן מנין. דער טאַטע האָט בלויז אַרויסגעברומט: „מעט דיר לאָזן וויסן".

עפּעס איז אין הויז נאָכדעם פאַרגעקומען אַן איבערקערעניש. די מאַמע האָט גערעדט קעגן אָנקל גוסטאַוו. גוטשיאַ האָט דאָס אַליין געהערט און דערציילט ביינאַכט סאַלטשען. מאָטעק האָט זיך געמאַכט ווי ער שלאָפט, נאָר ער האָט געהערט יעדעס וואָרט.

— סאַלטשע, געדענק מיינע ווערטער — דער יונג וועט מאַכן אַ תל פון אַלץ. שקאָלע ווילט זיך אים. איך האָב געמעגט אויפגעבן די שקאָלע צוליבן הויז, און דעם פריץ שטייט נישט אָן זיך צו לערנען אין חדר און פאָלגן טאַטע־מאַמעס פאַרלאַנגען.

און סאַלטשע האָט געענטפערט:

— גוטשיאַ־קרוין, ס'איז נישט קיין זינד צו וועלן גיין אין שקאָלע. הלוואי וואָלט מיך עמיצער געשיקט אין אַ שקאָלע, וואָלט איך אים צו די פיס געפאַלן און די הענט געקושט אויס דאַנקבאַרקייט. מאָטעק איז גערעכט. פאַרוואָס זאָל אַ קינד אין זיין עלטער נישט קאָנען איבערלייענען אַ שילד אויף דער גאַס?

און גוטשיא האָט איר נישט געלאָזט ענדיקן.

— אַ קינד דאַרף פריער פון אַלץ טאָן וואָס טאַטע־מאַמע ווילן. פון דעם יונג וועט קיין גוטס שוין נישט אַרויסקומען. אַז עס פאָלגט נישט איצט, וועט עס אויסוואַקסן אַ קעשענע־גנב, אַ ראַזבאַיניק. די שקאָלע וועט אים קיין גוטס נישט טאָן. עס איז דער כאַראַקטער און אַז אַ קינד פאַרשאַפט די עלטערן עגמת־נפש, האָט ער נישט קיין האַרץ, נאָר אַ שטיין.

מאָטעק האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן נישט צו ענטפערן גוט־

שיאַן. ער האָט איר געוואָלט דערמאָנען, אַז אויך אָנקל גוסטאַוו האָט נישט געפאָלגט זיינע עלטערן און אַז אָנקל וועלוול איז אַנטלאָפן נאָך פּאַריז. מסתמא פירט זיך עס אַזוי.

מאַטעק האָט גוט געפילט, ווי מען וואַרפט אים צו שפּיזיקע בליקן. די מאַמע טוט עס. זי האָט נאָך קיינמאָל אים נישט אַזוי באַהאַנדלט. גוטשיא זאָגט טאָקע, אַז זי באַקלאָגט זיך, אַז מאַטעק וועט זי פרי לייגן אין קבר אַריין מיט זיינע גענג, מיט זיין שקאָלע. אַז די מאַמע האָט זיך שוין געדאַרפט צוקריגן מיטן אָנקל גוסטאַוו צוליב דעם סמאַרקאַטש, צוליב דעם גורנישט־שעבענישט, איז שוין עק וועלט, האָט דאָס לעבן מער קיין ווערט נישט.

אויך דער טאַטע האָט מאַטעקן געגעבן די אמתע פּאַרציע. ער האָט מיט אים קיין סך נישט איינגעטענהט. ער האָט אים בלויז געזאָגט, אַז ער זאָל זיך אַרומזען איידער עס ווערט צו־שפּעט.

— ביי מיר אין הויז וויל איך נישט האָבן קיין בן זכר מיט קוקאַרדעס. כ'האָב איין־איינציקן זון, וויל איך, אַז ער זאָל גיין אין מיינע דרכים. מיין פאָטער, זאָל מאריך ימים ושנים זיין, איז אויסגעפאָרן גאַנץ קרוין־פּוילן און געפירט געשעפטן אויף די גרעסטע יאַר־מערק און ער האָט זיך גע־קאָנט באַגיין אָן אַ שקאָלע. איך וואָלט געקאָנט זיין אַ גרויסער סוחר, ווען עס וואָלט מיר געפעלן געוואָרן און איך בין אין קיין שקאָלע קיינמאָל נישט געגאַנגען. ס'איז מיין רצון און דער רצון פון דער מאַמען — דו האָסט בלויז איין טאַטעשי און איין מאַמעשי אויף דער גאַנצער וועלט — אַז דו זאָלסט גיין אין אונדזערע וועגן. אויב דיר שטייט נישט אָן, וועט עס דיר באַנג טאָן.

מאַטעק האָט אויסגעהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. עס האָט אים וויי געטאָן דעם טאַטנס רייד. דאָס איז נישט קיין געוויינלעכע רייד. דער טאַטע האָט קיינמאָל פריער אַזוי ניט גערעדט. דער אָנקל האָט דאָ אַריינ־געוואָרפן אַ באָמבע.

מאַטעק האָט זיך דערמאָנט אין חדר, אין דער סצענע מיט די פּעטש. ניין, ער וועט נישט גיין מער אין קיין חדר.

3.

אָנקל גוסטאַוו איז געקומען נאָכאַמאָל און זיך געשושקעט מיט דער מאַמען. די לופט איז געוואָרן אַלץ מער אָנגעצויגן. ניט בלויז האָבן טאַטע־מאַמע געקוקט קרום אויף מאַטעקן, נאָר אויך די קליינע לאַטשיא און מלכה האָבן אים אויסגעמידן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אפילו אַנדזשיא, זיין ייִנגסט שוועסטערל, וואָס האָט נאָך נישט געקאָנט רעדן, האָט צו אים שוין אויך ניט געשמייכלט ווי פריער. נאָך מער פון אַלע איז אים גוטשיא דער־

גאַנגען די יאָרן. איבערהויפּט האָט זי עס געטאָן ביים עסן. דערלאַנגט אים די שיסל קרופּניק און צוגעוואונטשן: „זאָלסט דערוואַרגן ווערן מיטן ביסן ברויט, ווי דו האָסט די מאַמעשי געצאַפּט דאָס בלוט״.

— וואָס ווילסטו פון מיר, מכשפה? — האָט מאָטעק געגומען שרייען.

— וואַרט, וואַרט, וועסט האָבן צו געדענקען וואָס דו האָסט געמאַכט פון דעם הויז . . . די מאַמע וויינט, דער טאַטע האַלט זיך ביים האַרצן, גע־וואַרן שוואַרץ ווי קויל, רעדט ניט אויס קיין וואָרט צו אונדז מער. דו, מאָטעק נאַר, פאַרוואָס ווילסטו נישט גיין אין חדר, ווי דער טאַטע הייסט? פאַרוואָס ברענגסטו אַריין מחלוקתן צווישן דער מאַמעשי און אָנקל גוסטאַוו? ווען איך וואָלט געהאַט אַ דעה, וואָלט איך דיר אַזוי אָנגעבויקערט דיינע זייטן, אַז דו וואָלסט פאַרזאָגט אַ צענטן נישט צו פאָלגן דיינע עלטערן.

אָ, ווי ער האָט גוטשיאָן פיינט געהאַט! האָט געטראַכט מאָטעק. נאָר דאָך זיינען אירע רייד אים שטענדיק אַריין אין דער נאָז. פון איר האָט אַרויסגערעדט די מאַמע. און אַזוי ווי ער האָט פיינט געהאַט גוטשיאָן, אַזוי האָט ער ליב געהאַט די מאַמע. און אַז גוטשיא זאָגט, אַז די מאַמע וויינט צוליב אים, איז טאַטע זייער ביטער. און אַז דער טאַטע איז אויך אויס מענטש צוליב אים, וועט עפּעס פּאַסירן. נאָר אַז דער אָנקל האַלט פאַר אים, איז אַ סימן אַז ער איז גערעכט. מסתם פאַרשטייט דער אָנקל, אַז די שקאָלע איז דער פּאַסיקער פּלאַץ. דער אָנקל זאָגט, אַז ער וועט גיין איין יאָר אין שקאָלע. ער וואָלט וועלן גיין מער און ענדיקן פיר קלאַסן. די וואָס לער־נען זיך אַ סך, האָבן גאָר אַנדערע פּנימער. זיי קוקן אויס אינטעליגענט און זיי קאָנען רעדן אַזוי שיין. אים געפעלן די סטודענטן פון דער האַנדלס־שול. זיי האָבן גאָר אַנדערע אויגן. זיי ווייסן אַ סך. זיי איז אַלץ קלאָר, נישט אַזוי ווי ער און ווי סאַלטשאַ, וואָס קוקן ווי בלינדע און שעמען זיך פאַר דער קליינער לאַטשיאַ וואָס קאָן אַלץ דערקלערן וועגן פרעמדע לענדער. זי האָט לעצטע וואָך דערציילט וועגן דעם לאַנד איטאַליע, וואו עס שיינט שטענדיק די זון און די מענטשן זינגען דאָרט און שפּילן אויף באַנדורעס און אַלע קענען זינגען און שפּילן.

בעת מאָטעק איז אַרומגעגאַנגען אין הויז ווי אַ פאַרפאָלגטער פון אַלע זייטן, איז טייבל, זיין מוטער, אַרומגעגאַנגען אַ צעווייטיקטע, נאָר אַ שוויינג־דיקע. זי האָט געהאַט אַ שאַרפן איבעררייד מיט גוסטאַוון. זי האָט געמיינט, אַז איר ברודער וועט געפינען אַן אויסוועג מיט מאָטעקן, אַז ער וועט אים קאָנען איבערעדן צו גיין אין חדר. נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזט פאַרקערט. גוסטאַוו זאָגט, אַז כדי צו ראַטעווען מאָטעקן, אַז ער זאָל נישט ווערן אַ גאַסן־יונג, דאַרף מען אים אַריינגעבן אין אַ שקאָלע. וועט ער נישט זיין קיין רב,

זאָל ער האָבן אַ װעלטלעכע בילדונג און זאָל ער זיך אױסלערנען אַ פאַך. אײדער אַ גאָסן־יונג איז בעסער אַ באַלמעלאָכע. נו, אַז אין דער קאַלינסקי פאַמיליע איז קײנמאָל ניט געװען קײן באַלמעלאָכע, איז װאָס? זאָל זיך איר אױסדאַכטן, אַז אין דער סאַרנע־משפּחה איז יאָ געװען אַ סטאָליער אָדער אַ שניצער.

טײבל האָט פאַרשטאַנען, אַז גוסטאַװ האָט רעכט. נאָר זי האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז מיט איר אײנציקן זון זאָל אַזעלכעס טרעפן. דאָס װעט זײן אַ פלעק אױף דער פאַמיליע. דאָס װעט שאַדן די מײדלעך צו אַ שידוך. זי האָט זיך אין קײן פאַל נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז מאָטעק װעט אָפּשערן זײנע פאות. די פאות זײנע זײנען געװען איר שטאָלץ. װאָס פאַראַ ייד װעט ער אױסװאַקסן, װען ער װעט האָבן רוסישע ביכלעך? און װאָס פאַראַ אײנפלוס װעט ליפּע קאָנען איבער אים האָבן דאַן, אַז שױן איצט איז אים שװער אײנצוהאַלטן אין הױז אַ שבת נאָכמיטאָג מיט אַ ספר אין האַנט?

די הױפּט־זאַך אָבער האָט טײבלען געקרענקט ליפּעס „אױפּעסן זיך אַ לעבעדיקער". איר מאַן, האָט זי געזען, קאָן דאָס פּנים נישט װײזן פאַר קײנעם פון טיפער חרפּה. זײן אײנציקער זון זאָל אים אַזױ מבײש זײן, אַזױ װידערשפּעניקן. אַלע אירע טרױמען װעגן אַ לערנער, װעגן אַ גמרא־קעפּל, װערן צערונען. מאָטעק גײט אַװעק אױף פרעמדע װעגן אין איר אײגן הױז. זי איז געװען אַזױ אױפגעבראַכט, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט מער קאָנטראָלירן.

ליפּע האָט זיך אױך פאַרלױרן. ער האָט געװאָרפן די שולד אױף גוס־טאַװן, אױף זיך אַלײן. װאָלט ער ניט געקומען נאָך לאָדזש, װאָלט צו דעם אומגליק ניט דערגאַנגען. אין שטעטל האָבן עלטערן פאַרט געהאַט אַ דעה איבער אַ קינד, און נאָך אַזאַ שנעק דערצו. װאָס קומט אַרױס פון זײן פרומ־קײט, פון זײן זיצן אין בית־מדרש און לערנען, אַז דאָס עפּעלע פאַלט גאָר װײט פון בײמעלע . . . װאָס שטעקט אין מאָטעקן, װאָס ער, ליפּע, קאָן אים נישט פאַרשטײן? נײן, ער איז נישט געראָטן אין די סאַרנעס. ער איז אַ קאַלינסקי מיט די בײנער. זײן עקשנות, זײן עזות, זײן װידערשפּעניקן. זאָל ער, חלילה, אָנהײבן גײן אין שקאָלע, מעג עס אפילו זײן, װי גוסטאַװ פאַר־זיכערט, אין אַ יידישער שקאָלע, װעט ער זיך שױן מעגן געזעגענען מיט דער גמרא און מיט אַ שטיקל פּרק אפילו. און װאָס פאַראַ פּנים װעט ער, ליפּע, האָבן אין בית־מדרש? און װי װעט ער קאָנען קוקן טײבלען גלײך אין די אױגן אַרײן?

גוסטאַװ האָט פאַרשטאַנען מאָטעקן און סימפּאַטיזירט מיט אים. װאָס

װיל מען האָבן פון דעם אָרעמען קינד? אין װאָס באַשטייט זיין חטא? ער װיל גיין אין אַ שקאָלע? ער װיל קאָנען רעכענען און שרייבן און לייענען אַ רוסיש בוך? זעט דען זיין שװעסטער נישט, אַז פון אים װעט שוין קיין תנא נישט אויסװאַקסן? װאָס ער, גוסטאַװ, זעט יאָ, איז אַז די גאַס װעט אים מאַכן פאַר אַ גאַסן־יונג; אַז דער „קליינער בונד״ װעט אים אַרייננעמען אין זיין מיטע און דאַן װעט זיין — סיביר. הלװאי װאָלט ער, גוסטאַװ, געהאַט אַזאַ אָנקל װי מאַטעק האָט אין אים, װאָלט ער הייגט זיך נישט געדאַרפט שעמען אין דער שטיל, װאָס ער איז אַזאַ עם הארץ אין װעלטלעכע זאַכן, װאָס ער קאָן נישט אָנשרייבן קיין פּאָר דייטשע אָדער רוסישע אָדער פּוילישע װערטער. ער לערנט זיך אין געהיים ביי אַ פּריװאַטן לערער, נאָר דער קאָפּ איז שוין צו־גראָב. פון מאַטעקן קאָן אויסװאַקסן אַן אינזשענער, אויב ער װעט זיך גוט לערנען און אויב נישט, זאָל ער װערן אַ שוסטער, אַ שניידער, אַבי נישט אַזאַ בטלן װי דער פּאָטער זיינער. װאָס טויג דאָס גאַנצע זיצן זיינס אין בית־מדרש, אַז ער קאָן נישט דערנערן זיין פרוי מיט די פינף קינדער?

און גוסטאַװ האָט באַשלאָסן: ער װעט זיך זאָרגן פאַר דער דערציאונג פון מאַטעקן. זאָל די שװעסטער זיינע זיך קאָכן, זאָל זי פאַרגיסן אַ טרער, זאָל ליפּע צופּן זיין באָרד — ער איז אַ דומקאָפּ און די שװעסטער איז קליינשטעטלדיק. זיי װאָױנען אין לאָדזש און זיי שטעקן טיף אין שטעטל. זיי דאַרפן נאָך דאָס אייזעלע, נישט דעם עלעקטרישן טראַמװאַי.

גוסטאַװ איז געװען אַ געניטער געשעפטסמאַן. האָט ער זיך עפּעס אונטערגענומען, האָט ער דאָס פּינקטלעך דורכגעפירט און זיך מער נישט געװאַקלט. געװאַגטקייט איז געװען זיין לייט־מאָטיװ. קיין זאַך האָט אים דאַן נישט אָפּגעשטעלט. ער װעט זיך מער נישט באַראַטן מיט טייבלען, אָדער מיט ליפּען. מאָרגן פרי װעט ער אַריינקומען אין הויז אַריין, זען אַז מאַטעק זאָל זיך האָבן גוט אַרומגעװאַשן און אָפּגעפּוצט די שיך און ער װעט אים אַװעקנעמען אין שאַקינס פּראָ־גימנאַזיע, װאו עס לערנען זיך קינדער פון די פיינסטע עלטערן. ער האָט שוין גערעדט מיט דעם הער שאַקין און יענער האָט אים צוגעזאָגט אויפצופּאַסן אויף מאַטעקן. עס װעט אים, גוסטאַװן, קאָסטן אַביסל מער װי אַנדערע עלטערן, דערפאַר װאָס מאַטעק װעט דאַרפן באַקומען ספּעציעלן אונטעררייכט, נאָר אַלץ װעט װערט זיין, אַבי צו מאַכן פון אים אַ לייט . . . דאַן װעט ער מאַטעקן אַרייננעמען צו זיין פריזירער און מען װעט אים געבן אַ שנייד אָפּ די פאות. אין דער היים װעט װערן אַ יללה, נאָר די שװעסטער זיינע װעט זיך צוגעװאױנען. פאַר ליפּען הייבט אים נישט אָן צו אַרן . . . דאַן װעט ער מאַטעקן אַרייננעמען אין

שמעכלס קליידער־מאַגאַזין און מען וועט דעם יונג אויספּוצן אין דייטשע קורצע קליידער. שפּעטער־צו וועט מען אים אויספּוצן אין דעם מונדיר פון דער פּראָ־גימנאַזיע.

גוסטאַוו איז געווען פּאַרזיכטיק בישט צו דערציילן זיין שוועסטער וועגן זיינע פּלענער. אַלץ וואָס ער האָט איר געזאָגט איז געווען, אַז מאָטעק הייבט אָן גיין אין אַ יידישער שקאָלע, וואו עס לערנען זיך די פיינסטע קינדער. און דער הער דירעקטאָר שאָקין איז אַליין אַ ייד וואָס איז ניט פרום, נאָר ער ווערט רעספּעקטירט פון אַלע יידישע עלטערן.

אומגעריכטערהייט האָט גוסטאַוו זיך באַוויזן אין דער פרי ביי טייבלען אין הויז און געזאָגט צו מאָטעקן: „קום, מאָטעק".

קאַפּיטל פופצן

מאָטעק אין גלות

.1

עס איז געווען מאָדנע. אָנקל גוסטאַוו זאָל קומען באַלד אין דער פרי און וואַרטן ביז מאָטעק וועט זיך אָנטאָן!

און נאָך מאָדנער האָט עס אויסגעקוקט, וואָס די מאַמע האָט זיך ניט געמישט. אַן אַנדערש מאָל וואָלט דאָך דאָס געווען אַ יום־טוב, אַ שמחה ביי דער מאַמען — דער אָנקל גוסטאַוו האָט איבערגעלאָזט אַלץ־מיט־אַן־אַנדער און איז געקומען נאָך מאָטעקן . . . די מאַמע וואָלט דאַן אים געהאָלפן זיך אויספּוצן; זי וואָלט פאַרקאַמט זיינע שיינע האָר, געזען, אַז די געלאָקטע פּאות זאָלן זיין אויסגערונדיקט; זי וואָלט די קליינע אויערן זיינע אויסגעשייערט; די שיך וואָלטן געמוזט גלאַנצן, אַז מען זאָל זיך קאָנען אָפּשפּיגלען אין זיי; זי וואָלט געווען מלא חן, די מאַמע, ווייל ווען זי האָט הנאה פון עפּעס, ווערן די באַקן ביי איר ראָזעווע, די אויגן — הימל־בלוי און אפילו דאָס קול ווערט פריש, לאַשטשענדיק מיט גוטסקייט און ליבע.

היינט האָט די מאַמע זיך געמאַכט, ווי ס'איז נישט איר עסק; זי איז אויף שנעל אַריין אין קראָם און מער זיך נישט געוויזן אין שטוב. וואָלט כאָטש יאַדוויגאַ דאָ געווען. זי וואָלט מאָטעקן געטרייסט. ער וואָלט אין איר געפילט דעם באַריר פון דער מאַמען. אפילו גוטשיא האָט אויך זיך געמאַכט, אַז זי איז פאַרנומען אין קיך. מאָטעק האָט גוט געזען ווי גוטשיא ווישט זיך די אויגן. ס'טוט איר ווי פאַר דער מאַמען . . . אוי, ווי גוט וואָלט געווען, טראַכט מאָטעק, ווען די מאַמע וואָלט זיך נישט גענומען צום האַרצן דערפון וואָס ער וויל נישט גיין אין חדר, נאָר זי וואָלט געפרייט זיך, וואָס דער אָנקל גוסטאַוו נעמט אים אין שאַקינס שקאָלע אַריין . . . אוי, פאַרוואָס איז די מאַמע אַזוי? מאָטעק האָט ליב געהאַט, אַז די מאַמע זאָל זיך צורירן צו אים, אים קאַמען, קליידן, אויסגלייכן און אפילו דרייען אים אַהער און אַהין. עס האָט אים איצט אויסגעפעלט איר וואַרעמער אָטעם, איר בליק, אירע לאַנגע פינגער, איר שמעקנדיק לייב. פאַרוואָס איז די מאַמע אַזוי? פאַר־

וואָס ווייזט זי זיך נישט אפילו פאַרן אָנקל גוסטאַוו?

גוסטאַוו האָט פאַרנומען דער מאַמעס פּלאַץ. ער האָט געפרעגט מאַטעקן, צי ער האָט שוין געגעסן, צי ער איז געגאַנגען אין אַפּטריט, צי ער האָט מיט זיך אַ טאַשנטיכל. ער האָט אים אפילו מיט זיין אייגן קעמל צורעכט געמאַכט די האָר און שפּעטער באַקוקט פון אויבן ביז אַרונטער.

— נו, גיב אַ קוש די מזוזה און לאָמיר גיין, — האָט דער אָנקל געגעבן אַ קאָמאַנדע. מאַטעק האָט געוואָלט אַריינגיין זאָגן דער מאַמען „אַ גוטן טאָג", איר ווייזן ווי ער איז אויסגעפּוצט. ער האָט געפילט אַז ער קאָן נישט אַוועקגיין, ביז די מאַמע וועט אים נישט צוואַרפן אַ וואָרט, אַ בליק.

— דער אָנקל וויל נישט גיין דורך דער קראַם? — האָט מאַטעק פאַרגעשלאָגן, פילנדיק אַז ער קאָן נישט פאַרלאָזן, נישט האָבנדיק געזען די מאַמע. נאָר צו זיין פאַרוואונדערונג האָט דער אָנקל געזאָגט: „ניין, מאַטעק, מיר'ן אַרויסגיין דורכן הויף. די צייט שטייט נישט אויף איין אָרט."

עס האָט זיך מאַטעקן עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן. דער טאַטע איז נישט געווען. דער טאַטע האָט געוואוסט, אַז דער אָנקל גוסטאַוו וועט זיין. אַן אַנדערש מאָל וואָלט דער טאַטע שוין אויפגעפּאַסט, אַז מאַטעק זאָל זיין פּיקס־און־פּאַרטיק צו גיין מיטן אָנקל. היינט איז דער טאַטע אפילו נישט אַהיים געקומען פון דער חברה. אין הויז איז געווען אַזוי טרויעריק, ווי ערב יום־כיפור.

דער אָנקל האָט זיך מיט אים אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע און זיך געהייסן פירן אויף דער פּיעטראָקאָווער גאַס, צו שמעכלס קליידער־געשעפט. אויפן וועג האָבן מענטשן געהאַלטן אין איין ציען זייערע קאַפּעלושן פאַר דעם אָנקל גוסטאַוו, וואָס איז זיך געזעסן ווי אַ גראַף און זיך באַגריסט מיט יעדן. מאַטעק האָט זיך געפילט אַזוי קליין לעבן אים, אַזוי נישטיק. דער אָנקל האָט אים גאָר קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט, קיין וואָרט צו אים נישט אויסגערעדט.

שמעכלס געשעפט איז געווען אַ דייטשע פירמע. אַלץ איז דאָרט געווען זויבער ריין און מען איז געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער. אַן אַלטער דייטש מיט פאַרדרייטע וואָנצעס איז צוגעקומען צום אָנקל, זיך פאַרנייגט אין דרייען פאַר אים און געשמייכלט צו מאַטעקן.

— טוט אים איבער פון קאָפּ ביז די פיס, — האָט דער אָנקל באַפוילן.

דער דייטש האָט מאַטעקן אַוועקגענומען אין אַן אַנדער צימער, אים אויסגעטאָן נאַקעט און פון שאַכטלען, וואָס אַ מאַן האָט געהאַלטן אין איין אַריינטראָגן, האָט ער אַרויסגענומען דינע ווייסע אונטערוועש און לאַנגע שוואַרצע זאָקן און אַ ווייס העמדל מיט לאַנגע קראַגן־שפּיצן און אַ שוואַרץ

שניפסל. ער האָט געהאַלפן מאַטעקן זיך אָנטאָן און אױסטאָן . . . „אױ, װאָלט די מאַמע מיט מיר געװען", האָט מאַטעק געזיפצט", „זי װאָלט שױן געװאוסט װאָס עס פּאַסט און װאָס עס פּאַסט נישט". װען מען האָט אים געדאַרפט אָנמעסטן אַ פּאָר שיך, האָט דער דײַטש זײַ געקװעטשט און געהײסן גײן און שפּרינגען און זיך שטעלן אױף די שפּיץ־פינגער. מאַטעקן איז געװאָרן הײס פון דעם אַלעם. ער האָט געפילט, װי ער האָט שױן נישט קײן גאַנצע בײנער.

— קוק זיך אָן אין שפּיגל. דערקענסט זיך, קנאַבע? — האָט דער דײַטש אים צוגעפירט צו אַ לאַנגן שפּיגל און געלאַכט.

מאַטעק האָט מורא געהאַט אַרײַנצוקוקן אין שפּיגל. ער האָט אײן בליק געטאָן און ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט זיך נישט דערקענט. דער אָנקל האָט געזאָגט, אַז ער װעט אים לאָזן אָפּשערן די פּאות. ער װיל פון אים מאַכן אַ גאַנצן דײַטש. דאָס בילד װי ער שטײט אין שפּיגל אין קורצן רעקל האָט מאַטעקן אינגאַנצן צעררודערט.

דער דײַטש האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַרײַנגעפירט צום אָנקל. דער אָנקל גוסטאַװ האָט ברײט זיך צעשמײכלט און אפילו הױך אַ לאַך געטאָן.

— איצט קוקסטו אױס װי אַ פּרינץ, װי אַ פירשט, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — מיר'ן דיר נאָך אָנטאָן אַ שטרױען קאַפּעלושל און אַן אױבער־ראָק און דו װעסט זײַן פיקס־און־פּערטיק פאַר שאַקינס פּראָגימנאַזיע.

דער אָנקל האָט געהײסן אײַנפּאַקן זײַנע אַלטע, יידישע קלײדער. באַלד האָט מען אים אַרױסגעבראַכט אַ װײַסע גלאַנציקע שאַכטל אין װעלכער עס זײַנען געלעגן אַלע אַלטע זאַכן.

— נײן, איר װעט עס בעסער צושיקן צו מיר אין הױז אַרײַן, — האָט דער אָנקל זיך באַטראַכט. דער דײַטש האָט זיך פאַרנײגט און אַלע אַנדערע אָנגעשטעלטע האָבן זיך מיט אים געזעגנט. — „גוטן טאָג, הער קאַלינסקי, גוטן טאָג!"

נאָך אײדער מאַטעק האָט געקאָנט צו זיך קומען, אַרײַנשטעקן די הענט אין די נײַע קעשענעס, אָדער באַטאַפּן זיך אַלײן, האָט אים שױן דער אָנקל אַרײַנגענומען צו אַ דערנעבנדיקן פריזירער, אױך אַ דײַטש, דעם אָנקלס פריזירער.

װען דער שמעקנדיקער דיקער פריזירער אין װײַסן כאַלאַט האָט מיט אַ מאַשינקע אָנגעהױבן אָפּשערן מאַטעקס פּאות, איז דער אָנקל פאַרשװאונדן, געזאָגט צו מאַטעקן אַז ער װעט באַלד זײַן צוריק. מאַטעק האָט אין שפּיגל געזען װי זײַנע פּאות קײַקלען זיך אַראָפּ אױף דער ערד. זײ זײַנען געװען

אַזוי גאָלדיק ברוין און זוניק רויט, די געלאָקטע האָר. דער אָנקל האָט, ווייזט אויס, פריער געהאַט אָפּגעמאַכט מיטן פריזירער ווי אַזוי מען זאָל אים שערן. דער פריזירער האָט געשאָרן די האָר קורץ, און געמאַכט אַ תל פון זיינע לאָקן. וואָס וועט די מאַמע זאָגן? אין אַ געוויסן זין איז מאָטעק געווען צופרידן. ער האָט פון שטענדיק אָן ניט געקאָנט פאַרטראָגן זיינע לאָקן, זיין גרויסן קאָפּ האָר, — נאָר וואָס וועט די מאַמע זאָגן?

דער אָנקל איז צוריקגעקומען. דער פריזירער האָט באַשפּריצט זיינע האָר און זיין פּנים מיט אָדעקאָלאָן און מאָטעק האָט דערפילט, אַז ער געהערט איצט צו דעם אָנקלס משפּחה, צו די קאָלינסקיס, וואָס האָבן שטאַרק גע־האַלטן פון שמעקעדיקער זייף און פון פּאַרפומען. דורך דעם אָדעקאָלאָן, האָט מאָטעק דערפילט, ווערט ער אינגאַנצן אַ נייער. מען האָט פון אים אַראָפּ־געוואַשן דעם חדר, די אַלטע געגנט זיינע, דעם בית־מדרש, און — די על־טערן זיינע. ער באַלאַנגט שוין נישט מער צו זיי. ער באַלאַנגט שוין צום אָנקל . . . און וואָס וועט לייבטשע זאָגן? ער וועט ווערן אין כעס און אויס־שרייען איבערן הויף: „האָסט זיך געלאָזט אַריינגאַרן פון די פּאַרכעס, פון די גבירים, פון די פאַבריקאַנטן, פון די סטרייק־ברעכער?" מאָטעק וועט אים דערקלערן, אַז עס איז נישט זיין שולד געווען וואָס מען האָט אים באַ־שפּריצט מיט דעם שמעקעכץ. אָבי ער האָט דערגרייכט זיינס — ער וועט גיין אין שקאָלע. פאַרקערט, צווישן די סטודענטן זיינען פאַראַן גאָר אַ סך מיטגלידער פון „קליינעם בונד" און אַנדערע אַרבעטער פּאַרטייען.

— מאָטעק, איך וועל דיך אַריינגעמען אין אַ קאַוויאַרניע. וועסט אויס־טאָן דאָס קאַפּעלושל און זיך נישט איינריכטן די נייע הויזן. וועסט טרינקען קאַווע־שמאַנט און עסן אַ טשאַסטקע. קאָנסט פריער מאַכן אַ ברכה און נאָכ־דעם אויסטאָן דאָס קאַפּעלושל. ס'איז נישט שיין צו עסן אין אַ הוט אין דער קאַוויאַרניע.

יאָרנלאַנג האָט מאָטעק געדענקט דעם געשמאַקן טעם פון דער קאַווע מיטן שמאַנט פון אויבן. די ליפּן זיינען זיך אים צעגאַנגען פון דער מחיה. די טשאַסטקע איז געווען די זעלבע, ווי דער אָנקל פלעגט פון צייט צו צייט אַהיים ברענגען, נאָר דער קאַווע־שמאַנט איז געווען אינגאַנצן ניי פאַר מאָטעקן. דער אָנקל אַליין האָט אויך געטרונקען טיי מיט ציטרין פון אַ פינקלדיק גלאָז.

— און איצט נאָדיר טראַמוואַי־געלט און פאָר אַהיים און רעכט זיך נישט איין אויפן וועג. טאָמער וועט די מאַמעשי זיך קרימען, זאָלסטו זי איבער־בעטן. זי וועט זיך צוגעוואוינען. די הויפּטזאַך, זאָלסט זיך נישט אַרומרייסן מיט גוטשיאָן און זיך ניט שפּילן מיט די יונגען פון הויף. זיי זיינען נישט פאַר דיר. דו ווערסט שוין אַ סטודענט און מאָרגן אין דער פרי וועסטו אַליין

פאַרן אין שקאָלע. דו ווייסט וואו שאַקינס פּראָ־גימנאַזיע איז. דער הער שאַקין דערוואַרט דיך. איך האָב אַלץ איינגעאָרדנט. איצט באַדאַנק דעם אָנקל גוסטאַוו פאַר די אַלע זאַכן, און זאָל זיין מיט גליק.

מאַטעק האָט דעם אָנקל אַ קוש געטאָן אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט און נאָך איידער ער האָט געקאָנט געפינען ווערטער, האָט שוין דער אָנקל געהאַט זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע, וואָס איז אים געהאַט נאָכגעפאָרן.

.2

ווען מאַטעק איז געבליבן אַליין מיט זיך, האָט אים אויפסניי אַרומגעכאַפּט אַ פּחד. ער האָט זיך אַריינגעקוקט אין אַ שפּיגל פון אַ שוי־פענצטער. ער האָט זיך נישט דערקענט. אָן די פּאות און אָן דעם שוואַרצן טוכן־היטל איז ער זיך געווען פרעמד. דאָס קורצע רעקל אונטער דעם קורצן אויבער־ראָק און די צאַצקעדיקע שיך, דאָס שטרויענע קאַפּעלושל און די שמעקע־דיקע האָר — דאָס אַלץ האָט אים איצט באַשווערט און איז אים נאָכגעגאַנגען און געטייטלט אויף אים מיט אומזיכטיקע פינגער.

ער האָט אין קיין פאַל נישט געוואָלט גיין אַהיים. דער אָנקל האָט אים טאַקע געגעבן טראַמוויי־געלט, נאָר מיטן טראַמוויי וועט ער באַלד זיין אין דער היים. ער וויל זיך מאַכן האַרץ צו קאָנען עפענען די טיר פון דער קראָם און זאָגן: „מאַמע, ס'איז נישט מיין שולד! דער אָנקל גוסטאַוו האָט מיך אַזוי אויסגעפּוצט . . . די שקאָלע פאַרלאַנגט עס אַזוי".

ער האָט געקוקט אויף די פאַרבייגייער און געוואָלט זען, צי זיי באַמערקן אים און צי מאַכט ער אַן איינדרוק. ער האָט זיך געשראָקן טאָמער באַגעגנט ער עמיצן פון באַקאַנטע. ער וועט זיך שעמען פאַר זיי. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַ טאַפּ געטאָן ביי די פּאות און דערפילט די גלאַטע הויט און דעם הויכן באַקן־ביין.

ער האָט זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז ער איז שוין אָן פּאות.

ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן דערפילן די נייע מלבושים אויף זיך. די אונטערוועש האָט נישט געביסן, נאָר געגלעט. ס'איז געווען ווייך. ער וועט די דאָזיקע וועש טראָגן בלויז יום־טובים. אין דער היים וועט יעדער איינער באַטאַפּן די סחורה און אַרויסזאָגן מבינות. די שיך האָבן געגלאַנצט, ווייל ס'איז געווען אַ גלאַנציק לעדער, האָט מאַטעק באַשלאָסן. ער האָט געהערט פון שיך, וואָס מען דאַרף זיי קיינמאָל נישט אָפּפּוצן. שמעכלס קליידער־מאַגאַזין איז די בעסטע קראָם אין לאָדזש. ער גייט אויסגעפּוצט ווי אַ פאַבריקאַנטס קינד. די חברים פון „קליינעם בונד" וועלן אים נישט וועלן האָבן

פאַר קיין חבר. זיי וועלן זאָגן: „מיט פאַרשיווע פראַנטלעך ווילן מיר נישט האָבן קיין מגע משא״.

וואָס נעענטער מאַטעק איז צוגעקומען צו דער דזשעלניע גאַס, אַלץ ציטערדיקער איז געוואָרן זיין טראָט. זיין שרעק איז געוואַקסן אין אים. ער גייט אַהיים, נאָר ער ריכט זיך אויף צרות, האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך געוואָלט פאַרשטעלן וואָס די מאַמע וועט זאָגן, אַז זי וועט אים דערזען, נאָר ס'איז אים געווען שווער צו זען דאָס בילד. אוי, ווען דער אָנקל וואָלט מיט אים מיטגעגאַנגען, וואָלט געווען לייכטער. ער האָט געקאָנט זיך פאָר־שטעלן דאָס געלעכטער, וואָס זיינע מלבושים וועלן אַרויסרופן ביי גוטשיאַן און ביי לאָטשיאַן און אפילו ביי מלכהן. און וואָס וועט סאַלטשע זאָגן? עס וואָלט געווען גוט, ווען אין קראָם זאָל קיינער נישט זיין אויסער סאַלטשען. זי וועט אים דערזען און אָ פּאַטש טאָן מיט די הענט. זי וועט זיך דערפרייען מיט אים און טרייבן שפּאַס מיט אים.

וואָס וועט דער טאַטע זאָגן? דער טאַטע וועט זיך שעמען אים מיטצו־נעמען אין דער חברה. דער טאַטע וועט זאָגן: „אָ גוי, אָ גוי גמור״. שבת וועט ער זיך מוזן אָ גאַנצן טאָג לערנען יידישע זאַכן . . . ס'וועט קומען דער טאַמאַשאָווער פעטער, וועט ער לאַכן: „אָ דייטש אין דער משפחה?״ קיינער וועט אים נישט דערקענען. ער וואָלט אפילו וועלן זיין אָ בעלן צוצוגיין צו דער מומע פייגע — נישט צום פעטער בעריש, דעם סטרייק־ברעכער — און זיך רייצן מיט איר.

מאַטעק איז לאַנגזאַם אַרויף אויף דער דזשעלנע. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן אינגאַנצן. וואָס וועט מיר די מאַמע טאָן? וואָס וועט דער טאַטע טאָן? מילא, וואָס וועט זיין, וועט זיין. איך בין דאָך אָ קינד. איך ווייס גאָרנישט. דער אָנקל גוסטאַוו איז שולדיק אין אַלץ. אויב די מאַמע וועט וועלן, אַז איך זאָל אויסטאָן די קורצע קליידער און אָנטאָן לאַנגע, וועל איך זאָגן, אַז אין דער שקאָלע מוז מען טראָגן קורצע קליידער און אַז איך וועל אויך דאַרפן טראָגן אָ מונדיר מיט אָ קוקאַרדע.

ער האָט זיך אומגעקוקט. געוואָלט אַז עמיצער זאָל אים דערקענען. נאָר קיינער האָט אים נישט באַמערקט און ער האָט קיין באַקאַנטע ניט אָנבאַ־געגנט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אָ פאַראורטיילטער, האָט ער זיך גע־לאָזט גיין צו דער קראָם. ער האָט געפילט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט ווי אָ וואַנט־זייגער. אין מויל איז אים געוואָרן טרוקן.

מאַטעק איז געווען צופרידן וואָס דער פאָטער איז נישט געשטאַנען ביי דער טיר פון קראָם, ווי ער פלעגט עס לעצטנס אָפט טאָן. די טיר איז געווען פאַרמאַכט. מאַטעק האָט אַריינגעקוקט דורך דעם שויב־פענצטער און

געזעסן ווי סאַלטשע איז געזעסן אַליין ביים טיש און געפּוצט אַ הוט. ער האָט זיך אַנגענומען מיט האַרץ. ער איז אַריין. סאַלטשע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און שטיל אויסגערופן:

— אוי, מאַמעשי, ווי שיין דו קוקסט אויס! — און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. איר פּנים האָט זיך פאַררויטלט און באַלד איז זי בלאַס געוואָרן. זי איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל, ערנסט און דערשראָקן.

דורך די שווערע פּלושענע פאָרטיערן, האָט זיך באַוויזן די מאַמע. זי האָט איין קוק געגעבן אויף מאָטעקן און זי האָט זיך מיט ביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ פאָרטיער.

— ליפּע, קום נאָר אַריין! — האָט זי אויסגערופן נישט מיט איר קול, — ליי־פּע!

מאָטעק איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט זיך געביסן די אונטערשטע ליפּ. די הענט האָט ער געהאַלטן אין די הויזן־קעשענעס. ער האָט דערפילט, אַז די דלאָניעס זיינען נאַס פון שוויס. ער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

דער טאַטע איז אַריינגעקומען. ער איז אויך געבליבן שטיין ביי די פאָרטיערן. ווייטער נישט געגאַנגען. זיין קאָפּ איז מיטאַמאָל אַראָפּגעפאַלן אויף דער באָרד, אַריינגעזונקען אין איר און געבליבן דאָרט הענגען. נאָכהער האָט דער טאַטע זיך אָנגעהויבן שאָקלען און מורמלען: „אוי ווי איז מיר! וואָס מיינע אויגן האָבן דערלעבט צו זען — אוי ווי איז צו מיינע יאָרן . . . פאַרוואָס קומט דאָס מיר, טאַטע אין הימל!“ און מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ שלוכץ, ווי דאָס מויל וואָלט געווען אָנגעפילט מיט וואַסער און מער עס ניט געקאָנט האַלטן אין זיך און אַרויסגעפּלאַצט דורך די ליפּן.

דער טאַטע האָט געוויינט. נאָר מאָטעק האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און מורא געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף דער מוטער. דער פאָטער איז אַריין אין שטוב. די מאַמע איז געבליבן שטיין, ווי פריער. זי האָט דורכגענומען מאָטעקן מיט אירע צעעפנטע אויגן. זי האָט געאָטעמט שווער און נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט. סאַלטשע איז געזעסן אויף איר אָרט און זיך אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט פאַרן טיש, האַבנדיק אַוועקגעלייגט די אַרבעט.

מיטאַמאָל האָט די מאַמע זיך אַ לאָז געטאָן פאָראויס, נאָר זי איז נישט צוגעגאַנגען צו מאָטעקן. זי איז געבליבן שטיין אַ פּאָר טריט פון אים און אויסגעשריען נישט מיט איר קול:

— עוכר ישראל, אַרויס פון דאַנען! די מינוט אַרויס! מיינע אויגן

זאָלן דיך מער ניט זען . . . אַרויס! זאָג איך דיר! יידישע קינדער! דער יונג גראָבט מיט זיינע אייגענע הענט מיין קבר אויס. איך וועל פרי פון דער וועלט אַוועק צוליב אים, איר וועט זען!

זי האָט געקוויטשעט, זי איז געוואָרן היסטעריש. ליפע איז אַריינגעלאָפן און אַרומגענומען זיין ווייב מיטביידע אָרעמס און זי אַריינגעפירט אין שטוב. מאַטעק האָט געהערט ווי זי האָט געשריען: „פאַר וועלכע זינד קומט עס אונדז, ליפע?" און זי האָט זיך צעכליפּעט.

גוטשיא איז אַריינגעלאָפן אין קראָם און נאָך איר — מלכה. זיי האָבן דערזען מאַטעקן אין זיינע מלבושים און זיינען געבליבן מיט אָפענע מיילער. גוטשיא האָט עפעס געוואָלט זאָגן, נאָר נישט געקאָנט. מלכה האָט זיך אָנגערופן: „מאַטעק, זיי פאַסן דיר, טראָג געזונט".

מאַטעק איז געבליבן שטיין און געקוקט אויף סאָלטשען. סאָלטשע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ וואַרעמען שמייכל געטאָן צו אים.

— זאָל ער אַרויסגיין פון דאַנען, די מינוט אַרויסגיין! זאָל זיין געבליבן זיך דאָ נישט געפינען מער!" האָט זיך דערהערט דער מוטערס קול.

— דו הערסט, וואָס די מאַמעשי זאָגט דיר, מאַטעק? גיי! גיי צום אָנקל גוסטאַוו, זאָל ער דיך אויסבאַהאַלטן, — האָט גוטשיא געזאָגט. איר קול איז געוואָרן שטיל און טרויעריק. זי איז צוגעגאַנגען צו מאַטעקן, אים אַנגענומען פאַר דער האַנט און מיט געבעט אַ זאָג געטאָן: „פאָלג, וואָס די מאַמע זאָגט דיר. דו זעסט דאָך, זי איז אויפגערעגט. זי וועט שיקן נאָך דיר שפּעטער. וועסט זען. איך וועל קומען נאָך דיר. גיי, מאַטעק, עס וועט איר איבערגיין . . . זיי קליידן דיר, טראָג געזונט".

מאַטעק האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט.

— ער איז נאָך דאָ, דער מערדער? איך זאָל נישט דערלעבן אַריינצוגיין אין קראָם, אויב ער וועט באַלד נישט אַרויסגיין, — האָט מאַטעק דערהערט דער מאַמעס קללה.

ערשט דאַן האָט ער זיך אויף שנעל געגעבן אַ דריי־אויס און ער איז, ווי אַ געיאָגטער, אַרויסגעלאָפן פון קראָם, אָפּן־לאָזנדיק הינטער זיך די טיר.

ער איז געלאָפן איבער דער דזשעלנע גאַס, אויפן וועג צום קאָלע גאָרטן. ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואוהין ער לויפט. ער האָט געפילט ווי קללות לויפן אים נאָך. ער האָט געמיינט, אַז עפעס אַ מערדער יאָגט זיך נאָך אים און וויל אים כאַפּן און דערשלאָגן. ער האָט דערזען אַ גאַראַדאָוואָי מיט דער שאַשקע. ער האָט דערפילט ווי צוצולויפן צו אים און זאָגן: „נעם מיך אין אוטשאַסטאָק אַריין. איך בין שולדיק. איך בין אַ מערדער".

מאַטעק איז אַריין אין קאָלע גאָרטן. ער איז געגאַנגען שנעל־שנעל און

געזוכט אַ פּלאַץ וואו עס זיינען קיין מענטשן ניטאָ. ער איז צוגעקומען צו אַ ליידיקער אַלייע און זיך אַרומגעקוקנדיק און זעענדיק, אַז קיינער איז נישטאָ, האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע אָרעמס און אָנגעהויבן שרייען: „מענטשן, ראַטעוועט מיך, מענטשן . . . איך וועל פּלאַצן . . . מע־ע־נטשן!"

קיינער האָט אים ניט געהערט. ער איז צוגעפאַלן צו אַ באַנק און אַריינגעלייגט זיין פּנים אין די דלאָניעס און זיך צעכליפּעט. ער האָט געוויינט אַ לאַנגע צייט. קיינער איז נישט פאַרבייגעגאַנגען.

ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער דערפילט אַ שוואַכקייט אין אַלע גלידער. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אָנגעטאַפּט און אַרומגעקוקט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט איבערגעלעבט אַ בייזן, וויסטן חלום. נאָר זיך אָנטאַפּנדיק פאַר די פּאות וואָס זיינען מער נישט געווען, האָט ער דערפילט ווי עפּעס האָט אים אין קאָפּ אַ זעץ געטאָן. ער האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט פון דער באַנק און זיך געלאָזט גיין אַרויס פון גאָרטן.

גיין, אַהיים וועט ער ניט גיין. אין קאַלע גאָרטן וועט ער ניט נעכטיקן. ער איז הונגעריק. ער וועט אַריינגיין צום טערק נאָך כאַלוואַ. און דאַן וועט ער צוגיין צום אַנקל מענדעלס געשעפט און אים דערציילן, וואָס עס איז פאָרגעקומען. דער אַנקל מענדל איז נישט ווייט פון דאַנען.

דער אַנקל מענדל איז גראָד נישט געווען פאַרנומען. ער האָט מאָטעקן באַטראַכט און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. דאַן האָט ער טעלעפאָנירט גוסטאַוון און אים דערציילט וואָס מאָטעק האָט אים איבערגעגעבן. גוסטאַוו האָט געהייסן מאָטעקן בלייבן ביים אַנקל מענדל ביז פאַרנאַכט און דאַן וועט אים דער אַנקל מענדל צופירן צו אים, צו גוסטאַוון אין דער וואוינונג אַריין. מאָטעק וועט זיין ביים אַנקל גוסטאַוו ביז די מאַמע וועט זיך איבערבעטן.

מאָטעק איז געבליבן אַליין. דער אַנקל מענדל איז געווען ווי אַ פאַרפראָרענער עפּל: האַרט און קאַלט און אָן טעם. מאָטעק האָט געוואָלט זיך פאַר עמיצן זיין האַרץ אויסרעדן, נאָר נישט דער אַנקל מענדל האָט געפרעגט, נישט ער האָט געוואָלט מען זאָל רעדן צו אים, נישט ער האָט געפרעגט מאָטעקן, צי ער איז הונגעריק.

מאָטעק האָט אָבער זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און ער איז צוגעגאַנגען צום אַנקל מענדל, בעת יענער איז געזעסן און גערעדט מיט אַ קונה און געזאָגט:

„אַנקל מענדל, איך בין זייער הונגעריק, האָט רחמנות אויף מיר". מענדל האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, נאָר געהייסן אַ משרת אַריינברענגען צוויי פאַנטשקעס.

פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַנקל גוסטאַוו.

— האָסט געוויינט, מאָטעק? שרעק זיך נישט, ס׳וועט דיר גאָרנישט זיין און עס וועט זיי אויך גאָרנישט זיין. וועסט נעכטיקן ביי מיר היינט און מאָרגן און דאַן וועט די מאַמע שיקן נאָך דיר. זי וועט זיך אויסבענקן. געדענק מיינע רייד. קום.

מאָטעק איז געגאַנגען מיט גוסטאַוון און מיטאַמאָל האָט ער געפילט ווי הייסע טרערן האַלטן אין איין שטראָמען פון זיינע אויגן און פאַרקלייבן זיך אין מויל אַריין. די טרערן זיינען געווען וואַרעם און געזאַלצן.

קאַפּיטל זעכצן

קאַטשקעס מיט געגדז

.1

ווען מאָטעק איז אַרויפגעקומען אין אָנקל גוסטאַווס וואוינונג, האָט ער פאַרגעסן, אויפן מאָמענט, אַז ער גייט אָפּריכטן גלות, אַז ער וועט היינט נישט שלאָפן אין זיין אייגענער היים. די ברייטע פּערלמוטערנע מירמלשטיין טרעפּ, וואָס האָבן אַרויפגעפירט צום אָנקלס וואוינונג, האָבן ביי מאָטעקן גלייך געהאַט אַרויסגערופן באַוואונדערונג. די דירה האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק. מאָטעק איז אַריין אין אַ סאַלע (זאַל), נישט אין קיין צימער. דער באַלקן איז געווען אַזוי הויך, ווי אין אַ בית־מדרש. פון יענעם צימער איז ער אַריין אין אַ קלענערן חדר, וואו עס איז געשטאַנען זייער אַ הויך און ברייט בעט, און אַ קאָמאָד און אַ טישל מיט אַ וואַסער־קרוג און פינקל־דיקע ריינע גלעזער צום טרינקען. אויף דער פּאָדלאָגע, — וואָס מען האָט זיך געקאָנט אויף איר גליטשן, אַזוי גלאַט און גלאַנציק איז זי געווען, — איז געווען אויסגעשפּרייט אַ ווייכער טעפּיך פון אַ רויטלעכן קאָליר. די ווייסע ווענט פון דער דירה, די זויבערקייט און גראַמקייט, דאָס עלעקטרישע ליכט, וואָס האָט בהרף עין זיך אָנגעצונדן פון אָנקלס קוועטש אין דער וואַנט מיטן פינגער — דאָס אַלץ האָט מאָטעקן דעם קאָפּ פאַרדרייט. ער האָט נישט געוואוסט וואָס פריער צו זען פון גרויס איבערראַשונג. דער אָנקל האָט אים אַריינגענומען אין נאָך אַ צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַ ווייסע וואַנע און וואו עס האָט אַזוי גוט געשמעקט מיט טייערע זייפן און אָדעקאָלאָן. דער אָנקל האָט אים געפרעגט, צי ער דאַרף גיין אין אָפּטריט, האָט מאָטעק געענטפערט מיט אַ פראַגע: „וואו איז עס, אָנקל?“ האָט דער אָנקל געלאַכט און געזאָגט: „אָט דאָס איז עס“. און דער אָנקל האָט אים געוויזן, ווי מען גיט אַ ציי די קייט און דאָס וואַסער גיט אַ פלייץ מיט אַ רויש און ווי מען קען קריגן וואַרעם וואַסער ווען מען גיט אַ צאַפּ דעם קראַן. אַביסל האָט זיך מאָטעק דערשראָקן. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט נישט וויסן ווי צו נוצן דעם באַד־צימער. ער האָט געבענקט נאָכן אָפּטריט אין דרויסן, וואָס מען האָט

נישט געדאַרפט וויסן קיין קונצן צו אים. נאָר דער אָנקל האָט אים גע־הייסן אויספּרובירן אַלע קראַנען אין באָד־צימער און לאָזן דאָס וואַסער, ביז ער וועט פאַרשטיין די קונץ.

מאַטעק האָט מורא געהאַט אַרומצוגיין איבער די חדרים. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי פּאָלירט און זויבער, ווי מענטשן וואָלטן אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען און געהאַלטן אין איין רייבן מיט שמאַטעס. ער האָט מורא געהאַט אַז ער וועט זיך אויסגליטשן כסדר און ער האָט געזוכט זיך אָן עפּעס אָנצוהאַלטן. און שטיל איז דאָ געווען, ווי אויף די פעלדער נאָך דער זשעלאַזנע גאַס, אין שטעטל. און די הויך, און די גרויס, און די גראַמקייט!

גוסטאַוו האָט זיך איבערגעטאָן אין שלאָפראָק מיט טראָלדן. ער האָט פון דער זייט באַטראַכט מאַטעקס פאַרוואונדערונג. ער האָט געשמייכלט צו זיך אַליין.

— ס׳געפעלט דיר דאָ, מאַטעק?

— כ׳האָב אויף מיין לעבן אַזאַ שיינקייט נישט געזען, טייערער אָנקל גוסטאַוו.

— וואָלסט וועלן וואוינען מיטן אָנקל?

— ס׳וואָלט אוודאי געווען גוט, ווען די מאַמעשי און טאַטעשי וואָלטן געהאַט אַזאַ וואוינונג.

דער אָנקל האָט מער נישט געפרעגט און מאַטעק איז אַנטשוויגן גע־וואָרן. באַלד האָט עמיצער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און עס איז אַריינ־געקומען אַ יונג מיט אַ גרויסער זילבערנער טאַץ, וואָס איז געווען צוגע־דעקט מיט אַ פּאָר סאַרפעטקעס. מאַטעק האָט דערשמעקט דעם קיצלדיקן ריח פון געבראָטענער קאַטשקע. ער איז געווען שטאַרק אויסגעהונגערט.

— דו קאָנסט טראָגן ס׳קאַפּעלושל, אויב דו ווילסט. סטגעוואַשן די הענט? לאָמיר זען. נישט אַזוי וואַשט מען זיי. קום אַהין אַריין, וועל איך דיר ווייזן. זשאַלעווע נישט קיין זייף. יאָ, נעם די שמעקעדיקע זייף און האָב נישט מורא איינצוריסן דעם האַנטוך. נאָר פריער זאָלסטו גוט אָפּזייפן די הענט און אונטערן קראַן אָפּוואַשן די זייף מיטן שמוץ אינאיינעם.

מאַטעק האָט זיך געזעצט עסן. דער רונדיקער טיש איז געווען באַ־צויגן מיט אַ קלאָר־ווייסן טישטוך פון דער בעסערער וואַרע. מאַטעק האָט דאָס דערקענט לויט די זיידענע פעדים אין דער וואַרע. דער אָנקל האָט געגרייט דאָס זילבער. שווער זילבער.

— היינט קענסטו עסן מיט די הענט, נאָר וועסט זיך אויסלערנען צו נוצן גאָפּל־מעסער.

די קאַטשקע האָט מאַטעקן דערמאָנט אין קאַלינסקי־הויף אין שטעטל.

אַלץ האָט אים דאָ דערמאָנט אין זיידעס הויף. בלויז די שטילקייט איז געווען ניי פאַר אים. קיינמאָל איז ער נישט געווען אין אַ הויז, וואו עס זאָל זיין אַזוי שטיל. די שטילקייט האָט אים געשראָקן. זי איז געווען אומהיימלעך. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין היים. ער האָט געבענקט נאָכן טומל. ער האָט דערזען די היים און עפּעס האָט אים געגעבן אַ וואַרג אין האַלדז און ער האָט נישט געקאָנט עסן.

— וואָס עסטע נישט? עס שמעקט דיר נישט?

— איך זאָל אַזוי לעבן, ווי עס איז זיס ווי צוקער, נאָר עפּעס האָט מיר דאָ, אין האַלדז, פאַרהאַלטן.

— טרינק אַביסל וואַסער, שלינג אַרונטער. נעם דיין קאָמפּאָט.

דער אָנקל האָט געגעסן מיט גרויס לוסט.

— לאָז גורנישט איבער. סקאָסט גוט געלט, מאָטעק.

און מאָטעק האָט אַלץ אויפגעגעסן און גערעדט אין דער מחשבה צו דער מאַמען. ער וועט איר אַלץ דערציילן, ווי עס לעבט דער רייכער אָנקל. גע־ברוטענע קאַטשקע אין מיטן וואָך און קאָמפּאָט פון שופטאַלן, גרויסע פלוי־מען און באַרנעס, נישט קיין ראַזעווע ברויט, נאָר אמתע בולקעלעך פרישע, קליינע חלהלעך מיט גלאַנציקע בעקעלעך.

— קענסט בענטשן, אויב דו ווילסט. ווערסט אַריינגיין אין באָד־צימער און אָפּוואַשן די פינגער און דאָס מויל. פראַניאַ וועט באַלד אַריינקומען און מאַכן דאָס בעט. דער קעלנער וועט צונעמען סגעשיר. לייג זיך שלאָפן פרי היינט, ווייל דו גייסט מאָרגן אין שקאָלע. איך וועל אַרונטערגיין און קומען שפּעטער. דו ווייסט ווי אַזוי אויסצולעשן די לעקטרע? לאָמיר זען. האָב נישט מורא אַ שטאַרקן קוועטש צו טאָן. איך לאָז ברענען דאָס לעמפּל אין באָד־צימער און אויב דו האָסט מורא וועל איך אָנצינדן די עלעקטריע.

— פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן, אָנקל גוסטאַוו?

— גוט, גיי אַהין און לייג זיך. דאָבראַ־נאָץ, — האָט דער אָנקל ווי באַפוילן.

הייסט עס, אַז ער וועט דאַרפן שלאָפן מיטן אָנקל אין איין בעט. דאָס בעט איז דאָך נאָך נישט געמאַכט. ער ווייסט אפילו נישט ווי אַזוי מען הייבט אָן מאַכן ס׳בעט.

אַ קלאַפּ אין טיר און שוין עפנט זי זיך אַליין. אַ שיקסל קומט אַריין. זי דערזעט מאָטעקן און זי קוקט אויפן אָנקל.

— פראַניאַ, דאָס איז מיין שוועסטערס זון. ער וועט דאָ שלאָפן אַ פּאָר נעכט. וועסט זיין גוט צו אים. יאָ, פראַניאַ טייערע?

פראַניאַ איז געווען אַ געזונטע מויד, מיט רויטע באַקן און לאַנגע בלאָנדע

צעפּ. זי איז געווען זייער אַ פריילעכע. זי האָט געהאַט לאַכנדיקע בלויע אויגן. דער אָנקל האָט געשמייכלט ווען ער האָט געקוקט אויף איר. זי איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער און איינס און צוויי און דאָס בעט איז געווען געמאַכט.

— זאָל איך אים העלפן זיך אויסטאָן, פאַניע קאַלינסקי?

— גיי שוין, גיי! איך האָב אים ערשט היינט אָנגעטאָן אין קורצע קליי־דער. אים היינט די פּאות אָפּגעשאָרן, — זאָגט דער אָנקל צו איר.

פראַניאַ האָט הילכיק זיך צעלאַכט, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס געקומען פון דאָרף. זי האָט דערמאָנט מאָטעקן אין די שיקסעס פון „גרינעם מאַרק" אין שטעטל. עס האָט געשמעקט פון איר, האָט זיך אים געדוכט, מיט סאָסנעביימער און מיאַטנע פעלדער.

מאָטעק איז אַריין אין שלאָף־צימער. צופעליק האָט ער באַמערקט דעם גרויסן שפּיגל אין צימער. אַריינקוקנדיק אין אים האָט ער דערזען ווי דער אָנקל גוסטאַוו האָט אין צווייטן צימער אַ קניפּ געטאָן פראַניאַן אין איר פּעטן הינטן. מאָטעק האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון שפּיגל און זיך אָנ־געהויבן אויסטאָן די נייע שיך. ער האָט זיי נישט געקאָנט אויפקניפּן. ער האָט געהאָרעוועט לאַנג, ביז דער אָנקל איז אַריינגעקומען און אים געוויזן ווי אַזוי מען טוט עס.

באַלד איז געוואָרן גאָר שטיל. דער אָנקל און פראַניאַ זיינען אַרויס פון דער דירה. מאָטעק איז געבליבן אַליין. ער האָט מורא געהאַט זיך אַריינ־צולייגן אין בעט. די צוויי שניי־ווייסע געשוואָלענע קישנס האָבן געשמעקט פון ווייסקייט. דאָס גאַנצע בעט איז געווען אַזוי ווייס און גלאַט, ווי מען וואָלט עס נאָר־וואָס געהאַט אויסגעפּרעסט מיט אַ פּרעס־אייזן. נאָר בעסער פון אַלץ איז אים געפעלן די דעקע, די הויכע פּערענע. זי איז געווען לייכט, פול מיט די ווייכסטע פעדערן. מאָטעק האָט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען דער באָבע גיטלס בעסטע דעקע. אַ סך זאַכן זיינען דאָ געווען פון קאַלינסקיס הויף. דער אָנקל גוסטאַוו האָט געקראָגן בעטגעוואַנט און זילבערוואַרג און נאָך זאַכן — פון דער באָבעס ירושה.

מאָטעק האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צום בעט, זיך פאַרגונען אויס־צוציען און זיך איינגענורעט אין דער ווייכער פּערענע. ער איז געווען אויס־געמאַטערט פון שווערן טאָג, וואָס ער האָט געהאַט, געוואָלט טראַכטן וועגן זיין היים, נאָר איידער־וואָס־ווען, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן.

.2

אין דער פרי האָט דער אָנקל געהאָלפן מאַטעקן זיך וואַשן און אָנטאָן. ער האָט אים פאַרקאַמט מיט זיין קאַם און געגעבן עסן אַן אַפּעלסין. מאַטעק האָט געוואוסט, אַז בלויז ווען מען איז קראַנק, עסט מען אַפּעלסינען, נאָר דער אָנקל האָט אים דערקלערט, אַז ער אַליין עסט יעדן טאָג אַ פּאָר אַפּעל־סינען, — אין דער פרי און פאַרן שלאָפן גיין.

— היינט, גלייך נאָך דער שקאָלע, זאָלסטו אַרויפקומען צו מיר. נאָדיר דעם שליסל. וועסט אַריינגיין אין דער יידישער רעסטאָראַציע און זאָגן, אַז דו גייסט אַהיים, וועלן זיי שוין אַרויפברענגען מיטאָג פאַר דיר. זאָלסט אַלץ אויפעסן, נישט איבערלאָזן קיין זאַך. סקאָסט גוט געלט און זאָלסט קיין זאַך נישט וואַשן. דער קעלנער וועט אַלץ צונעמען . . . זאָלסט קיינעם נישט אַריינלאָזן, טאָמער קלאַפּט ווער. פּראַניאַ האָט אַ שליסל. זי וועט קומען ריינִיקן. טענה זיך ניט אויס מיט איר. דערצייל איר נישט קיין מעשיות. וואָס זי וועט דיך פרעגן, זאָג איר „איך ווייס נישט" . . . טאָמער וועסטו דאַרפן האָבן געלט אין שקאָלע, זאָלסטע זאָגן, אַז דער אָנקל קאַלינסקי וועט באַצאָלן . . .

מאַטעק איז געווען שטאַרק צערודערט, ווען ער איז איבערגעטראָטן די שוועל פון שאַקינס פּראָ־גימנאַזיע. אויף טריט און שריט האָט ער געפילט ווי עפּעס פעלט אים. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער הערט דער מאַמעס קול, אַז ער פילט דעם טאַטנס בליק, אַז זיי רופן אים צוריק, צוריק צוריק... ער איז געגאַנגען און זיך כסדר אומגעקוקט, ווי מען וואָלט אים געדראָט מיט די פינגער, ווי מען וואָלט אים נאָכגעשריגן: „עוכר ישראל! מערדער!"

די אַנדערשקייט פון אָנקלס וואוינונג, די גוטע עסנס, די סאָלע־מעסי־קייט פון זיין דירה, די מאָדנע שטילקייט, די זויבערקייט, דאָס זיין אַזוי נאָענט מיטן אָנקל גוסטאַוו — דאָס אַלץ האָט מאַטעקן צעשרויפט. עס האָט אים איבערראַשט און געשראָקן אין דער זעלבער צייט. ער האָט זיך רק געפרעגט: מעג מען? וואָס וועט זיין דער סוף? ווען וועט מען מיר שוין הייסן צוריק איבערטרעטן דער מאַמעס שוועל? ער האָט אַליין ניט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך זיין היים, פאַרוואָס די וואונדער פון אָנקלס וואוינונג האָבן איבער אים קיין האַפט ניט געהאַט. ער וואָלט אָוועקגעגעבן אַלץ צו קאָנען זיין צוריק אין דער קאַלטער קראָם און ליגן אויפן צעבראָכענעם „הסב־בעט".

דער הער דירעקטאָר שאַקין איז געווען אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ לאַנג קנאָכיק פּנים, אין גאָלדענע פּענסנע, מיט אַ געקרייזלטן שוואַרץ־גרויען

קאָפּ. זיין קול איז געווען כריפּעדיק, די לאַנגע פּיס האָבן געהאַלטן אין איין באַוועגן זיך, די לאַנגע הענט האָבן זיך געצויגן, ווי ביי אַ קונצנמאַכער. אויף די ליפּן האָט אַרומגעטאַנצט אַן איראָניש שמייכעלע.

מאַטעק איז צוגעקומען צו אים, אַ פאַרשעמטער, אַ ציטערדיקער. שאַקין האָט גערעדט נאָר רוסיש. מאַטעק האָט קיין רוסיש נישט געקענט. בלויז מיט יאַדוויגאַן פלעגט ער רעדן פּויליש, וויטער האָט ער מיט יעדן איינעם גערעדט נאָר יידיש. רוסיש איז אים געווען פרעמד.

— דו ביסט שוין אַ גרויסער בחור, — האָט הער שאַקין אָנגעהויבן, — נאָר אַזוי ווי דו קענסט גאָרנישט, וועסטו דאַרפן זיצן מיט די גאָר קליינע קינדער. וועסט דאָרט זיצן צייטווייליק. איך וועל דיר העלפן נאָכן לערנען און אין אַ קורצער צייט אַרום וועל איך דיך אַריבערפירן אין אַ העכערן קלאַס. עס וועט זיך וועגדן אין דיר.

און מאַטעק איז געוואָרן אַ סטודענט. אָט אַזוי ווי ער האָט פון ערשטן טאָג וואָס ער איז געגאַנגען אין חדר, נישט געקאָנט פאַרטראָגן די לופט, די גענג פון חדר, — אָט פונקט פאַרקערט האָט געווירקט אויף אים די שקאָלע.

יעדע שעה האָט מאַטעק אַנטפּלעקט נייע וואונדער אין דער פּראָ־גימ־נאַזיע. די לופט אַליין דאָ האָט אים באַווירקט. די שילער האָבן געטראָגן מונדירן. די שטילקייט, ווען דער לערער איז אַריינגעקומען אין קלאַס, די פריילעכקייט פון די תלמידים; דער אינטערעס צו די ביכער; די העפ־לעכקייט פון די לערער. דער אָנזאָג פון גלעקל, אַז די לעקציע האָט זיך גע־ענדיקט און אַז די פּאַוזע הייבט זיך אָן. די ריינקייט אין אַלע חדרים. הער שאַקינס פרוי, וואָס ברענגט אַריין אַ הויך גלאָז שטאַרקע הייסע טיי פאַר איר מאַן מיט אַזאַ דרך־ארץ, מיט אַזאַ איינגעהאַלטענעם שמייכל.

— אוי, וועל איך האָבן וואָס צו דערציילן אין הויז! — האָט מאַטעק געטראַכט. נאָר באַלד זיך דערמאָנט, אַז זיין באַגייסטערונג פאַר דער פּראָ־גימנאַזיע וועט ער מוזן דערשטיקן אין זיך. זיין פרייד איז דער מאַמעס צער.

ער איז געווען ווי אויסגעדורשט נאָך וויסן, נאָך די לימודים, וואָס מען האָט אים דאָ געלערנט. און היות ווי אַלץ איז דאָ געלערנט געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך, האָט מאַטעק באַקומען אַ געוואַלדיקן חשק צו לערנען די שפּראַך און צו באַהערשן זי. ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט און צו זיך אַליין איבערגעחזרט דעם קלאַנג, דעם באַדייט פון יעדן וואָרט און זאַץ.

הער שאַקין האָט באַלד באַמערקט מאַטעקס נייגיר און פלייס און ער האָט אים ליב באַקומען. ווען גוסטאַוו האָט אים טעלעפאָנירט וועגן מאַטעקן, האָט ער דעם נייעם תלמיד שטאַרק געלויבט.

גוסטאַוו איז יענעם פאַרנאַכט — דאָס איז געווען דער צווייטער טאָג

פון מאַטעקס אַפּריכטן גלות — אַרייַנגעקומען צו טייבלען און איר איבער־געגעבן די גוטע נייעס פון מאַטעקס פּליס. נאָר טייבלס פּנים איז געווען גרוי און גוסטאַווס אַרייַנקומען — כאָטש זי האָט זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט — האָט זי געמאַכט נאָך אַנגעצויגענער און נערוועזער.

— מאַך זיך נישט נאַריש, טייבל. זאָלסט מיר לעבן און געזונט זיין, מאַטעק קאָן נאָך ווערן אַ דאָקטאָר צי אַן אינזשענער. ס׳וועט זיין מער שאַ־נאַוונע, ווי צו זיין אַ רב אין אַ קליין שטעטל.

— טייערער ברודער, דער יונג האָט ביי מיר צוגענומען יאָרן פון לעבן. דער טאַטע זייַנער איז מיטאַמאָל גרוי געוואָרן. האָסט באַמערקט די גרויע פּעדים אויף זיין באָרד?

דער פאַרזיכטיקער גוסטאַוו האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן נאָך מאַטעקן נישט הייסן אַהיים גיין. ער האָט נישט געוואָרט, אַז טייבל זאָל אים פרעגן וואָס מאַטעק מאַכט. ער האָט איר אַליין דערציילט. ער וואַשט זיך צום עסן, ער זאָגט אַ ברכה, ער עסט אין אַ היטל, ער בענטשט נאָכן עסן. אַלץ וואָס ער איז טועם, איז שטרענג כשר, פון אשר קלאַטשקע׳ס רעסטאָראַציע. ער זאָגט קריאת־שמע פאַרן שלאָפן גיין. ער דאַוונט פאַרן גיין אין שקאָלע.

טייבל האָט געהערט און געשוויגן. ליפּע איז אין הויז נישט געווען. גוטשיא האָט זיך איינגעקוקט אין דער מאַמען און געווישט די טרערן פון די אויגן.

איז גוסטאַוו אַהיים געקומען צו זיך. געטראָפן מאַטעקן ביי זיינע אויפ־גאַבעס און אים געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ.

— מאַטעק, כ׳בין געווען ביי דער מאַמען. זי וויל, אַז דו זאָלסט נישט פאַרפעלן צו זאָגן אַ ברכה פאַרן עסן, זאָלסט דאַוונען, נישט פאַרגעסן לייענען קריאת שמע. זי איז געזונט. אַלע זייַנען, גאָט צו דאַנקען, געזונט.

— די מאַמעשי וויל מיך נישט זען, אַנקל גוסטאַוו?

— זי מוז זיך צוגעוואוינען, מיין קינד. זי איז נאָך אַלץ אויסער זיך, פאַרשטייסט? זי וויל דו זאָלסט אויסוואַקסן אַ רב. דו וועסט אַזוי זיין אַ רב, ווי פראַניא וועט זיין אַ רביצן.

האָט דער קעלנער אַרויפגעבראַכט געבראָטענע גאַנז, געגזענע גריוון און אַ האָבער גריץ זופּ און פּריטלעך און אַ נייעם קאָמפּאָט. אַלץ איז געווען אַזוי געשמאַק און מאַטעק איז געווען שטאַרק הונגעריק. נאָר ווידער האָט זיך אים געשטעלט אַ ביין אין האַלדז. און ער איז געבליבן זיצן מיטן ביסן אין מויל. דער אַנקל האָט דאָס באַמערקט און געזאָגט: „ס׳איז דיר געבליבן עפּעס שטעקן אין מויל? אַ טרונק וואַסער און עס וועט אַרונטערגיין".

און ווידער איז דער אַנקל אַוועקגעגאַנגען און מאַטעק איז געבליבן אַ

גאַנצן אָוונט אַליין אין הויז. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער שטילקייט און ער איז אַריינגעקראָכן אין בעט און מיטגענומען די ביכער זיינע וואָס ער האָט באַקומען אין דער שקאָלע.

ער האָט זיי נאָך נישט געקאָנט לייענען, נאָר געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער לייענט זיי. ביכער מיט בילדער מיט גרויסן שריפט, אויף האַרט און גלאַנציק פּאַפּיר. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס האָט מען אין דער היים פיינט געהאַט רוסיש. אים איז די שפּראַך, ווי ער האָט זי געהערט רעדן אין דער פּראָ־גימנאַזיע, זייער געפעלן געוואָרן, איבערהויפּט ווען דער הער שאַקין האָט גערעדט.

מיטאַמאָל, אַט אַזוי ליגנדיק און בלעטערנדיק די ביכער, האָט מאָטעק דערפילט ווי טרערן פליסן אין די אויגן אַריין און ער האָט אָנגעהויבן וויינען הויך אויפן קול:

„מאַמעשי, איך וויל אַהיים גיין! מאַמעשי, איך האָב מורא דאָ צו זיין ביים אָנקל אַליין! מאַמעשי, איך האָב קיין שלעכטס נישט געטאָן! מאַמעשי, איך וויל זיין אין דער היים!" און ער האָט באַקומען חשק זיך אָנצוטאָן און אַרויסלויפן פון הויז און לויפן צו דער מאַמען. זי וועט אים נישט אַרויס־טרייבן. זי וועט זיין צופרידן, וואָס ער איז געקומען. מאָטעק האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט. אין צווייטן צימער האָט אויפן טיש געלויכטן די עלעקטרישע לאָמפּ. נאָר אַרום און אַרום איז געווען שוואַרץ־פאַרשאָטנט. מאָטעק האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן אַ שוך און זיך פאַרטראַכט.

— וואָס וועט דער אָנקל זאָגן? ער וועט קומען און מיך נישט געפינען. ער וועט מיינען, אַז איך בין אַנטלאָפן פון אים, אַז מיר געפעלט נישט זיין קעסט. ער וועט מיך נאָך אָפּנעמען פון דער שקאָלע. איך וועל ווידער דאַרפן גיין אין חדר . . .

אויף גיך האָט מאָטעק אָוועקגעשטעלט דעם שוך אויף דער פּאָדלאָגע, ווי דער אָנקל האָט אים געלערנט, אַ שוך לעבן אַ שוך, אין אַ גלייכער ריי, און ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט און פאַרצויגן די דעקע איבערן קאָפּ.

נאָר שלאָפן האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, וואָס עס טוט זיך איצט ביי אים אין הויז. ער האָט זיך אַריבערגעטראָגן צו זיך אויפן הויף, וואו לייבטשע וואונדערט זיך געוויס, וואָס עס איז געוואָרן מיט מאָטעקן. דער „קליינער בונד" זוכט אים מסתם אַרום. וואו איז ער אַהינ־געקומען? פאַרוואָס צעטיילט ער ניט די פּראָקלאַמאַציעס? צי האָט ער גע־נומען די פיס אויף די פּלייצעס און זיך באַמאַכט?

מאָטעק האָט זיך דערמאָנט אין זיין „הסב־בעט". ער האָט זיך איצט אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג און געפילט ווי גוט עס איז דאָ צו ליגן.

דער שווערער אַנקל, ווען ער לייגט זיך אַוועק, רירט אים אפילו נישט אָן, אַזוי ברייט איז דאָס בעט. אוי, ווי גוט עס איז צו ליגן אין אַ ווייך, גלייך בעט. ווען סאַלטשע וואָלט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ בעט ער שלאָפט, וואָלט זי אַנגעקוואָלן. זי האָט שטענדיק מיטלייד מיט אים צוליב דער „הסב־בעט".

סאַלטשע האָט מיט אים גיט גערעדט, ווען ער האָט פאַרלאָזט. נאָר ער ווייס, אַז זי מיינט גוט. נאָר זי האָט מורא געהאַט פאַר דער מאַמען. סאַלטשע טוט קאָנספּיראַטיווע אַרבעט. סאַלטשע קאָן נאָך פאַרשיקט ווערן אויף סיביר. סאַלטשע וועט זיך פרייען, ווען זי וועט הערן אַז ער גייט שוין אין דער פּראָ־גימנאַזיע. עס וועט נישט לאַנג דויערן און ער וועט זיך אויסלערנען רוסיש ווי אַ וואַסער און דאַן וועט ער סאַלטשען אויך לערנען. ער וועט זיך נישט שעמען.

אָבער וואָס וועט דער טאַטע זאָגן, ווען ער וועט דערזען אַז מאָטעק לאָזט זיך מער נישט וואַקסן די פּאות און אַז ער וועט זיך דאַרפן אָנטאָן אַ שינעל מיט אַ קוקאַרדע אין היטל?

דער טאַטע וועט זיך שעמען אים מיטצונעמען אין בית־מדרש שבת. די יידן וועלן טייטלען אויף אים מיט די פינגער: „ליפּעס זינדל! און נאָך אַ בן־יחיד דערצו!" . . .

עס האָט זיך דערנעענטערט דער שבת. גוסטאַוו איז געווען זיכער, אַז טייבל וועט שיקן נאָך מאָטעקן, נאָר ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט צוואַרטן. גיין צו דער שוועסטער וועט ער דאָס מאָל נישט. זי ווייסט זיין אַדרעס. ווען זי דאַרף אים, שיקט זי נאָך אים.

נאָר טייבל האָט נישט געשיקט נאָך מאָטעקן אָדער נאָך גוסטאַוון. פריי־טאָג־צו־נאַכט האָט מאָטעק געגעסן חלה מיט געפילטע פיש פון דער רעס־טאָראַציע. גוסטאַוו איז געזעסן אין הויז און עס האָט אים געקרענקט. ליפּע איז אַוועק אין בית־מדרש אָן זיין בן־יחיד, האָט ער געטראַכט. ליפּע וועט זינגען זמירות אָן מאָטעקן. גוסטאַוו האָט מאָטעקן אפילו זיך נישט געהייסן לייגן, ווי תמיד. אַלץ געוואַרט צו הערן פון טייבלען. נאָר קיינער האָט אין טיר נישט אָנגעקלאַפּט.

גוסטאַוו איז יענעם אָוונט נישט אַרויס פון הויז. ער איז געזעסן און געלייענט זיין דייטשע צייטונג און געדרעמלט. מאָטעק איז געזעסן און גע־בלעטערט זיינע ביכער. געשריבן האָט ער נישט, אַזוי שנעל ווי עס איז געוואָרן פינצטער אין דרויסן.

עס איז מאָטעקן געווען זייער סמוטנע. אויפן טיש זיינען קיין לייכטער מיט קיין ליכט נישט געשטאַנען. די מאַמע האָט שוין אָפּגעבענטשט די ליכט. פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיטביידע הענט און מסתּם געוווישט זיך די אויגן.

דער טאַטע איז איינער אַליין געגאַנגען אין שול און איינער אַליין געקומען פון שול. אין הויז מוז זיין תשעה באב.

— טייערער אַנקל גוסטאַוו, זאָל איך מאָרגן אַהיים גיין? — האָט מיט־אַמאָל מאָטעק געוואָגט צו רעדן צום אַנקל.

— וועסט גיין, ווען דיין מאַמע וועט דיך וועלן, — האָט דער אַנקל גאַנץ טרוקן געזאָגט.

מאָטעק איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— מאַך נאַכט, — האָט דער אַנקל מיטאַמאָל באַפוילן.

שטילערהייט האָט מאָטעק זיך אַריינגעלייגט אין בעט. אין דער היים ברענען די ליכט. עס איז היימלעך. דאָ ברענען לאָמפּן און עס איז אומעטיק. דער טאַטע „זאָגט און זאָגט". די מאַמע הערט זיך איין מיט פאַרגעניגן. די קינדער אין צווייטן צימער לאַכן. גוטשיא און סאַלטשאַ זיינען אַוועק אויף דער פּיעטרקאָווסקע שפּאַצירן. מאָרגן איז שבת קודש אויף דער וועלט. אַלע זיינען אין הויז. וואָס וועט ער מאָרגן טאָן? מאָטעק האָט זיך דערשראָקן פאַרן געדאַנק. פרעגן דעם אַנקל, האָט ער מער נישט געוואָלט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט און געשלונגען די טרערן אַ לאַנגע צייט.

קאַפּיטל זיבעצן

היים, ביטערע היים

.1

שבת אין דער פרי איז מאָטעק אויפגעשטאַנען אַביסל שפּעטער. די זון האָט אַריינגעלאָכט דורך די צווײ פענצטער אין שלאָף־צימער. די זון האָט זיך באַגריסט מיטן צווייטן גרויסן צימער. די דירה האָט דער זון אָפּ־געגעבן אַ ברייטן ברוך הבא. אוי, ווען מיר וואָלטן געהאָט אַביסל זונשיין אין אונדזערע פינצטערע חדרים אויף דער דזשעלנע, וואָלט אפשר די מאַמע נישט געווען אַזוי אַנגעצויגן, האָט געטראַכט ביי זיך מאָטעק.

— סטגיין דאַוונען? — האָט געפרעגט דער אָנקל גוסטאַוו, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביים אָנטאָן.

— אַז דער אָנקל וועט גיין, וועל איך מיטגיין, — האָט מאָטעק גע־ענטפערט.

— ס'איז אַ ווייטער מהלך צו מיין שול, און צו דיין טאַטנס חברה איז אויך היבש ווייט. באַדיר אַ סידור און דאַוון אַליין. נאָכדעם וועט מען אַרויפ־ברענגען פרישטיק. אפשר וועט די מאַמעשי שיקן נאָך דיר.

— הלוואי, טייערער אָנקל גוסטאַוו.

האָט מאָטעק אָפּגעדאַוונט אויף שנעל. האָט מען אַרויפגעבראַכט פרישטיק פון אַן אַנדער רעסטאָראַציע, מסתם נישט קיין יידישע, נאָר דער קוכן איז געווען געשמאַק, און מאָטעק האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו עסן אַן אַפּעלסין אין דער פרי און פאַרן שלאָפן גיין. — ס'מוז קאָסטן אַ מאַיאָנ־טעק, — האָט מאָטעק געטראַכט, זויגנדיק די זעלטן־געהאַטע פרי.

און אַן אומרו האָט אים באַוועלטיקט נאָכן עסן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. דער אָנקל איז געווען פאַרנומען מיט פּאַפּירן אין צווייטן צימער ביי זיין טיש מיט שיפלאָדנס. מאָטעק האָט ניט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטאָן. ער האָט נישט געקאָנט בלעטערן זיינע שקאָלע ביכער. ער האָט נישט געוואָלט אַראָפּגיין אין גאַס שפּאַצירן. ער האָט געקוקט צו דער טיר. אפשר וועט זיך דערהערן אַ קלאַפּ און גוטשיאַ וועט קומען און

אים אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז די מאַמעשי איז אים מוחל. ער וועט שלאָגן כפּרות מיט די קאַטשקעס און גענז, מיט די קאַמפּאָטן און זיסע בולקעלעך, מיט דעם טייערן בעט־געוואַנט און מיט דער לעקטריע, מיט די ניקלנע קראַנען און דעם רייכן קלאָזעט־אַפּטריט — אַבי צו זיין צוריק אין דער היים. ער וועט זיך אפילו מער מיט גוטשיאַן זיך נישט אַרומרייסן. ער גיט זיך אַ הייליקע שבועה.

נאָר גוטשיאַ איז נישט געקומען. קיינער איז נישט געקומען.

— מאַטעק, גיי זיך דיר אויף אַ שפּאַציר. פראַניאַ דאַרף קומען אויפ־ראַמען. קום צוריק אַזייגער צוועלפע. כ'האָב באַשטעלט אַ געפילט העלדזל. האָסט עס דאָך ליב? זיי פּאַרזיכטיק, גיי נישט אַריבער דעם וועג.

האָט זיך מאַטעק געלאָזט גיין אויפן וועג צו דער דזשעלנע. ניין, ער וועט נישט אַריינגיין אין הויז. ער וועט זיך אפילו נישט אַרומדרייען אַרום הויז. ער האָט טאָקע ליב די סאַרנעס מער ווי די קאַלינסקיס, נאָר אין הויז זאָגט מען, אַז ער איז אַן עקשן, ווי יעדער קאַלינסקי. ער וועט אפשר צוגיין צום קאַלע גאָרטן. דאָרט וועט ער טרעפן סאַלטשען מיט אַ פּאָר יונגען פון „בונד". פון איר וועט ער אויסגעפינען וואָס עס הערט זיך אין שטוב . . .

ווען ער וואָלט געווען אַביסל עלטער, וואָלט סאַלטשע מיט אים אַרומגעגאַנגען אין קאַלע גאָרטן. נאָך דער מאַמען, האָט ער זי אַממערסטנס ליב. בעסער ווי אַלע מומעס און אַוודאי מער פון זיינע שוועסטער. לאָטשיא וואָלט געווען אַ גוטע שוועסטער, ווען זי פאָלגט נישט גוטשיאַן. ס'וועט זיין אַ שיינע זאַך, ווען ער וועט אויפן וועג טרעפן עמיצן פון הויז. אפשר וועלן לאָטשיא און מלכה גיין, אָנגענומען פאַר די הענט.

איז מאַטעק געגאַנגען און געגאַנגען ביז ער איז צוגעקומען צו דער דזשעלנע. דאָס האַרץ האָט אים גענומען זעצן ווי מיט האַמערס. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט וועט ער דערזען דעם טאַטן. יענער ייד האָט אַן ענ־לעכקייט צום טאַטן. זיין וואוקס, זיין הולך. ניין . . . ער האָט איבערהויפּט נאָכגעפאָלגט די קינדער, וואָס זיינען געווען אויפן טראָטואַר. ער איז גע־לאָפן פאָראויס, אפשר וועט ער טרעפן, אויב נישט אַ שוועסטער, זאָל עס זיין אַ קינד פון הויף. אַלץ פרעמדע.

לסוף האָט מאַטעק זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און ער האָט זיך גע־לאָזט גיין צום הויז. ער וועט גיין אויף דער אַנדער זייט טראָטואַר. נאָר וואָס נעענטער ער איז געקומען צום ווינקל־גאַס פון זיין הויז, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זיין פּחד. די פיס האָבן אים נישט געוואָלט פירן אַהין. „גייט", האָט ער זיי באַפוילן, „מיר ווילן נישט", האָבן זיי געענטפערט. „אַז איר ווילט נישט, וויל איך אויך נישט. שאַגאַם נאַזאַד", האָט ער זיך מושטירט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַ זייגער אין אַ קראָם און ער האָט דערזען אַז ס'איז שוין באַלד נאָענט צו צוועלף און ער וועט זיין שפּעט צום מיטאָג. דער אָנקל גוסטאַוו איז דאָך אַ דייטש. מען מוז זיין זייער פּינקטלעך, אַנישט איז ער אויס מענטש.

.2

— וואו ביסטע געווען, מאָטעק?

— אויף אַ שפּאַציר, טייערער אָנקל גוסטאַוו.

— האָסט זיך פאַרשפּעטיקט אויף צוועלף מינוטן. פאַרוואָס ביסטו פריער נישט געקומען? זיך פאַרשפּילט מיט אַ באַנדע?

— איך זאָל אַזוי לעבן מיטן אָנקל אינאיינעם, ווי נישט.

— אויף וועלכער גאַס האָסטו שפּאַצירט? אויף דער פּיעטערקאָווער? צי אויף דער דזשעלנע?

— אויף דער דזשעלנע, — האָט מאָטעק געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— עס ציט דעם וואָלף אין וואַלד אַריין. ביז דו וועסט אַ חתן ווערן, וועסטו זיין צוריק אין דער היים.

דער אָנקל האָט געהייסן מאָטעקן זיך צולייגן נאָכן עסן און ער האָט אים צוגעזאָגט צו ברענגען שבת־אויבס. אַליין איז ער אַוועק צו טייבלען. ער האָט געוואָלט קומען גלייך נאָך דער שבת־סעודה, איידער ליפּע לייגט זיך צו און איידער ער זעצט זיך אַוועק „זאָגן". גוסטאַוו איז געווען רעכט אין כעס. נישט וואָס ער האָט געדאַרפט האַלטן מאָטעקן ביי זיך. דאָס, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, האָט אים נישט געאַרט. נאָר די האַרצלאָזיקייט פון דער אייגענער שוועסטער און פון גאָטספאַרכטיקן, אויגן גלאָנצנדיקן ליפּען. וואָס מיינען זיי זיך עפּעס? לאָזן אַ קינד אויף הפקר, בלויז דערפאַר וואָס ער וויל גיין אין שקאָלע? וואָס מיינען זיי, לאָדזש איז אַ דאָרף און מען קאָן צווינגען אַ קינד צו ווערן אַ רב, ווען ער וויל בעסער זיין אַ געלערנטער מענטש אין וועלטלעכע זאַכן?!

— כ'בין זיך געקומען קריגן גראָד אום שבת, — האָט גוסטאַוו אָנגעהויבן, ווען ער איז אַריבער טייבלס שוועל. מען האָט זיך אויף דעם ניט געהאַט געריכט. ליפּע האָט שוין געהאַט געטראָגן די לאַטשן און עס האָט אים געצויגן צום בעט. די קינדער זיינען שוין געווען אין דרויסן. טייבל האָט געטאַפּט די עפּל פאַרן שבת־אויבסט.

— עטץ מיינט טאַקע, אַז מען קאָן מיט אַ קינד טאָן וואָס מען וויל היינטיקע צייטן? עטץ האַנדלט גורנישט ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. נו,

איז ווײַל ער נישט לערנען קיין גמרא „בבא מציאה", איז קען ער דערפֿאַר נישט אויסוואַקסן קיין ערלעכער ייד און קיין ביצלעכער מענטש? ווער דאָס אים שטערן צום שידוך? איך קען ענק נישט פֿאַרשטיין אָדער באַגרייפֿן. ס'קינד גייט אויס ווי אַ לעכט פֿון בענקעניש און גריזאָטע, עס טוט מיר ווי מײַן האַרץ פֿאַר אים. כגעב אים פֿון שענסטן און בעסטן, קאַטשקעס מיט גענדז, מיט געפֿילטע העדלזלעך, מיט גריוון און זיסע בולקעלעך — נאָר קיין זאַך העלפֿט נישט. דער ביסן בלײַבט אים שטעקן אין האַלדז, אַזוי וואָר ווי איך לעב . . . הערץ מיך אויס. גוסטאַוו ווערט זעלטן אין כעס. עטץ האָט מעך אַרײַנגעבראַכט אין אַ גרימצאָרן. כ'וועל נעמען מאַטעקן און אים אַרײַנגעבן אין אַ פּאַנסיאָן פֿאַר אַ יאָר צײַט . . .

ליפּע האָט זיך געהאַלטן אין איין גלעטן די באָרד. טײַבל האָט כסדר אונטערגעכריפּעט, ווי ס'וואָלט איר געבליבן שטעקן עפּעס אין האַלדז. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ טיף אַראָפּגעלאָזט און געדרייט דאָס רינגל אויף איר פֿינגער. אַ מינוט צוויי האָבן אַלע געשוויגן.

און דאַן האָט טײַבל אָנגעהויבן.

— ס'איז לײַכטער צו זאָגן, ווי צו טראָגן, מײַן טײַערער גוסטאַוו. ווערסט אי"ה, ווערן אַ פֿאָטער, ווערסטו דאַן פֿאַרשטיין. מאַטעק האָט פֿון אונדז אין איין וואָך צײַט צוגענומען יאָרן לעבן. נישט ווינציקער ווי צען יאָר פֿון מיר און הלוואי ווינציקער פֿון ליפּען. עס איז פֿון אים געוואָרן חושך, ווי דו קוקסט אים אָן. גאַנצע נעכט קרעכצט ער און זיפֿצט. אַזוי בין איך דער־צויגן געוואָרן און אַזוי וועל איך פֿירן מײַן באַלעבאַטישקייט. איך בין נישט צו פֿרום, נאָר אַ ייד בין איך און איך ווײַל נישט, אַז מײַן אייניקער זון זאָל אויסוואַקסן אַ האַלבער ייד, מיט אַ שינעל און אַ קוקאַרדע.

גוסטאַוו האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר טײַבל האָט אים מיט דער האַנט אָנגעוויזן, אַז זי וויל נאָך עפּעס זאָגן.

— ליבער גאָט, וויפֿל ס'איז מיר נאָך באַשערט צו לעבן, ווײַל איך אויס־לעבן מײַנע יאָרן ווי אַ געטרײַע ווײַב און גוטע מוטער. איך וויל נישט, אַז מײַן מאַן זאָל אַרומגיין אַ פֿאַרשעמטער אויף דער וועלט. דערפֿאַר וואָס ער קאָן זיך נישט אויספֿיינען מיט זײַן אייגן קינד. וואָס וועלן לײַט זאָגן, ווען ער וועט קומען מיט מאַטעקן אין בית־מדרש? ליפּע סאַרנעס זינדל, ס'בן־יחידל, גייט אויף אוראָקן. ער האָט פֿאַרביטן די הייליקע תורה אויף, להבדיל אלף הבדלות, דער כאַמסקער שפּראַכע. איך וויל, אַז מײַן קינד זאָל מיך פֿאָלגן. דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס עס איז געוואָרן פֿון מאַטעקן: אַנשטאָט צו גיין אין חדר, האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט אונטערוואָרפֿן פּראָקלאַמאַציעס, מיט זינגען „די שבועה". אַזוי ווי ס'איז היינט שבת קודש אויף דער וועלט,

ווי איך זאָג דיר נישט קיין ליגן, איך האָב אַ גאַנצע נאַכט מיר די אויגן אויס־געוויינט אויף מיין גרויסן בראָך. נאָר וואָס וועט מיר העלפן דען דאָס וויינען?

טייבל האָט זיך טאָקע גלייך צעוויינט. ליפע האָט בלויז געברומט: מממם . . . און גאָרנישט ניט געזאָגט.

גוסטאַוו האָט זיך אָפּגערופן אַ געריירטער:

— פון דעם אַלעם וועט קיין גוטץ נישט אַרויסקומען. מען מוז זיין פּראַקטיש. גוסטאַוו האָט אַ נאָמען פאַר אַ פּראַקטישן פּערזאָן. איז הערץ מיך אויס: זאָל גוטשיא היינט נאָך שלוש־סעודות אַרויסטראָגן מאַטעקס לאַנגע מלבושים אין קאָרידאָר און זאָל ער זיך איבערטאָן אין דרויסן און אַריינ־קומען אין הויז אין זיינע יידישע קליידער, ביז איר וועט זיך צוגעוואוינען. זאָל ער פון איצט אָן פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג שבת אין לערנען. ליפע וועט שוין זען דערצו, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען וואָס ער דאַרף. אַ קעפּל האָט דאָס קינד אַ גוטץ. קיין אַנדער ברירה איז ניטו. מיט בייזן וועט עטץ ערגער מאַכן. געדענקץ מיינע רייד. גוסטאַוו וואַרפט זיך נישט מיט קיין פוסטע ווערטער. אַלזאָ, איך שיק אים אַהיים גלייך נאָך שלוש סעודות. זאָל גוטשיאַ וואַרטן אויף אים צו יענער צייט.

זיינע רייד זיינען געבליבן נישט געענטפערט, נאָר פון שווייגן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז טייבל איז איינשטימיק.

.3

וען גוסטאַוו האָט מאַטעקן אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, האָט ער דער־פילט ווי דאָס קינד שרעקט זיך פאַר עפּעס.

— איך זע, אַז דו ביסט נישט אינגאַנצן צופרידן אַהיימצוגיין, מאַטעק?

— איך בין זייער צופרידן, אָנקל, נאָר דער טאַטעשי האָט געזאָגט, אַז ער וועט צערייסן אַלע ביכער מיינע, אַז ער וויל נישט קיין רוסיש־חזיר אין זיין הויז.

— טאָמער וועט דיר עפּעס פעלן, מאַטעק, זאָלסטו צוקומען צו מיר אין קאַנטאָר און איך וועל דיר אַלץ געבן. בעט ביי זיי גורנישט און נעם פאַר ליב אַלעס, ביז זיי וועלן זיך איינגעוואוינען.

האָט מאַטעק גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און געלאָפן אַהיים. אין קאָרידאָר פון הויז, וואָס האָט געפירט אין הויף אַריין, האָט שוין אויף אים געהאַט געוואַרט גוטשיא מיט זיינע יידישע קליידער. זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר זי האָט אים געהאָלפן זיך איבערטאָן און בעת מעשה באַ־טראַכט זיינע דייטשע קליידער, וואָס זי האָט צוגענומען פון אים, אַז „די מאַמע זאָל זיי פאַר די אויגן אפילו נישט אָנזען".

— וואָס טוט מען מיט די פאות, וואָס טוט מען? — האָט זי געגעבן אַ קרעכץ אַרויס.

זי האָט זיך געלאָזט גיין פּאַראויס און מאַטעק, אַ פאַרשולדיקטער, נאָך איר. זיי זיינען צוגעקומען צו דער טיר. לאַטשיא און מלכה זיינען מאַטעקן אַנטקעגן געלאָפן און אים באַקוקט מיט נייגיר.

— מאַטעק האָט אָפּגעשאָרן די פאות, מאַטעק קוקט אויס ווי אַ סטו־דענט, — האָט לאַטשיא אויסגערופן.

פון דעם קיך־צימער האָט זיך באַוויזן די מאַמע.

— אַ שיינעם גוט שבת האָסטו אונדז פאַרשאַפט; זאָלן עס אונדזערע שונאים אויסקרענקען, ווי דיין טאַטע און דיין מאַמע האָבן עס אויסגעקרענקט. זעסט דאָך, אַז אפילו אום שבת קאָן איך זיך נישט צוריקהאַלטן פון האָבן עגמת נפש.

— איך בין נישט שולדיק, מאַמעשי, איך — — —

— ווי איז צו מיר, וואָס מען האָט געטאָן צו דיינע פאות! — האָט די מאַמע ערשט רעכט אָנגעהויבן באַקוקן מאַטעקן.

זי האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטביידע הענט און זיך צעכליפּעט. אויף איר קוקנדיק האָבן זיך אַלע דריי מיידלעך צעוויינט.

ווען דער טאַטע איז צוריקגעקומען פון שול און אַ בליק געטאָן אויף מאַטעקן, האָט זיך די געשיכטע אָנגעהויבן אויפדאָסניי.

— אַוועק פון מיר, דו גוי גמור, דו קאַלבאַסניק, דו, דו . . . פאַרשוואַרצסט אונדז דאָס פּנים, מען קאָן זיך צוליב דיר אין גאַס נישט ווייזן . . . סאַרנעס בן יחידל וועט גיין אין גימנאַזיע. אויס פאות, אויס טלית קטן, אויס יידיש־קייט . . . פּראָ־גימנאַזיע, מ׳שטיינס געזאָגט, ווער עס גייט אין שקאָלע. רוסיש לערנען האָט זיך אים פאַרוואָלט, דעם גולם. אַוועק פון מיינע אויגן, זאָג איך דיר!

איז מאַטעק מיט אַ געוויין אַרויסגעלאָפן אויפן הויף. ער האָט געוואָלט געפינען לייבטשען. נאָר איידער ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן, איז לאַטשיא אַרויסגעלאָפן פון שטוב און געשריגן:

— מאַטעק, אַריין אין הויז, די מאַמעשי וויל דיך האָבן!

מאַטעק האָט געהאַלטן די הבדלה, מאַטעק האָט געהאָלפן „זאָגן“. נאָר ס׳האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן מער. פון דאַן אָן איז ער געוואָרן די שוואַרצע שאָף פון דער משפּחה. מען האָט עס אים געגעבן צו פאַרשטיין אויף יעדן טריט און שריט.

די אמתע צרות האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן, ווען ער האָט געדאַרפט מאַכן זיינע לעקציעס. דער טיש איז געווען פאַרנומען, אויפן בעט האָט מען אים

נישט געלאָזט זיצן. יעדער איינער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ מצווה אים צו שטערן. איבערהויפּט דער טאַטע. וואו מאָטעק האָט געוואָלט אָוועקלייגן זיינע ביכער און העפטן, האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז „דאָ איז נישט דאָס פּלאַץ פאַר דיינע שמאַטעס". גוטשיאַ האָט זיי געהאַלטן אין איין געפינען און אַראָפּוואַרפן אויפן דיל. אין איר האָט געשטעקט די קנאה צו מאָטעקס לערנען, דערפאַר וואָס זי האָט אַליין ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו געניסן פון אַ שקאָלע. מיט אַ באַזונדער שנאה האָט זי אים נישט געלאָזט אָנגיין מיט זיין אַרבעט. זי האָט געפונען זיינע ביכער אונטערן בעט. זי האָט בכיון געזוכט אונטער אַלע בעטן. „געגנוג שמוץ ליגט אונטער די בעטן, דאַרף איך נאָך האָבן זיין שמוץ אויך".

האָט מאָטעק, ווען קיינער האָט ניט געזען, די ביכער אַרויפגעלייגט אויף דער שאַפע, וואו עס זיינען געשטאַנען די סלאָיעס איינגעמאַכץ. ווי אַזוי גוטשיא האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער וועט דאָרט וועלן האָבן אַ ווינקל פאַר זיינע באַליבטע ביכער, איז געווען אומפאַרשטענדלעך.

— שוין, ער האָט שוין אַנטדעקט אַ נייעם מקום מנוחה פאַר זיינע שמאַטעס, — האָט זי אויסגערופן. — איך האָב אָבער געוואוסט, אַז ער וועט זיי דאָרט אַוועקלייגן. טאָמער וועל איך זיי דאָרט נאָכאַמאָל געפינען, וועל איך זיי אַריינוואַרפן אין אָפּטריט, אַזוי זאָלן מיר אַלע דערלעבן צו זען משיחן.

ביז מאָטעק האָט געפּרואווט דאָס לעצטע מיטל. ער האָט זיי אַריינגעלייגט אין זיין „הסב־בעט". דאָרט, האָט ער באַשלאָסן, איז זיין טעריטאָריע. ווער עס וועט וואַגן זיך צורירן צו זיי דאָרט, וועט ער דעם קאָפּ צעפּלעטן. ער האָט זיך אויסגעהיט זיך צו פאַרקריגן מיט די שוועסטער אָדער מיט די עלטערן. ער האָט געוואָלט מען זאָל אים צורו לאָזן. דאָס לערנען האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין רגע אויף עפּעס אַנדערש.

גוטשיאַ האָט אים טאַקע צורו געלאָזט וועגן די ביכער. דערפאַר האָט זי געפונען אַנדערע מיטלען ווי אַזוי אים צו דאָקוטשען.

— נאַ, שייל אָפּ אַ טאָפּ מיט קאַרטאָפל. אַז דו גייסט שוין נישט אין חדר, מעגסטו זיך שוין איינריכטן דיינע איידעלע הענטלעך און העלפן מיר מיט דער קיך.

דער טאַטע האָט זיך שוין פאַר אים מער נישט אָנגענומען. פאַרקערט. ער איז געווען צופרידן, אַז מאָטעק זאָל אַרבעטן אין הויז און וואָס וויניקער זיך אָפּגעבן צו זיינע טרייפענע ביכער.

— זע נאָר ווי ער האָט עס אויפגעדרייט די קנויט! — האָט דער טאַטע ניט געוואָלט ליידן, וואָס מאָטעק נוצט צופיל ליכט פון דער נאַפט־לאָמפּ. — האָסט יונגע אויגן, האָסט פאַרשטאַכענע אויגן. נאַפט קאָסט גוטע געלט.

דערווייל פאַרדינסטו זיך נישט, אַז דו זאָלסט פּטרן דער מאַמעס האָרעוואַניע.
מאַטעק האָט געהאַט אַ טבע צו לייענען אויפן קול.

— דער יונג מאַכט מיר אַ לאָך אין קאָפּ, — האָט גוטשיא נאָכגע־פּלאַפּלט דער מאַמעס רייד. און די מאַמע אַליין האָט נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אים צו דערמאָנען, אַז צוליב אים וועט זי יונגערהייט גיין אין דער ערד אַריין.

פאַר מאַטעקן איז דאָס געווען דאָס ערגסטע. ער האָט געקאָנט אַריבער־טראָגן דאָס וואָרפן די ביכער, דאָס ניט לאָזן אים נוצן דעם טיש, דאָס ניט קאָנען לייענען אויפן קויל, נאָר דער מאַמעס כסדרדיק וואָרנען, אַז ער איז דער שולדיקער אין איר שלעכטן געזונט־צושטאַנד, דאָס האָט ער נישט גע־קאָנט אַריבערטראָגן.

4.

די פּראָ־גימנאַזיע האָט וואָס ווייטער געפאָדערט מער העפטן, מער בלייפעדערס, מער ביכער. דאָס אַלץ האָט געקאָסט געלט.

— מאָרגן זאָלסטו קומען מיט צווי נייע העפטן, — האָט דער לערער אָנגעזאָגט מאַטעקן. פאַר מאַטעקן איז דאָס געווען אַן אומגליק.

— מאַמעשי, איך דאַרף האָבן אויף צווי נייע העפטן.

— איך וועל דיר קיין דייטשן פעניג נישט געבן פאַר דיינע שמאַכטעס, — האָט די מאַמע אָנטגילטיק אים געמאָלדן.

און מאַטעק האָט זיך צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז ביי אים אין הויז איז אַלץ פאַרפאַלן. קיינער וועט אים נישט קומען צוהילף. מען וועט זיך פרייען, ווען ער וועט כאַפּן אַ מפּלה.

האָט ער זיך געדאַרפט שלעפּן צופוס אין ווייטן וועג צום אָנקלס קאַנ־טאָר און בעטן פאַרשעמטערהייט אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף בלייפעדערס און העפטן. ס'איז אים געווען טייער די צייט, וואָס ער האָט פאַרלאָרן גייענדיק אַהין און צוריק, ווען ער האָט געקאָנט זיך לערנען דערווייל, אי ער האָט זיך געשראָקן אַז ס'זאָל דעם אָנקל נישט מיאוס ווערן צו האַלטן אין איין צאָלן פאַר אים.

שבת איז ביי מאַטעקן געוואָרן דער ערגסטער טאָג. שבת האָט דער טאַטע אים נישט געלאָזט נעמען אַ רוסיש ביכל אין האַנט אַריין. עס האָט זיך אָפּגעטאָן חושך, ווען מען האָט אים געכאַפּט מיט אַ בוך. אַ גאַנצן טאָג שבת האָט ער נישט געטאָרט אַרויסגיין פון הויז, נאָר „זיצן איינגעלייגט" איבער אַ ספר. ער האָט בלויז געמעגט גיין אין שול אַריין מיטן טאַטן. און

דער טאַטע איז אויפֿגעשטאַנען פֿרי פֿון נאָכמיטאָגדיקן דרעמל און זיך אַ נעם געטאָן לערנען פּרק מיטן בנאָק.

הער שאַקין האָט דערציילט גוסטאַוון, אַז מאָטעק לערנט מיט אויסער־געוויינלעכן פֿלייס און אַז ער זעצט אים איבער אין אַ העכערן קלאַס, ווייל ער האָט דעריאָגט אין לערנען. ער האָט גוסטאַוון געשיקט די אָטמיעטקעס. גוסטאַוו איז אַהיים געקומען צו מאָטעקן אין הויז און זיי געוויזן טייבלען, נאָר זי האָט דאָס קאַרטל אַוועקגעשמיסן אויפֿן טיש.

— איך וויל זיך צו דעם נישט אָנרירן. מיינע הענט זאָלן זיין ריין פֿון דעם שמוץ.

דער טאַטע האָט געזאָגט:

— דאָס איז אַ מוקצה. דאָס איז אַ חילול השם. וואָס בעסער דער יונג לערנט זיך אין שקאָלע, אַלץ מער עגמת נפֿש פֿאַרשאַפֿט עס מיר און מסתּם אויך דער מאַמען, ווייל דאָס איז אַ באַווייז, אַז דער יונג האָט געקאָנט עפּעס אויפֿטאָן אין חדר, נאָר זיין רשעות האָט אים נישט דערלאָזט. דער ווייטיק איז גרויס, נאָר ס'איז פֿאַרפֿאַלן. מער קאָן ער אונדז נישט היילן. אַז עס צערייסט זיך, איז שווער צו פֿאַרבייטן.

עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז מאָטעק איז געוואָרן באַגייסטערט פֿון זיין לערנען און ער איז אַהיים געקומען און געוואָלט זיך טיילן מיט עמיצן זיין פֿרייד. נאָר קיינער האָט זיך צו אים נישט געוואָלט צוהערן. אַפֿילו לאָטשיא איז געווען אייפֿערזיכטיק, וואָס ער האָט זי דעריאָגט אין לערנען. אַזוי האָט סאַלטשע געדאַרפֿט אָנקומען צו איר. איצט האָט מאָטעק אָנגעהויבן פֿאַר־נעמען איר פּלאַץ. און מאָטעק איז געווען שטאָלץ מיט דעם.

אַלץ וואָלט געווען צו דערליידן. נאָר די מאַמע האָט גענומען אונטער־קרענקען, זיך באַקלאָגן, אַז דאָס האַרץ טוט איר וויי, אַז זי ליידט פֿון קאָפּ־שמערצן. און זי האָט נישט פֿאַרגעסן צו וואַרפֿן די שולד אויף מאָטעקן.

— דער יונג וועט מיך יונגערהייט לייגן אין דער ערד אַריין.

מאָטעק האָט געשוויגן. ווען מען האָט אים צופֿיל דאָקוטשעט, איז ער אַרויסגעלאָפֿן אין גאַס און ביי דער שיין פֿון לאַמטערן געלייענט זיינע ביכער.

ער האָט ווי מיט ליכט געזוכט אַ ליכטיק אָרט פֿאַר זיך. אין דער היים איז געווען פֿינצטער. אין דער היים האָט מען אים נישט געלאָזט אָנזען די ליכטיקע שיין. און ער האָט ליב געהאַט ליכט, ווייל עס האָט גענומען אַרויס־שטראַלן אַ ליכט פֿון זיינע ביכער, פֿון זיינע לעקציעס, פֿון די אויגן פֿון זיינע לערער אין דער פּראָ־גימנאַזיע.

קאַפּיטל אַכצן

דער טאַטע גייט „זיצן"

.1

די דזשעלנע גאַס איז געוואָרן די גאַס פון שטורעם־און־דראַנג. צי דאָס איז געווען צוליב דעם קאַלע גאָרטן און דעם וועג וואָס האָט געפירט צום וואָקזאַל, צי צוליבן דייטשן אַמפּיטעאַטער, אָדער צוליב דעם וואָס די גאַס האָט זיך געווינקלט מיט דער ניקאָלאַיעווסקע, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ צאָל דאַמף־פאַבריקן מיט הויכע קוימענס, וואו עס האָבן געאַרבעט בלויז פּוילישע און דייטשע אַרבעטער, — נאָר עס האָבן זיך אויף איר באַוויזן וואָס אָפטער די „וואוילע יונגעןֿ" מיט די בויגיקע שטעקעלעך, די יידישע „ציציליסטן" מיט די שוואַרצע ברייטע קראַוואַטן, די פּוילישע חברה־לייט מיט די בלאַנדע גזשיוועס און מיט די היטלעך אויף אַ זייט. מען האָט אויף דער דזשעלנע געהאַלטן אין איין אויסטיילן פּראָקלאַמאַציעס. דער פּאָליציי אונטער דער נאָז. אָפט האָט זיך געהערט אַ פייפן און די סטרוזשעס האָבן אויף שנעל פאַרמאַכט די טויערן און מען האָט זיך געיאָגט און געכאַפּט און באַזוכט און אַרעסטירט און געשלאָגן און עס האָבן זיך געהערט רעוואָלווער־קנאַלן און ווידער אַ פייפן און מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל. די גאַס איז געווען טויט. און עס האָבן זיך שפּעטער באַוויזן פּאַטרולן און קאָזאַקן אויף די ווילדע פערד מיט נאַגייקעס אין די רוצחישע הענט.

אין הויז ביי מאַטעקן איז געווען אַ בהלה. מען האָט מורא געהאַט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן. מען האָט די טיר פון דער קראָם פאַרריגלט און זיך געהאַלטן אין דער שטוב, ביז די געפאַר איז געווען פאַריבער. נאָר מאַטעקן האָט עס גראָד געצויגן צו זיין זויף דער גאַס אין אַזאַ צייט. טאַמער האָט פּאַסירט אַזאַ אינצידענט, בעת ער האָט זיך געפונען אויפן טראָטואַר, אויפן וועג אַהיים פון דער שקאָלע, האָט ער זיך שוין ניט געאיילט אַהיים צו גיין. ער האָט געוואוסט, אַז אים וועט מען ניט טשעפּען. ער איז געווען אַ קינד, אַ סטודענט. אין יענער צייט האָט ער שוין געהאַט געטראָגן זיין מונדיר מיטן סטודענטישן היטל. די פּאָליציי האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר אַ קור־

קאַרדע. מאַטעק האָט גוט נאָכגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס, אין וועלכן הויז איז די פּאָליציי אַריינגעלאָפן, וועמען האָט מען מיטגענומען; וועלכער סטרוזש האָט אָנגעוויזן — דאָס אַלץ פאַרקריצט ביי זיך אין זכרון, כדי דאָס שפּעטער איבערצוגעבן ליבטשען, וואָס איז שוין געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט איינעם פון צענטער.

די מיט מענטשן באַשאָטענע דזשעלנע גאַס מיט אירע שוי־פענצטער און קויפער האָט מיטאַמאָל געגומען קריגן דעם אָנבליק פון אַ גאַס, וואו מען האָט זיך שטענדיק אויף עפּעס געריכט. די קרעמער זיינען געווען אומצו־פרידן. דער עולם וועט זי אָנהויבן אויסמיידן. מען וועט מורא האָבן. זיי האָבן געטראַכט פונוואַנען האָט זיך דאָס גענומען אָט־דער אומרו־גייסט פון דער קאָמערץ־גאַס. זיי האָבן געזוכט מיטלען ווי צו פאַרטרייבן דעם שטיק באַלוט און קאָנסטאַנטינער וואַלד, וואָס מאַכט אַ תל פון גוטן נאָמען פון דער אָנשטענדיקער דזשעלנע גאַס.

עס איז אָבער אַלץ געוואָרן ערגער און ערגער. איינמאָל, אין אַ שבת אין דער פרי, ווען דער טאַטע האָט מיטגענומען מאַטעקן צום דאַוונען און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען דורך דער קראָם, וואָס איז געווען דער קירצערער וועג, זיינען ביידע אָפּגעשפּרונגען פון שרעק, ווען דער פאָטער האָט אָן עפן געטאָן די טיר. אויף אים איז אַרויפגעפאַלן אַ מענטש, וואָס איז גע־האָט געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף דער שוועל. דער מענטש איז געווען טויט. דער טאַטע האָט אויף שנעל אים געגעבן אַ רוק אַוועק מיטן פוס און פאַר־האַקט די טיר. מאַטעק האָט געהאַט צייט צו באַמערקן, אַז דאָס איז געווען אַ יונגער בחור מיט בלאָנדע צעפּאַטלטע האָר. דער טאַטע איז שוין נישט געגאַנגען גלייך אין שול אַריין, נאָר ער איז אַוועק צום סטרוזש און אים אויפגעוועקט. באַלד איז אָנגעקומען פּאָליציי, וואָס האָט דערפון שוין גע־האַט געוואוסט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביינאַכט איז פאָרגעקומען אַ שיסעריי צווישן אַ פּאַטרול און רעוואָלוציאָנערן. ווי אַזוי מאַטעק און סאַלטשע און גוטשיא האָבן נישט געהאַט געהערט, וואָס איז פאָרגעקומען לעבן זייער טיר, איז געווען דער גרעסטער וואונדער.

מען האָט דעם דערשאָסענעם רעוואָלוציאָנער נישט צוגענומען, נאָר מען האָט אים אַוועקגעלייגט אין דער ליידיקער קראָם פון מאַטעקס הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ראָג גאַס. יעדער איינער האָט געקאָנט אַריינ־גיין און געבן אַ קוק. מאַטעק איז אויך אַריינגעגאַנגען. דער יונגערמאַן איז געלעגן אָנגעטאָן אין אַרבעטס־קליידער, דאָס אויסזען פון אַ פאַבריק־אַרבעטער.

די קרעמער האָבן פּראָטעסטירט צו דער פּאָליציי. מאָנטיק ערשט האָט מען אים צוגענומען.

גוסטאַוו האָט איינגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ פֿאַלשן חשבון. געמיינט האָט ער, אַז מיט שיקן מאַטעקן אין דער פּראָ־גימנאַזיע וועט ער פון אים אויסוואָרצלען זיין סימפּאַטיע צו די „ציציליסטן“. צום סוף איז גאָר דזשעלנע גאַס אַליין געשטרויכלט געוואָרן. וואָס האָט מען געקאָנט האָבן צו מאַטעקן ? קינדער קייען וואָס גרויסע שפּייען.

אין דער היים האָט מען גערעדט, אַז גוסטאַוו שטייט אויס געברענטע צרות פון די פּאַרטייען. כאָטש ביי דער פירמע, וואו ער איז געווען דער הויפּט־פּאַרוואַלטער האָבן מערסטנס אין אירע פאַבריקן געאַרבעט פּאַליאַקן און דייטשן, נישט קיין יידן, זיינען די אַרבעטער געווען גוט אָרגאַניזירט און אַרויסגעשטעלט פֿאָדערונגען און זיי געוואונען, נישט געקוקט אויף גוסטאַווס סטראַשונקעס און פּאַרטלען.

דערפֿאַר, ווען גוסטאַוו האָט זיך באַוויזן ביי מאַטעקן אין הויז, איז דאָס געווען גאָר אַן אַנדער אָנקל. ער איז געווען אויפגערעגט. מען האָט אים נישט געטאָרט פרעגן ווי עס גייט אים אין דער פירמע און ווען ס'איז אויס־געקומען צו ריידן וועגן די אומרואיקע טעג און נעכט וואָס מען לעבט איבער אין לאָדזש, האָט ער תמיד פּאַרטיידיקט די פּאָליציי און גערעדט מיט שוים אויף די ליפּן וועגן די בונטאָווטשיקעס. ווען די מאַמע האָט אים דערציילט וועגן דעם יונגן בחור וואָס איז געפאַלן אַ דערשאָסענער אויף דער טיר פון איר קראָם, האָט גוסטאַוו געענטפערט: „אַ שיינע, ריינע כפּרה אויף אים“.

מאַטעק האָט דאָס געהערט און ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויסגערופן:

— איך האָב אים געזען ליגן אין דערליידיקער קראָם. ס'איז געווען אַ רחמנות אויף אים. דער אָנקל גוסטאַוו דאַרף אַזוי ניט רעדן וועגן אַן ער־לעכן אַרבעטער.

— שוויג דו, פּישער דו! איך מיר אַ מענטש! מען פרעגט ביי דיר? — האָט די מאַמע אָנגעשריגן אויף אים.

און גוסטאַוו האָט זיך אָנגערופן:

— ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין, אַז די אַנטעקס מיט די איציקלעך ברענגען אום לאָדזש. וואָס ווינציקער דו וועסט זיך אָננעמען פאַר זיי, אַלץ בעסער וועט דאָס זיין פאַר דיר און דיינע טאַטע און מאַמע.

.2

טאַמער האָט דזשעלנע גאַס ניט געהאַט קענוג אויפרודערונג, איז אונ־טערגעקומען נאָך אַן ענין וואָס האָט אויף אַן אמת פאַרשעמט דעם נאָמען פון דער אָנשטענדיקער גאַס. און וועמען דאַרף עס טרעפן? מאַטעקס הויז.

אין הויז האָבן זיך געפֿונען צוויי ליידיקע קראָמען. זיי זיינען געשטאַנען ליידיק אַ צייט לאַנג, נאָר מיטאָמאָל זיינען ביידע אין דער זעלבער וואָך פֿאַרדונגען געוואָרן. אין דער קראָם וואו עס איז געהאַט געלעגן דער טויטער רעוואָלוציאָנער האָט זיך אַריינגעקליבן אַ סאַכאַרני מאַראָזשניק, אַ קאַצאַפּ פֿון טיף ראָסיי, פֿון וועמען עס האָט געשמעקט מיט דזשעגעכץ. אַ הויכער, אַ ברייטער, אין אַ רויטער גלאַנציקער רובאַשקע מיט אַ קוטאַס. ער האָט קיין אַנדער שפּראַך ווי רוסיש ניט געקאָנט און ער האָט געכאַכאָטשעט כסדר און מיט די גראָבע פֿינגער זיינע געוויזן וויפֿל ס'קומט אים. געשעפֿטן האָט ער געמאַכט גוטע און מאַטעקס עלטערן האָבן זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק וואָס זייערע קינדער נאַשן דאָרט די ליאַדעס.

מילא, קיינעם האָט ער קיין שלעכטס ניט געטאָן, דער קאַצאַפּ, זאָל ער זיך האַנדלען. נאָר דער נייער שכן אין דער צווייטער קראָם איז שוין גאָר נישט געווען קיין לייט. מאַטעקס מאַמע האָט זיך ניט געוואָלט גלויבן, אַז ס'איז אמת. זי האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן. דער טאַטע האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און געזאָגט: „וואָוע?“

יאָ, די קראָם האָט געהאַט אַ גרויס שוי־פֿענצטער, נאָר די לאָדנס זיינען דאָרט געווען פֿעסט פֿאַרמאַכט. די „סחורה“ פֿון דער קראָם האָט זיך באַוויזן אין דרויסן דעם זעלבן אָוונט. ווייזט אויס, אַז אַריינגעקליבן זיך אַהין האָט מען אין מיטן נאַכט, מחמת קיינער האָט ניט געזען וואָס מען האָט אַהין אַריינגעבראַכט. זי האָט אויך ניט געהאַט אַרויסגעשטעלט קיין שילד, נאָר די „סחורה“ איז אַרומגעגאַנגען אויפֿן טראָטואַר און געוואונקען און געשעפּטשעט צו די מענער־פֿאַרבייגייער.

אַז אַ „הייזל“ זאָל זיך וואַגן צו עפֿענען אויף דער סאַמע דזשעלנע גאַס און נאָך אין אַ קראָם דערצו, איז געווען „הימל עפֿן זיך“. די קרעמער אויף דער דזשעלנע, איבערהויפּט אויף דער זייט וואו דאָס הייזל האָט זיך געפֿונען, צוויי קראָמען אָפּגעטיילט פֿון טייבלס הוטן־פּוצעריי, האָבן באַשלאָסן עפּעס צו טאָן דערוועגן. אין אָוונט האָט מען ליפֿען גערופֿן צו אַן אסיפֿה אין איינער פֿון די קראָמען. עס איז געווען קלאָר, אַז קיין אָנשטענדיקע פֿרוי וועט נישט קומען קויפֿן אין דער געגנט, כל זמן די אויסגעלאַסענע סחורה וועט זיך אַרומדרייען אויפֿן טראָטואַר. עס האָט געמיינט באַנקראָט פֿאַר די קרעמער פֿון גאַלאַנטעריי, פֿון שפּילצייג, פֿון מאָדיסטקעס, פֿון שפּייז אפֿילו.

אָבער וואָס פֿאַראַ אַן עצה גיט מען זיך?

זיינען געפֿאַלן אַ צאָל עצות. די ערשטע איז געווען, אַז מען זאָל זיך ווענדן צום אייגנטימער פֿון הויז מיט גוטן, אַז ער זאָל גלייך פּטור ווערן פֿון הייזל און די קרעמער וועלן זיין וויליק צו ליידן דעם היזק. אויב דער אייגנ־

טימער וועט נישט איינגיין מיט גוטן, זאָל מען אים אָנקלאָגן פאַרן בית־דין.

די צווייטע עצה איז געווען, אַז מען זאָל זיך ווענדן צום פּאָליצײ־מייס־טער. די חשובסטע קרעמער פון דער דזשעלבנע זאָלן גיין ווי אַ דעפּוטאַציע צו אים. פאַרשטייט זיך, אַז גיין דאַרף מען מיט אַ שיינער מתנה, אַ מתנת יד. און אַלע קרעמער זאָלן זיך אונטערשרייבן אויף דער פּעטיציע אַז מען וויל נישט האָבן קיין „הייזל" אויף דער דזשעלבנע, וואו עס וואוינען אויך רעספּעק־טאַבעלע פאַמיליעס מיט קליינע קינדער.

מען איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה, אַז מען זאָל פריער אויספּרובירן דעם ערשטן מיטל און אויב עס וועט נישט העלפן, זאָל מען אָננעמען די צווייטע עצה.

ווען ס'איז געקומען צו אַ קהלשן ענין איז ליפּע געווען מוכן ומזומן צו טאָן עפּעס. ער איז טאַקע אַוועק מיט נאָך צוויי יידן צום הויז־אייגנטימער. יענער, אַ יונגער, אַן אָנגעפּרעסענער ייד, מיט אַ קורץ־געשאָרן בערדל, ווי אַ פּראַצענטניק, האָט זיך אויסגעלאַכט דאָס גרויסע געלעכטער פון די נאַרישע מענטשן.

— אויב די הערשאַפטן שטייט ניט אָן, ווייסן זיי וואָס זיי קאָנען טאָן. איך פאַרדינג וועמען מיר געפעלט. איך בין דער באַלעבאָס פון הויז, — האָט ער געענטפערט אין אַ שלעכטן פּויליש.

נאָך העכער און פרעכער איז געווען זיין געלעכטער, ווען ליפּע האָט אים געוואָרנט, אַז מען וועט גיין צום בית דין.

— זאָל דער בית־דין קומען אַהער. די מיידלעך זיינען פרישינקע; נאָר וואָס פון אויוועלע אַרויס.

איז מען געווען גוט אויפגערעגט. האָט מען ווידער גערופן אַן אסיפה און איבערגעגעבן מיט וועמען מען האָט צו טאָן. איינער האָט זיך אויסגע־דריקט, אַז ער האָט אַ פאַרדאַכט, אַז דער הויז־אייגנטימער איז אַליין אַ שותף צום „געשעפט". איז געבליבן, אַז מען זאָל זיך ווענדן צום פּאָליצײ־מייסטער. אויך אַהין האָט אָנגענומען צו גיין ליפּע, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן די שבת־דיקע מלבושים און צורעכט געמאַכט די באָרד.

אַ שרייבער פון פּראָשעניעס האָט אַלץ צוגעגרייט. אַלע האָבן זיך אונ־טערגעשריבן. בלויז איין קרעמער האָט זיך אָפּגעזאָגט. דאָס איז געווען אַ וויין־הענדלער. ער האָט דערקלערט, אַז מען טאָר זיך מיט די „קאַדעטן" נישט אָנהויבן. זיי וועלן זיך אָפּרעכענען מיט יעדן איינעם. זיי האַלטן בלאַט מיט דער פּאָליציי.

דער פּאָליצײ־מייסטער האָט אויפגענומען די דעפּוטאַציע, וואָס איז באַ־שטאַנען פון צוויי יידן און איין פּאָליאַק. ער האָט איבערגעלייענט די פּראָ־

שעניע, זיך געגלעט די געלע וואנצעס, זיך געצופט די שפּיץ נאז און זיך אויסגעלייגט אויפן שטול, באקוקט די דעלעגאציע פון אויבן אראפ און אַרויס־געלאזט אַ צופרידענעם: „דאַ, דאַ . . . לאַדנאַ. מיר וועלן זען וואָס מען קאָן טאָן" און — שוין געהייסן גיין.

וועגן דעם „דאַ, דאַ, לאַדנאַ" איז געווען אַ צעטיילטע מיינונג. ליפּע און נאָך אַ ייד האָבן געזאָגט, אַז אַזוי רעדט אַ הויכער באַאַמטער. מסתם וועט ער אָננעמען מיטלען. ער וואָלט דאָך געזאָגט ניין און פאַרטיק. דער דריטער דעלעגאַט, דער פּאָליאַק, האָט געזאָגט: „פּשיאַ קרעוו, דער פּאָליציי־מייס־טער האָט אָפּגעחוזקט פון אונדז. דאָס וואָס עס האָט געמיינט זיין „דאַ, דאַ, לאַדנאַ".

אין די קומענדיקע פּאָר טעג האָבן זיך אין די אַלע קראָמען וואָס האָבן אונטערגעשריבן די פּעטיציע קעגן הייזל באַוויזן אומגעוויינטשטע געסט־קאָ־דעטן, צו איינעם, צו צוויי און אַמאָל צו דריי. אין גלאַנציקע שטיוול, מיט רייטער־שטעקלעך אין די הענט, אין היטלעך מיט גלאַנציקע דאַשיקעס, אין רעקלעך מיט גרויסע פּערלמוטערדיקע קנעפּ. דאָס זיינען אָדער געווען די „פּאַרשטייער" פון הייזל, אָדער די „שטאַרקע" פון זייער געזעלשאַפט. זיי האָבן גערעדט אויף פאַרשיידענע לשונות — יידיש, פּויליש, דייטש און אויך אַ שוואַכן רוסיש. זיי האָבן געוואָרנט, אַז מען וועט זיך אָפּרעכענען מיט יעדן איינעם, וואָס וועט שטערן זייערע „געשעפטן".

— עס וועט אייך באַנג טאָן, געדענקט! — איז געווען זייער וואָרנונג.

צו טייבלען אין קראָם זיינען אַריינגעקומען צוויי הפקר־יונגען, שטאַרק ווי אייזן, מיט מעסערס אין די אויגן. איין קוק אויף זיי און סאַלטשע, וואָס איז געזעסן מיט טייבלען ביים אַרבעט־טיש, האָט אַריינגערופן ליפּען. גע־רעדט האָבן זיי אויף פּויליש.

— מיר האָבן געמיינט, אַז איר וועט קריגן פון אונדז אַ ליזונג. די מיידלעך קויפן גוטע היט און זיי דינגען זיך נישט. נאָר איר האָט זיך אַליין קאַליע געמאַכט. איר זייט ניט קיין געשעפטסלייט.

ליפּע איז געשטאַנען און געוואָלט עפּענען אַ מויל, נאָר איינער פון די יונגען האָט אים געגעבן אַ מעסט אָפּ און מיט שפּאָט געזאָגט אויף יידיש:

— ר' ייד, מיר'ן אייך רופן, ווען מיר וועלן מאַכן אַ ברית.

— רעג זיך נישט אויף, מיין מאַן, — האָט טייבל געענטפערט, — דו זעסט דאָך מיט וועמען דו האָסט צו טאָן.

— געדענקט, מיר וועלן זיך מיט אייך אָפּרעכענען, — האָט דער ערשטער געגעבן אַ מאַך מיט אַ פּויסט און ביידע זיינען אַרויס, אָפּן לאָזנדיק די טיר.

— אַז זיי זאָל נישט דערלעבן אַריבערצוגיין די גאַס, — האָט סאַלטשעס קול געלאַכט.

— וואָס איז דאָס געלעכטער, סאַלטשע? — האָט טייבל געוואָלט אויס־לאָזן דעם כעס צו איר.

3.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פאָרגעקומען אַ געשלעג אויפן טראָטואַר לעבן טייבלס קראָם. געשלאָגן האָבן זיך די „וואוילע יונגען" צווישן זיך.

— זיי קאָנען זיך נישט איינטיילן מיטן פאַרמעגן, — האָט ליפּע געזאָגט.

עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עס גייט אָן אַ קאָנקורענץ וועגן „געשעפט". די אַלפאַנסן מיט די גלאַנציקע דאַשיקעס, די מאַטשאַרניקעס, ווי מען האָט זיי גערופן אויפן גראַבן לשון, האָבן זיך איינע די אַנדערע געגעבן קלעפּ. מיט מעסערס זיך געשטאָכן. די פּאָליציי האָט זיך נישט אַריינגע־מישט. מען האָט דאָן קיין גאַראַדאָוואָי אויף קיין רפואה נישט געקאָנט אָנזען.

אין אַ טאָג אַרום זיינען, אין מיטן העלן טאָג, אַריינגעפאַלן שטיינער אין די שויפענצטער ביים פּאָליאַק און אין נאָך צוויי קראָמען. די שויבן זיינען צעבראָכן געוואָרן. מען האָט געזען ווי אַ פּאָר יונגען האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן טראַמוואַי און זיינען נעלם געוואָרן. ס'איז געקומען אַ פּאַניע, גע־מאַכט אַ פּראָטאָקאָל, גענומען לאַפּקע־געלט און זיך אָפּגעווישט די גראָבע וואָנסעס.

האָט ליפּע מורא געהאַט, אַז דאָס זעלבע וועט פּאַסירן מיט זיין שוי־פענצטער. האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט אין דרויסן היטן. ער איז געשטאַנען שעהן לאַנג און קיין זאַך האָט טאַקע נישט פּאַסירט.

נאָר איינמאָל, ווען דאָס גאַנצע הויזגעזינד איז זיך געזעסן אין שטוב און געטרונקען טיי מיט מילך, האָט דער סטרוזש פון הויז אַריינגעפירט אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט געהאַלטן אַ פּאַפּיר אין האַנט און דערקלערט, אַז ער איז געקומען צונעמען דעם אייגנטימער פון דער שטוב אין אוטשאַסטאָק. ער ווערט אָנגעקלאָגט אין פאַרלעצן דאָס געזעץ, וואָס זאָגט, אַז מען טאָר נישט אויסגיסן אַ פּאָמאַיניצע אין גאַס, אויפן טראָטואַר. פאַרן עובר זיין דאָס גע־זעץ קומט אַכט טעג זיצן. און אַזוי ווי עס זיינען דאָ באַווייזן, אַז דער אייגנטימער פון דער קראָם האָט דאָס געטאָן, דאַרף ער זיך אָנטאָן און מיטגיין מיט אים.

ס'האָבן נישט געהאָלפן ליפּעס און טייבלס און סאַלטשעס רייד, אַז ווי קאָן דער גאָספּאָדין גאָר גלויבן אַזאַ זאַך; ווען איז דאָס געשען? ווער האָט דאָס געזען? וואו זיינען די באַווייזן? אַ הויז מיט פינף קינדער; אַלע גייען

אין אָפּטריט; פֿאַראַן אַ דינסט, פֿאַראַן אַן אַרבעטער־מיידל . . . וואָס הייסט דער באַלעבאָס פֿון הויז וועט טאָן אַזאַ זאַך? ליפּע האָט זיך געשוואָרן, אַז לויטן יידישן זאַקאָן טאָר מען גאָר אַזאַ זאַך ניט טאָן און ער איז אַ פֿרומער ייד. דער פּאָליציסט האָט אַלץ אויסגעהערט און געענטפֿערט מיט איין וואָרט: „טו זיך אָן און קום און ריכט זיך צו זיין דאָרט אַכט טעג. דאָס איז דאָס געזעץ".

ליפּע האָט זיך אָנגעטאָן, געגעבן אַ קוש די מזוזה און ער איז נאָכגעגאַנ־גען דעם פּאָליציאַנט און טייבל — נאָך אים. די קינדער זיינען איינגעשטילט געוואָרן פֿון סאַלטשען.

די מאַמע איז באַלד צוריקגעקומען, געבראָכן זיך די הענט.

— מען דאַרף גלייך שיקן נאָכן אָנקל גוסטאַוו און נאָכן אָנקל מענדל, — האָט זי באַפֿוילן.

גוטשיא און מאַטעק האָבן זיך געלאָזט לויפֿן צו די פֿעטערס. מענדל איז געווען דער ערשטער צו קומען. ער איז געוואָרן אויסער זיך, נאָר אַן זיין ברודער גוסטאַוו האָט ער זיך נישט געקאָנט קיין ריר טאָן. און דאָ ווייסט מען נישט וואו דער אָנקל גוסטאַוו איז אַהינגעקומען. גוטשיא האָט אים אין הויז נישט געפֿונען. איבערגעלאָזט אַ צעטעלע פֿאַר אים. נאָר ער האָט זיך נישט געוויזן. דערווייל איז קיינער נישט געגאַנגען שלאָפֿן.

אָנגעטאָנענע האָט מען געדרעמלט אויף די שטולן, ביז דער אָנקל גוס־טאַוו איז אָנגעקומען אַ פֿאַרסאָפּעטער.

— נו, היינט איז שוין פֿאַרפֿאַלן. ער וועט שוין מוזן איבערנעכטיקן אין אוטשאַסטאָק, נאָר מאָרגן אין דער פֿרי, אַז מען וועט לעבן, וועט מען אים גלייך אַרויסנעמען. לאָזט דאָס צו מיר. איך וועל זיך זען מיט מיין אַד־וואָקאַט און עס וועט אַלץ זיין צו אונדזער גוט.

עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס האָבן די „קאָדעטן" זיך אָפּגערעכנט מיט ליפּען פֿאַר גיין אין דער דעלעגאַציע צום פּאָליציי־מייסטער.

גאַנץ פֿרי, ווען מען האָט נאָך געדאַרפֿט ברענגען דאָס נאָפּט־לעמפּל, זיינען שוין אַלע געווען אויף די פֿיס אין מאַטעקס שטוב. די מאַמע איז אַרומגע־געגאַנגען, דעם קאָפּ פֿאַרבונדן מיט אַ נאַסן האַנטוך. גוטשיא האָט געוואָלט גיין אין אוטשאַסטאָק מיט פֿרישטיק פֿאַרן טאַטן. מאַטעק האָט געוואָלט מיטגיין. סאַלטשע האָט געזאָגט, אַז זי וויל גיין, נאָר די מאַמע האָט געהייסן גוטשיאַן אויפֿוועקן דעם אָנקל גוסטאַוו און גיין מיט אים צום אַדוואָקאַט און אויסגע־פֿינען, ווען דער טאַטע וועט אַהיים קומען. זי האָט אויך געבעטן סאַלטשען איבערצונעמען די קראָם און אַליין האָט זי זיך געקליבן גיין צו די אַנדערע קרעמער און זיי דערציילן וואָס פֿאַראַ בלבול די אַלפֿאָנסן האָבן אויסגע־

טראַכט אויף איר ערלעכן מאַן. די סאַרנע־משפחה האָט געהאַט דעם בעסטן נאָמען צווישן אַלע שכנים און קיינער האָט זיך נישט געקאָנט גלויבן, אַז מען וועט אויף ליפּען קאָנען אויסטראַכטן אַזאַ בלבול.

די שעהן האָבן זיך געצויגן ווי פּעך. נישט גוטשיא, נישט גוסטאַוו זיינען געקומען. טייבל האָט קיין אַרבעט נישט געקאָנט טאָן. מאַטעק איז יענעם טאָג אין שקאָלע נישט געגאַנגען. אויך נישט די איבעריקע קינדער. אין הויז איז געווען תשעה באב. מאַטעק איז געשטאַנען אין דרויסן און געהאַלטן זיך די אויגן אין איין אויסקוקן, טאָמער וועט ער דער ערשטער דערזען דעם טאַטן.

מיטאָג־צייט איז גוטשיא צוריקגעקומען, שוואַרץ ווי די ערד. זי איז געווען אין אוטשאַסטאָק. זי האָט געזען דעם טאַטן. ער איז געשלאָפן אויפן שטיינערנעם דיל. ער איז פאַרחוערימט געוואָרן. ער האָט געכאַפּט אַ פּאָר קלעפּ אויך.

באַלד איז אָנגעקומען דער אָנקל גוסטאַוו. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט. עס איז געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה.

— מיין אַדוואָקאַט האָט באַוויזן נסים. זאָלסט עס לייזן יעדן טאָג, וויפל די געשיכטע האָט מיך אָפּגעקאָסט. ליפּע וועט זיין אין דער היים זעקס פאַרנאַכט. דאָס איז שוין באַשטימט. ער וואָלט טאַקע געדאַרפט „זיצן" די אַכט טעג. שפּילסט זיך מיט פּאַניען, שוועסטער? ביים יון ווילסטו זוכן גערעכטיקייט? מען דאַרף גומל בענטשן, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט.

און טאַקע, צו דער מינוט, אַרום זעקס פאַרנאַכט, האָט מאַטעק דער ערשטער דערזען דעם טאַטן אָנקומען. ער האָט אים טאַקע אין הויז אַריינגעפירט.

ליפּע איז געווען בייז, ווינציק וואָס גערעדט. געווען אויסגעהונגערט. געהייסן די קינדער אַרויסגיין און קיינעם נישט דערציילן קיין מעשיות.

אין אָוונט האָט מאַטעק געזען, ווי דער טאַטע איז געזעסן איבער אַ ספר און זיך געשאָקלט ערנסט. זיין ברומען האָט דאָס מאָל געקלונגען ווי אַ שטיל געוויין.

קאַפּיטל נײַנצן

מאָטעקס ערשטע פאַרדינסטן

.1

ס'איז פאַר ליפּען און טײַבלען קלאָר געוואָרן, אַז מען קאָן „דאָס שמוץ" נישט אויסראַמען פון דער דזשעלנע גאַס. „דאָס שמוץ" איז געווען דער באָרדעל, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין זייער הויז. די „הײַזלעך" האָבן זיך געהאַט פאַרשפּרייט אין אַלע טיילן פון לאָדזש, איבערהויפּט אין געגנטן, וואו עס זײַנען געווען דאַמף־פאַבריקן. און וואו איז אין לאָדזש נישט געווען קיין פאַבריק?

געזאָגט האָט מען, אַז דאָס איז געווען איינער פון די מיטלען, וואָס די פאַבריקאַנטן, צוזאַמען מיט דער נאַטשאַלסטוואָ האָבן אָנגענומען אַוועקצוציען די אַרבעטער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די מאַנאַפּאָלן און די באָרדלען — ביידע זײַנען געווען „כשר". ביידע האָבן זיך געפונען לעבן פאַבריקן. ווען אַן אַרבעטער נעמט זיך צום פלעשל, האָט שוין די „פּאַרטיי" איבער אים קיין שליטה נית; ווען אַן אַרבעטער גייט נאָך דער אַרבעט צו אַ נקבה, פאַרשפּאָרט ער גיין אויף דער בערזע . . . אַזוי האָבן „קלוגע קעפּ" אויסגעקלערט . . .

טײַבל האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך אַרויסקלייבן פון דער דזשעלנע. ס'איז אַ געפאַר צו וואוינען דאָרט, מיט פינף קינדער. אין אָוונט האָט זי קיינעם פון הויז נישט אַרויסגעלאָזט. דער טראָטואַר איז געווען פול מיט „די אויסוואורפן", ווי טײַבל האָט גערופן די גאַסן־מיידלעך. מען האָט זיי לייכט געקאָנט דערקענען, צוליב זייערע רעשדיקע קליידער און די אָנגעפּוצטע היט מיט די גרויסע שטרויס־פעדערן און פלושענע רויטע בענדער.

דאָס „הײַזל" אין דער קראָם איז געווען אַזאַ גוט „געשעפט", אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דער הויז־אייגנטימער אַרויסגעוואָרפן אַן אָרעמע יידישע משפחה, וואָס האָט נישט געקאָנט צאָלן קיין דירה־געלט און פאַרדונגען די וואוינונג צו אַן אַנדער יידישער פאַמיליע: אַ געפּאַקט יידל אין אַ קורטקע, מיט אַ בערדל ווי אַ בערשטל און זיין פרוי, וואָס האָט זיך נית געוויזן פאַר

די אויגן. זי האָט גערעדט פּויליש און זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט איר קליין ייִנגעלע פון הויז. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע פאַמיליע האָט געהאַלטן ביי זיך אַ „הייזל". זי האָט נישט געהאַט אַזוי פיל מיידלעך ווי אונטן, אין דער קראָם, נאָר צו איר איז מען געקומען אויף „באַשטעלונג".

באַלד זיינען אויסגעבראָכן געשלעגן צווישן די באַלעבאַטים פון די ביידע „הייזלעך". דאָס הייסט, אַז די באַלעבאַטים אַליין האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די שלאַכטן, נאָר זייערע מענטשן האָבן דאָס געטאָן. מען האָט נישט געוואוסט ווער עס איז געווען דער אייגנטימער פון דער קראָם. דאָס פּלאַץ איז שטענדיק באַשיצט געוואָרן פון „די גלאַנציקע דזשיקעס מיט די פּאַ־לירטע כאַליאַוועס". נאָר אויך דער „פאַמיליע־מאַן" האָט זיך געהאַט זיינע „שטאַרקע" און אַליין זיך נישט געמישט אין די געשלעגן. די פּאָליציי האָט זיך קיינמאָל נישט אַריינגעמישט. מען האָט געוואוסט, אַז מען האָט אונ־טערגעשלאָגן „עטלעכע זייטן"; מען האָט זיך דערלאַנגט מיט מעסערס. מען האָט די פאַרוואונדעטע אָפּגעפירט אין דראָזשקעס און ס'איז ווייטער געוואָרן שאַ־שטיל . . . ביז מען האָט זיך איינגעטיילט מיט דער ירושה. טאָמער האָט אויסגעפעלט לייזונג פאַר דער „פאַמיליע", האָבן אירע מיידלעך נישט געטאָרט שפּאַצירן אויף דער דזשעלנע גאַס, נאָר אין די הינטער־גאַסן. די דזשעלנע האָט „באַלאַנגט" צו דער קראָם . . .

ביינאַכט פלעגט מאָטעק הערן, ווי סאַלטשע און גוטשיא האָבן זיך אָפּט געשושקעט וועגן די „מיידשענס". מאָטעק איז געווען שטאַרק נייגעריק צו פאַרשטיין די גאַנצע זאַך, נאָר אפילו לייבטשעס דערקלערונגען האָבן אים בלויז מער צעטומלט.

פון חומש האָט מאָטעק געוואוסט, אַז די זונה איז אַן אויסגעלאַסענע פרוי. נאָר וואָס ס'מיינט אויסגעלאַסן האָט ער נישט געקאָנט משיג זיין. די מעשיות וועגן רחב הזונה און אַנדערע פרויען, וואָס איז געשטאַנען אין חומש, זיי האָבן מאָטעקן ווינציק־וואָס געהאַט פאַראינטערעסירט. אַ סך זאַכן האָט ער נישט פאַרשטאַנען פון חומש. די מיידלעך וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן טראָטואַר לעבן זייער קראָם זיינען פאַר מאָטעקן געווען אינגאַנצן נישט ענלעך צו די באַשרייבונגען פון חומש.

אין זאַך האָט ער געוואוסט, מאָטעק, אַז די פרעמדע, די הורן, וואָס גייען אין אָפּטריט, דאַרף מען פיינט האָבן און אויסמיידן ווי אַ שלאַנג. אויף לייבטשעס באַפעל האָבן זיך אַלע ייִנגלעך פון הויף געגעבן אַ וואָרט צו וואַרפן שטיינדלעך אויף די נקבות. מען האָט זיך איינגעטיילט אין ערטער, מען האָט אַרויפגעקלעטערט אויף די פּלויטן און פון דאָרט געוואָרט ביז אַ מיידל האָט זיך באַוויזן. זיי זיינען געגאַנגען אין אָפּטריט, אָנגעטאָן אין לאַנגע

פאַטשיילעס, אין וואַלגנע אָדער גאָר אין זיידענע. זיי האָבן זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט. אויף לייבטשעס אַ פּייף האָבן די יינגלעך אָנגעהויבן וואַרפן שטיינדלעך און פלעקלעך אויף זיי. די מיידלעך זיינען שוין פון דאַן אָן נישט געגאַנגען איינציקערווייז, נאָר אין פּאָרן, אָדער אין דרייען. נאָר דאָס האָט זיי אויך נישט געהאָלפן. זיי זיינען שוין געלאָפן, נישט געגאַנגען. ווען אַ מיידל האָט געכאַפּט אַ שטיינדל אין פּלייצע, איז געוואָרן אַ „הוראַ“ ביי די יינגלעך.

ביז לייבטשע אַליין האָט געהייסן אויפהערן באַלעסטיקן די נקבות. דאָס איז געווען דאַן, ווען די יינגלעך אויף די פּלויטן מיט דעם „געוועער“ אין די הענט האָבן איינמאָל דערזען „נאָוואָבראַנצעס“, נייע מיידלעך. ביז יענער צייט זיינען די מיידלעך געווען הויכע, שמאָל־פּלייציקע, מיט לאַנגע פּנימער. מיטאַמאָל האָבן זיך אין הויף באַוויזן קלייניקע מיידעלעך, מיט רונדיקע פּנימער, מיט רויטע גלאַנציקע בעקעלעך, אַזעלכע פולינקע און געזונטע, מיט דיקע צעפּ אַרומגעוויקלט איבער די קעפּ. זיי האָבן אויסגעקוקט ווי שילערינס פון גימנאַזיע, אָדער ווי די שוועסטער פון די יינגלעך, וואָס האָבן זיך געקליבן וואַרפן שטיינער אויף זיי.

לייבטשע, ווען ער האָט זיי דערזען, האָט געגעבן אַ סיגנאַל: נישט טשעפּען. און מאַטעק, וואָס איז גראָד דאַן געווען אויפן פּלויט, איז געווען זייער צופרידן דערפון. די מיידלעך האָבן אַרויסגערופן אַ רחמנות צו זיך. זיי האָבן געשמייכלט צו די יינגלעך. זייערע אויגן זיינען געווען אַזוי ריין, ווי פריש־אויסגעוואַשן. זיי האָבן אינגאַנצן אויסגעקוקט ווי נאָר וואָס־אויס־געצוואָגענע.

— אַ נייער טראַנספּאָרט, — האָט לייבטשע געפּרואווט דערקלערן מאַ־טעקן. עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז די נייע מיידלעך זיינען אַראָפּ־געבראַכט געוואָרן פון „טיף־ראַסיי“. זיי זיינען געווען אין עלטער פון פופצן־זעכצן יאָר. פון די דערפער זיי געבראַכט, האָט סאַלטשע געזאָגט צו גוטשיאַן. זיי רעדן כאַכליש. זיי פאַרשטייען ניט קיין וואָרט פּויליש אָדער דייטש.

— נעבעך, יונגע קינדער. דער הונגער האָט זיי געטריבן, די נויט האָט זיי פאַרפירט, — האָט מאַטעק געהערט, ווי די מאַמע האָט גערעדט צום טאַטן.

.2

אײנמאָל האָט מאַטעק אַרויסגעטראָגן אַ קערבעלע מיט שמאַטעס צום מיסט־קאַסטן. דאָס האָט ער געטאָן גאַנץ אָפּט. זינט ער איז געווען אין „גלות“, האָט מען אים איבערגעגעבן צו טאָן אַרבעט, וואָס ער וואָלט ניט געדאַרפט טאָן, ווען ער וואָלט געטראָגן אַ יידיש רעקל. אין קערבעלע איז

געלעגן דער אַפּפּאַל פון דער קראָם — שטיקלעך פּילץ, סאַמעט בענדלעך, גאַרן, שטיקלעך שטרוי פון די היט. גראָד איז דאָן איינע פון די רוסישע מיידלעך געגאַנגען אין אַפּטרים, וואָס האָט זיך געפונען לעבן מיסט־קאַסטן. זי האָט באַמערקט ווי מאַטעק האָט אויסגעליידיקט זיין קערבל, פון וועלכן עס זיינען אַרויסגעפאַלן פּיל־קאָלירטע שמאַכטעס.

— פאַרוואָס וואַרפסטו זיי אַרויס, מאַלטשיק? — האָט דאָס מיידל געפרעגט מיט אַ געבעט.

— מיר דאַרפן זיי ניט. מיין מאַמע איז אַ הוטן־פּוצערקע, — האָט מאַטעק געענטפערט.

— לאָז מיך אויסקלייבן אַ פּאָר, יאָ? — האָט דאָס מיידל מיט אַ שמייכל זיך געבעטן ביי מאַטעקן. זי איז צוגעקומען גאָר נאָענט צו אים, געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער איר אַ קלאַפּ טאָן.

— ווייסט מיך נישט שלאָגן? דו ווייסט: אָנשטאָט צו וואַרפן זיי אין מיסט־קאַסטן, וועל איך דיך בעטן זיי באַהאַלטן פאַר מיר און מיינע פריינדינס און מיר וועלן דיר באַצאָלן פאַר זיי, יאָ?

מאַטעק האָט געקוקט אויף איר און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער איז געווען געפּלעפּט.

רחב הזונה . . . אַן אויסגעלאָסענע . . . אַ נקבה . . . אַ קורווע . . . אַ הור . . . אַלע אויסדרוקן פון פיינטשאַפט צו דעם סאָרט מיידל זיינען אים אַצינד אַרויפגעקומען אויף דער צונג. ער האָט זי גוט באַטראַכט. אַזעלכע מיידלעך ווי זי האָט ער געדענקט פון דעם „גרינעם מאַרק״ אין שטעטל. זיי פלעגן זיצן אויף די פורן און בריטשקעס און זיי זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט פרייד און געלעכטער, ווי עס וואָלט זיי וועד כסדר געקיצלט. מאַטעקן זיינען זיי שטענדיק געפעלן געוואָרן, דערפאַר וואָס זייער פריילעכקייט און געזונטקייט זיינען געווען אַזוי אַנדערש ווי די פאַרזאָרגטע פּנימער און זויערע מינעס פון זיינע טאַנטעס און יידישע מיידלעך פון דער דלוגע גאַס. ער האָט געבענקט נאָך אָט די פרישע, זוניקע פּנימער און דאָס, מער ווי אַלץ, האָט אים געצויגן נישט דורכצולאָזן קיין מאַרק־טאָג אויפן „גרינעם מאַרק״.

דאָס מיידל דאָרט ביים מיסטקאַסטן האָט אים דערמאָנט אין יענער צייט אין שטעטל. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז איינע פון די וואָס היט איר מאַמעס פורל מיט די דאָרפישע גרינצייג און מילכוואַרג.

— דו רעדסט רוסיש? דו גייסט דאָך אין גימנאַזיע, מאַלטשיק? — האָט די מיידל ווידער געפרעגט.

— יאָ, איך גיי אין פּראָ־גימנאַזיע. איך לייען רוסישע סקאַזקעס, —

האָט מאַטעק זיך מיטאַמאָל געוואָלט אויספּיינען פאַר איר, ווי זי וואָלט געווען אַ באַקאַנטע זיינע.

— נו, וועט דיר דאָס געלט צוגוץ־קומען צו קויפן ביכלעך. נישט אַזוי? באַהאַלט פאַר מיר, איך בעט דיך, גרינגע סטענגעס. איך האָב זייער האָלט גרינ. ס'קאָן זיין אַן אַנדער קאָליר אויך, אַבי ריין. איך וויל נישט אַרויס־נעמען פון מיסט. איך שעם זיך פאַר דיר . . . מיין נאָמען איז מאַשקאַ. איך קום פון דער אוקראַינע. וועסט מיר ברענגען סטענגעס, יאָ? ווי הייסטו? ווילסטו מיר זאָגן דיין נאָמען? איך האָב דאָ קיינעם נישט. מיין מאַמע גע־שטאָרבן. דער טאַטע זויפט. אַ סך קינדער אין הויז. וויפל קינדער ביי איך, פינף? ביי אונדז אַכט. ווי אַלט ביסטו, צוועלף? איך בין פופצן, נאָר־וואָס געוואָרן, מיט אַ וואָך צוריק.

זיי האָבן דערהערט טריט. דאָס מיידל איז אַריין אין אַפּטריט. מאַטעק איז געווען צעטומלט. עס איז אָנגעקומען נאָך איינע, פון די עלטערע. זי האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף מאַטעקן. ער איז אַריינגעלאָפן אין שטוב מיטן קערבל.

— פאַרוואָס האָט מען פיינט די מיידלעך? איך וועל אויף זיי מער קיין שטיינער נישט וואַרפן, — האָט געטענהט צו זיך אַליין מאַטעק.

מאַשקאַ איז אים נישט אַרויס פון קאָפּ. ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן וועגן איר. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט לאַכן פון אים, ווען ער וועט זאָגן, אַז די מאַשקאַ איז אַ וואויל מיידל. זי איז נישט קיין אויסגעלאַסענע. זי איז אַ דאָרפישע מויד. מאַטעק האָט געהאַט אַ סך פראַ־געס צו פרעגן וועגן אַט־די מיידלעך פון קראָם און פון צווייטן שטאָק. נאָר ער האָט נישט געוואוסט וועמען צו פרעגן. און וועגן די בענדלעך פאַר מאַשקאַן האָט ער אויך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. עס איז אים איינגע־פאַלן, אַז דאָס וועט זיין גאָר אַ גוטער פּלאַן. ער האָט שוין געהאַט גענומען זיך צום לייענען רוסישע ביכלעך. איינמאָל אַ וואָך האָט ער געקאָנט אַרויס־נעמען אַ ביכל פון דער שאַפע אין פראָ־גימנאַזיע. נאָר הער שאַקין האָט אים ניט געלאָזט אַרויסנעמען די מערסטע ביכער. „ס'איז ניט פאַר דיר", האָט ער אים געזאָגט. מאַטעק האָט אָבער געזען ווי די אַנדערע שילער האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט גראַשנדיקע ביכלעך, אַן טעוועלעך, וואָס זיי האָבן גע־קויפט אין די קראָמען, וואו מען האָט פאַרקויפט קאַיעטן (העפטן). די קינדער זיינען געווען פאַרקאַכט אין די פּינקערטאָן מעשיות און אין מעשיות פון קאַנאַן דאָיל. עס איז אָנגעגאַנגען אַן אויסטויש פון ביכלעך צווישן די שילער. מאַטעק האָט אָבער ניט געהאַט קיין געלט זיי צו קויפן. און בעטן ביים אָנקל גוסטאַוו געלט פאַר די ביכלעך האָט ער ניט געוואַגט. דער אָנקל האָט

דאָך געזאָגט: בלויז פאַר לערן־ביכער און העפטן. מער נישט.

דאָס וואָס מאַשקאַ האָט אים פאַרגעשלאָגן איז דאָך געווען אַ גאַנץ גלייכע זאַך, האָט מאַטעק באַשלאָסן. נאָר וואָס וועט זיין ווען מען וועט זיך דערוויסן, אַז ער האָט צו טאָן מיט רחב הזונה? ווינציק צרות האָט ער דען ביז איצט? מען באַשולדיקט אים, אַז ער איז ניט פרום. דער טאַטע לאָזט אים נישט זיצן ביים טיש מיט אַ רוסיש ביכל, אַלע שלעק און קרענק וואַרפט מען אים פאַר. מער פעלט אים נישט, אַז מען זאָל אים נאָך זען רעדן מיט אַ נקבה. די מאַמע וועט זיך ס'לעבן נעמען.

מאַטעק האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט סאָלטשען דערוועגן. סאָלטשע איז געווען די איינציקע וואָס האָט אים פאַרשטאַנען.

איינמאָל האָט ער סאָלטשען געטראָפן אַליין אין קראָם. די מאַמע האָט זיך געהאַט צוגעלייגט. דער טאַטע איז געווען אין דער חברה. גוטשיא איז געווען אַוועקגעפאָרן אויפן באַלוט איינקויפן מציאות.

— סאָלטשע, וועסט באַהאַלטן פאַר מיר שיינע בענדלעך, וואָס דו וואַרפסט אַוועק?

— מאַטעקוש, פע! וואָס ביסטו פון זיבען אַרונטער? בענדלעך — פאַר אַ בחור?

און אַ פאַרשעמטער האָט איר מאַטעק דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש לעבן מיסט־קאַסטן מיט איינער פון יענע מיידלעך.

סאָלטשע האָט אים אָפּגעמאָסטן און באַגריפן, אַז מאַטעק שעמט זיך. זי האָט אים צוגערופן, צוגעדריקט צו זיך, אַ גלעט געטאָן איבערן פנים און געזאָגט:

— מאַטעק, איך בין צופרידן, וואָס דו האָסט דאָס מיידל ניט פאַר־שעמט. ס'איז ניט איר שולד, וואָס זי איז אַ געשטראָפטע.

— פאַרוואָס איז זי אַ געשטראָפטע? פאַרוואָס האָט זי געמוזט פאַר־לאָזן איר היים, סאָלטשע?

סאָלטשע האָט זיך פאַררויטלט. זי האָט געוואוסט אַז מאַטעק פאַרשטייט נאָך ניט און זי האָט אים געוואָלט דערקלערן, באַגרייפנדיק, אַז ער האָט ניט ביי וועמען אויסצוגעפינען. גיי דערקלער מאַטעקן וואָס אַ פרוי איז און וואָס עס מיינט אַז זי פאַרקויפט איר לייב!

— מאַטעק, ווען דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין, אַז די בי־טערע נויט האָט די מיידלעך געצוואונגען צו פאַרקויפן, צו פאַרקויפן... נו, זייערע לייבער. זייערע קערפערס... טייערער מאַטעק, עס איז שווער דאָס דיר צו דערקלערן. איך ווייס נישט ווי אַזוי... פאַרשטייסט, מענער האָבן ליב שיינע, יונגע פרויען. יונגע מיידלעך... עס איז איין זאַך ווען אַ

יונגערמאַן קלייבט זיך אויס אַ כלה און האָט מיט איר חתונה און האָט קינדער מיט איר. מיט אָט־די מיידלעך איז עס אַנדערש. זיי פאַרקויפן זיך צו יעדן מאַן וואָס קומט אַריין. זיי האָבן די מענער ניט ליב און די מענער האָבן זיי ניט ליב . . . זיי פאַרברענגען מיט זיי אַ האַלבע שעה צייט און עס קומט אַ פרישער קונה און דאָס אומגליקלעך מיידל ליגט שוין מיט אים אין בעט. ער באַצאָלט און גייט זיך אַוועק און דאָס מיידל גייט אַרויס אויפן טראָטואַר זוכן נייע קונים און די אַלפאָנסן, די קאַדעטן, זיי נעמען צו דאָס גאַנצע געלט און די מיידלעך האַלטן זיי ווי שקלאַפן. דערפאַר האָבן זיי געבראַכט מיידלעך פון די רוסישע דערפער, וואָס זיינען נאָך קינדער און פאַרשטייען גאָרניט. נאָר ווייל זיי האָבן נישט געהאַט גענוג צו עסן אין דער היים, האָט מען זיי פאַרנאַרט אַהער. נישט אויס נחת פאַרקויפט אַ מיידל איר לייב, נאָר זי מוז שוין זיין דאָס אומגליקלעכסטע פון דעם אומגליקלעכן . . . אונדזער פאַרטיי קעמפט קעגן פראָסטיטוציע. מיר ווייזן אָן, אַז דאָס איז דער רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. פאַרשטייסט וואָס איך מיין? אונטער סאָציאַליזם וועט קיין פראָסטיטוציע נישט זיין. די פרוי וועט געהאַלטן ווערן הויך. מען וועט אַלעמען לערנען, אויפקלערן. זעסט, איך אַליין ווייס נישט ווי אַזוי דיר דאָס צו דערקלערן. איך האָב אַליין אויסגעפונען וועגן דעם פון אַנדערע חברטעס. מען שעמט זיך צו רעדן, דערפאַר וואָס מען ווייסט נישט. ווען דיין מאַמע הערט ווי איך רעד צו דיר וועגן דעם, וואָלט זי מיך פון הויז אַרויסגעוואָרפן. נאָר מיר רעדן דאָך ווי וועגן אונדזערע אייגענע שוועסטער. ווער ווייסט, צי דאָס קאָן נישט מאָרגן, חלילה, פאַסירן מיט אַן אייגענער שוועסטער? טוסט גוט, מאַטעק, וואָס דו פאַרשעמסט נישט די מיידלעך, נאָר היט זיך אויס אַז קיינער זאָל נישט זען ווי די רעדסט צו זיי. ווילסט זיי געבן אָדער פאַרקויפן סטענגעס? איך וועל זיי באַהאַלטן פאַר דיר. איך ווייס, ווילסט קויפן ביכלעך. אַ לעבן אויף דיין קאָפּ, סאָראַ זיס קינד דו ביסט! עס גייט מיר אויס דאָס חיות ווען איך זע ווי מען באַהאַנדלט דיך איצט, בלויז דערפאַר וואָס דיינע עלטערן זיינען פאַנאַטיש.

ניט אַלץ וואָס סאַלטשע האָט אים געזאָגט האָט ער פאַרשטאַנען, נאָר יעדעס וואָרט אירס האָט ער געשלונגען און זיך באַלעקט מיט דעם, ווען ער איז געווען מיט זיך אַליין. די ווערטער אירע האָבן פאַר אים געהאַט אַ באַזונדערן רייץ. זייער טעם איז געווען אַ דערקוויקנדיקער. ער וועט דאַרפן אויסגעפינען פון לייבטשען וואָס עס מיינט, אַז זיי פאַרקויפן זייער לייב. וואָס טוען די מענער מיט זייער לייב. און וואָס וועט זיין אונטער סאָציאַליזם? און וואָס מיינט פראָסטיטוציע און פאַרוואָס ווילן זיי פאַרקויפן זייער לייב און וואָס מיינט אַן אַלפאָנס. וואָס האָט ער צו טאָן מיט די מיידלעך?

און פאַרוואָס זיינען די מיידלעך אומגליקלעך . . .

לייבטשע האָט מאָטעקן אַלץ דערקלערט אויף איין פוס. אים דערציילט ווי אַזוי ער האָט שוין אַליין „פאַרזוכט דעם טעם פון אַ מיידל" און עס האָט אים קיין דייטשער פעניג נישט געקאָסט . . .

פון לייבטשעס דערקלערונג און פון זיין באַרימעריי איז מאָטעקן גע־וואָרן ניט גוט. ער האָט גלייך אַ טראַכט געטאָן וועגן זיינע שוועסטער און וועגן זיינע טאַנטעס. איבערהויפּט איז אים געקומען אויפן זינען זיין שיינע טאַנטע העלטשאַ, וואָס האָט אים „אויפגעגעסן אַ לעבעדיקן", אַזוי שטאַרק האָט זי ליב געהאַט קינדער, נאָר אַליין, זאָגט מען אין הויז, קאָן זי קיין קינדער נישט האָבן.

3.

מאָטעק האָט אָנגעשטאָפּט זיינע קעשענעס מיט שמאַכטעס, מיט בענדלעך, מיט שטיקלעך פלוש און זיידנס, מיט קרעלן. ער האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף די טרעפּ וואָס האָבן פון הויז געפירט אין הויף אַראָפּ. ער האָט געוואוסט, אַז די מיידלעך מוזן דורכגיין דעם וועג. ער האָט געוואַרט אויף מאַשקאַן. דערווייל איז ער געזעסן מיט זיין רוסישן אוראָק. עס האָט אים אָפּגעגליקט. מאַשקאַ און נאָך אַ מיידל האָבן זיך באַוויזן. מאָטעק האָט זיך אויפגעשטעלט און מאַשקאַן געהייסן צוריק אַריינגיין אין קאָרידאָר פון הויז, כדי מען זאָל אים נישט זען מיט איר. דאָרט, אין דער האַלב פינצטערניש, האָט ער נערוועז אַרויסגעשלעפּט פון די קעשענעס זיין סחורה און איר אַריינ־געוואָרפן אין די הענט. זי און דאָס אַנדערע מיידל זיינען געווען אויסער זיך פון פרייד פון די שמאַכטעס. מאַשקאַ האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּירענעם קערבל און דערלאַנגט מאָטעקן. אויך דאָס אַנדערע מיידל האָט אַרויסגענומען פון איר בייטעלע אַ האַלבן רובל און געגעבן מאַשקאַן, אַז זי זאָל זאָגן מאָ־טעקן אַז דאָס איז פון איר. מאָטעק האָט אינגאַנצן געציטערט פון שרעק און אויפרעגונג. דערפילנדיק דאָס געלט אין זיינע הענט האָט ער עס אַריינ־געלייגט אין דער טיפסטער הויזן־קעשענע און נישט רעדנדיק קיין וואָרט איז ער אַרויסגעלאָפן דורך דער פאָדערשטער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער גאַס. די מיידלעך האָבן געלאַכט.

און אַזוי האָט מאָטעק יעדן דאָנערשטיק געהאַט סחורה פאַר מאַשקאַן. זי האָט שוין געוואוסט, ווען צו וואַרטן אויף אים.

— מאָטינאַק, בראַטאַק, איך וועל ביי דיר קויפן מער. ברענגסט נישט גענוג. די מיידלעך רייסן דאָס פון די הענט מיינע.

און יעדעס מאָל ווען מאַשקאַ האָט געוואַרט מיטן רובל און אַ האַלב, האָט

זי פֿאַר מאַטעקן אויך געהאַט אַ שאַכטעלע מיט גוטע זאַכן, לאַקאַמסטוואַ, זויערע צוקערקעס, שאָקאָלאַד, קאַרמעלן, און אַמאָל אַ טשאַסטקע. מאַטעק האָט זיך מיט די גוטע זאַכן געטיילט מיט לאַטשיאַן און מלכהן, נאָר דאָס בעסטע האָט ער שטענדיק אָװעקגעגעבן סאַלטשען.

— פֿונוואַנען האָט דער יונג אַזוי פֿיל ביכלעך? — האָט געפֿרעגט גוטשיאַ. זי האָט אַלץ געוואוסט, נאָר פֿון מאַטעקס פֿאַרדינסטן האָט זי ניט געהאַט קיין אַנונג. קיין סוד האָט דאָס אָבער לאַנג נישט געקאָנט בלייבן. גוטשיא האָט זיך דערוואוסט און זי האָט געוואָלט מאַכן דאָס גרויסע געוואַלד, האָט זיך אָבער אַריינגעמישט סאַלטשע און מיט איר איינגעטענהט, אַז די עלטערן טאָרן נישט וויסן. אַניט וועט די מאַמע זיך ס'לעבן נעמען. האָט גוטשיא צו־געשטימט צו שווייגן מיטן תנאי, אַז מאַטעק זאָל איר געבן אַ פּאָר קאָפּיקעס יעדע וואָך.

פֿון דאַן אָן זיינען די באַציאונגען צווישן מאַטעקן און דער עלטסטער שוועסטער געוואָרן פֿריינטלעכע און מאַטעק האָט זי אַריינגענומען אין כּלל, ווען ער האָט אויסגעטיילט די באַשערייען.

דערפֿאַר האָט גוטשיא אים מער ניט פֿאַרפֿאָלגט וועגן זיינע ביכער. ער האָט אונטער איר בעט געהאַלטן אַ קעסטעלע מיט זיינע זאַכן און זי האָט זיך אַליין שנעל צוגעכאַפּט צו אַ דייטש לערן־ביכל פֿון זיין שקאָלע.

מער האָט מאַטעק נישט געדאַרפֿט לויפֿן צום אָנקל גוסטאַוו נאָך אַ פּאָר קאָפּיקעס פֿאַר אַ בליישטיפֿט, צי פֿאַר אַ העפֿט. ער האָט שוין געהאַט אַן אייגענע קאַסע. נאָר אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, אַז גנבים וועלן דאָס ביי אים פֿון די קעשענעס אַרויסנעמען, האָט ער דאָס געגעבן צו באַהאַלטן סאַלטשען. גוטשיא האָט זיך דערפֿון דערוואוסט און זי האָט זיך געבעטן, אַז ער זאָל איר געבן דאָס צו האַלטן.

— איך שווער דיר, ביי וואָס מיר הייליק איז, אַז איך וועל קיין גראָשן ניט אָנרירן. מעגסט דיין עלטסטע שוועסטער אָנגעטרויען, — האָט זי זיך געבעטן.

מאַטעק האָט געטראַכט, געטראַכט, שיעור זיך געלאָזט איבעררעדן, נאָר ער האָט געפּסקנט, אַז סאַלטשע איז אים געטרייער ווי זיין אייגענע שוועסטער.

קאַפּיטל צוואַנציק

די מומעס מיט די פעטערס

.1

עס איז נישט אַדורך אַ טאָג אָן געדרודער, אָן רעש. נישט בלויז זיינען די געשעענישן פון דרויסן געווען שטורמישע, נאָר אויך אינווייניק, אין לעבן פון דער משפחה, זיינען פאָרגעקומען איבערקערענישן. אָפּט, און מערסטנס, האָבן די פאַמיליע אָנגעלעגנהייטן איבערגעוואויגן די נייעסן פון דער גאַס און פון דער שטאָט. נאָר נישט ביי מאָטעקן. אַ פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע, אַ פּאָליטישער סטרייק, איז ביי אים געווען אַ גרעסערע געשעעניש, ווי די מעשה וועגן אַ פעטער אָדער אַ מומען, וואָס האָט צעטרייסלט די שטוב. דאָך זיינען געווען אויסנאַם־פאַלן, ווען אפילו מאָטעק און סאלטשע האָבן זיך שטאַרק צום האַרצן גענומען פון אַ שטוביקן ענין.

אַזאַ פּאַסירונג האָט, ווי אַ באָמבע, געטראָפן מאָטעקס הויז. די שענסטע טאַנטע לאה, דער מאַמעס רייכסטע שוועסטער, וועמעס מאַן ניסן, האָט גע־האַט אַ סך קאָמעניצעס אין לאָדזש, האָט זיך געגאַרט אין איר חשבון. זי האָט געוואָלט האָבן אַזוי פיל קינדער, ווי איר מאַמע, פלעגט זי, אַ לאַכעדיקע, אַ זיכערע זאָגן. אירע קינדער וועלן לעבן. פּראָגרעס איז נישט קיין קליי־ניקייט . . . פּראָפעסאָרן פון ווין . . . גרויסע ערצטע (דאָקטוירים) פון וואַרשע . . . פפלעגע . . . קעפיר . . . זויבערקייט — דאָס זיינען געווען לאהס ווערטער, וואָס זיינען פון איר מויל אַרויסגעקומען מיט אַ מין אָנגעהויכטער צאַרטקייט. איר אומגעהויערע ליבע פאַר די קינדער איז געווען אַ שם־דבר. איר טרוים איז דאָך געווען מאָטעק. אָט אַזעלכע האָר ווי ער, זאָל איר קינד האָבן, אַזעלכע אויערלעך ווי ביי מאָטעקן, — געשניצטע, שיינע; און מאָטעקס עפּל־בעקעלעך; און זיינע אויסגעוואַשענע, בלוי־גרויע אויגן . . .

האָט זיך אָבער די טאַנטע לאה מער נישט באַוויזן אין מאָטעקס הויז. מען האָט זיך געשושקעט, אַז זי וועט נעבעך האָבן אַ שווער טראָגן. דאָק־טוירים האָבן געהייסן ליגן אין בעט, גאַנצע וואָכן ליגן אין בעט, וועט זי עס אויסטראָגן, מיטן אויבערשטנס הילף. נאָר ס'איז אַ שוואַרצע קאַץ דורכ־

געלאָפן. לאה האָט מפיל געווען. מען האָט זיך די באַקן געקנייפּט, די פינגער געבראָכן. אַזוינס זאָל טרעפן אַזאַ אָסאָבע, אַזאַ ליכטיק פּנים, אַזאַ דעמב, ווי לאה! די גוטסקייט אַליין, וואָס איז געווען אַזוי אָפּגעהיט און אונטערן אויפזיכט פון דייטשן פּראָפעסאָר . . .

איז נאָכדעם פאַרגעקומען אַ קאָנסיליום פון פּראָפעסאָרן. מען האָט זיי אָפּגעשאָטן מיט גאָלד. האָבן צוויי פּראָפעסאָרן, ביידע דייטשן, געזאָגט, אַז, ניין — לאה טאָר מער נישט פאַרשוואַנגערן, ווייל זי וועט איר לעבן איינשטעלן. דאָס איז זייער איינשטימיקע מיינונג און עצה. דער דריטער פּראָפעסאָר, אַן אַלטער פּאָליאַק, האָט געזאָגט, אַז זי וועט האָבן אַ שווער טראָגן, נאָר איינשטעלן זאָל זי. אין זיין פּראַקטיק האָט ער געהאַט נאָך ערגערע פאַלן און זיי האָבן געהאַט אַ סך קינדער און אַלץ איז געווען אין בעסטער אָרדענונג.

איז לאה געפאָרן מיט ניסנען נאָך ווין. זיינען זיי צוריקגעקומען פון דאָרט מיט שווערע הערצער. איז טייבל אין אָוונט געלאָפן צו דער שוועסטער און אַהיים געקומען מיט רויטע אויגן. נאָר לאה איז געווען איינגעשפּאַרט און געזאָגט: „גאָט האָט באַשאַפן די פרוי צו האָבן קינדער, ס'איז זיין רצון און ווער זיינען מיר און אפילו די ווינער פּראָפעסאָרן, צו זאָגן ניין . . . זי וועט קיינעם אין דער וועלט נישט האָרכן, זי וועט ווידער פּרובירן און זי וועט נישט פאַרשעמען דעם קאַלינסקי־שטאַם.

איז לאה ווידער פאַרגאַנגען אין טראָגן און יעדן טאָג זיינען „געפלויגן דעפּעשן" וועגן איר צושטאַנד. טייבלס קאָפּ איז געלעגן ביי לאהן. וועגן לאהן האָט מען גערעדט יעדן טאָג. די באָמבע וואָס מען האָט געוואָרפן אויפן גובערנאַטאָר איז נישט געווען אַזאַ וויכטיקע נייעס, ווי די נייעס אַז דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז לאה איז, גצ"ד, אין בעסטן צושטאַנד.

נאָר פאַר דעם וואָס מען האָט זיך אַזוי שטאַרק, אין דער שטיל, געהאַט געשראָקן, האָט פּאַסירט. זי איז שוין דאַן געווען אין זעקסטן חודש און מען האָט געהאָפט אויף אַ קייזערשניט. פאַרטאָג האָט זי באַקומען ווייטיקן. מען האָט גערופן איין דאָקטאָר און אַ צווייטן. נאָר אַז ביידע האָבן געהייסן זי גלייך אַוועקפירן אין שפּיטאָל, איז זיך די גאַנצע משפּחה צוזאַמענגעלאָפן: גוסטאַוו און מענדל און טייבל און מען האָט געשיקט אַ דעפּעשע צו העלטשאַן אין טאָמאַשאָוו, און צו מאירן און רעגינטשאַן אין שטעטל. ליפּע איז געלאָפן אין בית־מדרש און צוזאַמענגענומען אַ מנין יידן צו זאָגן תהילים. נאָר איידער וואָס־ווען איז די שיינע, גוטהאַרציקע לאה אויסגעגאַנגען אין גרויסע יסורים. און ס'איז אפילו קיין קינד נישט געבליבן נאָך איר.

דאָס אומגליק איז געווען גרויס. טייבל און העלטשא און רעגינטשא

און גוסטאַוו און מענדל זײַנען געזעסן בײַ מאַטעקן אין שטוב און געקלאָגט, געקלאָגט און ווידער אַמאָל איבערדערציילט די טוגנדן פֿון לאהן און זיך נישט געקענט אָפּחידושן פֿון איר שײנקייט. ליפּע איז געזעסן אין אַ ווינקל און געהאַלטן אין איין „זאָגן". בלויז דער פֿעטער מאיר איז נישט געקומען פֿון שטעטל. רעגינטשא האָט דערקלערט, אַז ער איז, נעבעך, פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן פֿון דער דעפּעש און זײַן פֿרוי עמא האָט אים פֿון בעט נישט אַרויס־געלאָזט.

2.

לאהס טויט האָט געלייגט אַ טיפֿן שטעמפּל אויף מאַטעקס מאַמע. פֿון דאַן אָן האָט טײבל געפֿילט ווי דער טויט איז איר נאָענט געוואָרן. זי האָט אָפֿטער אָנגעהויבן רעדן וועגן מלאך המות, וועגן לאהן, וואָס זאָל זײַן אַ גוטע בעטערין אויף יענער וועלט.

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט די טאַנטע העלטשא פֿון טאָמאַשאָוו געבאָרן נאָך אַ קינד, אַ ייִנגל און דאָס האָט אַרײַנגעבראַכט אַביסל פֿאַרלײכטערונג אין דער קאַלינסקי־משפּחה. דאָס איז געווען דאָס צווייטע קינד בײַ העלטשאַן און בײדע זײַנען געווען ייִנגלעך.

רעגינטשא איז שוין ניט צוריקגעפֿאָרן אין שטעטל. זי האָט זיך באַ־זעצט אין לאָדזש. געזאָגט האָט מען, אַז זי איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט. וועגן חתונה האָבן האָט נישט געקאָנט זײַן קיין רייד. זי איז געווען די עלטסטע פֿון די קאַלינסקיס און די אײנגעשפּאַרטסטע. זי האָט דעם טאַטן נישט גע־קאָנט פֿאַרגעבן זײַן גראָבע האַנדלונג קעגן איר און אַפֿילו אַזוי פֿיל יאָרן נאָך זײַן טויט אים נישט געוואָלט פֿאַרגעבן.

וואָס האָט רעגינטשא געטאָן אין לאָדזש? זי האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין מענדלס וווינונג. געוואָלט האָט זי וווינען מיט גוסטאַוון, נאָר זי איז דער־גאַנגען אַז גוסטאַוו האַלט בײַם חתונה האָבן. מענדל האָט געזאָגט אַז ער וועט בלײַבן אַן אַלטער בחור. האָט רעגינטשא זיך געפֿילט זיכערער בײַ אים. נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, האָט זי דערקלערט אַז זי דאַרף אויפֿפּאַסן אויף מענדלען. זי האָט געקאָכט פֿאַר אים, אײַנגעקויפֿט קליידער פֿאַר אים און געגאַנגען אויף באַזוכן צו גוסטאַוון און טײבלען.

רעגינטשאַס באַווײַזן זיך אין טײבלס הויז איז געווען אַ דערקוויקונג פֿאַר די קינדער. ערשטנס, איז זי שטענדיק געווען גוט אויפֿגעלייגט. ס'איז געווען אַן אַנדער פֿרייִלעכקייט ווי דער פֿאַרשטאַרבענער לאהס. פֿון לאהן האָט אַרויסגעאָטעמט איר זאָרגלאָזיקייט און פֿרייד, רעגינטשאַס הײטערקייט איז געווען מער געמאַכט ווי נאַטירלעך. רעגינטשא האָט זיך אויסגעלערנט זײַן

גוט צו מענטשן און זיך נישט נעמען צום האַרצן פון קיין זאַך. אַזוי האָט זי אויך געוואָלט טייבלען אויסלערנען זיך צו האַלטן.

— טייבל, פאָלג דיין עלטערע שוועסטער און לאָז זיך אויס פון דיינע צרות, לאָז זיך אויס פון אַלץ און פון אַלעמען. דאָס איז דער איינציקער וועג ווי אַזוי צו לעבן אויף דיזער וועלט. מיינסט, וועסט בעסער מאַכן מיט דיין נעמען זיך צום האַרצן? עס זיינען געווען קליגערע פון דיר, וואָס האָבן איינגעזען אַז אַזוי קאָן מען נישט לעבן. איך לייען אַ סך ביכער, קלוגע ביכער און די ווייזהייט פון לעבן ווערט אין זיי באַשריבן און אַלע קלוגע לייט הייסן לעבן אָן זאָרג, אָן גריזאָטע, ווייל דאָס מאַכט אַ סוף צום לעבן. שוועסטער, נעם זיך אין די הענט אַריין, איידער עס ווערט צו שפּעט. דו האָסט אַ מאַן, טייערע קינדער, באַשעפטיקונג. וואָס האָב איך? נאָר איך לאָז זיך אויס פון אַלץ און לעב און וועל אַריינלעבן אין אַ טיפער עלטער און געניסן פון גאָטס לופט און פון זיינע וואונדער.

טייבל פלעגט אויסשטעלן אַ פּאָר אויגן אויף דער שוועסטער און איר ניט ענטפערן. נאָר שפּעטער איבעררעדן מיט ליפען, אַז רעגינטשא הייבט איר נישט אָן צו געפעלן. זי רעדט עפּעס נישט צו דער זאַך.

רעגינטשא האָט הנאה געהאַט איינצוקויפן זאַכן פאַר טייבלס קינדער. זי האָט לאַטשיאַן און איבערהויפט מלכהן אויסגעקליידט און זינט זי איז געקומען האָט מאַטעק שוין נישט געדאַרפט לויפן צום אָנקל גוסטאַוו נאָך געלט פאַר זיין שקאָלע. רעגינטשאַ איז מיט מאַטעקן אַריינגעגאַנגען אין קראָם און איינגעקויפט פאַר אים גענוג קאָיעטן און פּעדערס און שול־געצייגן פאַר אַ יאָר צייט.

3.

מאַטעק האָט זיך געוואונדערט וואָס דער אָנקל גוסטאַוו ווייזט זיך זעלטן ביי אים אין הויז. ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דער אָנקל פילט זיך שולדיק קעגן דער מאַמען וואָס ער האָט פון מאַטעקן געמאַכט אַ סטודענט, אַ גוי. נאָר די סיבה איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע. רעגינטשאַ איז געווען די ערשטע צו דערציילן דערוועגן. גוסטאַוו, האָט זי פאַרזיכערט, שטייט אין שידוכים. זי ווייס עס גאַנץ גענוי. דערפאַר האָט ער נישט קיין צייט צו באַזוכן די שוועסטער.

דער אָנקל מענדל האָט זיך איצט באַוויזן אָפטער ביי טייבלען אין הויז. ער האָט אונטערגעשמייכלט, ווען זי האָט אים געפרעגט, צי ס'איז אמת אַז גוסטאַוו שטייט אין שידוכים. יאָ, ס'איז אמת, האָט ער אַרויסגעלאָזט דאָס

וואָרט פון מויל און געוואָלט עס צוריקכאַפּן. באַלד די ליפּן פאַרשלאָסן און מער קיין וואָרט ניט.

טייבלען האָט דער ענין געאַרט. וואָס הייסט גוסטאַוו באַראַט זיך נישט מיט איר וועגן דעם? פאַרוואָס זאָל מענדל און רעגינטשאַ יאָ וויסן און זי ניט? נו, פרעגן גוסטאַוון וועט זי דאָך ניט. דאָך האָט ער געמעגט איר דערציילן און זיך באַראַטן מיט איר.

גוטשיא האָט איבערגערעדט די זאַך מיט סאַלטשען.

— סאַלטשע־קרוין, וואָס פאַראַ כלה וועט אַנקל גוסטאַוו זיך אויסקלייבן, ביסט אַ מבין?

— דער אַנקל גוסטאַוו וועט חתונה האָבן פאַר געלט, — האָט סאַלטשע גאַנץ טרוקן געזאָגט.

— גיי שוין, גיי! דער אַנקל דאַרף נישט קיין געלט. ער וועט נעמען אַ כלה פון אַריסטאָקראַטישן שטאַנד, זאָג איך דיר, וועסט זען . . . דער אַנקל גוסטאַוו האָט ליב צו זיין אין די פעדערן, יחוס, אַ נאָמען וואָס קלינגט איבער גאַנץ פּוילן, אַ פעסטער שטאַם . . .

— נאַרישע גוטשיא, דיין אַנקל איז אַ הונט מיט אויערן, ער דאַרף נישט קיין ליבע. וואָס וויס אַזאַ אָנגעפּרעסענער חזיר פון ליבע? געלט ציט צו געלט, זאָג איך דיר. געדענק מיינע ווערטער, דו נאַריש קאַלב.

— און איך זאָג דיר, אַז דער אַנקל גוסטאַוו וועט נעמען אַ גרויסע שיינ־הייט, ווי די טאַנטע לאה איז געווען. זי וועט זיין העכסט געבילדעט און גוט דערצויגן. זי וועט זיין אַ גרויסע באַלעבאָסטע, — האָט מאַטעק זיך אַריינ־געמישט אין זייערע רייד.

— מאַטעק־לאַטעק, עס זיינען דאָ אַ סך שיינע ליאַלקעס אין לאָדזש. דיין אַנקל גוסטאַוו קאָן זיך אויך קויפן די שענסטע ליאַלקע, נאָר קיין עכטע ליבע קאָן ער נישט קויפן. אויפן באַלוט וואָלגערן זיך אפשר אַרום די ליבסטע כלות, וואָס פעכנען דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער. זיי וועט דער אַנקל נישט אויסקלייבן. ער וועט זוכן אַ באַנקירס אַ טאָכטער.

אויך טייבל האָט מיט ליפּען ספּעקולירט וועגן איר ברודערס כלה. רע־גינטשא האָט בלויז געשמייכלט און געזאָגט:

— מיר'ן זען פּאַרטיקערהייט. איך זע די גליקלעכע, נאָר די אויסדער־ווילטע האָב איך נאָך נישט געהאַט דאָס גליק צו זען. די עלטסטע שוועסטער פאַרדינט זיך נישט, זעט אויס, אַז איר ברודער זאָל זיך מיט איר באַראַטן וועגן זיין צוקונפט גליק.

אַנקל גוסטאַוו האָט חתונה געהאַט. וואָס? ווען? ביי מאַטעקן אין הויז האָט קיינער נישט געוואוסט דערפון. ער איז געקומען, דער אַנקל, פּלוצ־

לינג, איינער אליין און געזאָגט אַביסל פאַרשעמט:

— עס קומט מיר אַ מזל־טוב, איך האָב חתונה געהאַט פאַריקע וואָך.

טייבל און ליפּע זיינען געבליבן געפּלעפט. זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, ווי צו רעדן. דער ערשטער געפיל ביי זיי איז געווען אַ געפיל פון באַליידיקונג און פון חרפה. וואָס הייסט אַ ברודער און אַ שוואָגער לאָדט ניט איין צו דער חופּה, ברענגט ניט די כלה, שטעלט אפילו ניט קיין לעקעך און בראָנפן, ווי אַ ווילד פרעמדער, ווי, להבדיל, ביי אוממענטשן. אפילו ציגיינער פראַווען דאָך אויך אַ חתונה.

— נו, ברודער, זאָל דיר זיין מיט גליק, מיט הצלחה, מיט אַלדאָס גוטס, וואָס דו ווינטשסט דיר נאָר אַליין . . .

און דאַן איז אַנטשטאַנען אַ שטילקייט אין הויז. דער אָנקל האָט זיך געפילט געטראָפן פון דער שטילקייט און ער האָט אין אַ הייזעריקלעך קול געזאָגט:

— איך האָב נישט געוואָלט פראַווען קיין חתונה צוליב דעם אומגליק וואָס האָט אונדז געטראָפן. די כלה מיינע איז זייער אַ ליב יידיש קינד. זי שטאַמט פון אַ פיינער פאַמיליע. איר פאָטער איז אין דער מאַנופאַקטור בראַנזשע. די טאָכטער זיינע האָט געענדיקט אַ גימנאַזיום. מען זאָגט, אַז זי איז אַ בילד־שיינהייט, אַזוי זאָגט מען. און איך בין אויך אַ שטיקל מבין, וויסן זי. זי רעדט, ליידער, נישט קיין יידיש, נאָר פּאָלניש און פראַנצויזיש.

דער זַנקל האָט אָפּגעזאָגט זיינס און ווי ער וואָלט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אים שטעלן פראַגעס, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט, אַז ער איילט זיך. ער האָט צוגעזאָגט, אויף טייבלס פאַרשלאָג, צו ברענגען אַ פאָטאָגראַפיע פון איר.

ווען רעגינטשא איז געקומען, האָט זי זיך דאָס אַביסל אָנגעלאָכט פון דעם וואָס טייבל האָט איר דערציילט. טייבל האָט זיך געפילט געטראָפן פון רעגינטשאַס אומנאַטירלעכן געלעכטער.

— מיין טייערע שוועסטער, עס איז מער צום וויינען ווי צו לאַכן, — האָט טייבל פאַרגעוואָרפן רעגינטשאַן.

— איך לאַך, טייבל, נישט פון דיר, נאָר פון דעם גרויסן פּאַן גוסטאַוו, וואָס שעמט זיך, נעבעך, צו ברענגען זיין כלה צו דער באַליבטער שוועסטער אין הויז אַריין, דערפאַר וואָס די שוועסטער האָט נישט קיין וואַסער־לייטונג און קיין עלעקטריציטעט און דערפאַר וואָס עס איז אַ שאַנד צו זיין אָרעם . . .

— שעמען זי זיך, הער קאַזאַק! — האָט רעגינטשא אַרויסגעלאָזט אַן איראָנישן קוויטש.

און ס׳איז טאַקע אמת געווען. קיינמאָל האָט גוסטאַוו ניט געבראַכט

זיין פרוי צו טייבלען אין הויז אַריין. זי איז אויך ניט געקומען צו־גאַסט צו די אַנדערע מיטגלידער פון קאַלינסקי־שטאַם.

גוסטאַוואס הייראַט האָט אים וואָס ווייטער אָפּגעפרעמדט פון מאַטעקס הויז. עס איז שוין מער ניט געווען דער זעלבער אָנקל. ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט אויסצוהערן מאַטעקס רייד וועגן דער פּראָ־גימנאַזיע. בלויז ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, צי זאָל מאַטעק אָנהייבן לערנען אויף נאָך אַ זמן, האָט דער אָנקל פּלוצלינג געזאָגט: — ווען דו פאָלגסט מיך, וואַלסטו, מאַטעק, זיך געלערנט אַ פאַך. שליס זיך אָן אין יאַראָטשינסקיס פאַך־שול. קלייב זיך אויס וועבער־מייסטער אָדער עלעקטראָ־טעכניקער. דאָס לעצטע איז בעסער. איך האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט.

פון דעם איז מאַטעקן געוואָרן קלאָר, אַז דער אָנקל איז ניט פאַראינטע־רעסירט אים צו שיקן אין דער פּראָ־גימנאַזיע. ער וועט זיך שוין ניט וואַרפן מיט געלט, ווי אַמאָל. ער איז זייער געציילט מיטן רובל אויך ביי מאַטעקן אין הויז. ער לאָזט מער נישט איבער קיין געלט ווי אַמאָל. ווען די מאַמע בויטיקט זיך שטאַרק, וועט זי פאַרבאָרגן איר שטאָלץ און בעטן גוסטאַוון און גוסטאַוו וועט ניט אָפּזאָגן. נאָר דאָס בלוט קומט איר אין פּנים אַריין פון אַזאַ בעטן זיך ביי אים.

און גראָד דאַן האָט מאַטעק זיך אויסגעצייכנט אין דער פּראָ־גימנאַזיע. ער האָט באַוויזן וואונדער, האָט הער שאַקין געזאָגט. איז שוין געגאַנגען אין זעלבן קלאַס מיט קינדער פון זיין עלטער. ער האָט שוין דעקלאַמירט היינעס „די צוויי גרענאַדירע״ און דער רוסישער לערער קאַראַטקעוויטש מיטן מונ־דיר און מעשענע קנעפּ האָט געזאָגט, אַז מאַטעק איז זיין בעסטער שילער.

מאַטעק האָט זיך זייער געשראָקן, אַז אָנקל גוסטאַוו וועט אים ניט לאָזן מער גיין אין דער פּראָ־גימנאַזיע. מאַטעק האָט געטראַכט צו רעדן מיט רעגינטשאַן וועגן דעם. אפשר וועט זי באַצאָלן פאַר אים. רעגינטשא האָט אָבער געלאָזט וויסן, אַז זי נעמט איבער מלכהס דערציאונג און זי וועט צאָלן פאַר איר אין דער מיידל־שול. נו, פאַר צוויי וועט זי דאָך ניט צאָלן. איז מאַטעקן געוואָרן ביטער דערפון.

מיטאָמאָל האָט ליפּע אַרייננגענומען טאַבאַק אין הויז און ער האָט גע־נומען מאַכן פּאַפּיראָסן צום פאַרקויפן. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דער חלף איז שוין ווידער געלעגן אויפן האַלדז. אַז ליפּע שטאָפּט אָן די גילזן פאַר קונים און ער טראָגט אַליין אַוועק די שאַכטלען פּאַפּיראָסן צו קויפער, איז שוין עק וועלט.

ליפּע האָט זיך ניט באַקלאָגט, מיט קיינעם ניט איבערגערעדט, ביי די קינדער קיין הילף ניט געבעטן, נאָר שווייגנדיקערהייט איז ער געשטאַנען

אָדער געזעסן און געטאָן זיין אַרבעט ביים טיש. אויך די מאַמע האָט גע־שוויגן. מסתּם איז די לאַגע אין הויז געווען זייער אַ שלעכטע.

טאַמער איז דאָס נאָך געווען ווינציק, האָט דער טאַטע אָנגענומען צו זיין דער שליח־ציבור, דער בעל־תּפילה פאַר די ימים־נוראים און דער אַרעמער חברה. ער האָט דערפאַר גענקראָגן באַצאָלט. מען האָט געלאַכט פון אים, וואָס ער האָט זיך ניט באַדונגען, נאָר גענומען וויפל מען האָט אים גע־געבן. מען האָט געלויבט זיין דאַוונען, מען האָט געזידיקט זיין האַנט. אַלע זיינען געווען צופרידן, נאָר דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז מער טוט ער דאָס ניט. אויב שטיין פאַרן עמוד, וועט ער דאָס טאָן אַן געלט.

עפּעס האָט מאָטעק געהערט ווי טאַטע־מאַמע האָבן זיך איבערגערעדט וועגן סאַלטשען. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער שלעכטער לייזונג. די לייזונג האָט ניט געטראָגן אויף אויסהאַלטן נאָך אַ מענטשן אין קראַם. נאָר גיי זאָג אָפּ אַ מענטשן, אַזאַ טייער קינד ווי סאַלטשע.

מאָטעק האָט דאָס דערציילט גוטשיאַן. זי האָט דערפון געהאַט געוואוסט. זי האָט זיך געבעטן ביי דער מאַמען, אַז מען זאָל סאַלטשען ניט אָפּזאָגן. די מאַמע האָט געהאַלטן ביים קויפן אַ מאַנטל פאַר גוטשיאַן, האָט גוטשיא זיך געבעטן, אַז מען זאָל איר דעם מאַנטל ניט קויפן און דאָס געלט בעסער האַלטן פאַר סאַלטשען.

סאַלטשע האָט דערשמעקט די לופט און ווי ס׳איז געווען איר נאַטור, האָט זי פּראָסט פּשוט געפרעגט טייבלען, צי זי זאָל זוכן אַן אַנדער פּאָסטן. טייבל איז געוואָרן גערירט פון סאַלטשעס אָפנהאַרציקייט און זי האָט איר געזאָגט:

— אַזוי לאַנג, סאַלטשע־לעבן, ווי ס׳איז דאָ אַ שטיקל ברויט פאַר אונדז, וועט זיין פאַר דיר אויך. די לאַגע איז טאַקע אַ שלעכטע, זעסט דאָך אַליין, כ׳דאַרף דיר ניט פאַרציילן, מען דאַרף ניט אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל. נאָר גאָט וועט העלפן. וואָס וועט זיין מיט כּל ישׂראל, וועט זיין מיט רב ישׂראל.

דעם טאַטנס טאַבעק געשעפטן האָבן לאַנג נישט געדויערט. ליפּע איז אויך אַוועק צום אָנקל מענדל און ער איז געווען גרייט צו טאָן וועלכע ס׳איז אַרבעט, אַבי ניט האַנדלען. היטן דאָס געשעפט, אפילו ראַמען, אָפּטראָגן אַ פּעקל, נאָר דער אָנקל מענדל האָט געזאָגט, אַז ער האַלט ביים אויפגעבן דאָס געשעפט און ער קלייבט זיך אַריינגיין אין אַ נייער שותּפות.

עס האָט זיך כּסדר גערודערט אינעווייניק אין הויז ביי מאָטעקן. נאָר די קראַכן און די קנאַלן אין דרויסן האָבן לסוף געמאַכט אַ וואַרע פאַר זיך אין די מוחות פון מאָטעקס הויזגעזינד. גאַנץ לאָדזש איז געזעסן ווי אויף אַ

פּולוועד־פּאַס. מען האָט מער נישט געקאָנט פאַרהאַקן די לאָדנס און זאָגן:
„שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, אונדז גייט דאָס ניט אָן!"

עס איז געקומען צו אַ מאָמענט, ווען יעדעס הויז האָט געציטערט, ווי די פיש אין די באַליעס און זיך געוואָרפן און געצאַפּלט, ווי די עופות ביים שוחט אין הויף.

אויך מאָטעקס הויז האָט דערפילט דעם אויפטרייסל. אויך מאָטעק איז געוואָרן אַ טייל פון דער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין „בלוטיקן מיטוואָך" אויף די גאַסן פון לאָדזש.

קאַפּיטל איין־און־צוואַנציק

פּעדערן פליען

.1

רעגינטשאַס בלייבן אין לאָדזש איז געווען אויספּאַלנדיק פאַר טייבלען. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן, פאַרוואָס די שוועסטער פּרומטשע איז ניט געקומען צו לאהס לוויה און פאַרוואָס מען הערט בכלל ניט פון איר. טייבל האָט געהאַט אַן אָנונג, אַז פּרומטשע מוז זיין זייער קראַנק.

גוסטאַוו און ליפּע וואָס האָבן געוואוסט דעם אמת, האָבן באַשלאָסן צו באַהאַלטן פון דער סענסיטיווער טייבל די טרויעריקע נייעס אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיך לאָזן. נאָך לאהס טויט און צוליב רעגינטשאַס זיך באַזעצן אין לאָדזש, האָט טייבל ניט אויפגעהערט רעדן וועגן פרומטשען און זי האָט באַשלאָסן צו פאָרן אין שטעטל און באַזוכן פרומטשען און זען וואָס מען קאָן טאָן צו ראַטעווען די אָרעמע שוועסטער.

דאַן האָט די משפּחה באַשלאָסן צו דערציילן טייבלען דעם אמת. ניט דעם פולן אמת, נאָר ווי ווייט עס וועט זיך לאָזן. טאָקע דערפאַר וואָס מען האָט געטרויערט נאָך לאהן, איז געווען צייטיק אויפצודעקן די צווייטע וואונד פון דער פאַמיליע. גוסטאַוו און רעגינטשאַ האָבן טייבלען דערציילט, אַז „פּרומטשע איז אַוועק צו אונדזערע עלטערן אין ליכטיקן גן־עדן". ערשט ווען טייבל איז צוגעשטאַנען וועגן די איינצלהייטן פון פרומטשעס קראַנקהייט און איר טויט, האָט רעגינטשאַ דער שוועסטער איבערגעגעבן דעם אמת, אַז פּרומטשע איז אַריין אין דער וואַרטאַ (טייך) און פישערלייט האָבן זי געפונען און אַרויסגעצויגן. דאָס שטעטל ווייסט ביז היינטיקן טאָג ניט דעם אמת. און זאָל דאָס בלייבן אַ משפּחה סוד.

עפּעס ווי אַלע אומגליקן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַמאָל. פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַן אַטקריטקע פון ליפּעס ברודער נחום פון שטעטל, מיטן פּאַטערס שוואַרצן שטעמפּל.

ליפּע האָט גלייך דערשמעקט, אַז דאָס קאַרטל ברענגט אים ניט קיין גוטע נייעס. נחום האָט קיינמאָל ניט געשריבן. דאָס קאַרטל איז געווען אין

לשון־קודש, ווידעראַמאָל אַ סימן, אַז מען זאָגט ניט אָן קיין גוטע בשורה. נחום האָט דעם ברודער געלאָזט וויסן, אַז ער זאָל אָנהויבן קדיש זאָגן. דער פֿאָטער איז געשטאָרבן. מען האָט ניט געקאָנט וואַרטן מיט דער לויה, ביז ליפּע וועט קומען. געשטאָרבן איז זלמן רואיק, אָן שמערצן. געהייסן זיך געבן אַ שעפּ קאַלט וואַסער, צוגערופֿן די בני־בית און געזאָגט, אַז ער וויל זיי בענטשן, נאָר נאָך איידער וואָס־ווען, איז ער אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן בעט און — אויס.

ליפּע האָט שטאַרק געוויינט. מאַטעק און זיינע שוועסטער האָבן דעם טאַטן געזען וויינען און זיי זיינען געבליבן פֿאַרשטומט. ס'איז געווען אַן אַנ־דער מין וויינען ווי דער מאַמעס. ווען די מאַמע האָט געוויינט, האָבן אַלע גלייך מיטגעוויינט. און טאַקע אַזוי ווי די מאַמע האָט געזען ווי דער מאַן אירער וויינט, האָט זי זיך גלייך צעכליפּעט און ערשט דאַן האָבן די קינדער אויך גענומען וויינען.

דאָס הויז איז פֿון דאַן אָן געוואָרן פֿול מיט געקרעכצן און „אוי, ווי איז צו מיר און ווינד איז מיר״. דער טאַטע האָט שווער געזיפֿצט, נאָר געשוויגן, ער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין ספרים און געלאָזט אַ טרער „זאָגנדיק״. עס איז געווען האַרצרייסנדיק צו הערן דעם טאַטן „זאָגן״ פֿון די גרויסע ספרים. נאָר וועגן זיין פֿאָטער, וועגן זיינע קינדערס זיידע, האָט ער ניט גערעדט. ער האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז ווען מאַטעק וואָלט געווען אַ לייט, וואָלט ער, דער טאַטע, געקאָנט זיך טיילן מיט אים וועגן זיין פֿאָטערס פֿרומקייט און גאָנצקייט. נאָר מאַטעק, וואָס איז שוין ווייט פֿון אמתער ידישקייט, וועט דאָס ניט משיג זיין.

דאָס הויז האָט דערפֿילט אַן ענדערונג אין ליפּען. ער האָט זיך געזאַמט אַלץ לענגער אין דער חברה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ליפּע האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן צו מעשים טובים. עס האָבן זיך אין הויז באַוויזן פֿרעמדע יידן, וואָס זיינען געקומען בעטן ליפּען, אַז ער זאָל זיך אָננעמען — דאָ פֿאַר אַ יתום, דאָ פֿאַר אַן אלמנה. ליפּע איז געלאָפֿן זיך משתדל זיין ביי רייכע יידן. ניט איינמאָל איז ער אַהיים געקומען גאָר אַן אויפֿגערעכטער. אין די שוואַרצע אויגן האָט געגליט אַ פֿייערל. ער איז געווען גוט אויפֿגעלייגט; דערציילט דער מאַמען, אַז אים איז געלונגען עפּעס אויפֿצוטאָן.

מאַטעקן האָבן זיך איבערהויפּט איינגעקריצט צוויי מאָמענטן. געשטאָרבן אַ ייד אַ זייגערמאַכער. די שכנים זיינען געקומען צו ליפּען און געזאָגט:

— ר' ליפּע, פֿריער דער וואָס לעבט אייביק און נאָכדעם איר. די אלמנה איז געבליבן אָן אַ פּרוטה. אַז איר וועט גיין, וועט מען אייך ניט אָפּזאָגן. זי איז געבליבן מיט אַ פֿול הויז קינדער. איינס קלענער פֿון צווייטן. גייט

צו און איבערצייגט אייך. עפּעס דאַרף געטאָן ווערן. אפשר זאָל זי אָנהאַלטן דאָס געווע‌לבל און אַריינגעמען אַ בעל־מלאכה; אפשר זאָל זי עס פאַרקויפן. איר זייט דאָך אַ תּלמיד־חכם. זעט וואָס מען דאַרף טאָן. מיר וועלן אייך העלפן".

עטלעכע טעג צייט האָט ליפּע פאַרבראַכט איבער דעם ענין. דער סוף איז געווען, אַז ער איז געווען מלא שמחה. עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַ גוטער בחור, וואָס האָט שוין יאָרן געאַרבעט ביי יענעם און געקאָנט אויסגעבונדן די זייגערמאַכעריי און ער, אַן ערלעכער און אַ ירא שמים, איז געווען צופרידן צו אַרבעטן פאַר דער אלמנה און אויך אויסלערנען איר צוועלף־יעריקן בחור דאָס פאַך. די יידן פון דער חברה האָבן צוגעזאָגט צו העלפן די אלמנה און אַלע שכנים פון געגנט האָבן טאַקע בפועל ממש זיך געזאָרגט פאַר דער אלמנה, ווי פאַר אַן אייגענער שוועסטער.

דער צווייטער פאַל איז געווען אין אַ ווינטערדיקן פאַרטאָג. דער טאַטע איז געגאַנגען דאַוונען. ער איז אַרויס פון הויז און זיך באַלד אומגעקערט און אויפגעוועקט טייבלען. ער האָט אַריינגעבראַכט אין הויז אַ יונגן בחור, אַ פאַרפראָרענעם, אַן אָפּגעריסענעם־אָפּגעשליסענעם. דער בחור איז גע־שלאָפן אויף די טרעפּ פון הויז, געוואוסט, אַז ליפּע גייט דאַוונען אין דער פרי.

— מען האָט מיך געשיקט צו אייך. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט זיך אָננעמען פאַר מיר.

יאָ, אַ גאַנצער יתום, פערצן יאָר אַלט, זיך געוואַלגערט אין אַ סך היימען און וואו געטאָגט, ניט גענעכטיקט. האָבן זיך מענטשן דערמאָנט אין ליפּען. ער וועט אים שוין ניט לאָזן פאַלן. ער וועט אים שוין פאַרזאָרגן.

און ליפּע האָט שוין יענעם טאָג ניט גערוט. געלאָפן און געקלאַפּט אין טירן און אויסגעפירט, אַז מען זאָל דעם בחור אַריינעמען אויף דער לער צו אַ שניידער און אים געבן אַ וואַרעמע היים און אים באַהאַנדלען מיט יושר און רחמים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גאַנצן יתום.

אין הויז איז מען געווען שטאַלץ מיטן טאַטן, נאָר דער טאַטע האָט וועגן זיינע אויפטוען ניט גערעדט. זיין פּנים האָט בלויז געלויכטן, און ווייטער געזיפצט און „געזאָגט" ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און זיך געשאָקלט איבער אַ ספר גאַנץ פרי, ביים נאָפּט לעמפּל.

.2

די שלעכטע שטימונג פון מאַטעקס עלטערן האָט געווירקט אויף די קינדער. רק מען האָט זיך געהאַלטן אין אַרומקריגן און שעלטן זיך. די עלטערן האָבן דאָס ניט געקאָנט פאַרשטיין.

— וואו האָט איר געהערט אַזעלכע רייד, קינדער? — האָט די מאַמע זיך גענומען צום האַרצן. — זאָגט דער טאַטעשי אַמאָל אַזאַ וואָרט? נוץ איך אַזאַ לשון? ס'איז באמת אַ בזיון, אַ חרפה, אַז קינדער זאָלן זיך ניט קאָנען איינטיילן מיט דער וועלט. נאָר מען קריגט זיך, נאָר מען בוכצעט זיך, נאָר מען בויקערט זיך, אַזוי ווי איר וואָלט אַרויסגעקומען פון אַ געמיינער משפחה, פון אַ משפחה פערד־הענדלער צי הויט־שינדער, צי היצלעס . . . גוטשיא, אויף דיר איז מיר אַ וואונדער. מילא, מאַטעק בלייבט מאַטעק, פון אים איז נישטאָ וואָס מער צו רעדן. אַז אַ יונג פאַרנעמט זיך מיט טיילן פּראַקלאַ־מאַציעס קאָן שוין פון אים קיין גוטס ניט אַרויסקומען. אָבער דו, גוטשיא, דו האָסט געמעגט בעסער וויסן. פאַרוואָס האָסטו אָנגעקנייפּט מלכהן? פאַר־וואָס טשעפּעסטו זיך צו לאָטשיאַן? זיי זיינען דאָך יינגער פון דיר און דו דאַרפסט אויסגלייכן אַלע קריגערייען און ניט פאַרפירן קיין בייז בלוט . . .

דער צייטוויילעקער שלום וואָס האָט געהערשט צווישן גוטשיאַן און מאַטעקן וועגן זיינע פאַרדינסטן ביי די „שיקסלעך“, האָט זיך געענדיקט מיט אַ קנאַק. גוטשיא האָט אויפן הויכן קול דערציילט דער מאַמען, פונוואַנען עס האָט זיך צו מאַטעקן גענומען די „קלינגערס“, „זאָל די מאַמעשי וויסן פאַר־וואָס דער יונג גייט אַרום מיט פולע קעשענעס זילבער־געלט“.

די מאַמע האָט די גאַנצע צייט געוואוסט, נאָר זיך געמאַכט ווי זי ווייסט פון קיין זאַך נישט. עס איז איר זיכער נישט אָנגעשטאַנען, אַז מאַטעק זאָל גאָר רעדן צו די „אויסוואורפן“, נאָר עס איז איר ניט געווען דערווידער דער געדאַנק, אַז מאַטעק האָט אונטערנעמונג־גייסט און ער וויל פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן. ער איז דאָך פאָרט אַ קינד און די „אויסוואורפן“ וועלן אויף אים קיין ווירקונג ניט קאָנען האָבן.

איז מאַטעק ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיינע „פאַרדינסטן“. די „מיידלעך“ האָבן זיך אָפּט געביטן. עס פלעגן אָנקומען נייע, נאָר די נייע האָבן געוואוסט וועגן מאַטעקן און דער מסחר איז אָנגעגאַנגען ווי שטענדיק.

מאַטעק איז אָבער דורך דער צייט געוואָרן שטאַרק אומרואיק. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגעריקייט צו זען וואָס עס טוט זיך אין „הייזל“. ער איז איינמאָל געשטאַנען ביי דער אינעווייניקסטער טיר און געוואַרט, אַז זי זאָל זיך עפענען און ער האָט אַריינגעקוקט אַ דורשטיקער. איינמאָל איז ער אפילו אַריינגעגאַנגען אַ פּאָר טריט.

— אַרויס פון דאַנען, זשידעק, — האָט אַ פעטע פרוי צו אים געזאָגט און געלאַכט.

סאַלטשע האָט אָפּט מיט דער שוועסטער גערעדט אין דער שטיל וועגן די „מיידלעך“. זי האָט זיך אויסגעהיט, אַז מאַטעק זאָל נישט הערן. סאַלטשען

איז דער ענין שטאַרק אָנגעגאַנגען. גוטשיאַ האָט זיך געסודעט מיט סאַלטשען און איר דערציילט די לעצטע נייעס וועגן דעם, וואָס עס איז פּאָרגעקומען אין „הייזל״. סאַלטשע האָט איינמאָל געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז מען וועט זיך אינגיכן אַ נעם טאָן צו „זיי״. די „אָרגאַניזאַציע״ האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז מען זאָל זיי אויסרויכערן. ווען מאַטעק האָט פון סאַלטשען געוואָלט אויסגעפינען וואָס די אָרגאַניזאַציע צו וועלכער ער האָט זיך אָנגעהערט ווי אַן אייגענער מענטש, האָט בדעה צו טאָן, האָט סאַלטשע אים געזאָגט:

— אַז דו וועסט וויסן, וועסטו פרי אַלט ווערן. איך וואָלט דיך טאָקע וועלן האָבן פאַר מיין חתן, נאָר וועסט דאַרפן צוואוואַרטן ביז ליכט־בענטשן.

נאָר לאַנג האָט מאַטעק ניט געדאַרפט וואַרטן צו דערגיין וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן צו טאָן.

פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער פון בירנבוימס פאַבריק זיינען געגאַנגען אַהיים און די „פאַניענקעס״ זיינען זיי אַנטקעגנגעקומען אויף די טראָטואַרן, שטאַרק אָנגעפאַרבטע, שמעקנדיקע און אין אָנציענדיקע קליידער, איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ טומל, אַ סומאַטאָכע. אָנשטאָט צו באַגעגענען זיי אין אַ שטיפערישער שטימונג, ווי אַ סך מאָל פריער, האָבן איצט די אַרבעטער די מיידלעך געזידלט און אָפּגעשטויסן פון זיך. גלייך האָבן זיך אויף דער גאַס געפונען אַלפאָנסן, וואָס האָבן זיך געכאַפּט שלאָגן צו די אַרבעטער, וואָס האָבן געטריבן פון זיך די מיידלעך. עס זיינען געפלויגן פעטש, מען האָט זיך דערלאַנגט מיט די פיס אין בויך, מען האָט דערהערט אַ פייפעריי. דאָס האָט געמיינט, אַז ביידע צדדים רופן נאָך הילף.

אַזוי האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. מען האָט זיך געריכט אַז נאָך דער אַרבעט וועלן פאָרקומען געשלעגן צווישן די אַרבעטער און די אַלפאָנסן. עס האָט איינמאָל אויך פאַסירט, אַז אַ פאָר אַרבעטער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די לאָדנס פון הייזל און געפרואווט זיי אַראָפּנעמען. פון דאַן אָן איז געשטאַנען אַ וואַך פון אַ פאָר „שטאַרקע״, מיט שטעקלעך אין די הענט און לאַנגע מעסערס אין די לאַקירטע שטיוועלעך.

מען האָט זיך אויף עפּעס געריכט. מאַטעק האָט געהערט פון לייבטשען, אַז איבער גאַנץ לאָדזש וועט מען זיך אַ נעם טאָן צו די „הייזלעך״ און צו די בראָנפן־מאַגאַפּאַלן. זיי נעמען צו דאָס געזונט און די פאַרדינסטן ביי די אַרבעטער און איבערהויפּט שטערן זיי דער רעוואָלוציע.

3.

מאַטעק האָט פאַרמאָגט אַ באַזונדערן, לאַדזשער, חוש פאַר געשע־ענישן אויף דער גאַס. ער האָט זיך געקאָנט זיצן אין הויז איבער אַ שיסל האָבער־גריץ און מיטאָמאָל האָבן זיינע אויערן עפּעס דערהערט, זיין נאָז האָט עפּעס דערשנאַפּט. ער איז געוואָרן אָנגעצויגן. ער האָט אויף גיך פאַר־ענדיקט דאָס זופּן און מיט אַ פול מויל האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום דרויסן.

ער איז ניט געווען גענאַרט. דאָ האָט די פּאָליציי געהאַט אַרומגערינגלט אַ הויז און געמאַכט אַן אַביסק אין מיטן העלן טאָג; דאָ איז פאָרגעקומען אַ געשלעג אויפן טראָטואַר. אַרבעטער האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט אַ סיסטשיק. דאָ האָט זיך אַ היצל גלאָט געיאָגט נאָך אַ סוקע.

שוין אָפּגערעדט, אַז מאַטעק האָט געקאָנט דערהערן דעם קלאַנג פון דער פּאַזשאַרנער קאָמאַנדע דאַן, ווען אין הויז האָט מען זיך געוואָלט וועטן מיט אים, אַז עס איז נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן. אַז מאַטעק האָט גע־זאָגט אַז עס ברענט, האָט מען זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו גלויבן, אַז ס'איז אמת; אַז ער זאָגט, קאָן מען זיך פאַרלאָזן אויף אים. דער יונג אָטעמט מיט דער גאַס און „מען האָט אים געדאַרפט שטעלן אַן אויפשטעל־בעטל גלייך אויפן טראָטואַר,“ — האָט דער טאַטע צוגעגעבן.

די געשעענישן אַרום „הייזל“ ביי אים אין הויז האָבן מאַטעקן געמאַכט צו זיין אויף דער וואַך. ער האָט געוואוסט גענוי, ווען די אַרבעטער פאַרלאָזן די פאַבריקן אויף דער ניקאָלאַיעווסקע גאַס און דאַן האָט אים שוין געצויגן צו זיין אויפן טראָטואַר, איבערהויפּט נאָך, זינט סאָלטשע האָט געגעבן אָנ־צוהערן, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט באַפוילן זיך אַ נעם צו טאָן צו זיי. פון דאַן אָן האָט מאַטעק פאַרלאָרן זיין לייזונג. ער האָט שוין אויסגעמידן זיינע קונים. נישט געוואָלט מער האָבן צו טאָן מיט די שיקסלעך, הגם דאָס האָט געמיינט פאַר אים — נישט קאָנען מער קויפן קיין פּינקערטאָנס (ביכלעך). עס איז מאַטעקן ניט געווען געפעלן, וואָס עס רודערט זיך ניט גענוג אַרום דעם „הייזל“. אויב די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן, דאַן מוז מען דורכפירן בלב ובנפש, האָט ער געזאָגט. אַ פּאַטש דאָ, אַ פּלעם דאָרט איז ניט גענוג. איז ער פאַרנאַכט געשטאַנען אַ וואַכער און געוואַרט, אַז עס זאָל זיך אָנהויבן.

און ער האָט זיך דערוואַרט.

ער האָט איין קוק געטאָן אויף דער מחנה אַרבעטער, וואָס איז אַרויס פון טויער פון בירנבוימס פאַבריק און ער האָט גלייך באַגריפן, אַז מען קלייבט זיך אויף עפּעס. די אַרבעטער זיינען געווען גרייט, דאָס האָט מאַטעק געזען אויף זייערע פּנימער. אַלע פּנימער ווי איין פּנים. מען האָט זיך געהאַלטן

ענג צוזאַמען. די אויסדרוקן זייִנען אַנטשלאָסענע, אַנגעצויגענע, עס איז געוועזן אַ מאַרשירן, ניט קיין לויז געגיי. מאָטעקס בלוט האָט זיך צעוואַרעמט. איצט וועט זיך עס אָנהויבן. עס וועט זיך אַביסל טאָן, האָט ער גערעדט צו זיך אַלייִן. אַ שאָד וואָס ער האָט ניט אָנגעפּילט זייִנע קעשענעס מיט שטיינער. עס איז צו שפּעט אַרייַנצולויפן אין הויף און דאָס טאָן.

דער שמאָלער טראָטואַר איז געוואָרן פול מיט די אַרבעטער, די הענט אַראָפּגעלאָזט און געבייַלט אין פויסטן, די מאַרינאַרקעס פאַרקנעפּלט, די דאַשיקעס אַראָפּגעצויגן איבערן שטערן, די ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט. מען גייט. עס קלאַפּן די טריט ריטמיש. מען קאָן קיין שפּילקע צווישן זיי ניט וואַרפן, אַזוי גייען זיי צוזאַמענגענומען. עס וועט זיך באַלד אָפּטאָן חושך, אַז עס וועט ווערן ליכטיק אין די אויגן, האָט מאָטעק זיך געמונטערט מיט זייִן אייגן ווערטל, וואָס ער האָט ליב געהאַט איבערצוחזרן אין הייסע מאָמענטן.

די מאַסע האָט זיך דערנעענטערט צו מאָטעקס הויז, צום „הייזל“. מאָטעק איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר צו קאָנען בעסער זען וואָס עס וועט געשען.

און עס איז געשען.

ווי אָפּגעבריטע, האָבן זיך די אַרבעטער אַ לאָז געטאָן „שטורמאָם“ צו דער טיר און צו די לאָדנס פון „הייזל“. די פּאָר „שטאַרקע“ וואָס זייִנען געוועזן די וואַך, האָט מען געגעבן אַ צי אויס און מען האָט געטראָטן אויף זיי, ווי אויף צעקוועטשטע, צעפּוילטע עפּל. באַלד האָט די טיר געגעבן אַ טראַסק און די אַרבעטער זייִנען אַרייַן אין „הייזל“. באַלד האָבן די לאָדנס געגעבן אַ פּלי און דאָס גרויסע שויפֿענצטער מיטן דיקן גלאָז האָט געגעבן אַ פּלאַץ, ווי אַ הייטל אייז איבער אַ דינעם פאַרפראָרענעם רינשטאָק. אַלץ איז געטאָן געוואָרן אַזוי שנעל און געשיקט, אַז מאָטעק האָט ניט געוואוסט וואָס פריער צו זען. אָט זייִנען פון „הייזל“ אַרויסגעלאָפן די האַלב־נאַקעטע מוידן. מאָטעק האָט זיי דערקענט. זיי זייִנען געוועזן צעשויבערט און געפּרואווט אָנטאָן אויף זיך ווער אַ מאַנטל און ווער אַ קאָלדרע אפילו. עס איז געוועזן אַן אמתער פּאָגראָם אויפן „הייזל“. דורך דער טיר און דורכן פענצטער זייִנען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן שטולן און שפּיגלען און צעפליקטע גאַרדינען און באַלד האָבן זיך אַ שאָט געטאָן ווייסע פעדערן פון די בעטגעוואַנטן און עס האָט אויסגעזען ווי ביים שוחט אין הויף. עס זייִנען אויך געפלויגן אויף דער גאָס אַרויס פלעשער און פּודעלעך און שטיקער לייוונט און צעריסענע דיוואַנען און צעהאַקטע לאָמפּן און לעמפּלעך און בלעכענע שיסלען און נאַכטטעפּלעך.

עס האָט זיך פאַרקליבן אַן עולם און מען האָט געלאַכט און מען האָט

גערשריגן מיט באַנומענע קולות. און די אַרבעטער מיט די גלאַנצנדיקע דאַ־שיקעס האָבן געהאַלטן די מאַכט אין זייערע הענט און קיינער האָט זיך ניט געקאָנט צורירן צום טראַטואַר לעבן „הייזל".

נאָר פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ פּייפן און כהרף עין איז געוואָרן שאַ־שטיל. ווי אַזוי די אַרבעטער האָבן געגעבן אַ רייניק אַפּ די גאַס און עס איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבן איז געווען אַ זאַך וואָס מאַטעק האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין. עס זיינען פון אַלע זייטן אָנגעלאָפן סטראַזשניקעס מיט די לאַנגע שווערדן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט נאָך זיי ווי הינטלעך אויף אַ צוימל; עס זיינען אָנגעקומען אויף דראָזשקעס אויפגערעגטע אַלפאַנסן מיט שטעקלעך און אפילו מעסערס איז די הענט. זיי זיינען געשטאַנען, נישט געזעסן, אין די דראָזשקעס. און זיי זיינען אַרונטערגעשפּרונגען פון זיי נאָך איידער די דראָזשקעס האָבן זיך געקענט אָפּשטעלן. ווער עס איז געווען אויפן טראַטואַר האָבן די אַלפאַנסן פאַרטשעפּעט, דערלאַנגט אַ זעץ אין פּיסק, געגעבן אַ קאָפּע מיטן שטיוול. דער עולם איז זיך צעלאָפן, בלויז אַלטע פרויען אין שייטלען האָבן זיך ניט געשראָקן און זיי זיינען געבליבן שטיין און געשאָלטן די אַלפאַנסן מיט טויטע קללות:

— זאָל אויף זיי קומען אַ וויסטע, אַ שוואַרצע כאַליערע, ליבער גאָט אין הימל!

— מאַכט אַ וואָרע פאַר זיי! זע נאָר, ווער עס גייט, דער טינוף, די טומאה, טפו זאָלן זיי ווערן!

— זיי זאָלן ווערן די כפּרה פאַר אונדז און פאַר כל ישראל, אמן!

די אַלפאַנסן זיינען אַריין אין „הייזל". אַלץ איז דאָרט געווען צעהאַקט, צעבראָכן, צעפליקט. זיי זיינען כסדר אַריין און אַרויס. זיי זיינען געווען גוט אויפגעבראַכט. זיי האָבן זיך געזידלט און געמאַכט קולות; און עס האָט געהאַלטן ביי פּעטש צווישן זיי אַליין. ביז עס איז אָנגעקומען זייער פירער — זאַן אויסגעדאַרט יידל אין אַ האַרטן קאַפּעלוש, וואָס איז אים געלעגן אויף די אויערן. אַלע האָבן זיך איבערגעבויגן איבער אים און פאַרזיכטיק זיך איינגעהערט צו זיינע רייד. און דאַן האָבן זיך די אַלפאַנסן צעשפּרייט איבערן טראַטואַר. ווער עס האָט גערופן אַ דראָזשקע, ווער עס האָט זיך אַרויפגע־כאַפּט אויפן טראַמווי, ווער עס איז אַריין אין אַ טויער און ווער עס איז אַריין אין צעשטערטן „הייזל" און איז געבליבן דאָרט.

אין אָוונט האָבן זיך די אַלפאַנסן אַריינגעלאָזט אין די אָפענע קראָמען. צוויי חברה־לייט זיינען אויך אַריינגעקומען צו מאַטעקן אין קראָם. די מאַמע איז זיי אַנטקעגנגעקומען.

— מאַדאַם, אויב איר ווילט האָבן לייזונג, זאָלט איר אונדז העלפן . . .

אַז די פּאָליציי וועט קומען צו אייך, זאָלט איר זאָגן, אַז די „ציציליםטן" ברענגען אייך אום. איר הערט, מאַדאַם?

טייבל איז געשטאַנען און באַטראַכט די צוויי וואוילע יונגען און זי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. סאַלטשע האָט געקוקט אויף איר און געהאָפט אַז זי וועט שווייגן. עס איז געווען קענטיק, אַז די חבֿרה־לייט זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט און עס איז געווען בעסער זיי ניט אַנטקעגנצורעדן.

ווען זיי האָבן פאַרלאָזן, ניט אַרויסבאַקומענדיק קיין איין וואָרט פון טייבלען, האָט טייבל זיך איבערגעקוקט מיט סאַלטשען און אויסגעפּלאַצט:

— אַשו! ברעכט אייער געניק, נעמט איין אַ מיתה משונה, טפו זאָלט איר מיר ווערן.

אַ פּאָר טעג צייט האָט געדויערט דער טומל אַרום „הייזל". די אַל־פאַנסן האָבן יעדן פאַרנאַכט אָפּגעהיט זייער פאַרמעג און זיי זיינען געווען גרייט אויף געשלעגן מיט די אַרבעטער, נאָר די אַרבעטער זיינען זיך אַרויס פון בירנבוימס פאַבריק ווי ניט זיי האָט מען געמיינט. זיי האָבן זיך ניט אומגעקוקט אויף די אַלפאַנסן און אויפן „הייזל". זיי זיינען געגאַנגען צוזאַ־מען, אין דרייען, אין פירן און עס איז ניט איינגעפאַלן קיינעם פון די אַל־פאַנסן זיך צו פאַרטשעפּען מיט עמיצן.

עס איז אַוועק אַ צייט און ס׳איז געוואָרן שאַ־שטיל. די „מיידלעך" האָבן ווידער שפּאַצירט אויפן טראָטואַר. מער האָט מען זיי נישט געשטערט. די קאַדעטן האָבן זיך מער ניט געוויזן. די אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון די „הייזלעך". זיי זיינען געוואָרן פאַרנומען מיט קאַמפן, אמתע קאַמפן. וואָס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען איבער גאַנץ לאָדזש. עקאָ־נאָמישע סטרייקן, פּאָליטישע סטרייקן, אַרבעטסלאָזיקייט, אומרועג, וואָס זיינען אַרויסגעוואָקסן פון דער נויט, וואָס האָט אַרומגענומען די לאָדזשער אָרעמ־שאַפט, ווי די קוימענס און די רויכן און די ריינשטאָקן, וואָס האָבן זיך איינ־געגלידערט אין דעם צאַפּלדיקן ריז — לאָדזש.

עס איז געווען נאָך פּסח צייט. עס זיינען געשטאַנען לינדע פרילינג־טעג און נעכט. ביי מאַטעקן אין שטוב איז געווען דערשטיקט צו ווערן. דער קומענדיקער זומער האָט געגרוילט אין טייבלס מוח. מען האָט דעם אָטעם ניט געקאָנט ציען אין די פינצטערע חדרים. האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז אַ משפּחה פון צווייטן שטאָק אין זעלבן הויז איז אָפּגעפאָרן אויפן לאַנד פאַר דריי חדשים און פאַר אַ קליינער סומע געלט האָט די משפּחה איינגע־וויליקט, אַז טייבל און איר הויזגעזינד זאָל זיך אַריינקלייבן אין די ליכטיקע, גראַמע צימערן, וואו די זון האָט אַריינגעשיינט פון אַלע זייטן.

אָנהויב מאַי האָט די משפּחה סאַרנע איבערגעלאָזט די צוויי ווילגאָטנע

חדרים און זיך באַזעצט אין די אויבערשטע דריי צימערן. אויך סאַלטשע האָט געגאָסן דערפון. זי און גוטשיאַ האָבן פאַר זיך איצט געהאַט אַ צימער מיטן בעט ביים פענצטער. עס איז אַלעמען געוואָרן ליכטיק אין די אויגן דערפון. די קראָם איז אָנגעגאַנגען ווי שטענדיק. נאָר יעדע פרייע מינוט, וואָס מען האָט געקאָנט פאַרברענגען אויבן אין די וווער־מיר־גוטס־גיבט צי־מערן, איז מען אַרויפגעלאָפן און זיך מחיה געווען מיט דער פרישער לופט.

קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק

בלוט אויף די טראָטואַרן

.1

די פּענצטער פון מאַטעקס ציטווייליקער נייער וואוינונג זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף דער דזשעלנע גאַס. דאָס איז געווען אַזאַ נייעס ביים הויזגעזינד, אַז שעהן־לאַנג איז מען געשטאַנען און אַרויסגעקוקט, ווי אויף גרויס וואונדער. ליפּע האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון פּענצטער. און טייבל האָט זיך שבת נאָכן עסן פאַרקליבן מיטן טייטש־חומש צום פּענצטער און „געזאָגט“ און אַרויסגעקוקט. אפילו די שטענדיק פאַרהאָרעוועטע גוט־שיאַ האָט זיך אויך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון פּענצטער. דאָס וואָרט „פּענצ־טער“ איז געוואָרן אַ נייער בן־בית. „זי שטייט צוגעשמידט צום פּענצטער“, „גיי שוין אַמאָל אַוועק פון פּענצטער“, „צוליבן פּענצטער איז דאָס פלייש פאַרברענט געוואָרן“ א. אַז. וו.

ווי ליב ס'איז מאַטעקן געווען די נייע דירה, האָט עס אים אָבער באַנג געטאָן פאַר איין זאַך: מער איז ער שוין ניט געשלאָפן מיט סאַלטשען אין איין צימער. מען האָט אים אויסגעבעט אויף אַן אויפשטעל־בעטל אין דער קיך און דאָרט איז ער נעבעך געשלאָפן אייניקער אַליין.

געזאָגט האָט מען אין הויז, אַז מאַטעק וועט זומער־צייט אַוועקפאָרן צוריק אין שטעטל אויף די פעריען (קאַניקולעס). דער געדאַנק איז געווען, אַז דאָס שטעטל וועט אים אויסהיילן פון „קליינעם בונד“. זיין דייטשע טאַנטע עמאַ וועט שוין אין אים איינפלאַנצן „אָרדענונג און געמיטלעכקייט“. מאַטעק האָט טאַקע געוואָלט פאַרגעסן זיך פון זיין היים און זיין זומערצייט אין זיין געבורטסאָרט און זיך קאָלערן אויף די גרינע לאָנקעס הינטער דער זשע־לאַנע גאַס.

לאָדזש האָט געקאָכט ווי אַ זודיקער קעסל. מען איז נישט זיכער געווען מיטן לעבן אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. צאַר ניקאָלאַי האָט אַריינגעשיקט נאָך לאָדזש מיליטער פון טיף ראַסעי. מען האָט געזאָגט אַז אין יענעם יאָר, אין אָנהייב פון 1905, האָבן זיך אין לאָדזש געפונען אַ פּאָר פּולקן דראַגונער,

אַ פּולק קאָזאַקן און קאַלמיקן, אַ סך אַרטילעריע און זעקס פּולקן פּיעכאָטע.

עס איז נישט דורך קיין טאָג זאָן אַ דעמאָנסטראַציע. די אָרעמקייט פון באַלוט האָט געשריגן צום הימל. די הויכע קוימענס פון די פאַבריקן אין אַלע טיילן לאָדזש און אומגעגנט ווי ווידזעוו, זגערזש און פּאַביאַניץ, האָבן ווי ריזיקע פויסטן געדראָט צום הימל. די לויות פון אומגעקומענע אַרבעטער, וואָס זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך סאָלדאַטן און דורך פּאָליציי, פאַר פאָדערן ברויט און מענטשלעכע באַדינגונגען אין די פאַבריקן, האָבן גראָד מחיה מתים געווען טויזנטער פאַרשלאָפענע און אָפּגעשטאָנענע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די לויה־דעמאָנסטראַציעס און געזונגען רע־וואָלוציאָנערע לידער און פאָנאָנדערגעשפּרייט די רויטע פאָנען.

מער פון אַלץ האָט זיך אין יענער צייט אָנגעזען אין לאָדזש די ברידער־לעכקייט צווישן די יידישע און קריסטלעכע אַרבעטאָרער. אויף אַ יידישער לויה פון אַ געפאַלענעם אַרבעטער זיינען מיטגעגאַנגען אַ גרויסע צאָל קריסט־לעכע אַרבעטער, וואָס האָבן דעם מת באַגלייט אויפן בית החיים און דאָרט האָט ניט איינמאָל געהאַלטן אַ רעדע אַ קריסטלעכער רעדנער, וואָס האָט גערופן צום קאַמף, וואָס האָט געשוואָרן נקמה צו נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

דאָס זעלבע האָט פּאַסירט, ווען עס איז געפאַלן אַ קריסטלעכער אַרבע־טער. אין דער דעמאָנסטראַציע צום סמענטאַרזש האָבן די מיטגלידער פון „בונד" געטראָגן יידישע לאָזונגען און צווישן די קברים מיט די צלמים האָט זיך געהערט דאָס יידיש וואָרט פון קאַמף און נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון קריסטלעכן ברודער־אַרבעטער.

דער טויט איז געוואָרן אַזאַ אָפטער גאַסט אין די לאָדזשער הויפן, אַז מען האָט זיך געוואונדערט וואָס עס איז אַדורך אַ טאָג אָן אַ לויה אויף די גאַסן. מילא, די שמאָלע, צעקנוידערטע באַלוט איז דאָך געווען ווי אַ פאַר־משפּטע צום אונטערגאַנג. דאָרט האָט געהערשט די סוכאָטע און דאָרט האָט זיך דער מלאך המות באַזעצט צווישן די קליינע קינדער און זיי געשטיקט, ווי אַ געניטע קאַץ וואָס האָט דערטאַפּט אַ נעסט פון יונגע מייזלעך.

אין באַלוט איז געווען אַ מצוה צו שיסן אויף די יידישע אַרבעטער. אַזוי האָט מסתם באַשלאָסן די העכערע מאַכט. נאָר פון באַלוט זיינען אַרויסגעקו־מען די דרייסטע יידישע קעמפער און פאָנען־טרעגער. אין באַלוט זיינען מענטשן געפאַלן פון הונגער, נאָר אין באַלוט זיינען די אונטער־וועלט חברה און די מערדערישע פּאָליציי אַוועקגעפאַלן פון „קנײדלעך" (קוילן) און קלעפּ.

אין לאָדזש האָבן געקראַכט באָמבעס מיט אַ רעגולערקייט פון אַ זייגער אין יענער צייט. קאָזאַקן זיינען אַרומגעריטן איבער די גאַסן מיט בלויזע

שווערדן און געהאַקט איבער די קעפּ פֿון סטרייקערס. די פֿאַבריקאַנטן זיינען געווען אַזוי צופֿרידן פֿון די ווילדע קאָזאַקן, אַז זיי האָבן באַשלאָסן זיי אויסצוהאַלטן אויף דער אייגענער רעכענונג. נאָר אויך ניט איין קאָזאַק האָט זיך אַראָפּגעקייקלט, ניט ווילנדיק, פֿון זיין געטריי פֿערד און איז געבליבן ליגן אויסגעצויגן, ביז מען האָט אים אַוועקגעטראָגן אויף יענער וועלט. די דאָנער קאָזאַקן האָבן אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף דער שטאָט, נאָר דאָס האָט נאָך פֿאַרשטאַרקט דעם צאָרן פֿון די אַרבעטער און מען האָט זיך גענומען פֿאַרטיידיקן קעגן מיליטער מיט רעוואָלווערן אין די הענט.

יידן מיט לאַנגע בערד, אַלטע פּאָליאַקן מיט פֿאַרדרייטע וואָנצעס, פֿרויען מיט שאַלן און קינדער מיט נאַסע נעזלעך — אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין די גאַסן־שלאַכטן. עס איז געווען מלחמה — מלחמה קעגן דער ביטערער נויט, קעגן די באַלעבאַטים, יידישע, פּוילישע, דייטשע, וואָס האָבן געוואָלט אויסהונגערן די אָרעמע באַפֿעלקערונג.

פֿאַר מאָטעקן איז די רעוואָלוציע פֿון 1905 געווען זיין רעוואָלוציע. ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין אַנדערע שטעט און עס האָט אים אויך ניט געהאַט אינטערעסירט. צו יונג איז ער געווען. נאָר לאָדזש איז געווען זיין לעבן. פֿון איין זייט זיינען געשטאַנען: דער פּאָליצייִמייסטער, דער פּריסטאַוו, דער רעווירנאָווע, דער סאָלדאַט מיטן פֿריקלאַד, דער סיסטשיק, און הינטער זיי — דער פֿאַבריקאַנט: פּאָזנאַנסקי, ראָזנבלאַט, שייבלער, גייער, בירנבוים, היינצל און קוניצער, שטייגער, גראָמאַן, זילבערשטיין. יעדער נאָמען פֿון אַ פֿאַבריקאַנט האָט זיך איינגעקריצט ביי מאָטעקן אין האַרצן. ער האָט געוואוסט: די „גיכע הילף" איז געלאָפֿן אַהין. דאָרט האָט מען אַן אַרבעטער דערשאָסן אויף טויט אָדער אַ צאָל אַרבעטער פֿאַרוואונדעט. פֿאַרוואָס? ווייל די אַרבעטער האָבן געפֿאָדערט בעסערע באַדינגונגען, מער ברויט פֿאַר זייערע קינדער. דערפֿאַר האָט מען זיי געשאָסן. ווער? דעם צאַרס פּאָליציי. דער צאַר און דער פֿאַבריקאַנט איז איינס.

אויף דער צווייטער זייט זיינען געשטאַנען: דער בונד, די פּ. פּ. ס., די ס. ד., די אָנגעמער פֿאַר די אַרבעטער, די אַרבעטער און אינטעליגענטן וואָס האָבן זיך מקריב געווען פֿאַר דער רעוואָלוציע. מיט זיי איז געשטאַנען די אָרעמקייט. באַלוט, ווידזעוו, דזשעלנע גאַס האָט זיך פֿאַראייניקט מיט „מרדכי גבאַיס" גאַס, די פּעפּער גאַס האָט אַרויסגעשטעלט אַ פֿייג דער אַריסטאָקראַטישער פּיעטריקאָווער גאַס.

מאָטעק האָט איינגעטיילט זיין אַרומיקע סבֿיבֿה אין „פֿאַר" און „קעגן". די שפּילערייען וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין זיין הויף האָבן אויך געטראָגן דעם כאַראַקטער פֿון „פֿאַר" און „קעגן אונדז". דער באָרדעל איז „קעגן

אונדזי״, נאָר די מיידלעך? וועגן דעם איז אָנגעגאַנגען אַ דעבאַטע אין זיין מוח. זיין חבר לייבטשע האָט געפּסקנט, אַז אויך זיי זיינען „קעגן אונדזי״, ביז עס זיינען אָנגעקומען די יונגינקע שיקסלעך פון רוסלאַנד, די פּופּצן־יעריקע, וואָס זיינען נאָך אַליין געווען קינדער. דאָן האָט אפילו לייבטשע געצווייפלט, צי מען זאָל זיי באַטראַכטן פאַר שונאים פון דער רעוואָלוציע. מאַטעק האָט באַשטימט ביי זיך, אַז זיי זיינען ניט „קעגן״ און ניט „פאַר״, נאָר נאָכן אָנפאַל אויף זיי פון די אַרבעט־ער האָט ער באַטראַכט פאַר „קעגן״.

אַ סך זאַכן זיינען מאַטעקן ניט געווען קלאָר און ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט ספקותן. זיין פעטער בעריש ביי וועמען ס׳איז אָנגעגאַנגען דער סטרייק איז זיכער קעגן דער רעוואָלוציע. נאָר זיין פרוי, די מומע פייגע? און אירע קינדער? מאַטעק האָט באַשלאָסן, אַז ער איז ניט אַזוי האַרט ווי לייבטשע, וואָס האָט געפּסקנט: „קעגן״. מאַטעק איז געווען גוטהאַרציק. די מומע פייגע און אירע קינדער וואָלט ער אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציע.

וואָס טוט מען מיטן טאַמאַשאָווער פעטער? קיין אָנגעשטעלטע אַרבעטן ניט ביי אים. קיין סטרייקס קומען ביי אים ניט פאָר. זיין פרוי העלטשא איז די גוטסקייט אַליין. לאָמיר זיי אַריינרעכענען אין אונדזער קרייז. נאָר דעם אָנקל גוסטאַוו — אַ מכה. אָי, ער האָט אַזוי פיל געטאָן פאַר מאַטעקן און זיין הויז? דאָ איז מאַטעק געוואָרן האַרט, און אָנגענומען דעם אָנקל גוסטאַווס טאָן: „שוועסטער, נישט נאָכגעבן! אין קיין פאַל נישט נאָכגעבן!״ דער אָנקל גוסטאַוו איז אַ בלוטיקער שונא פון דער רעוואָלוציע. אַז די צייט וועט קומען, וועט מען זיך מיט אים אָפּרעכענען. ווען ער וועט אויסוואַקסן, מאַטעק, וועט ער אים זאָגן: „אָנקל, די רעוואָלוציע שטייט העכער״. ביים אָנקל זיינען פאַרגעקומען סטרייקן אין דער פאַבריק. דער אָנקל האָט געהייסן נישט נאָכגעבן.

און עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און די אַרבעטער האָבן דעם אָנקל גוסטאַוו מיט געוואַלד אַרויסגעוואָרפן פון זיין קאַנטאָר און טאַקע מכבד געווען מיט אַ פּאָר גוטע קלעפּ. מאַטעק האָט דערפון געהערט. די גאַנצע שטאָט האָט דערפון געהערט. די מאַמע און דער טאַטע און גוטשיא און, נאַטירלעך, סאַלטשע, האָבן דערפון געהערט. דער אָנקל האָט זיך אַ צייט לאַנג ניט געוויזן ביי מאַטעקן אין הויז. די מאַמע האָט אָנגעזאָגט מאַטעקן, אַז ווען דער אָנקל גוסטאַוו וועט קומען, זאָל ער, חס ושלום, ניט וואָגן עפענען זיין מויל און פרעגן זיינס אַ קלאָץ קשיא. ניט דערמאָנען, זיך מאַכן, אַז מען ווייס גאָרניט. וועט דער אָנקל רעדן, — אים אויסהערן מיט רעספּעקט און שווייגן. אַרויסווייזן סימפּאַטיע וועט די מאַמע אַליין.

ווען דער אָנקל איז אין אַ צייט אַרום אַריינגעקומען אין הויז, איז ער

געוועזן אַנגעצויגן, זיך געזאַמט אַ צען מינוט, ניט גערעדט אַ וואָרט וועגן דער געשעעניש און זיך נאָכגעפרעגט בלויז אויפן געזונט און אויף דער לייזונג. די מאַמע האָט געפרעגט וועגן זיין פּרוי, וועגן איר געזונט און וועגן אַנקלס געזונט.

אין דער פּראָ־גימנאַזיע האָט מאַטעק אויך געהאַט זיין מאָס „פּאַר" און „קעגן". און אויך דאָ איז אים געווען שווער צו פאַנאַנדערקלייבן זיך ווער איז אַ פריינט פון דער רעוואָלוציע און ווער איז אַ שונא. איז דער פּרינציפּאַל שאַקין — אַ נאַש בראַט? מאַטעק האָט געזוכט און גענישטערט אין שאַקינס רייד, אין זיינע באַמערקונגען. עס האָבן זיך געפונען אַ צאָל שילער אין דער פּראָ־גימנאַזיע, וואָס זיינען געווען „אָנגעשטעקט", וואָס האָבן „באַלאַנגט". מאַטעק, דערצויגן פון דער גאַס און פון זיין הויף, אויף קאָנספּיראַטיווע גענג, איז גיך באַפריינדט געוואָרן מיט זיי און אין דער שטיל האָט מען איינע די אַנדערע איבערגעגעבן וואָס עס הערט זיך אויפן שלאַכטפעלד: וואו עס וועט פאָרקומען אַ דעמאָנסטראַציע, אַ פּאָליטישע לויה, אַ סכאָדקע, אַ „חתונה". נאָר ווען מאַטעק האָט געוואָלט ביי די „אונדזעריקע" שילער אויסגעפינען, צי הער שאַקין איז „פּאַר" אָדער „קעגן", האָט יעדער שילער געהאַט אַן אַנדער מיינונג.

אויך וועגן דעם באַליבטן העברייאישן לערער, דעם פּאָפּולערן פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן, האָט מען געוואוסט, אַז ער איז ניט קעגן. ער איז אַ ציוניסט, און, יש אומרים, אַז ער איז אַ סימפּאַטיקער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

נאָר וועגן איין לערער זיינען אַלע געווען זיכער. דאָס איז געווען דער רעגירונג־לערער פון רוסיש און רוסישע געשיכטע, מיכאַאיל פּעטראָוויטש קאַראָטקעוויטש. ער האָט געטראָגן דעם מונדיר פון גימנאַזיע־לערער, מיט מעשענע קנעפּ. זיין גאַנצע האַלטונג און הולך איז געווען שטייף, נאָר ווירדיק. ער איז געווען אַן עלטערער מאַן, מיט קורץ־געשאָרענע זאַמדיקע האָר, עטוואָס העכער פון מיטלוואוקס. נאָר קעגן דעם זייער הויכן שאַקינען, האָט ער אויסגעקוקט קליין. שאַקין האָט גערעדט הויך, קוויטשיק. קאַראָטקעוויטש האָט געהאַט אַ קול, וואָס איז געווען אי מילדה, אי שטאַרק אין דער זעלבער צייט. די שילער פון מאַטעקס צד האָבן גלייך דערפילט, אַז קאַראָטקעוויטש איז אַנדערש. פאַרוואָס לערנט ער נישט אין דער רעגירונגס־גימנאַזיע? ענטפער: מסתם האָט מען אים פון דאָרט אויסגעשלאָסן. פאַרוואָס? נישט פאַר שיכורן. געווען אַ סך לערער אין דער גימנאַזיע וואָס זיינען געווען באַ־זאָפן און דאָך האָט מען זיי נישט געטשעפּעט. קאַראָטקעוויטש איז געווען דער בעסטער, דער אינטערעסאַנטסטער לערער אין שאַקינס שול. בעת אַנ־

דערע לערער האָבן גערעדט וועגן זיך, האָט קאַראַטקעוויטש קיינמאָל קיין וואָרט וועגן זיך ניט אַרויסגעזאָגט. און דאָך האָבן די שילער וואָס האָבן געזוכט, געפונען. זיי האָבן אין קאַראַטקעוויטשעס לעקציעס דערשמעקט זיין רעוואָלוציאָנערן גייסט. ער האָט גערעדט וועגן דער שלאַכט פון באָראָדינאָ און דערציילט וועגן גראַף לעוו טאָלסטאָי, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין טיטול און וואָס האָט ניט געגלויבט אין רייכקייט און וואָס האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף לערנען ביים פּשוטן פּויער און אַז דער וואָס קאָן אַליין מאַכן אַ פּאָר שיך, איז מער חשוב געווען ביי אים, ווי דער וואָס האָט געירשנט גי־טער און טיטולן.

קאַראַטקעוויטש האָט אין אַ יום־טוב געטראָגן זיינע מעדאַלן. נאָר ווען די שילער האָבן אים געפרעגט וועגן זיי, האָט ער דערקלערט, אַז ער האָט זיי פאַרדינט, אָבער עס איז ניט דער מעדאַל, נאָר דאָס וואָס עס טוט זיך אָפּ אין האַרצן ביים מענטשן איז וויכטיק.

איינמאָל האָט אים אַ שילער אין מאָטעקס קלאַס געפרעגט וועגן סיביר. צו דער פאַרוואונדערונג פון קלאַס, איז קאַראַטקעוויטש געוואָרן סענטימענ־טאַל און גערעדט מיט אַ פאַרהוילן קול, וואָס איז געווען פאַרשטיקט פון עמאָציע. „סיביר", האָט ער געזאָגט שטיל, נאָר וואַרעם, „איז אַ קבר פאַר טויזנטער פאַרשיקטע. סיביר איז אָבער אויך אַ הייליקער טעמפּל פאַר אונדז לעבעדיקע. סיביר איז אַ וואונד אויפן קערפּער פון מאַטושקאַ ראַסיאַ. סיביר איז זייער ווייט פון אונדז, נאָר סיביר איז איינגעבאַקן גאָר נאָענט אין אונדזערע הערצער."

דער קלאַס איז געבליבן שטיל. קיינער האָט ניט געפרעגט. קיינער האָט ניט איבערגעזאָגט. נאָר מאָטעקס צד איז געווען איבערצייגט, אַז קאַ־ראַטקעוויטש איז „איינער פון אונ־זער חדר".

ווען קאַראַטקעוויטש האָט אין אַ יאָר אַרום פלוצלינג פאַרלאָזן שאַקינס פּראָ־גימנאַזיע און ער איז צוריקגעפאָרן אין זיין געבורטשטאָט אָריאָל, האָט מען זיך דערוואוסט דעם אמת, אַז קאַראַטקעוויטשעס איינציקער זון איז געווען אַ הייסער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אומגעקומען אויף דער תליה אין סיביר.

3.

זינט מאָטעק האָט געוואוינט אין לאָדזש איז פאַר אים דער ערשטער מאַי געוואָרן אַזאַ הייליקער טאָג, ווי ביים טאַטן ראש השנה און יום כיפור. דער טאָג איז ביי אים געוואָרן פאַרכטיק ווי ביי זיין טאַטן. די שטאָט האָט געציטערט ווי פרומע יידן ערב אַ יום הדין. מען האָט געוואוסט, אַז אַרבעטער־

בלוט וועט זיך גיסן יענעם טאָג, מען האָט אָבער אויך זיך געריכט, אַז מען וועט ווייזן פּאָניע גנבֿ, אַז די רעוואָלוציע שטאַרקט זיך, אַז די רייען ווערן געדיכטער, אַז די רויטע פאָנען פלאַטערן דעם ערשטן מאַי.

האָט מען פאַר קיין פאַל מאַטעקן נישט געקאָנט איינהאַלטן אין שטוב דעם ערשטן מאַי. מען האָט אפילו גערעדט אין הויז וועגן צונעמען ביי אים די שיך יענעם טאָג און זאָל ער זיצן אין הויז. נאָר מאַטעק פלעגט אויפשטיין אַזוי פרי דעם ערשטן מאַי, אַז דער טאַטע האָט אים שוין ניט געפונען, מיטצונעמען צום דאַוונען. אגבֿ, איז דער טאַטע, נאָך דעם אָנפאַל אויף אים פון קאַלמיק, מער נישט אַרויסגעגאַנגען אין גאַס מאַי דעם ערשטן. אויך סאַלטשע האָט פון ערשטן טאָג אָן געהאַט דערקלערט, אַז דער ערשטער מאַי איז איר יום־טובֿ, דער יום־טובֿ פון אַלע אַרבעטנדיקע און זי איז דאַן אַהיים געקומען שפּעט אין אָוונט.

ווען עס האָט זיך דערנעענטערט דער ערשטער מאַי פון 1905 איז די לופט אין לאָדזש געווען אָנגעלאָדן מיט פּולווער. פון יאַנואַר אָן זיינען געהאַט פאָרגעקומען אָן אַ שיעור בלוטיקע שיסערייען צווישן די אַרבעטער און דער פּאָליציי. די רוסישע מאַכט האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז די אַרבעטער זאָלן ניט וואַגן צו דעמאָנסטרירן דעם ערשטן מאַי און דערפאַר האָט זי אין משך פון אַלע פריערדיקע הדשים אָנגעהאַלטן אַ כסדרדיקן טעראָר אויף די גאַסן פון לאָדזש.

סוף יאַנואַר זיינען 2 אַרבעטער געטויט געוואָרן און דריי פאַרוואונדעט געוואָרן אויף גייערס מאַרק פון דער פּאָליציי. איבער הונדערט טויזנט אַרבעטער האָבן דאַן פאַרסטרייקט. די טראַמוואַיען זיינען ניט געגאַנגען, די ציַיטונגען זיינען ניט דערשינען און די געשעפטן זיינען געווען פאַרמאַכט.

אין חודש פעברואַר איז אין דער ווידזעווער מאַנופאַקטור פאַבריק פאַרגעקומען אַ שלאַכט צווישן די קאָזאַקן און די באַיעוויקעס. דריי קאָזאַקן זיינען דערהרגעט געוואָרן און ניין אַרבעטער זיינען אומגעקומען און צוואַנציק פאַרוואונדעט געוואָרן. ביי היינצל און קיניצערס פאַבריק זיינען אין זעלבן חודש אומגעקומען פון פּאָליצייאישע און מיליטערישע קוילן פינף אַרבעטער און 26 זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

די אָפיציעלע ציפערן וואָס די פּאָליציי האָט אַרויסגעלאָזט האָבן דערציילט, אַז אין די לעצטע צוויי וואָכן אין יאַנואַר זיינען אין לאָדזש פאָרגעקומען 12 צוזאַמענשטויסן ביי וועלכע 27 אַרבעטער האָבן זייערע לעבנס פאַרלאָרן און 83 זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

אין חודש מערץ האָבן קאָזאַקן מיט זייערע שווערדן פאַרוואונדעט 14 אַרבעטער ביי פּאָזנאַנסקיס פאַבריק.

אין חודש אַפּריל האָט מאָטעק מיט צעפּלאָמטע באַקן דערציילט דער ערש־טער די נייעס אין זיין היים, אַז דער הונט, דער היצל שאַטאַלאָוויטש, דער פּריסטאַוו פון צווייטן אוטשאַסטאָק, וואָס האָט מיט אַ פּיסטאָל אין האַנט דער־שאָסן דעם פּוילישן פּאַנען־טרעגער טאָמאַש בזשענזשאַק, בעת אַ דעמאָנסטראַ־ציע, האָט געכאַפּט זיינס. די באַיעוויקעס פון דער פּ. פּ. ס. האָבן געוואָרפן אַ באָמבע אויף אים און ער איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער.

און ווען ס'איז געקומען דער ערשטער מאַי האָט דאָס גאַנצע הויז זיך געבעטן ביי מאָטעקן, אַז ער זאָל זיצן אין דער היים, אַז ער זאָל זיך פאַר־שטעכן אַ פּוס, אָדער כאַפּן אַ צוג (זיך פאַרקילן). מען האָט זיך געריכט אויף אַ בלוט־באָד.

בלוט האָט זיך טאַקע געגאָסן ערב און אין דעם ערשטן מאַי, נאָר די אַרבעטער האָבן נקמה גענומען פאַר יעדן טעראָר־אַקט קעגן זיי. עס זיינען ערב דעם ערשטן מאַי געווען דריי אַרבעטער־קרבנות אויף דער וואָסכאָדניע גאַס. דערפאַר האָט מען אָבער דאָן אויך אָוועקגעלייגט דעם רעוויראָווע, וואָס האָט געשאָסן אויף אַן אַרבעטער און מען האָט אָפּגעראַמט פון וועג דעם סיסטשיק אַנטאָני קאַמינסקי און אָנגעבראָכן די ביינער אַ פּאָר פּאָליציאַנטן.

דער גאַנצער חודש מאַי איז אַדורך מיט שיסערייען און פּייפערייען, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז עס קומען פאַר אָנפאַלן. פאַר יעדן געשאָסענעם אַר־בעטער, האָט מען אָוועקגעלייגט אַ געהיים־אַגענט אָדער אַ פּאָליצייסקן.

פון 15טן מאַי האָט זיך אָנגעהויבן באַמערקן אַ נייער אויפברויז צווישן די מאַסן אין לאָדזש. די פאַבריקאַנטן זיינען געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט דער פּאָליציי. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די צייט איז געקומען צו דער־שטיקן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט אין די פאַבריקן. מען האָט זיך אַ נעם געטאָן אָפּשאַפן געוואונענע באַדינגונגען. דער הונגער האָט גענומען וואַר־טשען אין די ניט־באַלויכטענע געסלעך פון באַלוט. אַרבעטער האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן פאַרזאַמלען אויף די גאַסן און פון זיך אַליין געצאַרנט קעגן די אַרבעט־געבער. עס האָבן אָנגעהויבן אויסברעכן נייע סטרייקן. עס האָבן ניט נאָר געסטרייקט די גרויסע טעקסטיל־פאַבריקן, נאָר אויך די גאָר קליינע פאַבריקלעך פון פאַרשיידענע צעכן, שלאָסער, טישלער, מאַלאַרעס, דרוקערס, זאַקן־אַרבעטער, שניידער. די הויפּט־פאָדערונג איז דאָן געווען: אַ צען־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג.

וואָס האָבן, דאַכט זיך, די דאָנער קאָזאַקן געהאַט צו טאָן מיט די פאָדע־רונגען פון אויסגעמאַרעטע יידישע אַרבעטער פון באַלוט? נאָר שוין זיינען זיי דאָ געווען מיט זייערע צעווילדעוועטע פערד און מיט די נאַגאַיקעס און

אָפּט מיט בלויזע שווערדן האָבן זיי געהאַקט איבער קעפּ פון די אַרבעטער און געשאָסן אין די היימען אַריין.

דעם 26טן מאַי האָט די פּאָליציי געשאָסן אויף די סטרייקערס פון גראָ־מאַנס פאַבריק און דערהרגעט איין אַרבעטער און צוויי אַרבעטער שווער פאַר־וואונדעט. נאָך איידער מען האָט געקאָנט דורכפירן די לויה אויף דעם אומגעקומענעם אַרבעטער, איז די שטאָט אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ שרעקלעכער פּאַסירונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם קומענדיקן טאָג, דעם 27טן מאַי. אין דער פּאַסירונג האָט זיך באַטייליקט מאָטעק און אַזוי ווי די געשעעניש איז פאָרגעקומען אין אַ שבת, האָט מאָטעק דאָס געהאַט אויסבאַ־האַלטן פון זיינע עלטערן. נאָר ווען ער איז אַהיים געקומען ווייס, ווי קאַלך און עס האָט אין אים געציטערט יעדער אבר, האָט די מאַמע געגעבן אַ וואונק צום טאַטן, אַז מען זאָל ניט מאַכן קיין חתונה, נאָר אים געבן מאַ־לינעס מיט זאַפט.

די איינציקע וואָס האָט געוואוסט, וואו מאָטעק איז געווען יענעם שבת, איז געווען סאַלטשע.

קאַפּיטל דריי־און־צוואַנציק

לאָדזש, יוני, 1905

.1

דעם 27טן מאַי איז געווען אַ „גאַלאָוועקע", אַ חגא. מאָטעק האָט געוואוסט, אַז יענעם שבת וועט פּאַרקומען אַ דעמאָנסטראַציע פון סטרייקנדיקע אַרבעטער פון גראָמאַנס פּאַבריק, וואו דער פּוילישער אַרבעטער יעזשי גראַבטשינסקי איז געטויט געוואָרן פון דער פּאָליציי. אין דער שבתדיקער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך געזאָלט באַטייליקן די קינדער פון די סטרייקערס און אַ צאָל שילער פון דער האַנדל־שול און פון אַנדערע שקאָלעס.

צוליב דעם אָנטייל פון די קינדער איז באַשלאָסן געוואָרן זיך ניט לאָזן פּראָוואָצירן פון מיליטער און זען דורכפירן די דעמאָסטראַציע אויפן פרידלעכסטן אופן. מען איז געגאַנגען און געזונגען. מען האָט געוואָרפן רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. אַלץ איז צוגעגאַנגען רואיק. מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן זעלנער, אַ צען סאָלדאַטן. אָן וועלכער ס'איז וואָרנונג האָבן זיי אויסגעצויגן די ביקסן און געשאָסן גלייך אין דער קינדער־ריי אַריין. צוויי יינגלעך זיינען אַוועקגעפאַלן און זיך באַגאָסן מיט בלוט.

מאָטעק איז געגאַנגען אין דער דעמאָנסטראַציע מיט זיין שול־חבר ישראל רובין, וואָס איז געווען אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף, וועמעס פאָטער איז געווען אַ בוכהאַלטער און אַ מיטגליד פון דער פּ. פּ. ס. ישראל איז געווען צווישן די טעטיקסטע יינגלעך אין שאַקינס פּראָ־גימנאַזיע. מאָטעק האָט אין ישראלן געפונען דאָס, וואָס עס האָט געפעלט זיין חבר לייבטשען. ישראל האָט געלייענט ערנסטע ביכער און ער איז געווען קלוג און דערצויגן אין גייסט פון רעוואָלוציע. מאָטעק האָט אַרויפגעקוקט צו ישראלן און געפונען אָן ענטפער אויף זיינע פראַגעס ביי זיין חבר־שילער.

עס איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז די שילער פון שאַקינס פּראָ־גימנאַזיע זאָלן גיין אין אַ געשלאָסענער ריי, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ישראל רובין. מאָטעק האָט זיך געפילט שטאָלץ, וואָס ישראל האָט אים אויסגעקליבן צו גיין ביי זיין זייט. ווען די סאָלדאַטן האָבן געגעבן אַ צי אויס די לאַנגע

ביקסן, האָט דאָס מאָטעק דער ערשטער אין דער ריי באַמערקט און אַ פּאַר־ציטערטער אַ כאַפּ געטאָן ישראלס האַנט:

— סראָליק, זע וואָס זיי טוען!

און ישראל איז געבליבן שטיין, ווי פאַרגליווערט און מיט אים די גאַנצע ריי. נאָך איידער מאָטעק האָט געקאָנט צוזאַמענזעמען די געדאַנקען, האָבן די קוילן געגעבן אַ בליץ־שנעלן פייף דורך זיינע אויערן און ער האָט גע־געבן אַ פאַרמאַך די אויגן פון פחד.

גלייך האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי, וואָס איז געקומען פון די קעלן פון הונדערטער אַרבעטער און פון דעם עולם, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פון די באַלקאָנען. דאָס אויסגעשריי איז געווען איין ריזיקער „אָ־ה־ה!!!"

מאָטעק האָט אָנגעהויבן אין גאַנצן צו ציטערן און זיך געהאַלטן לעבן ישראלן, וואָס איז אַליין צעטומלט געוואָרן, זעענדיק ווי עס איז געוואָרן אַ געלאָף. באַלד האָט זיך ניט ווייט פון זיי, אַ צוויי רייען פאַר זיי, באַוויזן אַ פּאָליציאַנט, אַן אָנגעגאָסענער מיט פעטס און מיט אַ בלוילעך־רויטן קאַרק און פאַרדרייטע גראָבע וואָנצעס. ער האָט זיך איבערגעבויגן צו דער ערד, וואו עס איז געלעגן אַ ייִנגל ווי אַ זעקל מיט שמאַטעס, און ער האָט אַרויס־געלאָזט אַ „סוקין סין" און מיטן שטיוול געגעבן אַ שטופּ דאָס פאַרוואונדעטע ייִנגל אין רינשטאָק אַריין.

די דעמאָנסטראַנטן האָבן אַרומגערינגלט די קינדער און געמאַכט אַ וואַך, אַז זיי זאָלן קאָנען פאַרלאָזן די ערשטע אונטער דער פייערשאָפט פון באַיאָנו־נעטס. נאָכדעם ווי די קינדער זיינען געווען אויסער געפאַר, איז דער עולם ווי ניט־געוואָרן. מאָטעק און ישראל און נאָך אַ פּאָר שילער זיינען געלאָפן פון דער ווסכאָדניע גאַס, וואו די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען און זיך פאַרדרייט אין אַ זייטיק געסל און געבליבן שטיין אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

— מאָטעק, קוקסט אויס ווי אַ מת, גיי אַהיים און האָב ניט מורא. אַ רע־וואָלוציאָנער דאַרף זיך אויסלערנען ניט מורא צו האָבן, — האָט געזאָגט ישראל.

— און דו, סראָליק, ביסט גרין און געל. האָסט געזען דאָס ייִנגל וואָס איז געלעגן אין בלוט און נאָך אַ ייִנגל, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַרן בויך? איך האָב אַלץ געזען און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אָנהויבן ברעכן. עס האָט מיר גענומען בורטשען אינווייניק אין די געדערים, — האָט מאָטעק געזאָגט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

ווען מאָטעק איז אַהיים געקומען, האָט ער נאָך אַלץ געציטערט. ער האָט ניט געהאַט צו וועמען קיין וואָרט אויסצורעדן. ווען סאַלטשע זאָל דאָ זיין, וואָלט אים לייכטער געוואָרן. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט דאָרט אויך זיין.

עס איז שוין געווען פינצטער. סאַלטשע איז נאָך ניט געווען. מאָטעק האָט זיך ניט געקאָנט קיין אָרט געפינען אין הויז. אין גאַס האָט ער מורא געהאַט אַרויסצוגיין. ער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, אַז עס זאָל ווערן שפּעט און ער זאָל קאָנען גיין שלאָפן. שבת־צו־נאַכט איז מען אין הויז אויף געווען לענגער ווי תמיד. ענדלעך האָט מאָטעק זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט אַ קאָפּ־ווייטאָג און וויל זיך צולייגן.

— גיי, לייג זיך, ווער לאָזט דיך ניט? — האָט די מאַמע געזאָגט און אים נאָכגעקוקט, פאַרדעכטיקנדיק, אַז עפּעס איז מיט מאָטעקן פאָרגעקומען.

זי האָט זיך געשראָקן טאָמער וועט מען אים קומען זוכן. זי האָט אי־בערגערעדט מיט ליפּען, אַז מ׳דאַרף זוכן אין מאָטעקס זאַכן. און גלייך ווי מאָטעק האָט די אויגן פאַרמאַכט, איז די מאַמע אַרייַנגעקומען אין קיך און אויסגעלייידיקט זיינע קעשענעס. אויסער אַ פּאָר אַלטע מטבעות, האָט זי גאָרניט ניט געפונען.

אינמיטן נאַכט איז מאָטעק אויפגעוועקט געוואָרן פון טיפן שלאָף. ער איז געווען איבערגעשראָקן, נאָר ער האָט דערפילט אויף זיין שטערן אַ וואַ־רעמע האַנט.

— דאָס בין איך — סאַלטשע, מאָטעק. ביסט אַרויס אַ גאַנצער פון דער דעמאָנסטראַציע. איך האָב זיך אַזוי געשראָקן. ש . . . ש . . .

זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן. דאַן האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בעטל און געגלעט זיין פּנים.

— אַ גוטע נאַכט, יינגל, זאָלסט גומל בענטשן מאָרגן אויך פאַר מיר, — האָט סאַלטשע אים געגעבן אַ קניפּ אין באַק און זי איז אַרויס אַ באָרוועסע.

.2

פון די צוויי יידישע ייִנגלעך, וואָס זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן ביי דער שבתדיקער דעמאָנסטראַציע, איז איינער געשטאָרבן, אין פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל. ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר. מאָנטאָג פאַרנאַכט איז פאָרגע־קומען זיין לויה.

מאָטעקס עלטערן זיינען געווען אַנטשלאָסן ניט צו לאָזן מאָטעקן גיין צו דער לויה. זיי האָבן שוין געהאַט געוואוסט, אָדער זיך געהאַט אָנגעשטויסן, אַז מאָטעק איז געווען אין דער שבתדיקער דעמאָנסטראַציע. זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז ביי דער לויה וועט זיין אַ נייע הריגה. אויב די פּאָליציי־מאַכט שיסט שוין אין קינדער, איז שוין עק וועלט.

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אויב מאָטעק וועט גיין צו דער לויה, וועט זי דאָס ניט אויסהאַלטן. אירע נערוועז זיינען שוין אַזוי אויך צעשרויפט און

איר געזונט־צושטאַנד איז אונטערגעגראָבן געוואָרן פון די צרות און עגמת־נפשן וואָס מאָטעק האָט איר די גאַנצע צייט פאַרשאַפט.

מאָטעק האָט געוויינט, אַפּעלירט, געזאָגט, אַז ער וועט סיי ווי שטאַרבן ווי אַ רעוואָלוציאָנער, צי זיי וועט עס אָנשטייין אָדער ניט. ער איז ניט בעסער פון דעם ייִנגל וואָס איז געפאַלן אַ קרבן.

עס האָט אים אָבער גאָרניט ניט געהאָלפן. עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען דעם טאַטנס אַ וואָרט האָט אויף אים געווירקט אַזוי, אַז ער האָט ניט געוואָגט צו ווידערשפּעניקן. דער טאַטע האָט געזאָגט: „דו וועסט ניט גייך, איך זאָג דיר, אַז דו וועסט ניט גייך. וועסט דער מאַמען דעם צער ניט אָנטאָן".

מאָטעק איז געזעסן ביים פענצטער און זיינע געדאַנקען זיינען געווען אויף דער לויה.

צומאָרגנס האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אין איר האָבן זיך באַטייליקט אַ צען טויזנט מאַן, יידן און קריסטן. פאַראויס זיינען געגאַנגען אַרום דריי הונדערט קינדער, אין געשלאָסענע רייען. קאָזאַקן אויף פערד האָבן געוואַרט אין די גאַסן־ווינקלען, נאָר זיי האָבן דאָס מאָל קיינעם ניט געטשעפּעט. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער אויף יידיש און פּויליש. פאַרן אָרון האָט מען געטראָגן אַ שוואַרצע פאָן און הינטערן אָרון האָבן געפלאַטערט רויטע לענטעס.

דער טויט פון צוועלף־יעריקן יידישן ייִנגל האָט אויפגערודערט די יידישע און ניט־יידישע סטודענטשאַפט פון לאָדזש. אין יעדער שקאָלע האָבן זיך פאַרמירט רעוואָלוציאָנערע שילער־קרייזן און די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן האַלטן אַן אויג אויף סטודענטן אין מונדירן.

דער אָנקל גוסטאַוו איז געווען אָנגעצויגן. די לאַגע אין לאָדזש האָט יעדן איינעם געמאַכט נערוועז. דעם כעס האָט מען געוואָלט אויסלאָזן צו די בונטאָווטשיקעס. פרומע יידן האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף די פּושעי־ישראל אין חרם אַריינלייגן. עס איז געוואָרן יד אחת — פּאָליציי, פאַבריקאַנט, דער קלער.

פאַר מאָטעקן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערע צייט. ער האָט געפילט, אַז זיינע טעג אין שאַקינס שול זיינען געציילטע. דער אָנקל גוסטאַוו וועט אים מער ניט אויסהאַלטן. די טאַנטע רעגינטשאַ וויל זיך זאָרגן פאַר זיין שוועסטער מלכה און דאָס איז גענוג פאַר איר. זיינע עלטערן וועלן זיין העכסט צופרידן, ווען מאָטעק וועט מער אין פּראָ־גימנאַזיע ניט קאָנען גייך.

דערווייל האָט די מאַמע אים צוגעגרייט צו דער יאַזדע צוריק אין שטעטל אַריין. זאָל ער זיך אָפּרוען דאָרט. זאָל ער אַרויסנעמען די ציג אויף דער

לאָנקע. זאָל ער דורכלופטערן זיין דייטשע שפּראַך ביי דער טאַנטע עמא. הלואי וויל ער אײַנגאַנצן בלייבן ביים פעטער מאיר און אים העלפן אין זיינע געשעפטן.

מאַטעק איז געווען פאַרזאָרגט. ער האָט ליב געהאַט דאָס לערנען. ער איז געווען אַ גוטער שילער. אים איז געווען שטאַרק אַ שאָד זיך צו שיידן מיטן לערנען. עס האָט זיך דערנעענטערט דער חודש יוני. באַלד וועט זיך די פראָ־גימנאַזיע פאַרמאַכן. נאָך די פעריען וועט ער שוין ניט צוריקקומען צו שאַקינען. זאָל ער פּרואוון די יאַראָטשינסקי האַנטווערקער שול, ווי דער אָנקל גוסטאַוו האָט אים געראָטן? אים האָט ניט געצויגן צו ווערן אַ וועבער־מייסטער, צי אַן עלעקטראָ־טעכניקער. ער האָט נאָך אַליין ניט געוואוסט וואָס ער האָט געוואָלט זיין. ער האָט געוואוסט איין זאַך — ער האָט גע־וואָלט לערנען, לערנען.

נאָר באַלד איז עפּעס פאַרגעקומען, וואָס האָט מאַטעקן אײַנגאַנצן אַוועק־גענומען פון זיינע אייגענע זאָרגן. דאָס איז געשען דעם 18־טן יוני.

עס איז געווען זונטיק אין דער פרי, יוני דער 18־טער. דער טאָג איז געווען אַן עכט פרילינגדיקער. די זון האָט געפּרואווט אַריינדרינגען אין די פאַרקאָפּטשעטע לופטשיקעס און אין די קעלער־פענצטער פון אָרעמען שטאַנד.

מאַטעק האָט געוואוסט, אַז אין לאַגעווניקער וואַלד וועט פאַרקומען אַ מאַיוואָוקע. דאָרט וועלן האַלטן רעדעס פאַרשטייער פון אַרבעטער אָרגאַניזאַ־ציעס. סאָלטשע האָט געדאַרפט אַרויספּערטיקן אַרבעט אין קראָם און מאַטעק איז אַליין אַוועק אַהין, ניט דערציילנדיק קיינעם אין הויז, אויסער איר, וואו־הין ער איז געגאַנגען. אין וואַלד איז געווען פריילעך. עס האָט זיך געהאַט פאַרזאַמלט די יוגנט. יידישע, פּוילישע און דייטשע. מען האָט געזונגען און געשפּילט אויף האַרמאָשקעס. עס האָט זיך געהערט געלעכטער און די נאַטור אַליין האָט זיך געפרייט מיט אירע געסט. עס איז אָבער געווען נאָך אַ סיבה פאַרוואָס דער עולם אין וואַלד איז געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט. דאָס איז געווען אַ מאַיוואָוקע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט מיטגלידער פון פאַרשיידענע אַרבעטער פּאַרטייען. דאָס איז געווען די פרייד פון איינִיקייט, פון האַרמאָניע.

צווישן עולם האָט מאַטעק געטראָפן אַ צאָל חברים זיינע, שילער פון דער פּראָ־גימנאַזיע, זיין שכן לייבטשען און אפילו אַ יינגל פון חדר, אין וועלכן ער איז געגאַנגען מיט צוויי יאָר צוריק. די קינדער האָבן זיך גלייך אָפּגע־טיילט פון עולם און פאַרמירט אַן אייגענעם קרייז. עס האָט זיך איינגעגעבן צו דערטאַפּן אַ פּילקע און די קינדער האָבן פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ פּאָליטישע

דעמאָנסטראַציע און אַז אין פאַרשיידענע פּלעצער אין וואַלד הערט זיך דער עולם צו צו די רעדנער.

קליינוואַרג איז געוואָרן אַזוי הונגעריק פון לויפן און שפּילן זיך, אַז דאָס ביסל עסנוואַרג, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט, האָט מען גלייך פאַרשלונגען. מאָטעקס אַפּעטיט האָט אים ניט געלאָזט רוען. ער האָט זיך געיאָגט אַהיים צו פאָרן. און אַזוי ווי לייבטשע האָט אויך ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם הונגער, האָבן זיי ביידע געמאַכט אַ ויברח פון וואַלד, כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז נאָך דער מאַיאָווקע וועט דער עולם צוריק אַריין אין שטאָט אין אַ דעמאָנסטראַציע מיט רויטע פאָנען, וואָס זיינען געווען אָנגעגרייט.

אין אַן אויסגעצייכנטער דיסציפּלינירטער פאָרמאַציע האָבן זיך פאַרזאַמלטע אויסגעשטעלט אין רייען און זיך געלאָזט מאַרשירן אין שטאָט אַריין מיט די רויטע פאָנען אין פאָראויס. זיי זיינען דורכגעגאַנגען באַלוט און דאָרט האָבן זיך אין דער דעמאָנסטראַציע אָנגעשלאָסן הונדערטער סטרייקנדיקע און אַרבעטלאָזע יידישע אַרבעטער. די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געלאָזט גיין דורך די אָרעמסטע געגנטן פון שטאָט און אומעטום איז זי אויפגענומען געוואָרן מיט „הוראַ"־אויסרופן. די שטימונג איז געווען אַ מוטיקע און אַ האָפערדיקע. דער עולם האָט געוואוסט, אַז די דעמאָנסטראַציע איז ניט קיין צופעליקע זאַך, נאָר אַן ענטפער אויף די פּאָליציי הריגות פון די לעצטע עטלעכע וואָכן. דאָ און דאָרט איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט, אָדער עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאַטרול. דער עולם איז געווען צופרידן, וואָס עס קומען ניט פאָר קיין שטערונגען. נאָר מיטאַמאָל, ווען די דעמאָנסטראַציע האָט זיך פאַרנומען אויף דער מלינאַרסקע גאַס, האָט זיך פונדערווייטן דערהערט דאָס באַקאַנטע ריטמישע רייטן פון קאָזאַקן. דאָס רייטן איז געוואָרן האַסטיקער. עס איז געווען קענטיק, אַז די קאָזאַקן יאָגן זיך אויף דער דעמאָנסטראַציע.

נאָך איידער דער עולם האָט געהאַט צייט זיך אָפּצושטעלן, האָבן די קאָזאַקן געעפנט אַ ווילד שיסעריי. דאָס איז געקומען אַן וועלכער ס'איז וואָרנונג. באַלד האָבן זיך דערהערט די ווײ־געשרייען פון די געטראָפענע. די קאָזאַקן האָבן זיך אַריינגעלאָזט צווישן עולם וואָס האָט אָנגעהויבן זוכן שוץ. מען האָט געפּרואווט געבן אַ ווידערשטאַנד. מען האָט געוואָרפן אויף די קאָזאַקן וואָס עס איז געקומען אין האַנט אַריין: ציגל, שטיינער, פלעקער, פאַרזשאַווערטע שטיקער אייזן, וואָס זיינען געלעגן אויף דער גאַס. די טויערן האָבן זיך גלייך פאַרהאַקט. אויך די קראָמען זיינען פאַרמאַכט געוואָרן און די דעמאָנסטראַנטן האָבן ניט געהאַט וואו צו לויפן. נאָר אין איין ווינקל האָט מען געגומען בויען אַ באַריקאַדע. מען האָט דערטאַפּט אַ וועגעלע און אַ פּאָר ברעטער און אַרויסגעשלעפּט פון אַ הויף אַ פּאָר ליידיקע פעסער. פון הינטער

דער פאַרצאַמונג האָט מען גענומען שיסן אויף די צעיושעטע קאָזאַקן. איינגאַנצן זיינען געווען צוויי פּיסטאָלעטן און באַלד איז אויסגעגאַנגען די אַמוניציע.

די קאָזאַקן האָבן באַשאָסן די געגנט, וואו די באַריקאַדע איז געשטאַנען, אַריינגעשאָסן אין די היימען. אַ פרוי, וואָס איז געזעסן מיט אַ זויג־קינד ביים פענצטער, איז אויפן שטעל דערהרגעט געוואָרן. איר קינד האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון איר שויס און איז פאַרוואונדעט געוואָרן. די קאָזאַקן האָבן ענדלעך אַרומגערינגלט די באַריקאַדע און דאָס הויז פונוואַנען מען האָט אַרויסגעשלעפּט די זאַכן זיך צו פאַרבאַריקאַדירן. די קאָזאַקן האָבן יעדן איינעם געשלאָגן און אַרעסטירט.

אויף באַלוטער פּלאַץ זיינען געבליבן ליגן פינף דערהרגעטע אַרבעטער און 27 זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. שפּעטער זיינען צוויי יידישע אַרבעטער געשטאָרבן אין שפּיטאָל. די מערסטע פאַרוואונדעטע זיינען געווען אין עלטער פון 18 יאָר. די אומגעקומענע זיינען געווען אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן.

די לויה פון די פינף אַרבעטער איז באַשטימט געוואָרן אויף דינסטיק, דעם 20־טן יוני. די פּאָליציי האָט באַשלאָסן, אַז די לויה זאָל פאָרקומען זעקס פאַרנאַכט. דאָס איז געווען אַן אויסגערעכנטער באַשלוס, גלויבנדיק, אַז אין יענער צייט וועלן ווייניק מענטשן זיך באַטייליקן אין אַ לויה. זי האָט אָבער אַ טעות געהאַט. שוין פון צוויי נאָכמיטאָג אָן האָבן אַרבעטער פאַרלאָזן זייערע פאַבריקן און ווערקשטאַטן און זיך פאַרזאַמלט אין די שמאָלע זייטיקע באַלוטער געסלעך און זיך געקליבן צום באַלוטער פּלאַץ. אַרום זעקס פאַרנאַכט איז באַלוט געווען געפּאַקט מיט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. די פּאָליציי, די קאָזאַקן און ראָטעס סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען גרייט ווי אויף אַ שלאַכטפעלד. אויף איין אָרט האָבן פּאַטרול סאָלדאַטן זיך געוואָלט אַריינרייסן אין דער מאַסע, נאָר די מאַסע איז געשטאַנען אין געשלאָסענע רייען און זיך ניט גערירט פון אָרט. די סאָלדאַטן זיינען אָפּגעטראָטן. מיטאַמאָל האָט דער אָפיצער פון אַ קאָזאַקן־אָפּטייל דאָס דערזען און ער האָט געגעבן אַ באַפעל צו דער מאַסע, אַז זי זאָל זיך פאַרנאַנדערגיין, אַניט וועט ער הייסן שיסן. די מאַסע האָט געזען ווי מען טראָגט די הרוגים. זי איז געווען אויפגערעגט און אַנטשלאָסן. זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דער אָפיצער האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז די קאָזאַקן זאָלן אָנלאָדן די ביקסן און אויסשטרעקן זיי צום שיסן. דער עולם איז געשטאַנען ווי איין מאַן, זיך ניט גערירט פון אָרט. קיינער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. דער אָפיצער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער שטומער קראַפט פון דעם עולם. ער האָט געגעבן אַ צייכן און די ביקסן האָבן זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט ריטמיש.

די לויה־פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט געטראָגן רויטע און שוואַרצע פאָנען. מען האָט געטראָגן קרענץ בלומען. עס זיינען געווען יידישע, פּוילישע און דייטשע לאָזונגען פון די אַרבעטער־פּאַרטייען. עס האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג. מען האָט געזונגען אין יידיש, אין פּויליש און אין רוסיש. די טרומנעס זיינען געטראָגן געוואָרן אויף די שולטערן פון די אַר־בעטער און אַרום זיי איז די מאַסע געווען געדיכט און עס איז געווען שווער צו גיין. פון די באַלקאָנען און פון די אָפענע פענצטער האָבן מענטשן אויס־געדריקט זייער סאָלידאַריטעט מיט דער דעמאָנסטראַציע. עס האָבן זיך דער־הערט אויסרופן: „נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט! עס לעבע דער סאָציאַליזם!"

אין אַלע זייטיקע געסלעך זיינען געשטאַנען קאָזאַקן און עס האָט זיך געהערט דאָס הירזשען פון זייערע פערד. הינטער די קאָזאַקן האָבן זיך געפונען סאָלדאַטן מיט די ביקסן אָנגעגרייט און נאָך ווייטער האָבן זיך אַרומ־געדרייט אַ סך פּאָליציי־לייט מיט די אַראָפּהענגענדיקע שווערדן. נאָר דעם עולם האָט דאָס ניט אָנגעהויבן אַרן. מען איז געווען גרייט אויף אַלץ. אַזאַ מאַסע האָט נאָך באַלוט ניט געהאַט געזען. די גאַסן זיינען געווען שוואַרץ פון מענטשן. פון ווייטנס האָט עס אויסגעקוקט ווי אַ ריזיק פעלד מיט שוואַרצע געוויקסן, וואָס האָבן זיך געשאָקלט אין ווינט.

ווען דער מאַרש פון דער לויה האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען פופציק טויזנט מענטשן נאָכגעגאַנגען צום פּוילישן צמענטאַזש. אויפן טויטן־פעלד האָט דער גאַנצער עולם ניט געקאָנט אַרויפגיין. אַ סך זיינען געבליבן אין דרויסן. עס האָבן גערעדט רעדנער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, צווישן זיי אַכט יידישע רעדנער. עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען דער עולם האָט פאַרלאָזט דעם צמענטאַזש. די קאָזאַקן, וואָס האָבן באַגלייט די פּראָצעסיע צום בית־עולם, האָבן אויך געוואַרט אין דרויסן און אָנגעהויבן נאָכרייטן דעם פאַר־לאָזנדיקן עולם. עס איז געווען קלאָר, אַז די פּאָליציי־מאַכט האָט געוואָלט האָבן נייע הריגות. אומעטום אויפן וועג צוריק האָט מען געפּרוּווט פּראָ־וואָצירן דעם עולם. איבערהויפּט האָבן דאָס געטאָן געהיים־אַגענטן. דער צאָרן פון עולם איז געשטיגן. דעם זעלבן אָוונט זיינען אין פאַרשיידענע געגנטן פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן דעם אויפגערעגטן עולם און דער מאַכט. אויף דער שרעדניע גאַס האָט אַ קאָזאַק זיך צעווילדעוועט אָן אַ פאַרוואָס און געשלאָגן די פאַרבייגייער. אַ קויל פון אַ געשלאָגענעם האָט אים געטראָפן גלייך אין קאָפּ און ער איז אַוועקגעפאַלן אַ טויטער. אויף שייבלערס פּלאַץ האָבן סאָלדאַטן זיך איזדיעקעוועט איבערן עולם. עס איז געקומען צו אַ געשלעג און צוויי סאָלדאַטן, וואָס האָבן געשאָסן אויף די פאַרבייגייער, זיינען

געפאַלן, געטראָפן פון קוילן און געשטאָרבן אויפן אָרט. אויפן זעלבן מאַרק איז דערהרגעט געוואָרן אַ רעוויראָווע און אַ געהיים־אַגענט.

דעם זעלבן אָונט, גלייך ווי מען האָט מקבר געווען די פינף קריסטלעכע קרבנות, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז צוויי פאַרוואונדעטע יידישע אַרבעטער זיינען געשטאָרבן פון די פאָליציי־קוילן אין פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל. די פּאָליציי, איז געווען דער קלאַנג, קלייבט זיך זיי צו באַגראָבן אויפן קאַטאָלישן צמענטאַזש.

אָט אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן די געשעענישן פון מיטוואָך, דעם 21טן יוני.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אויף די באַריקאַדן

.1

ווי אַ קאָכעדיק וואַסער, וואָס הויבט אָן זידן און פון איין בלעזל ווערט גלייך מערער און מערער, ביז דער גאַנצער שטח פאַרוואַנדלט זיך אין איין צוזאַמענגעשלאָסענער כוואַליע, — אַזוי האָבן די געשעענישן אין לאָדזש זיך גענומען אַרויסהויבן צום אויבערפלאַך, פון חודש צו חודש. אָנהויבנדיק פון די יאַנואַר־טעג אין 1905, האָט זיך דאָס בלעזלען, דער אויפברויז פון רעוואָלט, באַוויזן אָנהויב יוני. וואָס מער קרבנות מען האָט באַגלייט צום יידישן בית־עולם אָדער אויפן צמענטאַזש, אַלץ גרעסער זיינען געוואָרן די צאָל לעבן־געבליבענע, וואָס האָבן געשוואוירן נקמה צו נעמען פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט. די יוני־טעג אין לאָדזש האָבן זיך שוין געבלעזלט אין צאָרן. אויב ביי דער לויה פון די פינף אומגעקומענע דעם 20טן יוני זיינען געווען פופציק טויזנט דעמאָנסטראַנטן, האָט די דעמאָנסטראַציע אַ טאָג שפּעטער, דעם 21טן יוני, צוגעצויגן צו זיך אַ הונדערט טויזנט אָנטיילנעמער. זי איז געווען דער רעזולטאַט פון דער זעלבער הריגה פון דער באַלוטער געשעעניש.

צוויי יידישע אַרבעטער זיינען געשטאָרבן פון די וואונדן. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז די פּאָליציי האָט זיי אַליין אַרויסגענומען פון פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל און ניט איבערגעגעבן צו זייערע אייגענע, נאָר אַליין זיי באַגראָבן אויף אַ קאַטוילישן צמענטאַזש. דאָס האָט אויפגערעגט ניט בלויז די יידישע באַפעלקערונג, נאָר די קריסטלעכע אַרבעטער צוגלייך. דאָס איז געווען אַזאַ באַרבאַרישע האַנדלונג, וואָס האָט איבערגעשטיגן אפילו דאָס דערמאָרדן פון די צוויי קרבנות.

פון די הייזער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מענער און פרויען. מען איז געגאַנגען מיט איין ציל — דעמאָנסטרירן קעגן די געוואַלדטאַטן פון דער צאַרישער מאַכט. פון די פאַבריקן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אויפגעברויזטע אַרבעטער — אויף די גאַסן, מאַרשירן, זיך אָנשליסן מיט אַנדערע פּראָטעס־

טירנדיקע. געוועלבער האָבן זיך געשלאָסן, דראָזשקעס זיינען געוואָרן וואָס ווינציקער, טראַמווייען האָבן מער ניט אַרויפגענומען קיין נייע פּאַרער, נאָר זיך אומגעקערט אין זייערע שאָפּעס. אפילו די פּאָליציי־לייט אויף די שטענ־דיקע פּאָסטנס האָבן זיך אָפּגעטראָגן.

וואוהין גייט מען? וואָס איז די מורא? ווער פירט אָן מיט דעם אַלעם? קיינער האָט ניט געוואוסט, קיינעם האָט ניט געאַרט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָלקס־צאָרן, אַ צאָרן פון אַ גאַנצער שטאָט און דער צאָרן האָט זיך צע־בלאָזט און אַרויס פון די ברעגן.

עס פּאַראייניקן זיך גייער מיט גייער. עס ווערט אַ דעמאָנסטראַציע, עס באַווייזן זיך רויטע פאָנען. עס קומט אָן אַ צווייטע דעמאָנסטראַציע. די גאַסן ווערן אָנגעשוואָלן פון מענטשן־מאַסן. מען גייט פון פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל, וואו מען האָט די צוויי יידישע מתים מער ניט געפונען. מען גייט דורך דער שרעדניע, צו דער פּיעטריקאָווער גאַס. פון אַלע גאַסן ציען זיך מענטשן־שרענגעס צו דער פּיעטריקאָווער גאַס.

מען גייט. די פּנימער אָנגעצויגן, דער טראָט געמאָסטן און זיכער. מען גייט. וואוהין? מען גייט צום טויער פון פרייהייט. עס איז ניטאָ אַזאַ טויער, מען דאַרף אים געפינען. אַלע שטרעקן זיך צו אים. גענוג געליטן פון צאַ־ריזם. גענוג געליטן פון דער עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג פון די באַלעבאַ־טים אין דער רייכסטער שטאָט פון פּוילן, וואו די אָרעמקייט איז גרעסער ווי אומעטום.

די דעמאָנסטראַנטן האָבן דורכמאַרשירט דעם צענטער פון פּיעטריקאָווער גאַס. מען גייט אַרויף אויף דער ווייטערער טייל פון דער גאַס, וואו עס הויבן זיך אָן טורעמען די פאַבריקן, וואו עס הויקערן זיך שוין די אַרבעטער וואוינונגען. מען קומט־צו צו דער קאַראָלאַ גאַס.

און דאָ האָט זיך עס אָנגעהויבן. עס האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט דאָס ווילדע רייטן פון די קאָזאַקן. אָן אָפּשטעל האָט זיך די רייטער־באַנדע אַריינ־געלאָזט אין דער מאַסע און מיט די נאַגייקעס און בלאַנקע שווערדן געטריבן די דעמאָנסטראַנטן אויף דער פּוסטע גאַס און אויף די זייטיקע געסלעך. נאָר דאָרט, אויף יענער גאַס, האָבן שוין געוואַרט, מיט ביקסן אין די הענט, די פּיעכאָטנע סאָלדאַטן, וואָס האָבן דעם עולם צוריקגעטריבן צו די קאָזאַצקע צעיושעטע פערד. די קאָזאַקן האָבן געגעבן זאַלפּן. פערדישע פּאָדקאָוועס האָבן געטראָטן אויף געפאַלענע דעמאָנסטראַנטן. די לופט האָט אָפּגעהילכט פון די ביקסן־קנאַלן. די לופט האָט געהערט די געקרעכצן און געוואַלדן פון די פאַרוואונדעטע און די גסיסה־רופן פון די שטאַרבנדיקע.

איבער הונדערט דעמאָנסטראַנטן זיינען געפאַלן טויט און הונדערטער

זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן יענעם מיטוואָך. דאָס איז געווען דער בלוטיקער מיטוואָך. ניט אָפּגעשראָקן האָבן זיי די אַרבעטער, נאָר נאָך מער דערצאָרנט זיי. דאָנערשטיק, דעם 22־טן, איז קיין פּאָליציי־באַאַמטער ניט געווען זיכער מיט זיין לעבן אין לאָדזש. דאָ האָט מען דערהרגעט אַ קאָזאַק, דאָ אַ פּאָליציאַנט. דאַן האָט מען אויך פאַרוואונדעט דעם זשאַנדאַרמעריע ראָטמייסטער אַנדרעיעוו.

אין יענעם טאָג האָבן די אַרבעטער און די באַפעלקערונג בכלל זיך גענומען בויען באַריקאַדן אויף גאַס־ראָגן. אויף ווסכאָדניע און פּאָלודניאָווע, אין צענטער פון די אַרבעטער סכאָדקעס, האָבן זיך באַוויזן דריי באַריקאַדן. אין באַלוט זיינען געשטעלט געוואָרן באַריקאַדן. אויף דעם האָט זיך די פּאָליציי ניט געהאַט געריכט. די באַריקאַדן זיינען געבויט געוואָרן ניט צוגעגרייטערהייט. מען האָט אַרויסגענומען פון די הויפן, וואָס עס האָט זיך געלאָזט: אַ לייטער, אַ פאַס, אַ צעבראָכענע ראָד. און הינטער די באַריקאַדן זיינען געשטאַנען אַרבעטער, באַוואָפנטע מיט פּיסטוילן, מיט שטיינער, מיט אייזנס, מיט האַמערס.

.2

אויף דער דזשיעלנע גאַס, אויפן ראָג פון די ניקאָלאַיעווסקע, ביי מאַטעקס הויז, קאָט מען גענומען בויען אַ באַריקאַדע. לייבטשעס פּאָטער, דער סטאָליער, האָט אַרויסגעבראַכט ברעטער און אַ קאַסטן. לייבטשע האָט אַראָפּגערופן מאָטעקן און מאָטעק האָט מיט די לאַנגע, דאַרע הענט געשלעפּט אַ לייטער, וואָס איז געלעגן אויפן הויף. ער האָט אויך, צוזאַמען מיט לייבטשען, געטראָגן שטיינער און ציגל און אַוועקגעוואָרפענע בלעכענע און צינענע שיסלען און טעפּ. לייבטשעס פּאָטער האָט געסטאַריעט די באַריקאַדע. הינטער איר זיינען געשטאַנען אַ פּאָר פּוילישע אַרבעטער פון בירנבוימס פאַבריק און אַ חסידישער יונגערמאַן אין אַ טוכן היטל מיט אַ ציגן בערדל. און אַ מיידל איז געשטאַנען. מאָטעק האָט געוואָלט שווערן, אַז זי איז אַמאָל געווען איינע פון די מיידלעך פון באָרדעל, וואָס איז אַנטלאָפן יענעם טאָג, ווען מען האָט די פעדערן געשאָטן.

און דאַן האָט מען זיך גענומען ריכטן. מען האָט זיך געריכט אויף דעם אָנקומען פון קאָזאַקן און פּיעכאָטע. מען האָט געוואוסט, אַז קומען וועלן זיי און שיסן וועט מען.

לייבטשעס פּאָטער האָט געהייסן לייבטשען און מאָטעקן גלייך אַהיים גיין און ווען מען וועט אָנהויבן שיסן זיך אויסציען אויף דער פּאָדלאָגע.

ווען מאָטעק איז אַרויפגעקומען צו זיך אין שטוב, האָט ער געטראָפן דאָס

הויזגעזינד אַרומגיין מיט געבראָכענע הענט.

— געוואַלד, יידישע קינדער, וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — האָט געוויינט די מאַמע.

— מען דאַרף זיך ראַטעווען. איר, קינדער, לייגט זיך אויס אויף דער פּאָדלאָגע און הויבט זיך ניט אויף, וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, ביז איך וועל אייך ניט הייסן, — האָט דער טאַטע באַפוילן.

עס האָט אויסגעקוקט מאָדנע. זיך בעמען און אויסלייגן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע. קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. יעדער האָט געוואַרט, אַז דער צווייטער זאָל עס טאָן.

אינמיטן צימער, אויף אַ זאַלצברעטל, האָט זיך געוויקט פלייש אויף פרייטיק־צו־נאַכט און שבת. לעבן ברעטל, אונטן, איז געשטאַנען אַן עמער. גיי, לייג זיך אויס אויף דער פּאָדלאָגע.

גאָר אומגעריכט האָט זיך דערהערט אַ זאַלפּ. און גלייך האָבן זיך אַלע געגעבן אַ ציִ־אויס אויף דער פּאָדלאָגע. מען האָט געהערט דאָס סוויסטשען פון קוילן. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי פליען אין צימער אַריין. דאָס האָגלען פון די קוילן איז געוואָרן העפטיקער. עס האָט זיך דערהערט אַ היל־כיקער „אוי", אַ סימן אַז ביי דער באַריקאַדע איז עמיצער געפאַלן.

סאָלטשע איז יענעם טאָג אינגאַנצן ניט געווען אין הויז. די קראָם האָט מען געהאַט פאַרמאַכט אין דער פרי, אַזוי ווי מען האָט זי באַר־וואָס געהאַט געעפנט. מען האָט געקאָנט זען, אַז קיין גוטס וועט הייַנט ניט אַרויסקומען.

קיינער האָט ניט געוואָגט זיך אויפצוהויבן. די שיסערייַ האָט אָנגע־האַלטן. ענדלעך איז דער טאַטע אויפגעשטאַנען פון דער פּאָדלאָגע. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און פון דער זייט אַרויסגעקוקט. מען האָט אין גאַס ניט געזען קיין לעבעדיקן מענטשן. ביי דער באַריקאַדע איז קיינער נישט געווען.

— טייבל, — האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגערופן, — מען דאַרף די קינדער אַוועקשיקן פון דאַנען. ווער ווייס וואָס עס קאָן נאָך פּאַסירן. די קינדער וועט מען ניט טשעפּען. מייַן פּלאַן איז, אַז גוטשיאַ, מאָטעק און לאָטשיאַ זאָלן גיין דורכן קאָלע גאָרטן צום באַנהויף און אָפּפאָרן נאָך טאָמאַשאָוו צו העלטשאַן.

— מייַן מאַן, עס איז אַ גראָדע זאַך, — האָט טייבל זיך אָנגעכאַפּט אין פּלאַן.

— מען דאַרף עס טאָן כהרף עין, איידער עס וועט שפּעט. אַ צוג גייט אַפּ אין אַ שעה צייט.

די מאַמע האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און זיך גענומען צו דער אַרבעט

אָנטאָן די קינדער.

— זאָלן זיי גיין אָן זאָכן, — האָט דער טאַטע געהייסן, — אַניט וועט זיין אויפפאַלנדיק.

— קינדער, איר זעט וואָס מיר טוען. מען דאַרף זיך ראַטעווען. אייך וועט מען ניט טשעפּען אין גאַס. טאָמער שטעלט אייך אָפּ אַ פּאַטרול, דער־ציילט דעם אמת, אַז איר פאָרט צו דער טאַנטע אין טאָמאַשאָוו. האַלט דעם אַדרעס אין דער האַנט, גוטשיא. דו ביזט דאָך אַ בר דעת. דו וועסט זיך אַן עצה געבן. — דער טאַטע האָט גערעדט און די מאַמע איז געשטאַנען און עס האָט איר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— געדענק, גוטשיא, — האָט די מאַמע ענדלעך געקאָנט אַרויסרעדן אַ פּאָר ווערטער, — איך גיב איבער אין דיינע הענט דיין אייגן לעבן און די לעבנס פון לאָטשיאַן און מאַטעקן. קינדער, האַלט זיך אָן פאַר גוטשיאָס הענט. פאָלגט אַלץ וואָס זי וועט אייך הייסן טאָן. מיט גאָטס הילף וועט איר אָנקומען בשלום אין טאָמאַשאָוו. איך וועל שרייבן צו העלטשאַן. אַז אַלץ וועט זיך איינשטעלן, וועט איר צוריקקומען.

דער טאַטע האָט גוטשיאַן געגעבן געלט. זי האָט דאָס באַהאַלטן אין זאָק. ער האָט זיך שטאַרק געאיילט און ער איז מיט די קינדער אַרונטער די טרעפּ און געעפנט פאַר זיי דעם טויער.

גוטשיא איז געגאַנגען אין מיטן. פון רעכטס האָט זי געהאַלטן פאַר דער האַנט מאַטעק און פון לינקס — לאָטשיא. די גאַס איז געווען אינגאַנצן ליידיק. גוטשיא האָט געשטעלט פיס. עס האָט זיך באַוויזן די „פּאָגאָטאָוויע" (גיכע הילף, אַמבולאַנס). אויפן דעכל פון דער קאַרעטע איז געלעגן אַ צעבלו־טיקטער מאַן.

— קוק זיך ניט אום, מאַטעק, ווי גאָט איז דיר ליב — קום, כל־זמן מען קאָן גיין, — האָט גוטשיא זיך געבעטן און אינגאַנצן געציטערט.

זיי זיינען צוגעקומען פאַרן קאָלע גאָרטן און דאָרט האָבן זיי דערזען, ווי עס זיינען געלעגן אויפן טראָטואַר וועלכן זיי האָבן גענדאַרפט דורכגיין, עטלעכע טויטע. מיטן פּנים אַרויף איז געלעגן אַ פּאָליציאַנט, דאָס היטל מיטן לאַמפּאַס אין רינשטאָק. זיין פּנים איז געווען בלוי. אין די ברוינע האָר אַ שוואַרצער פייכטער פלעק. ניט ווייט פון אים איז געלעגן אַ מיידל מיט אַ שטיק בלוזע צעריסן און דאָס קלייד אַרויפגעשאַרצט. איר מויל איז געווען שטאַרק אָפן, ווי זי וואָלט געוואָלט כאַפּן אָטעם. לעבן איר איז גע־לעגן אַ מאַן, מיטן פּנים אַראָפּ. מען האָט ניט געקאָנט זען, צי ער איז געווען יונג אָדער אַלט.

די קינדער זיינען אַריבערגעשפּרונגען איבער אים. זיי זיינען אַריין אין

קאַלע גאָרטן. דאָרט איז געווען איבגאַנצן שטיל. די יונגע בלעטער האָבן געשמעקט נאָכן רעגן. די קינדער האָבן געקאָנט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. נאָר געגרעדט האָט מען ניט. די מורא האָט געטריבן.

ווען זיי האָבן דערזען דעם וואָקזאַל, האָבן זייערע פּנימער אויפגעלויכטן. צוקומענדיק נאָענט צו די טעראַסעדיקע טרעפּ, האָבן זיי געזען, ווי אַן עולם איז געשטאַנען אויבן און מסתם געוואַרט אויף אָנקומערס. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ סוויסטש און אַ הויכער, דיקער מאַן האָט זיך געגעבן אַ קייקל אַרונטער פון אַלע טרעפּ גלייך צו דער ריכטונג אין וועלכער די קינדער זיינען אַרויפגעגאַנגען. אַלע וואָס זיינען געהאַט אויבן געשטאַנען זיינען אַריינגעלאָפן אין וואָקזאַל.

אַריינקומענדיק אינעווייניק האָבן די קינדער דערזען ווי מען האָט אַלע־מען געהאַט אויסגעשטעלט לעבן הויכן קאָכל־אויוון איינציקווייז אין אַ ריי. אויך די קינדער האָט דער וואָקזאַל־מייסטער אויסגעשטעלט.

דער עולם איז געווען צעשראָקן. מאַמעס האָבן צוגעהאַלטן די קינדער, ווי מען וואָלט זיי געוואָלט אַרויסרייסן פון זייערע הענט. אַלעמענס פּנימער זיינען געווען געווענדט צום געררויש פון דעם אָנקומענדיקן צוג, ווי ער וואָלט זייער באַפרייער געווען; ווי אין אים זיינען געווען אָפּהענגיק זייערע לעבנס.

ווען גוטשיאַ מיט איר געזינטל זיינען שוין געזעסן אין וואַגאָן, האָבן זיי דערפילט, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעכאַפּט אין עפּעס, אויף וועלכן זיי האָבן גע־האַט אַ לאַנגע צייט געוואַרט. אפילו מאַטעק האָט דאָס מאָל ניט געבענקט נאָך לאָדזש. די בילדער פון די טויטע אויף די טראָטואַרן, די אָנגעשטרענגטע שטילקייט אויף די גאַסן, אַלץ האָט געווירקט אויף די קינדער און זיי דער־שיטערט.

3.

אין טאָמאַשאָוו האָט מען זיך אויף זיי ניט געהאַט געריכט. ווען די דראָזשקע האָט זיי צוגעפירט צו העלטשאַס הויז און העלטשאַ האָט דורכן פענצטער דערזען, ווער עס שטייגט אַראָפּ פון וואָגן, האָט זי די הענט פאַר־בראָכן פון שרעק. זי האָט ניט געקאָנט צו זיך קומען אַ לאַנגע צייט פון איבערראַשונג.

באַלד האָבן די קינדער זיך דערפילט היימיש און די מומע זייערע איז זיי געוואָרן אי אַ מאַמע, אי אַ באַדינערין. זיי זיינען ניט געווען געוואוינט דערצו. זיי האָבן זיך געוואונדערט וואָס מען פּאַשעט זיי. העלטשאַ האָט געוואָלט איר גאַנצע גוטסקייט מיט איין מאָל אויסטיילן די קינדער. זיי זיינען ניט געוואוינט געווען צו די רייכע מאכלים, צו די יום־טובדיקע עסנס אינמיטן

וואָך. אויסער דעם האָט העלטשאַ געהאַט דינסטן און קיין קינד האָט זיך ניט געטאָרט צורירן צו קיין זאַך. עסט און גייט שפּאַצירן און זאָגט וואָס עס פעלט אייך.

העלטשאַס דירה האָט זיך געפונען אויפן גרויסן מאַרק, וואו אין סאַמע מיטן איז געשטאַנען אַ רונדיקע צערקווע מיט גרינע טורעמס, ווי ריזיקע ציבעלעס. דער מאַרק איז געווען זויבער און אין די הייזער וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען צום מאַרק האָבן געוואוינט די מער־וואוילהאָבנדיקע מענטשן. די געשעענישן אין לאָדזש האָבן העלטשאַן און איר מאַן, דעם טאָמאַשאָווער פּעטער, ניט אָנגערירט. זיי האָבן נאָר געהאַט געהערט סלוכן וועגן סטרייקן און דעמאָנסטראַציעס. די „מגפה" האָט זיך אויך געהאַט פאַרשפּרייט אין טאָמאַשאָוו, וואו עס זיינען געווען אַ צאָל טעקסטיל פאַבריקן. העלטשאַן און איר מאַן האָבן אָבער די געשעענישן אין רוסלאַנד פון 1905 ניט געאַרט. די געשעפטן זיינען אַוועק גוט און עס האָט זיי קיין זאַך ניט געפעלט. העלטשאַ האָט געהאַט אַ ברייטע האַנט און גאַנץ טאָמאַשאָוו האָט געוואוסט, אַז מען גייט פון איר הויז ניט אַרויס מיט ליידיקן. דער מאַן האָט זיך ניט געמישט אין הויז. ער האָט אַלעמען אָפּגעשיקט צו דער ווייב. זי האָט געהאָלפן דער אָרעמער כלה מיטן אויסשטייער; זי האָט אויסגעהערט די שיינע יידן וואָס זיינען געקומען נאָך אַ נדבה פאַר אַ יורד; זי האָט פאַרגאָסן טרערן, הערבדיק וועגן אַ יתומהלע וואָס איז געבליבן ווי אויפן וואַסער. געלט האָט ביי איר גאָר קיין ראָלע ניט געשפּילט. די טיר האָט זיך געהאַלטן אין איין עפענען ביי איר. זי האָט געפילט, אַז עס וועט איר זיין גוט אויף יענער וועלט.

ווען דער שוועסטערס קינדער זיינען אָנגעקומען אומגעריכט, האָט זיך העלטשאַ ערשט רעכט צעוואַרעמט. זי האָט געוואוסט, ווי שווער גוטשיא האָט געאַרבעט. דערפאַר האָט זי באַשלאָסן גוטשיאַן צו באַהאַנדלען ווי אַ פּרינצעסין, ניט לאָזן איר טאָן אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער. גוטשיא איז ניט געווען געוואוינט דערצו. זי האָט פּאַקטיש געליטן דערפון, וואָס זי האָט ניט געטאָרט אָפּוואַשן אָדער אפילו צונעמען דאָס געפעס פון טיש. זי האָט זיך געפילט שולדיק קעגן דער דינסט. דאָס זעלבע איז געווען מיטן מאַכן איר בעט. גוטשיא האָט געבענקט אַהיים. זי איז געווען פאַרזאָרגט וועגן די געשעענישן. באַלד איז אָבער אָנגעקומען אַ בריוו פון דער מאַמען וואָס האָט זי באַרואיקט.

די טאַנטע העלטשאַ האָט ליב געהאַט לאָטשיאַן מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט. לאָטשיא איז ניט געווען געראָטן אין גוטשיאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט איר מוטערס שטריכן פון דאגהן זיך און עסן זיך. לאָטשיא איז געווען אַנדערש פון מאָטעקן, וואָס איז געווען אַ רויטער און דערפאַר אַ כעסן. לאָטשיא

איז געווען די קאַלט־בלוטיקייט אַליין. איר קערפּער האָט עס געוויזן. אירע האַניק־בלאָנדע האָר האָט זי געהאַלטן גלאַט פאַרקאַמט און אַלץ אויף איר האָט אויסגעזען גלאַט און פאַרקאַמט. אויך אַלץ אין איר איז געווען אַזוי. אירע רייד, אירע באַוועגונגען. געלאַסן, געטאַקט, צוגעפּוצט, באַרעכנט.

ווען מאַטעקן האָט העלטשא געהאַט זיך אָנגעהערט פון איר מאַן, וואָס פלעגט אָפט באַזוכן לאָדזש און פאַרברענגען אין מאַטעקס הויז. די ליבע, וואָס זי האָט געהאַט פאַר דעם שיינעם מאַטעק מיט די געקרייזלטע פאות, האָט זיך אויסגעוועפּט, באַכדעם ווי זי האָט געבאָרן אירע אייגענע צוויי קינ־דער. דאָס וואָס זי האָט געהערט וועגן מאַטעקס באַלאַנגען צו די בונטאָוויש־טשיקעס, האָט איר גאָר ניט געשמעקט. זי האָט געציטערט, אַז ער זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז אויך אין טאָמאַשאָוו קומען פאָר דעמאָנסטראַציעס און אויך דאָ זיינען פאַראַן פאַרטייען. דערפאַר האָט זי אים געהאַלטן אויפן אויג. די שוועסטער זיינע האָט זי געהאַלטן אין אין אַרויסשיקן פון הויז, זיי זאָלן געניסן פון דער פרישער לופט פון טאָמאַשאָוו. נאָר מאַטעקן האָט זי נאָך יעדן מאָלצייט אַריינגעשיקט אין מאַנס געשעפט, וואָס האָט זיך געפונען אויפן אונטערשטן שטאָק, אַז ער זאָל באַקומען אונטערנעמונג־גייסט. זי איז געווען אויף דער וואַך. ווען מאַטעק האָט אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט מיטן אַרומ־דרייען זיך אין געשעפט, האָט שוין העלטשא געהאַט פאַר אים אָנגעגרייט רוסישע און דייטשע ביכער און אַ טיש מיט נאַשערייען. נאַ, זיץ און לערן זיך. זי האָט געטראָפן אין פינטל. ניט אַזוי די זיסקייטן, נאָר די שווערע רוסישע און דייטשע ביכער האָבן מאַטעקן פאַרכאַפּט און זיי האָבן פאַר אים געעפנט נייע וועלטן. ער האָט ליב געהאַט צו לייענען היסטאָרישע ראָ־מאַנען, ער האָט ליב געהאַט זיך צו גריבלען אין געאָגראַפיע, אין מאַפּעס און ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון רייזע־באַשרייבונגען.

די טאַנטע העלטשא האָט ער ליב געהאַט, ווייל זי איז געווען תמיד גוט אויפגעלייגט, קיינמאָל זיך אויף קיינעם ניט געבייזערט און יעדן איינעם אַרויסגעוויזן אָן אַ שיעור גוטהערציקייט. האָט ער געפאָלגט אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט. האָט זי זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל בלייבן אין טאָמאַשאָוו און ווערן אַ סוחר. נאָר מאַטעק איז געזעסן אין קראָם און אַרויסגעקוקט אויפן ברייטן מאַרק, פון וואַנען ער האָט געקאָנט זען אַזאַ אויסגעשפּרייטן קלאָרן הימל, וואָס ער האָט אין לאָדזש קיינמאָל ניט געקאָנט זען.

דערווייל זיינען צום פעטער אין קראָם אַריינגעקומען מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט די לעצטע נייעס פון לאָדזש, פון וואַנען זיי האָבן זיך געהאַט אומ־געקערט. די נייעס איז געווען שלעכטע, דריי טעג האָבן אָנגעהאַלטן די באַ־ריקאַדן און אין משך פון דער גאַנצער צייט זיינען אָנגעגאַנגען גאַסן־שלאַכטן

צווישן מיליטער און די אַרבעטער. די טראַטואַרן זיינען פול מיט טויטע און פאַרוואונדעטע. אין די שפּיטאָלן קאָן מען שוין מער ניט אַריינגעמען. מען לייגט זיי אויף דער ערד. קריג־צושטאַנד איז דערקלערט געוואָרן אין לאָדזש. מען האָט צעהאַקט הונדערטער גאַס־לאָמטערנס און מען האָט אונטערגע־צונדן אַ סך מאַגאַזינען. אין שטאָט הערשט אַן אַלגעמיינער סטרייק. די טראַמ־וואַיען גייען נאָך ניט. טעלעפאָן־סלופּעס זיינען אונטערגעזעגט געוואָרן און די דראָטן הענגען אַראָפּ. ערשט שבת איז דעם מיליטער געלונגען צו מאַכן אַ סוף צו די באַריקאַדן.

מאָטעק האָט זיך איינגעהערט צו די נייעס מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם. ער האָט געשטעלט פראַגעס און די דערציילער האָבן געקוקט אויף אים מיט חשד. דער פעטער האָט זיך געפילט ניט צופרידן מיט מאָטעקס אָנוועזנ־קייט און ער האָט דאָס דער וויב איבערגעגעבן. נאָר זי האָט געהאַלטן, אַז דער איינפלוס פון דער קראָם וועט איבערוועגן אַלץ.

4.

איין פרימאָרגן, ווען מאָטעק האָט זיך געהאַלטן ביים אַנטאָן, האָט ער מיטאַמאָל דערהערט גוואַלדן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער קראָם. דאָס האָט דער שטענדיק־געלאַסענער פעטער געשריען:

— קינדער, מען האָט מעך בדלות געשטעלט, אויסגעליידיקט ס׳געשעפט!

באַלד האָט מאָטעק אויך דערהערט דער טאַנטעס העלטשאַס קולות. נאָר ווען ער איז אַריינגעלאָפן אין דער קראָם האָבן זיך די געשרייען שוין גע־האָט איינגעשטילט.

מען האָט געהאַט צום צווייטן מאָל, אין אַ האַלב יאָר צייט, באַגנבעט די קראָם.

וואָס טוט מען אין אַזאַ פאַל? מען ווענדט זיך צו דער פּאָליציי. אַזוי האָט מען טאַקע געהאַט געטאָן דאָס ערשטע מאָל. נאָר איצט האָט מאָטעק געהערט ווי דער פעטער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף מאַכן אַ שווייג, אַז נאַטשאַלסטוואָ זאָל דערפון ניט וויסן. און דאָ האָט מאָטעק זיך איינגעהערט צום שמועס צווישן פעטער מיט דער מומען.

די פּאָליציי איז אַ שותף צו דער גנבה. פון איר וועט מען קיינמאָל גאָר־ניט אַרויסקריגן. עס איז דאָ אַן אַנדער מיטל ווי אַזוי צוריקצוקריגן די סחורה.

— איך גיי באַלד־צו צו קעניקהייטן, — האָט דער פעטער סודותדיק געזאָגט צו דער טאַנטע.

— מען דאַרף אויספּרובירן דאָס מיטל, מיר האָבן ניט וואָס צו אָנווערן. עס איז דאָך אַרויסגעוואָרפן צו גיין צו דער פּאָליציי, — האָט זי צוגעשטימט.

און דער פעטער איז אַוועק צו קעניקהייטן. ווער איז געווען קעניק־הייט? ער איז געווען דער אַדמיניסטראַטאָר פון בית־עולם. מען האָט גע־וואוסט, אַז ער איז אַן ערלעכער מענטש ביז גאָר. ווי קומט ער צו די גנבים? זיי האָבן געהאָט צוטרוי צו אים. זיי האָבן אים געפאָלגט, מחמת ער האָט זיי דאָך געדאַרפט באַגראָבן און די יידישע גנבים האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל זיין באַהאַנדלען אַנשטענדיק באַכן טויט. קעניקהייט האָט געקאָנט אויספועלן, אַז מען זאָל אָפּשטעקן צוריק די גנבה. ער האָט זיך געקענט מיט דעם „קעניג" פון די גנבים. איין וואָרט פון „קעניג" און אַלץ איז גע־ווען דערליידיקט.

דער פעטער איז צוריקגעקומען מיט אַ שמחה. קעניקהייט האָט זיך געזען מיט דעם „קעניג". געהייסן האָט דער „קעניג" יאַנקל גרעבבצער און „געקיניגט" האָט ער ביי דעם "בלינדן שלום" אין דער שענק. יאַנקל האָט פאַרלאַנגט צען רובל. קעניגהייט האָט דעם פעטער איבערגעגעבן דעם שמועס וואָס ער האָט געהאָט מיטן „קעניג".

— וואָר־עס? ביי מענדלען אויפן מאַרק האָט מען די נאַכט געאַרבעט?

— האָט יאַנקל זיך ווי געוואונדערט. — ווער איז דאָס געווען דער הורנזון? אַ בראָך אין זייגע קישקעס, אַ שלאַק אין זיין האַרץ, — ווער איז דאָס געווען?

דער „קעניג" האָט תיכף אַרויסגעשיקט אַ מענטשן אין גאַס. באַלד איז מען צוריקגעקומען מיט דער ידיעה, אַז דאָס האָבן „מענטשע גיבור" און „דער סוכאַטניק" „געאַרבעט" ביי מענדלען אויפן מאַרק.

יאַנקל האָט געוואָלט וויסן פון קעניקהייטן אַ צווייטע זאַך:

— ווייס פאַניע גנב דערפון?

— ניין, קיינער אויסער איך ווייס ניט דערפון, — האָט קעניקהייט גע־ענטפערט.

— די אַרבעט וועט קאָסטן צען קערבלעך, — האָט יאַנקל דערקלערט.

יאַנקל האָט קעניקהייטן אָנגעזאָגט, אַז פיר אַזייגער נאָכמיטאָג וועט מען די סחורה אומקערן צו מענדלען אין הויז אַריין.

פונקט פיר נאָכמיטאָג איז אַ פורמאַנקע צוגעפאָרן צו דער טאַנטע העל־טשאַס הויז. דער פורמאַן איז געבליבן שטיין. דער פעטער מיט מאָטעקן זיינען אַרונטער און אַרויפגעטראָגן צוריק די וואַרע. אַלץ איז געווען גאַנץ. עס האָט בלויז געפעלט איין מעטער באַנד.

יאַנקל גרעבבצער האָט זיך שפּעטער אַנטשולדיקט פאַר קעניקהייטן:

— דאָס האָט דער סוכאַטניק געשענקט זיין כלה, דער בליאַד, — האָט ער געזאָגט.

מאָטעק האָט פאַרלאָזט טאָמאַשאָוו מיט אַ מאָדנעם געפיל צו אירע יידישע גנבים.

קאַפּיטל פֿינף און צוואַנציק

יאַדוויגאַ קומט צוריק

.1

ווען מאָטעק איז צוריקגעקומען קיין לאָדזש, נאָך זיין פֿאַרברענגען אין טאָמאַשאָוו, איז זיין ערשטע דאגה געווען אויסצוגעפֿינען, צי עס האָט עפּעס פּאַסירט מיט לייבטשעס פֿאָטער. אים האָט זיך געהאַט אויסגעוויזן, אַז דעם „אוי״, וואָס ער האָט געהערט ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, איז געווען דעם סטאָליערס. ער האָט אויסגעפֿונען, אַז געפֿאַלן ביי דער באַריקאַדע איז אַ פּוילישער אַרבעטער פֿון בירנבוימס פֿאַבריק און פֿאַרוואונדעט געוואָרן איז דער חסידישער יונגערמאַן, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פֿון גאָר פֿיינעם שטאַנד.

מאָטעק האָט אויך אויסגעפֿונען, אַז סאַלטשע איז יענעם טאָג געווען אין באַלוט און געהאָלפֿן שפּעטער בויען אַ באַריקאַדע. זי איז ערשט אַהיים געקומען שבת. מאָטעקס מאַמע איז געווען אַזוי פֿאַרזאָרגט וועגן איר, אַז זי האָט זיך צום האַרצן גענומען און זי איז קראַנק געוואָרן. מאָטעק האָט באַמערקט, אַז די מאַמע זיינע האָט געביטן איר באַציאונג צו סאַלטשען. סאַלטשע האָט געוואוסט דערפֿון און זי האָט מאָטעקן דערקלערט, אַז די צייט איז געקומען צו פֿאַרלאָזן.

מאָטעק האָט אויסגעפֿונען אַז אין יענע דריי בלוטיקע טעג זיינען אומגעקומען 151 אַרבעטער און צופֿעליקע קרבנות. פֿון זיי זיינען געווען דרייסיק פֿרויען. לויט זייער רעליגיע זיינען די דערהרגעטע איינגעטיילט געוואָרן אַזוי: 79 יידן, 55 קאַטאָליקן און 17 עוואַנגעליקער.

ווען מאָטעק איז צוריקגעקומען קיין לאָדזש, האָט די מאַמע אים גלייך אָנגעהויבן איינפּאַקן זיינע זאַכן צו פֿאָרן אין שטעטל פֿאַרן זומער, צו איר ברודער, צום פֿעטער מאיר און צו דער טאַנטע עמאַ. זי איז געווען אין גרויס געאייל. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר וויטערע אומרוען און זי האָט ניט געוואָלט מאָטעקן האָבן אין לאָדזש. די פֿעריען זיינען געווען דער בעסטער אויסרייד.

מאָטעק איז ווילי׳ק אָפּגעפֿאָרן. זיצנדיק אין באַן האָט ער אַרויסגענומען פֿון היטל אַ יידישע פּראָקלאַמאַציע, וואָס סאַלטשע האָט אים מיט־

געגעבן אין וועג. ער האָט געלייענט:

„די לאָדזשער אַרבעטער האָבן העלדיש אויפגעהויבן די פאָהן פון דער רעװאָלוציאָן און העכער ווי אַ וואָך צייט האָט די ערד געציטערט אונטער אונז. אַלע וואַרפן זייערע בליקן אויף לאָדזש און ווילן וויסן וואָס עס טהוט זיך. אָבער דאָס איז נישט אַזוי גרינג. די פינצטערע צענזור פערדעקט מיט אַ דיקן שלייער דעם חורבן פון דעם צאַריזמוס. נור ביסלעכווייס וואַרפט און שליידערט דער פלאַקער פון דער רעוואָלוציאָן זיינע רויטע שטראַהלען אין אַלע עקן רוסלאַנד, אין אַלע עקן פון דער וועלט. און די וועלט דערוויסט זיך וועגן אונדזער העלדישן קאַמף אין דיזע שטורמישע רעוואָלוציאָנערע טעג . . .״

מאַטעק האָט איינגעזאַפּט אין זיך יעדעס וואָרט. ער האָט באַהאַלטן די פּראָקלאַמאַציע אין דער הויזן־קעשענע און צו זיך אַליין געזאָגט: „הייליקע ווערטער. די רעוואָלוציאָן וויזט אונדז דעם ליכטיקן וועג״. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין אַנטייל אין העלפן בויען אַ באַריקאַדע.

מער ווי אַ חודש צייט האָט זיך מאַטעק ניט געקאָנט איינהאַלטן אין שטעטל. ניט בלויז איז ער געווען אומצופרידן, נאָר מען איז אויך מיט אים ניט געווען צופרידן. די דייטשע טאַנטע עמאַ האָט פון ערשטן טאָג אָן געזען, אַז מיט דעם מאַטעק „איסט ניכטס צו מאַכן״, אַז ער וויל ניט אויספאָלגן אירע באַפעלן. ער איז ניט געווען ווי אירע אייגענע קינדער, וואָס האָבן געשוויגן, ניט געפרעגט, ניט געטראַכט, נאָר געטאָן וואָס די מאַמע מיטן גלעקלדיקן קול האָט געהייסן. אירע קינדער — זי האָט שוין געהאַט פיר טעכטער — האָבן זיך מיט מאַטעקן ניט געחברט, אים אויסגעמיטן. זיי האָבן גערעדט נאָר פּויליש און דייטש און אין הויז זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער.

דער פעטער מאיר, עמאַס מאַן, האָט זיך, ווי שטענדיק, אין קיין זאַך ניט געמישט, וואָס האָט אָנבאַלאַנגט אין הויז־ענינים. מאַטעק, זיין שוועסטערס יינגל, איז אים אָנגעגאַנגען אויף אַזוי פיל, ווען מען האָט אים געדאַרפט מיטנעמען צו דאַוונען, אָדער פרעגן אים, צי ער האָט געזאָגט „קריאת שמע״, אָדער צי ער האָט געבענטשט נאָכן עסן.

דאָס אייזעלע וואָס האָט געפירט מיסט, האָט שוין איצט מאַטעקן ניט געהאָט אינטערעסירט. דאָס מיידעלע ליבטשע מיט וועלכער ער האָט זיך געשפּילט, ווען ער איז פיר יאָר אַלט געווען, איז געהאַט אַוועקגעפאָרן צו קרובים אין אַן אַנדער שטעטל. מאַטעק האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די געסלעך און איבער די פעלדער הינטער דער זשעליאָנע גאַס און זיך געלאַנגווייליקט.

יעדן טאָג איז ער געגאַנגען צום פעטער נחום, דעם טאַטנס ברודער, נאָר אויך דאָ איז אַצינד געווען עפּעס אַנדערש. מאַטעק האָט געוואָלט דער־

ציילן וועגן די באַריקאַדן, וועגן זיין באַלאַנגען צום קליינעם בונד, וועגן די קאַמפן צווישן די אַרבעטער און זייערע שונאים, נאָר דער פעטער נחום איז געוואָרן איבערגעשראָקן פון זיינע רייד.

— מאַטעק, וועגט האָבן אויערן. זאָלסט וואָס ווייניקער רעדן וועגן די זאַכן. מער פעלט אונדז ניט קיין צרות, אַז מען זאָל זאָגן, אַז ליפּעס זינדל איז געוואָרן אַ גאַנצער יאַטעבעדאַמניק... קאָנסט דאָ אין הויז רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט וועגן „צאָציאַליזמוס". דער זיידע, זאָל רוען אין ליכטיקן גן עדן, וואָלט אויפשטיין און דערהערן דיינע רייד, וואָלט ער געהאַט אַ סך עגמת נפש, — האָט פעטער נחום ערנסט געוואָרנט מאַטעקן.

— נאָר ווייסט ניט דער פעטער נחום, אַז דער זיידע איז געווען אַ מיאַטעזשניק אין יאָר 1863 און אַז ער האָט נישט געוואָלט בייטן זיין נאָמען אויף רוסיש? — האָט מאַטעק אַרגומענטירט.

— גענוג, גענוג! כ'וויל מער אַזעלכע רייד דאָ נישט הערן, מאַטעק! — האָט די מומע סורטשע זיך אַריינגעמישט.

דאָך האָט מאַטעק יעדן טאָג ניט פאַרפעלט אַרויפצוקומען צום פעטער נחום. דעם פעטער נחומס טאָג־טעגלעכע טעמע איז געווען — זיין ברודער קיווע, וואָס האָט זיך שוין זינט יאָרן געפונען אין אַמעריקע, אין נעוויאָרק. אַזוי ווי מאַטעק האָט מער ניט געקאָנט רעדן קיין סך ביים פעטער אין הויז, האָט דער פעטער נחום זיך באַנוצט מיט מאַטעקס אָנוועזנקייט און אים דערציילט וועגן קיווען.

— געווען אַ ברודערל, געמאַכט אַ ויברח. טאָמער האָבן אויסגעפעלט אין אַמעריקע מענטשן, איז צוגעקומען נאָך אַ סאַרנע. האָט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז דער בראַטשעק וועט בענקען נאָך זיין היים, נאָך טאַטע־מאַמע, נאָך ברידער־שוועסטער, נאָכן בית מדרש, נאָך די טעפּ, נאָך די ציגן פון דער זשעלאָנע — אַ נעכטיקער מיטוואָך! קיווע איז ווי אין וואַסער אַריין. ניט אין וואַסער פון דער וואַרטאַ, נאָר אין ים המלח זַריין און ער איז טאַקע פאַרשטיינערט געוואָרן ווי לוטס ווייב. אי, מאַטעק, מאַטעק, — וואָס פאַראַ פעטער דו האָסט זיך פאַרזייט אין אַמעריטשקע. קיווע האָט נישט געענטפערט אויף דיין זיידעס בריוו, קיווע האָט נישט געענטפערט אויף מיינע בריוו, קיווע האָט נישט געענטפערט אויפן געציקלטן כתב פון מורה הוראה פון שטעטל. הכלל, אויס קיווע, ברודערל . . . הערסטע, אַז די באָבע דיינע, אונדז צו לאַנגע יאָר, איז געוואָרן אָפּגעשיידט פון אונדז, האָט דער זיידע דיינער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו קיווען, אַז אַ שטיין וואָלט גערירט געוואָרן. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מאַטעק, קיווע איז טאַקע גערירט געוואָרן. עס איז אָנגעקומען אַן אָפּן פּאָסט־קאַרטל פון אים. ער האָט, מיט

מזל, חתונה געהאַט. עס גייט אים צימלעך גוט אין אין אַמעריקע. ער שיקט אַרויס אַ פלאַש ווייַן פאַרן טאַטן . . . אַזוי זאָלן מיר אַלע לעבן און געזונט זייַן, ווי דאָס איז געווען דער נוסח פון דער אַטקריטקע, הערסט, מאַטעק, האָסט שוין אויף דיין לעבן געזען אַזאַ קורח, אַזאַ סוקין סין?

אַזוי איז דאָס געווען יעדן טאָג. מאַטעק האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, איז ער אַרויפגעגאַנגען צום פעטער נחום און באַלד האָט דער פעטער אָנגעהויבן דערציילן די זעלבע מעשה וועגן קיווען. נאָר איינמאָל, דאָס איז געווען נאָכדעם ווי מאַטעק האָט דערציילט אַז ער פאָרט באַלד צוריק קיין לאָדזש, האָט דער פעטער נחום מיט דער מומע סורטשע אים געהייסן זיך אַוועקזעצן בײַם טיש. די מומע האָט געהאַט אָנגעגרייט אַ טינטער מיט אַ געגזענער פעדער און מיט אַ ווייס בייגעלע פּאַפיר, בלוי ליניִרט און מיט אַ האַלבן טוצן בלויע קאָנווערטן, אויסגעבעט אינווייניק מיט פליס־פּאַפּיר.

— מאַטעק, ביסט דאָך עפּעס אַ געלערנטער סטודענט, שרייב מיר אָן אַ בריוו צו דעם ימח שמוניק, מיין בראַטשעק קיווע, יעדער ביסן זאָל אים אַרויס באָקאָם, דעם הונט מיט אויערן. נו, איך דאַרף אָנקומען צו אים, מאַטעק, נויט ברעכט אייזן. אַז מען דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים פון דער תליה אַראָפּ. שרייב מיר אָן אַ בריוול, מיין קינד, צו דיין פעטער קיווע, אַז ער זאָל זיך מרחם זיין אויף זיין ברודער נחום, וואָס האָט אים שטענדיק גוט באַהאַנדלט, וואָס האָט זיך מיט אים געטיילט דעם לעצטן ביסן טרוקן ברויט, וואָס האָט זיך פאַר אים אָנגענומען. שרייב, מאַטעק, אַז מיר זיינען געבליבן ווי אויפן וואַסער, אַז די טעפּ זיינען — אויס, אַז מען האַנדלט ניט מער מיט טעפּ אויף די מערק און צו עפּענען אַ קראָם דאַרף מען האָבן אַ סך געלט און מיר האָבן נישט קיין געלט. דער טאַטע האָט אונדז נישט איבערגעלאָזט קיין גראָשן. שרייב, צוויי בנים זיינען אויסגעוואַקסן. מען דאַרף זיי ראַטעווען פון פאַניען. שרייב: אַ טאָכטער, אַ בת יחידה, האָט גאָלדענע הענט און אָן געלט וועט קיין שידוך נישט זיין . . . טייערער ברודער קיווע, דאָס איז צום ערשטן מאָל, וואָס איך ווענד זיך צו דיר מיט אַ בקשה. האָסט דאָך אַליין געשריבן, אַז עס גייט דיר צימלעך גוט, גאָט צו דאַנקען דערפאַר. איך ווינטש דיר מזל און ברכה מיט זיין טייערע פראַו. גאָט זאָל געבן מען זאָל הערן בלויז גוטע בשורות פון דיר און דיין משפחה . . . נעם נישט פאַר איבל מיין לאַנגן בריוו. ענטפער באַלד און זע וואָס דו קענסט טון פאַר דיין ברודער און שוועגערן און זייערע דריי קינדער, וואָס ווינטשן דיר גליק און הצלחה און לאַנג לעבן״.

נחום האָט זיך איבערגעקוקט מיט סורטשען און זי האָט געמאַכט מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט געטראַכט וואָס צוצוגעבן.

— ס'עט זיין געגוג, — האָט סורטשע געזאָגט און זיך אויסגעשנייצט די נאָז מיטן פאַרטוך.

— מאָטעק, אַ ברכה אויף דיינע הענט! אַז מען לערנט טאַקע, האָט מען אַ שיינע האַנטשריפט, — האָט דער פּעטער געגעבן מאָטעקן אַ קנייפּ אין דער באַק.

מאָטעק איז געגאַנגען מיט דעם פעטער באַלייגן דעם בריוו אויף דער פּאָסט און דער פעטער האָט נאָכגעקוקט אַ לאַנגע צייט, ווי מען האָט דעם בריוו פאַרזיגלט און אַוועקגעלייגט.

.2

ווען מאָטעק איז צוריקגעקומען פון שטעטל קיין לאָדזש, האָט ער גלייך ביים אַרייַנקומען אין הויז דערפילט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. די ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער שטימונג, אין דער לופט. ער האָט דאָס דערקענט אין גאַנג פון די הויזיקע, אין די רייד, אין די אויסדרוקן אויף די פּנימער. מען האָט אים גאָרניט ניט געזאָגט און ער האָט זיך געשעמט צו פרעגן די אייגענע. ערשט ווען ער איז געבליבן אַליין אין דער קראָם מיט סאַלטשען, האָט ער צו איר געזאָגט:

— סאַלטשע, פאַרוואָס איז מען אַזוי שטיל אין הויז? קיינער רעדט נישט הויך, אפילו סאַלטשע רעדט אויך שוין נישט הויך.

— אַ לעבן אויף דיין קעפּל, מאָטעק, האָסט אַ נאָז פון אַ שנאָפּ־הונט. יאָ, זינט דו ביסט אַוועקגעפאָרן, זיינען דאָ פאָרגעקומען אַ סך זאַכן. דו ווייסט, אַז איך האָב געזאָלט אַוועקגיין. די מאַמע איז נישט געווען צופרידן פון מיר, דערפאַר וואָס איך האָב זיך צופיל אַריינגעטאָן אין סאָציאַליזמוס. איך האָב שוין אפילו געהאַט אָנגעגרייט אַן אַנדער שטעלע, נאָר איינמאָל האָט מען מיך אויפגעוועקט איבעמיטן נאַכט. די מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד. מען האָט געמיינט, אַז דיין טאַטע וועט אויסגיין יענע נאַכט. ער האָט נישט געקאָנט דעם אָטעם אָפּכאַפּן און עס האָט אים געדישעט און מען האָט אים קוים אָפּגעמינטערט. אין דער פרי איז געקומען דער דאָקטאָר. וואָס פרעגסטע, עס איז ביטער. דיין טאַטע האָט אַ קרענק, וואָס מען פרעגט זיך נאָך אויף איר. זי הייסט אסטמע, די דאָזיקע קרענק, קיין מענטש זאָל דערפון נישט וויסן. ער־געֶר אים נישט, מאָטעק. נעם אַ ספר אין האַנט אַריין. שבת בלייב אין הויז און שטעל אים צופרידן . . . דאָס איז נאָך נישט אַלץ. פון גרויס ערגערניש האָט דער מאַמען, — אַ צוויי טעג נאָך דעם טאַטנס אַטאַקע, — זיך פאַרדרייט דער קאָפּ ביי דער אַרבעט און זי איז אַרונטערגעפאַלן פון שטול. ווען איך דערכאַפּ זי נישט, וואָלט זי זיך צעקלאַפּט. אויך צו איר האָט

מען געמוזט רופן דעם דאָקטאָר. ער זאָגט, אַז איר האַרץ איז אָנגעגריפן. ער הייסט איר אָוועקפאָרן אין די מאַריענבעדער. פרעג נישט, מאַטעק, ביסט צו־ריקגעקומען אין אַ שלעכטער צייט. דערפאַר בין איך נישט אָוועקגעגאַנגען. פאַר קיין געלט קאָן איך נישט לאָזן די מאַמע אין אַזאַ צושטאַנד. זי טאָר נישט אַרבעטן שווער. וועל איך שוין אַרבעטן פאַר איר אויך. זײַ גוט צו איר, מאַטעק, האָסט איין מאַמען. ס'איז שלעכט צו זיין אין דער פרעמד, מאַטעק, פרעג מיך.

מאַטעק האָט געפילט ווי אַלץ אין אים לייזט זיך אויף, ווי ער וועט אַליין באַלד אַראָפפאַלן פון בענקל, אויף וועלכן ער איז געזעסן. ער האָט גלייך נישט געקאָנט ענטפערן, נאָר ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. סאַלטשע איז צוגעגאַנגען צו אים און צוגעדריקט זיין קאָפּ צו איר בוזים און אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. מאַטעק האָט דערפילט ווי טרערן הייבן אָן רינען אויף די באַקן און ער איז אויף שנעל אַרויס פון דער קראָם און זיך געלאָזט גיין אין אַ זייטיקער גאַס.

ווען גוטשיא האָט אים שפּעטער איבערגעגעבן די נייעס, וואָס ער האָט שוין געוואוסט פון סאַלטשען, האָט זי גערעדט צו אים אַנדערש ווי אַמאָל. זי האָט אים באַהאַנדלט ווי אַ גלייכן און זיך ווי באַראַטן מיט אים וואָס צו טאָן.

— אַזאַ אומגליק האָט אונדז געטראָפן אויף אונדזערע יונגע יאָרן, מאַטעק. עס טרעפט, אַז אַ פאָטער ווערט נישט געזונט, אָדער אַ מוטער ווערט פאַר־שלאָפט, נאָר אַז בײדע זאָלן אויף אַמאָל שטאַרק קראַנק ווערן, דאָס איז גאָטס שטראָף. מיט וואָס האָבן מיר זיך אַזוי פאַרזינדיקט? פאַרוואָס קומט עס אונדז? פינף קינדער, וואָס קאָנען זיך נאָך אַליין נישט קיין ריר טאָן. וואָלט מען מיך כאָטש געלערנט אַ מלאכה, וואָלט איך אַרויסגעגאַנגען פאַרדינען און נישט געלאָזט די מאַמע אַריינגיין אין קראָם. דער אָנקל גוסטאַוו איז נאָך דער חתונה געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער נעמט זיך מער נישט צום האַרצן פון קיין זאַך, וואָס מען דערציילט אים. ער קומט אַריין און זיצט, ווי אויף הייסע קוילן, אַבי אָפּצוקומען דעם וויזיט. וואָס מען רעדט צו אים, גייט אים אין איין אויער אַריין, אין צווייטן אַרויס. די טאַנטע רעגינטשאַ איז עפּעס נישט מיל־כיק, נישט פליישיק, אַ פאַרעוועדאַמע, וואָס כאַליעט אין בעט ביזן האַלבן טאָג און לייענט פראַנצויזישע ראָמאַנען. זי האָט איין ענטפער אויף אַלע זאַכן: „נאָר וואָס קאָן מען דען מאַכן?" בלייבט איבער דער אָנקל מענדל. הער איך, אַז דער פאָפוגאַי האַלט ביים חתונה האָבן. דו ווייסט, אַז מיר האָבן קיינמאָל פון אים גאָרנישט נישט געהאַט. ער קאָן בלויז נאָכפאָלגן דעם אָנקל גוסטאַוו. אַז דער אָנקל גוסטאַוו האָט חתונה געהאַט, קאָן ער דאָך נישט

בלייבן קיין אַלטער בחור, „נישט וואָר?“ און אַז דער אָנקל גוסטאַוו האָט געקראָגן אַ רייכע און אַ שיינע כלה, מוז ער דאָך אויך געפינען דאָס זעלבע . . .

פון יענעם טאָג אָן איז געוואָרן אַ גוט לעבן צווישן גוטשיאַן און מאָטעקן. באַלד האָט זיך די פאַמיליע געדאַרפט צוריק אַרייַנקלייבן אין דער אַלטער דירה הינטער דער קראָם. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אמתן אומגליק. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז די צוויי חדרים זיינען לעבעדיקע קברים. נאָר מען האָט נישט געקאָנט טראַכטן וועגן געפינען אַ בעסערע וואוינונג. ערשטנס, איז נישט געווען צו קריגן; צווייטנס, איז די לייזונג געוואָרן ערגער און ליפע האָט זיך נישט געטאָרט צוריקנעמען צו מאַכן פאַפיראָסן, ווי ער האָט דאָס געטראַכט נאָכאַמאָל צו טאָן.

בייַנאַכט האָט ליפע אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען. מען האָט געקאָנט הערן זיין כריפען אין קראָם, וואו מאָטעק, גוטשיא און סאַלטשע זיינען ווידעראַמאָל געשלאָפן. דער טאַטע אַליין האָט געזאָגט, אַז ער „גיט אָפ קאָנצערטן“ דורך די נעכט. ער האָט געזאָגט, אַז עס פעלט אים אויס לופט. דער לופטשיק איז געווען אָפן, נאָר די טיר האָט מען דאָך נישט געקאָנט האַלטן אָפן בייַנאַכט. מען האָט זיך אָנגעהערט פון גנבות און רויבערייען אין געגנט.

די עלטערן זיינען געוואָרן געלאַסענער אין זייער רעדן און צאַרטער אין זייער צוגאַנג צו די קינדער. איבערהויפט האָט דאָס געפילט מאָטעק. דער פאָטער האָט ווידער אַמאָל אויסגעדריקט זיין באַדויער, וואָס מאָטעק דאַרף שלאָפן אויפן „הסב־בעט“ און וואָס עס האָבן זיך נישט געזען קיין אויסזיכטן, אַז מען זאָל אים קאָנען קויפן אַן אמתדיק בעט. אויב די קינדער האָבן זיך אַמאָל געהאַט דערלויבט צו זינגען אָדער צו שרייען אין הויז אָדער צו קריגן זיך אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט הערן אין הויף, האָט דאָס אַלץ אַצינד געהאַט אויפגעהערט. מען האָט גערעדט אין דער שטיל. מען האָט כסדר אַרייַנגעקוקט טאַטע־מאַמע אין די אויגן צו זען ווי זיי פילן, מען האָט זיי געפרעגט צי זיי דאַרפן עפעס, מען האָט זיי נישט געלאָזט אויפהויבן קיין שווערע זאַכן און מען האָט צו זיי גערעדט ווייך און נעבעכדיק.

שווער איז געווען צוצוזען ווי די עלטערן האָבן זיך איצט באַצויגן אייַנער צום אַנדערן. דער טאַטע האָט יעדע ווייל אַרייַנגעקוקט אין קראָם אויסצוגעפינען ווי די מאַמע פילט זיך. ער האָט געהאַלטן צוגעגרייט וואַלעריאַן טראָפנס. ער האָט איר אָפט אַרייַנגעטראָגן געטראַנקען זי צו קרעפטיקן.

דאָס זעלבע האָט מען געפילט אין דער מאַמען. זי פלעגט אָפט אַרייַנקומען אין שטוב און פרעגן:

— ליפע, דו אָטעמסט שווער? אפשר זאָלסטו זיך איבערגיין, אָדער

שטיין אין דרויסן? ס'איז דאָך אַזוי פאַרשטיקט אינעווייניק. פּאָלג מיך, ליפּע טייערע, שפּאַציר זיך אַביסל דורך. האָסט גענומען די מעדיצין, ליפּע? עס האָט דיר געהאָלפן? אפשר באַשטעלן די אַנדערע מעדיצין?

די קינדער האָבן דאָס אַלץ געהערט און עס האָט זיי ווי געטאָן. פון גוטשיאַן איז געוואָרן אַ תל. געוואוסט האָט מען, אַז דער אַנקל גוסטאַוו שטייט־אויס די דאָקטאָר־און מעדיצין־הוצאות. און דאָס האָט אַביסל פאַר־לייכטערט דאָס געמיט. נאָר גוסטאַוו איז בלויז געקומען, ווען מען האָט גע־שיקט נאָך אים. זיין פרוי האָט נאָך קיינער נישט געהאַט געזען אין מאַטעקס הויז. דער מאַמען האָט אויך שטאַרק געקרענקט וואָס דער אַנקל מענדל דער־ציילט איר גאָרניט וועגן זיין כלה. וואָס איז מיט אים די גדולה? פאַרוואָס שטייט אים נישט אָן צו באַראַטן זיך מיט דער שוועסטער וועגן חתונה האָבן?

3.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז מען מוז אומבאַדינגט האָבן אַ פענצ־טער אין פאַטערס צימער, וואו ער שלאָפט, אָדער זוכן אַן אַנדער וואוינונג, וואו מען זאָל קאָנען עפענען אַ פענצטער. דער סוף איז געווען, אַז דער הויז־אייגנטימער האָט צוגעשטימט אויסצובויערן אַ לאָך אין דער וואַנט, וואָס איז אַרויס אין הויף. אַ לאָך האָט מען אויסגעבויערט איבערן טאַטנס בעט. דער דאָקטאָר האָט געלאַכט, נאָר ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז בעסער ווי גאָרנישט. דעם פאָטער איז אָבער נישט געוואָרן בעסער דערפון.

אויף גוסטאַווס עצה האָט זיך מאַטעק פאַרשריבן אין יאַראַטשינסקיס טעכנישער שול אויפצונעמען עלעקטראָ־טעכניק. ער האָט איצט געטראָגן אַ קוקאַרדע מיט צוויי העמערלעך און אַ דרייעק. דאָס איז געווען אַ פרייע שול און די קליינע אויסגאַבן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם האָט דער אַנקל גוסטאַוו צוגעזאָגט אויסצושטיין. כדי מאַטעק זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו אים, האָט דער אַנקל איבערגעלאָזט מיט דער מאַמען אַ סומע געלט ספּעציעל פאַר מאַטעקן.

דאָס לערנען אין יאַראַטשינסקיס שול איז מאַטעקן אָנגעקומען לייכט, נאָר די אַרבעט איז אים געפאַלן זייער שווער. אַ האַלבן טאָג האָט מען גע־לערנט, דעם אַנדערן האַלבן טאָג געאַרבעט אין ווערקשטאַט, אין אָנהייב אַלס שלאָסער און אין קוזשניע. די ערשטע אַרבעט וואָס מאַטעק האָט געדאַרפט טאָן איז געווען אויסצופּערטיקן אַן אייזערן קלעצל, אַרויפצולייגן אויף פּאַ־פּירן ביים שרייב־טיש. דאָס האָט ער צוגעגרייט אַ מתנה פאַר אַנקל גוסטאַווס קאַנטאָר. דאָס אַרבעטן מיט דער פייל און מיטן האַמער איז מאַטעקן אָנגע־קומען מיט גרינע ווערים. זיינע הענט, זיינע פינגער און זיינע מוסקולן האָבן

קיינמאָל קיין פיזישע אַרבעט ניט געטאָרט טאָן אין הויז אָדער אויסערן הויז. שולדיק איז אין דעם געווען דער פאָטער זיינער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז זיין הויפּט־אַרבעט איז האַלטן ספרים אין די הענט.

אין לערנען איז מאָטעק געווען צווישן די בעסטע, אין אַרבעטן — פון די ערגסטע. די חברים סטודענטן האָבן געלאַכט פון אים, וואָס זיינע הענט זיינען געווען ווי פון פּעך און ליים . . . מאָטעק אַליין האָט אָנגעהויבן צווייפלען, צי ער וועט קאָנען זיך אויסלערנען ווערן אַן עלעקטראָ־טעכניקער. ער האָט אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין פּיאַיקייט אין צייכענען, אין מאַכן פּלענער און אויסאַרבעטן געאָמעטרישע פאָרמולעס. ער האָט פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו זיך. דער אָנקל גוסטאַוו איז אַמאָל געקומען אין הויז אַריין און געזאָגט צו מאָטעקן:

— איך האָב זיך דערקונדיקט וועגן דיין טעכניקום. דאָס איז נישט שאַקינס גימנאַזיום. וואַרף אַוועק די ביכער און העפטן און לערן זיך אויס האַלטן אַ האַמער אין האַנט, אַניט וועסטו מוזן פאַרלאָזן יאַראָטשינסקיס. מען וועט דיך דאָרט לאַנג נישט האַלטן. עס וואַרטן אַ סך אַנדערע אויף דיין פּלאַץ.

אויך אין יאַראָטשינסקיס שול זיינען פאַרמירט געוואָרן גרופּעס צווישן די סטודענטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין קאָנספּיראַטיווער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. מאָטעק האָט זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין אַ גרופּע און צו זיין איבערראַשונג האָט ער אויסגעפונען, אַז איינער פון זיינע באַליבטע לערער איז געווען דער לייטער פון דער גרופּע. דער לערער, אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ האָר, האָט מיט דער גרופּע געלערנט געהיימע ביכלעך און זיי פּאַרטייטשט. געטאָן האָט ער דאָס אין דער געביידע פון יאַראָטשינסקיס שול, אונטער פאַרשיידענע אויסריידן. איין אויסרייד איז געווען, אַז ער דאַרף געבן ספּעציעלן אונטערריכט צו אַ צאָל סטודענטן, וואָס זיינען הינטערשטעליק אין זייער געגנשטאַנד. אַ צווייטן מאָל האָבן זיך די סטודענטן פאַרזאַמלט גלייך נאָכן עסן, ווען מען האָט זיי אויסגעטיילט די טעלער געדיכטע זופּ מיט שטיקער ברויט אין קעלער, אין דער פרייער קיך. די שילער האָבן געגעסן, נאָר די גרופּע האָט פאַרנומען אַ ליידיקן צימער און דאָרט האָט מען געטאָן די „אַרבעט“.

אַזוי איז אַוועק דער האַרבסט און דער ווינטער. צו פרילינג צו האָט מאָטעק אָנגעהויבן ציטערן, אַז מען וועט אים דאָס צווייטע יאָר נישט אַריינגעמען אין דער שול — זיין רעקאָרד אין אַרבעט איז נישט געווען קיין גוטער. ער האָט געוואוסט, אַז ווען דער אָנקל גוסטאַוו מאַכט אַ באַמערקונג, קאָן מען דאָס אָננעמען פאַר גוט געלט.

אין דער היים איז געווען חושך. גאַנץ אָפט, ווען מאָטעק איז אַהיים גע־

קומען פון דער שול, האָט ער געטראָפן דעם טאַטן אין איין בעט, די מאַמע — אין דער צווייטער. ביידע האָבן געהאַט פלעשלעך מעדיצין און פודעלעך מיט פּראָשקעס לעבן זייערע בעטן, אויף די שטולן. אין שטוב האָט געהערשט אַ שטילקייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף מאָטעקן. ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן אהיים צו קומען. ער האָט געוואָלט וואָס לענגער זיך זאַמען אין גאַס.

4.

גאָר אומגעריכט האָט זיך אַ ליכטיקער שטראַל באַוויזן איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט אין הויז. עס איז געווען אַזוי: לאַטשיא האָט זיך געהאַט געשפּילט מיט מיידלעך אין הויף. מאָטעק איז שוין געווען אין הויז. ער האָט געהאַלטן אינמיטן עסן. מיטאַמאָל איז לאַטשיא אַריינגעלאָפן אָן אַן אָטעם אין שטוב אַריין מיט אַ צעפלאַמט פּנים און געשריען:

— מאַמעשי! גוטשיא! יאַדוויגא איז דאָ צוריק! קומט אַרויס! זי זיצט אויף די טרעפּ אין הויף. גיכער, גוטשיא!

דאָס איז באמת געווען אַ גוטע בשורה. מען האָט איבערגעלאָזט אַלץ מיט אַן אַנדער און מען איז אַרויס מקבל פּנים זיין יאַדוויגאַן. די ערשטע איז אַרויסגעלאָפן גוטשיא און ווען מאָטעק האָט געשטעלט פיס, האָט ער שוין געפונען יאַדוויגאַן און גוטשיאַן אַרומגענומען און מען האָט זיך געהאַלטן אין איין קושן אין די פּיסקלעך. ווען יאַדוויגא האָט דערזען די מאַמע, האָט זי זיך צעכליפּעט און געפאַלן איר אויפן האַלדז. אויך די מאַמע האָט געוויינט און געקושט יאַדוויגאַן. מאָטעק, וואָס האָט נאָך אַלץ פּיינט געהאַט צו קושן זיך, אויסער צו באַקומען אַ קוש פון סאַלטשען, איז אויך צוגעגאַנגען צו יאַדוויגאַן און זי האָט אים פריער אָנגעריסן פאַר די אויערן און דאַן אים אויסגעקושט דאָס גאַנצע פּנים.

מען האָט יאַדוויגאַן נישט געפרעגט, וואו זי איז געווען. מען האָט איר בלויז אַרויסגעוויזן די אמתע צופרידנקייט, וואָס זי איז דאָ. מען האָט אפילו נישט געפרעגט, צי זי וועט בלייבן, נאָר ווען יאַדוויגא האָט געזאָגט, אַז זי וועט מאָרגן אין דער פרי גיין אָפּנעמען איר זעקל, האָט גוטשיא געזאָגט, אַז מאָטעק וועט עס שוין טאָן פאַר איר. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז יאַדוויגא איז געקומען אויף צו בלייבן.

ערשט, ווען יאַדוויגא איז דערגאַנגען, אַז טאַטע-מאַמע זיינען קראַנק, האָט זי זיך רעכט צעהעשעט.

— ווי האָב איך, זינדיקער מענטש, געפאַלענע נשמה, געקאָנט זיך וואַלגערן אין דער פרעמד און פאַרשיכורן מיינע נעכטנס, ווען אַזעלכע ערלעכע,

פרומע מענטשן זיינען געבליבן הילפלאָז? מער וועל איך אייך שוין נישט פאַרלאָזן, נשמות מיינע. איך וועל זיך אויסקויפן פאַר מיינע זינד. איך וועל זיין אַ מאַמע צו אייך, אַ שוועסטער אַ געטרייע וועל איך זיין . . .

מיט יאַדוויגאַן איז הויז איז אַלעמען געוואָרן לייכטער און זיכערער. זי האָט גלייך איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט. פון טייבלען איז אַרונטער דער שווערער עול. ווער נאָך האָט געקאָנט אַזוי פאַרשטיין און באַגרייפן די נויטן און מיטפילן מיט איר, ווי די אייזן־פעסטע יאַדוויגאַ, וואָס איז אַליין שוין געוועזן אַלט און צעקנוידערט, נאָר וואָס איז געבליבן אייזן־פעסט אין איר געטריישאַפט צום סאַרנע־שטאַם. וועגן זיך האָט זי דאָך קיינמאָל נישט גערעדט, בלויז אויסגעהערט אַלעמענס באַקלאָגן זיך געדולדיק און ערנסט געזוכט אַ לייזונג, אַן אויסוועג. טייבל און גוטשיא האָבן שטאַרק געוואָלט וויסן וואו זי איז געוועזן, וואָס האָט זיך מיט איר געהאַט פאַרלאָפן, נאָר יאַדוויגא האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די פאַרשלאָסענע ליפּן — און מער האָט קיינער נישט געפרעגט. בלויז סאַלטשע האָט געוואוסט יאַדוויגאַס סודות. און סאַלטשע האָט קיינעם נישט דערציילט, אפילו נישט גוטשיאַן, ווייל אַזוי האָט איר יאַדוויגאַ אָנגעזאָגט.

צווישן סאַלטשען און יאַדוויגאַן איז געוועזן אַ שוועסטערלעכע ליבשאַפט. זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן וואונק. זיי האָבן איינע ביי די אַנדערע געלייען געלט, אַרויסגעהאָלפן מיטן אָנטועכץ.

איבערן קראַנקן סאַרנע־הויז האָבן אויפגעפּאַסט — די דינסט יאַדוויגאַ און דאָס אַרבעטס־מיידל סאַלטשע.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

וואָס וויל מען פון מיר?

.1

קיין סך נאָענטע חברים האָט מאָטעק נישט געהאַט. שולדיק איז אין דעם הויפּטזעכלעך געוועזן זיין היים. מען האָט נישט געקאָנט אַריינ־ברענגען אַ פּריינט אין די ענגע צווייִ חדרים, וואו ס׳איז נישט געווען גענוג פּלאַץ פאַר די אייגענע פינף קינדער און פאַר סאָלטשען און פאַר יאַדוויגאַן און אפילו פאַר טאַטע־מאַמע. אויסער דעם האָט מאָטעק געוואוסט, אַז די פריינט וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן וועלן נישט נושא חן זיין אין די אויגן פון זיינע עלטערן. האָבן זיי אים דען נישט פאַרגעוואָרפן שטענדיק, וואָס ער חברט זיך מיט לייבטשען? און וואָס איז באַשטאַנען לייבטשעס זינד? אין דעם וואָס ער האָט געוואוינט אין קעלער און אין דעם וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ פשוטער, פּראָסטער בעל־מלאכה, אַ סטאָליער און אַ בונדאָוועץ?

ווען מאָטעק האָט זיך, אין שאַקינס שקאָלע, אויסגעקליבן אַ נייעם חבר, סראָליק רובין, האָט ער אים אויך ניט געקאָנט ברענגען אין הויז אַריין, מחמת סראָליק האָט געטראָגן אַ מונדיר, ווי מאָטעק, און דאָס איז גענוג געווען, אַז מען זאָל אויף אים קוקן ווי אויף אַ גוי, צו וועמען מען קאָן קיין צוטרוי נישט האָבן.

אין יאַראָטשינסקיס טעכנישער שול האָט מאָטעק זיך פאַרשאַפט אַ נייעם חבר שימעק, שימעק יאַקובאָוויטש. אויך שימעק איז געווען פאַר דער רע־וואָלוציע. נאָר הויפּטזעכלעך האָט די ביידע חברים פאַראייניקט די הילף, וואָס איינער האָט געקאָנט באַקומען ביים אַנדערן. שימעק איז געווען שוואַך אין די לימודים, האָט אים מאָטעק געהאָלפן מאַכן די לעקציעס. מאָטעק איז געווען שוואַך אין וואַרקשטאַט, האָט אים שימעק אָנגעוויזן ווי צו האַלטן די פייל אין די הענט.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז שימעקס יינגערע שוועסטער איז געגאַנגען אין דער זעלבער מיידל־שול, וואו לאַטשיא, מאָטעקס יינגערע שוועסטער, איז געגאַנגען. לאַטשיא האָט איינמאָל באַזוכט איר חברטעס הויז און דאָרט האָט

שימעקס מוטער געבעטן שימעקן, אַז ער זאָל צופירן לאָטשיאַן אַהיים, ווייל ס'איז געווען אין אָוונט. האָט מען שוין אין דער היים געוואוסט, אַז שימעק און מאָטעק זיינען חברים און לאָטשיא און גאָלדע, שימעקס שוועסטער, זיינען גוטע פריינט. און ווען גאָלדע איז איינמאָל געקומען צו לאָטשיאַן אין שטוב אַריין מאַכן די לעקציעס, האָט טייבל געבעטן מאָטעקן, אַז ער זאָל אָפּפירן גאָלדען אַהיים.

איז טייבלען שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס לאָטשיא האָט זיך אויס־געקליבן אַזאַ לייטיש קינד פאַר אַ חברטע.

— ליפּע, האָסט שוין אַמאָל געזען אַזאַ צוגעפּאַסטע פּאָר ווי לאָטשיא און די גאָלדע? — האָט טייבל באַמערקט צו איר מאַן, — זיי קוקן דאָך אויס ווי צוויי שוועסטער, זייערע כאַראַקטערע זיינען די זעלבע און זייערע מאַ־ניערן אויך די זעלבע.

מאָטעקן איז געפעלן געוואָרן, וואָס די מאַמע האָט אַזאַ מיינונג וועגן גאָלדען. עס איז עפּעס פריילעכער געוואָרן אין הויז, ווען גאָלדע האָט זיך באַוויזן. און עס איז געוואָרן פּוסט, ווי דער גרויסער אויוון וואָלט פּלוצלינג אויסגעגאַנגען, ווען גאָלדע איז אַוועק. נישט דערפאַר וואָס זי איז געווען אַזאַ פריילעכע און רעדעוודיקע, נאָר, אפשר פאַרקערט, וואָס זי איז געווען ווי אַ שטילע טויב. וואָס זי האָט גערעדט אַזוי געלאַסן און מילד און וואָס זי האָט געשמייכלט פאַרשעמט. איר פּנים האָט שטענדיק געשמייכלט.

ווי צוגעפּאַסט די צוויי מיידלעך זיינען געווען איינע צו די אַנדערע!

לאָטשיא: קיינמאָל נישט פאַרזויערט, קיינמאָל נישט טרויעריק, זויבער־ריין אין איר אויסזען און קליידונג, גוט־האַרציק און נאָכגיביק. שטענדיק גלאַט פאַרקאַמט, אַלץ ווי געטאָקט. איר פּנים, איר האַלדז, איר קערפּער — ווי אַ יונג געזונט ביימעלע; איר קול — זינגעוודיק, אין גלייכן טאָן, נית אַרויף, נית אַראָפּ.

גאָלדע: עטוואָס העכער ווי לאָטשיא. אין וואוקס פּונקט אַזוי גרויס ווי מאָטעק. איר פּנים לענגלעך־רונדיק, די אויגן גרויע, וואָס זיינען אין גע־וויסע מאָמענטן געוואָרן העל־גרין. די האָר טונקל־בלאָנד, פאַרקאַמט מיט אַ לאַנגן צאָפּ, אַ דיקן. דער גאַנצער קערפּער, ווי פון איין שטיק מאַטעריע. די הענט לענגלעך, די פיס לענגלעך. דאָס קול אירס — מעלאָדיש און גלייך. יעדעס וואָרט אירס גוטמוטיק, שמייכלענדיק, באַגלייט מיט אַ שמייכל אין די אָפענע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אַזוי גלייך אויף דיר און געהאַט צוטרוי צו דיר.

גאָלדע און לאָטשיא זיינען שטענדיק געגאַנגען געאַרעמט, אָדער אַרומ־גענומען ביי דער טאַליע. שטענדיק גערעדט שטיל, נאָר געלאַכט אַ סך און

געוועז צופרידן מיט זיך. אַלץ אַרום זיי איז געווען אָנגענעם. און דאָס האָט מען איבערהויפּט באַמערקט, ווען גאָלדע איז געקומען אין לאָטשיאס אַרעמער שטוב אַריין. גאָלדע האָט די אָרעמקייט און די ענגשאַפט ווי נישט באַמערקט. זי האָט צו אַלעמען געשמייכלט און פאַר יעדערן געהאַט אַ גוט וואָרט.

„וואו האָבן זיך גענומען אַזעלכע ליבע נפשות?" האָט לאָטשיאס מאַמע געפרעגט. מאַטעק האָט דאָס געהערט און ער האָט זיך אויך געוואונדערט. לאָטשיא איז געווען פאַרבאָרגן אין זיך. גאָלדע איז געווען דורכזיכטיק, ווי קרישטאָל, כאָטש זי איז געווען נאָכגיביק און גוטהאַרציק. אין האַרצן האָט זי מסתם געוואָלט טאָן עפּעס אַנדערש, נאָר אויב מען דאַרף, זאָל זיין אַזוי. אַנדערש איז עס געווען מיט גאָלדען. זי איז געווען ווי עס האָט זיך געפּאַסט, אַז זי זאָל זיין. זי איז געווען דער אָפּשטראַל פון אַן אינעווייניקסטער ליכט. זי האָט נישט געוואָלט זיין אַנדערש ווי מען האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיין. די גוטסקייט, ווייל זי איז געווען גוט; די מילדקייט, ווייל איר גאַנצער וועזן איז געווען מילד.

2.

מען האָט מאַטעקן אַריינגענומען צום נייעם זמן אין יאַראָטשינסקיס שול. ער איז געווען צופרידן דערפון, נאָר עס איז געווען די זעלבע מעשה — לערנען פון ביכער האָט ער געלערנט גוט, נאָר ווי ס'איז געקומען צו דער טעכנישער זייט, איז ער געווען צווישן די ערגסטע. עס זיינען אים נישט געקראָכן אין קאָפּ די געאָמעטרישע פאָרמולעס און די הענט זיינע זיינען געווען ווי פון ליים.

צווישן די שילער פון זיין „גרופּע" האָט עס געקאָכט און געזידט. אין שטאָט האָט מען געשטעלט נייע תליות און איינגעפירט קריגס־געריכטן. פּראָוואָקאַטאָרן האָט מען געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער, נאָר זייער צאָל האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן און זיי זיינען שוין איצט אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי און אין באַגלייטונג פון פּאָליציי־לייט האָבן זיי אָנגעוויזן אויף רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיינען גלייך אַרעסטירט געוואָרן. אַ סך אומגליק און טויט האָט געבראַכט דער משוגענער נח (נח וואַריאַט), וואָס פלעגט אַריינקומען אין די „טשאַינעס" און אין טעאַטער און וועמען ער האָט געהייסן, האָט מען גלייך אָװעקגעפירט אין אוטשאַסטאָק.

די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע שילער פון יאַראָטשינסקיס שול האָבן געוואוסט, אַז מען האַלט אַן אויג אויף זיי. און עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט און מען האָט אַרעסטירט מאַטעקס באַליבטן לערער, דעם אָנפירער פון דער גרופּע צו וועלכער מאַטעק האָט באַלאַנגט. אומעטום אין די קלאַסן

האָט מען זיך געסודעט. עס איז געווען אַ קלאַנג, אַז מען וועט אַרויסוואַרפן פון דער שול די שילער וואָס „באַלאַנגען".

אויב מאָטעק האָט ניט פאַרלאָרן די דרייסטקייט ווייטער אויסצוטיילן פראָקלאַמאַציעס, האָט אָבער זיין חבר שימעק זיך דערשראָקן און זיך אָפּגע־זאָגט צו באַלאַנגען אָדער צו טאָן אַרבעט. צווישן אים און מאָטעקן זיינען פאָרגעקומען לאַנגע דיסקוסיעס דערוועגן. שימעקס עלטערן און קרובים זיי־נען געווען קליינע געשעפטלייט און זיי האָבן זיך געוואָלט אַרויפאַרבעטן און זיי האָבן מקנא געווען די גרויס־פאַבריקאַנטן.

די גרויס־פאַבריקאַנטן אין לאָדזש האָבן צוריק אויפגעהויבן די קעפּ און נישט בלויז זיך אָפּגערעכנט מיט די אַרבעטער און געמאַכט לאָקאַוטס קעגן זיי, נישט נאָר געהאַלטן אין איין שניידן דעם מאָגערן לוין, נאָר זיי האָבן זיך אויך אַ נעם געטאָן צו די קליינע פאַבריקאַנטלעך זיי צו פאַריאָגן פון מאַרק און זיי צו דערשטיקן פינאַנציעל.

די פרומאַקעס האָבן געזונגען:

„שישו ושמחו בשמחת תורה, מיר האָבן פאַר די סטרייקער שוין מער ניט קיין מורא".

עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט און שימעקס עלטערן האָבן באַנק־ראָטירט, אויף אַן אמתן אופן. נישט ווי עס איז געווען די מאָדע אין לאָדזש צו דערקלערן זיך באַנקראָט און אָפּלעקן אַ פעטביינדל פון „אומגליק" און עפּענען אַ גרעסער געשעפט אונטער אַ נייעם נאָמען.

דער באַנקראָט האָט געווירקט שטאַרק אויף שימעקן, נאָר נישט אויף גאָלדען. אויף אים האָט מען דאָס גלייך געקאָנט דערקענען. ער איז געווען דערשראָקן, צעטומלט, פאַרווירט. גאָלדע, ווידער, האָט געהאַט דעם זעלבן ראָזעווען טויאַיקן אויסזען. איר שמייכל האָט גערוט אויף איר פּנים, ווי זי וואָלט געקומען פון אַ גרינגער לאַנקע. פון אַ פעלד אויסגעשפּרייט מיט קווייטן און באַגאָסן מיט ליכטיקע שטראַלן פון דער פרילינג־זון. שימעקס מלבושים זיינען געווען צעקנייטשט, נישט אָפּגעהיט. גאָלדעס הילוך איז גע־ווען ווי פריש פון דער נאָדל אַרויס, אַלץ ווייס און שמעקעוודיק און אויסגע־פּרעסט און צוציענדיק.

ווען מאָטעק איז אַרויפגעקומען צו שימעקן אין הויז, האָט ער גלייך דער־זען דעם חורבן, וואָס דער באַנקראָט האָט אָנגעמאַכט. מיט אַ פּאָר חדשים פריער האָט שימעקס מאַמע געשיינט, געזונגען, זיך געפרייט מיט מאָטעקן, אים צוגעטראָגן גוטע זאַכן צום נאַשן, זיך געזאָרגט, אַז עס זאָל די קינדער זיין באַקוועם אין הויז. נאָר אַ חודש נאָכן באַנקראָט, ווען מאָטעק האָט באַ־זוכט דאָס הויז, איז שימעקס מאַמע געווען מיד און מאַט. זי האָט זיך פאַר

מאָטעקן ניט געוויזן. ער האָט זי געהערט קרעכצן, אַרומגיין מיט שווערע טריט אין די אַנדערע חדרים. אַלץ אין הויז איז געווען גרוי און פאַרוויינט, איבערהויפּט שימעק. עס איז געווען נאָך אַ ברודער, אַן עלטערער. אויך ער האָט גערעדט שטיל און נערוועז. גאָלדע איז געווען די בת־יחידה, און די יינגסטע. זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט גערעדט מיט אַ שמייכל, ווי תמיד. איר גאַנג איז געווען, ווי צו אַ שמחה. זי האָט מאָטעקן צוגעטראָגן אַ שטיק טאָרט און זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים ביז ער האָט דאָס נישט אַריינגענומען אין מויל.

— ביי אונדז אין הויז קאָן מען נישט אַרויסגיין מיט ליידיקן, — האָט זי געשמייכלט און איינגעפּאַקט אַ שטיק טאָרט פאַר לאָטשיאַן.

באַמערקט האָט מאָטעק, אַז גאָלדעס אויג פאַלט אויף אַלץ אין הויז. דאָ האָט זי אויסגעשטעלט די שטולן, וואָס זיינען געווען נישט אַהין ניט אַהער. דאָ האָט זי געעפנט אַ פענצטער. זי האָט ליב געהאַט אָרדענונג און ציכטיקייט אין זיך און אַרום זיך. צו דער מאַמען איז זי צוגעגאַנגען, זי אַרומגענומען און געקושט אין קאָפּ. ווען שימעק האָט געהאַלטן ביים באַגלייטן מאָטעקן, האָט גאָלדע געזאָגט:

— אפשר ווילן די „וויעלמאַזשנע פּאַנאָוויע״ מיך אויך מיטנעמען שפּאַצירן.

און געגאַנגען איז זי אינמיטן און געפירט ביידע בחורים אונטער די אָרעמס. אירע הענט האָבן געהאַט אויף זיך ווייסע הענטשקעס. זי האָט אינגאַנצן געשטראַלט.

— איר רעדט זיך וועגן וואָס איר ווילט, איך וועל קוקן אויף די מענטשן, — האָט זי געזאָגט און געקוקט גלייך פאַראויס און געשמייכלט פון דער זייט.

מאָטעק האָט איינגעזאַפּט דעם ריח פון אירע גלאַטע ווייכע האָר, פון איר פריש געפּרעסטן קלייד, פון אירע ראָזעווע באַקן. ער האָט געטראַכט, אַז ער האָט זי נאָך קיין איינמאָל נישט געזען אין אַן ערנסטער שטימונג, אָדער אין אַ נערוועזן צושטאַנד, ווי מען האָט אין יענער צייט געזען אַ סך יוגנטלעכע אין לאָדזש.

איינמאָל האָט גאָלדע פאַרגעשלאָגן מאָטעקן, „אַז מען זאָל גיין צוזאַמען שפּאַצירן אין העלענוּאווּעק, אָדער אין קאָנסטאַנטינער וואַלד״. זי האָט ליב צו גיין אויף לאַנגע שפּאַצירן. זי ווערט קיינמאָל נישט מיד. זי וועט אָנגרייטן עסן מיטצונעמען. זאָל מען מאַכן אַ מאַיאָווקע. זי האָט געקוקט אויף מאָטעקן צו זען ווי דאָס וועט ווירקן אויף אים. מאָטעק האָט געפילט ווי ער ווערט רויט און איר פריילעכער קוק אויף אים, אירע אָנגעצונדענע גרויע אויגן, האָבן אים נאָך מער צעטומלט. ער האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— עס וואָלט אוודאי געווען אַ גוטע זאַך, אָבער היינטיקע צייטן, ווען מען ציטערט פאַר איבערפאַלן . . .

— אַ, איך וועל דיך באַשיצן, מאַטעק. פאַר מיר האָבן אַלע רעוויראָוועס מורא. איך זאָג צו זיי: „אַשו . . . טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען" און זיי אַנט־לויפן וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט . . .

און געטראַכט האָט מאַטעק: ער איז נישט ווערט אירע טריט. ער וועט נישט וויסן ווי צו באַגיין זיך מיט איר. און געטראַכט האָט ער אויך: און וואָס וועט סאַלטשע זאָגן? סאַלטשע, ווען זי מאַכט אים אַזאַ פאָרשלאָג, וואָלט ער מיט איר געגאַנגען אפילו אין דער טורמע אַריין, אַבי צו זיין מיט איר. נאָר סאַלטשע גייט שטענדיק אַרום מיט אַ כאָפּטע יונגען, וואָס טראָגן שוואַרצע קאַפעלושן און באַלעקן זיך, ווען זיי רעדן אויס צו איר אַ וואָרט און זיי בעמען איין די כפרה, ווען זי שענקט זיי אַ שמייכל . . .

.3

אין דער היים ביי מאַטעקן האָט מען געוויינט און געקלאָגט. אפילו יאַדוויגאַ האָט אין געהיים זיך די אויגן געווישט מיט איר פאַרטוך און נישט געקאָנט איינצאַמען די טרערן. די דאָקטוירים האָבן געהייסן טייבלען גלייך פאַרלאָזן לאָדזש און פאָרן אין די דייטשע בעדער, אין מאַריענבאַד. און נישט אַליין זאָל זי פאָרן, נאָר עמיצער זאָל מיט איר מיטפאָרן. און זיין זאָל זי דאָרט אַ לאַנגע צייט און אונטער דער אויפזיכט פון אַן אַרצט.

און דער אָנקל גוסטאַוו מיטן אָנקל מענדל מיט דער טאַנטע רעגינטשא זיינען זיך צוזאַמענגעקומען ביי מאַטעקן אין שטוב און מען האָט פלאַנירט און צוגעגרייט די רייזע. און די מאַמע האָט זיך געהאַלטן הילפלאָז, ווי זי וואָלט שוין גאָרנים ניט געהאַט צו זאָגן, נאָר זיך געלאָזט פירן פון אָנקל גוסטאַווס באַפעלן. און דער טאַטע איז געשטאַנען און זיך געשאָקלט ווי ביים דאַווענען און געמאַכט מיט די הענט, ווען ער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט. זיין קול איז געווען פאַרצאָגט און דער אָטעם ביי אים איז געווען שווער, קורץ און קראַנק.

און באַשלאָסן איז געוואָרן, אַז רעגינטשאַ זאָל מיטפאָרן מיט דער שוועס־טער, נאָר רעגינטשא האָט געזאָגט אַז זי דאַרף זיך באַטראַכטן. זי דאַרף זיך באַטראַכטן. זי דאַרף זיך הייסן אויפנייען נייע קליידער און וואָס וועט זי דאָרט טאָן צווישן קראַנקע מענטשן? און דער אָנקל גוסטאַוו האָט קיין סך נישט געטראַכט און אַריינגערופן גוטשיאַן און צו איר געזאָגט:

— דו וועסט פאָרן מיט דער מאַמעשי און דו וועסט אויפפאַסן אויף איר. ביסט נאָך אַזוי יונג, נאָר דו טראָגסט אויף זיך דעם יאָך נישט פון היינט.

קיינער וועט אויף דער מאַמען נישט אויפפּאַסן אַזוי גוט ווי דו און קיין נייע קליידער דאַרפסטו אויך ניט. איך וועל דיר מיטגעבן מיין פּרויס אַ פּאָר זאַכן און די מאַמע וועט זיי שוין צערעכט מאַכן.

און אײדער מען האָט זיך געקאָנט רעכט אַרומקוקן זיינען ביי דער קראַם געשטאַנען צוויי דראָזשקעס. די מאַמע מיט גוטשיאַן און רעגינטשאַן האָבן זיך ביידע אַריינגעזעצט אין איינער, און ביידע אָנקלס מיטן טאַטן — אין דער צווייטער. די איבעריקע קינדער זיינען געבליבן אין הויז. די מאַמע האָט זיך אויף שנעל געזעגנט . . . מען האָט איר נישט געלאָזט, — רעג זיך נישט אויף, וויין נישט, ס'איז נישט גוט פאַר דיר, — זי האָט צו יעדן קינד גערעדט באַזונדער און אים געגעבן באַזונדערע קושן, דעם אין די אויגן, דעם אויף די ליפּן, דעם אויפן שטערן. זי האָט געוויינט און געדרייט מיטן קאָפּ, נאָר דער אָנקל גוסטאַוו האָט זי געהאַלטן אין איין יאָגן: „דער צוג וועט אָפּ־גיין אָן דיר, די דראָזשקעס וואַרטן, יעדע מינוט קאָסט געלט . . . "

און שוין איז מען געבליבן אָן דער מאַמען און אָן גוטשיאַן.

אין שטוב האָט געהערשט יאַדוויגאַ, אין קראַם — סאַלטשע. דער טאַטע האָט געליטן פון אַסטמע־אַטאַקעס און ער האָט אָפט נישט געקאָנט צו זיך קומען פאַר אַ לאַנגע צייט. ער איז געווען צופרידן, וואָס מען האָט אים גע־לאָזט צורו. עס איז אים שווער געווען צו רעדן. די פיר קינדער אין הויז האָבן זיך געפּילט פאַרלאָזן און פאַרנאַכלעסיקט. געגעסן האָט מען ווינציק. יאַדוויגאַ האָט געקאַרגט. נישט ווייל זי האָט געוואָלט, נאָר ווייל זי האָט געמוזט.

— פייגעלעך מיינע, דאָס איז פאַר אייך קיין עסן נישט, נאָר מען קאָן דאָך נישט יעדן טאָג אָנקומען צום פאַן גוסטאַוו. ווען איך האָב אייגן געלט, וואָלט איך אַליין געקויפט אייך שפּייז, נאָר מיין פאַרמעגנס האָב איך געלאָזט אין טשענסטאָכאָוו, זיך אָנגעגרייט מיט אַ שטיקל פּלאַץ אויף יענער וועלט און אַביסל אויף פאַרשיכורט. וואָס זאָל איך טאָן, איך, זינדיקע קאָביעטע, אַז דער יצר הרע איז ביי מיר גרויס און דאָס לעבן איז ביטער צו מיר . . .

סאַלטשע האָט געאַרבעט שווער אין קראַם, נישט געוואָלט אַרויסלאָזן קיין קונה, נאָר די צייט איז געווען גאָר אַ שלעכטע און קונים האָבן זיך גע־האַלטן אין איין דינגען און סאַלטשע האָט זיך געגומען צום האַרצן דערפון. זי האָט זיך באַראַטן מיט ליפּען און ליפּע האָט געהייסן פאַרקויפן אונטערן פּרייז, אַבי זען אַ פּאָר רובל.

מאַטעק האָט באַמערקט, ווי דער פאָטער ציילט אויס דאָס געלט צו יאַדוויגאַן, רעכנט אויס וויפל יעדע זאַך דאַרף קאָסטן און הויבט ווידער

אָן ציילן, אַראָפּנעמען, אויסשליסן, פֿאַרקלענערן, „איך קאָן זיך באַגיין אָן דעם, פֿאַר די קינדער וועט זיין גענוג".

יאַדוויגאַ האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פֿאַר ליפּען און זי האָט נישט געוואָגט אים צו דערווידערן, נאָר פֿאַר סאַלטשען און פֿאַר די קינדער האָט זי זיך באַקלאָגט:

— קראַנק איז ער און צעבראָכן. מילך און פּוטער און סמעטענע איז בויטיק פֿאַר אים, ווייל ער עס אין מויל אַריין ניט נעמען. אַלץ פֿאַר די קינדער. גייט, רעדט מיט אים, ער איז דאָך אַ געלערנטער, ער ווייסט דאָך וואָס עס שטייט אין די הייליקע ביכער. נאָר טרוקן ברויט, ראַזעווע ברויט איז נישט גוט פֿאַר אים. אָ, ווער האָט אויסגעטראַכט די אָרעמשאַפֿט, די פֿינצטערע נויט?! . . . איינער פּלאַצט פֿון צופיל לוקסוס, דער צווייטער קראַפּירט פֿון אָן אַרויסגעשטרעקטער צונג . . .

פֿון דער מאַמען איז אָנגעקומען אַ בריוו מיט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, ווי זי שטייט מיט נאָך פֿרויען, וואָס זיינען געקומען „אויף דער קור". גוטשיא האָט צוגעשריבן, אַז די מאַמעשי קומט צו זיך, מיטן אייבערשטנס הילף, און זי בענקט אַהיים. ווען מען וואָלט געקאָנט די היים אַריבערנעמען צו איר, וואָלט זי גלייך געזונט געוואָרן.

לאָטשיא האָט מער נישט איינגעלאַדן גאָלדען צו זיך. מאָטעק איז אויך נישט געגאַנגען צו שימעקן אין הויז אַריין. ברודער און שוועסטער האָבן באַקומען אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו דער שטוב, צו זיין מיטן קראַנקן טאַטן, וואַרטן אויף בריוו פֿון דייטשלאַנד.

— מאָטעק, גאָלדע פֿרעגט זיך נאָך אויף דיר. זי זאָגט, אַז דו זאָלסט איר שרייבן אַ בריוול. זי וויל וויסן וואָס דו מאַכסט. דו דאַרפֿסט איר געבן אָן ענטפֿער אויף עפּעס, זאָגט זי, — האָט שימעק איינמאָל ביים לערנען איבערגעגעבן מאָטעקן. מאָטעק האָט געשוויגן.

— וואָס זאָל איך איר זאָגן, מאָטעק? — האָט שימעק געפֿרעגט און גע־קוקט אויף אים פֿאַרשנדיק.

— גאָרנישט, — האָט מאָטעק געענטפֿערט.

מאָטעק איז געווען צופיל פֿאַרנומען מיט סאַלטשען צו טראַכטן וועגן גאָלדען. סאַלטשע האָט זיך מיט אים באַראַטן וועגן הויז־זאַכן. זי האָט מיט אים גערעדט וועגן באַוועגונג זאַכן. זי האָט מיט אים גערעדט ווי צו אַ גרויסן. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט און זי געהאַלטן אין אירער. זי האָט געגלעט זיין האַנט און צו אים געזאָגט:

— איך גלעט דיין האַנט, נאָר דו גלעטסט נישט מיין האַנט. פֿאַרוואָס?

סאַלטשע האָט צו אים געזאָגט: „מאָטעק, איך ווייס נישט ווער ס'איז

ערגער קראַנק, דער טאַטע, צי די מאַמע, נאָרביידע דאַרפן האָבן רחמים. אונטער סאָציאַליזמוס וועט אַנדערש זיין. זיי זיינען קראַנק געוואָרן פון גריזאַטע, צוליב אָרעמקייט. אַזוי טאָרן מענטשן נישט וואוינען, אָן אַ פענצטער, אָן לופט, אָן באַהייצונג.

מאַטעק האָט נישט געוואָלט, אַז סאַלטשע זאָל צו אים רעדן וועגן זיינע עלטערנס קראַנק זיין. ער האָט עס איר נישט געזאָגט, נאָר ער האָט זיך געוואונטשן, אַז זי זאָל רעדן וועגן דער באַוועגונג, אָדער וועגן אַנדערע זאַכן, נאָר זי האָט שטענדיק צו אים גערעדט וועגן זיי.

און טאָמער איז דאָס נאָך ווינציק געווען, איז געקומען די טאַנטע רעגינטשאַ אָפטער אין שטוב אַריין און זי האָט אויך אונטערגעלייגט האָלץ צום פייער.

— די מאַמע איז זייער, זייער קראַנק, מאַטעק, איך וויל דו זאָלסט עס וויסן, — האָט זי אים געהאַלטן אין איין דערמאָנען, ווי ער וואָלט דאָס אַליין נישט געוואוסט.

און דער אָנקל מענדל, ער וואָס האָט אַזוי ווינציק גערעדט, האָט אים אויך אָועקגענומען אין אַ זייט און געזאָגט:

— מאַטעק, זאָלסט בעטן דעם ליבן גאָט פאַר דער מאַמעשי, זאָלסט זיין גוט און פרום, ווייל די מאַמעשי איז ערנסט קראַנק. מען דאַרף פאַר איר גאָט בעטן.

און דער אָנקל גוסטאַוו איז געקומען, געבראַכט כאַלוואַ און געקלאַפּט מיט די פינגער אין טיש און געזאָגט:

— יאָ, קינדער, אייער מוטער איסט יאָ זייער קראַנק, זייער קראַנק . . .

נאָר וועגן טאַטן האָבן זיי נישט גערעדט. בלויז סאַלטשע האָט גערעדט וועגן טאַטן און געזאָגט צו מאַטעקן:

— דער טאַטע קאָן דעם אָטעם נישט אָפּציען. אויף אים איז דער גרעסטער רחמנות. קיינער זאָרגט זיך נישט פאַר אים. דיין מאַמע איז קראַנק, נאָר דער טאַטע איז ערגער.

ביינאַכט האָט מאַטעק געוויינט אויף זיין געלעגער (ער איז איצט געשלאָפן אין דער מאַמעס בעט). ער האָט געהערט, ווי דער טאַטע האָט געברומט, געכאַרכלט, געכריפּעט, געקעמפט דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן.

— וואָס וויל מען פון מיר? וואָס וויל מען פון מיר? — האָט מאַטעק געוויינט אין דער שטיל, ווי עס וואָלט זיין שולד געווען, וואָס די עלטערן זיינען אַזוי שטאַרק קראַנק.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

אַ טויער האָט זיך צעעפנט

1.

מאָטעק האָט דערפילט, ווי דער פאָטער זיינער האָט זיך אָנגעהויבן באַציען צו אים אינגאַנצן אַנדערש זינט דער קראַנקהייט. עס זיינען געווען צייטן, ווען דער טאַטע האָט כמעט נישט גערעדט צו זיין בן יחיד. דאָס איז געווען דאַן, ווען מאָטעק איז אַהיים געקומען מיט די אָפּגעשאָרענע פּאות און מיטן לאַמפּאַס און דער קאָקאַרדע אויפן סטודענטישן היטל. דאָס איז געווען דאַן, ווען מאָטעק האָט נישט געטאָרט האַלטן אַ רוסיש ביכל אין די הענט שבת, נאָר ער האָט געמוזט אַריינגיין אין דער אייז־קאַלטער קראָם לייענען. זינט די מאַמע איז אַוועקגעפאָרן, האָט דער טאַטע זיך באַצויגן צו מאָטעקן, ווי עס וואָלט צווישן זיי קיינמאָל גאָרנישט ניט פאָרגעקומען. ער האָט זיך באַראַטן מיט אים, ווי מיט אַ גלייכן. מאָטעק איז געווען פאָרזיכטיק נישט צו רעדן מיטן פאָטער וועגן זיין שול, אָדער וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. איצט איז מאָטעק געווען דער שוויגער און דער טאַטע דער שמועסער.

„ווי דענקסטו, מאָטעק, כ'זאָל רופן צו נייעם דאָקטאָר ?"

„מאָטעק, איך לאָז דיך ניט שלאָפן ביינאַכט מיט מיין אָפּגעבן קאָנצערטן ?"

„דו עסט נישט גענוג, מאָטעק; זאָל דיך נישט אַרן פאַר מיר. דו וואַקסט, דאַרפסטו עסן וואָס מער. פאַר מיר וועט קלעקן וויפל עס וועט בלייבן."

„ווען דו וועסט שרייבן צו דער מאַמעשי, זאָלסטו איר נישט דערציילן וועגן מיינע מוראדיקע נעכט, הערסט, מאָטעק ?"

דער פאָטער האָט געזוכט אַן אָנהאַלט אין מאָטעקן. זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל פון דער שול גלייך אַהיים קומען. מאָטעק האָט געפילט, ווי דעם פאָטער איז אומעטיק אָן אים. בכלל האָט ליפע איצט געוואָלט האָבן די קינדער אַרום זיך. איבערהויפּט זיין ייִנגסטע טאָכטער אַנדזשיאַ, וואָס איז געווען די איינציקע פון די פינף קינדער, וואָס איז געווען געראָטן אין אים, מיט אירע שוואַרצע האָר, טונקעלער הויט און לאַנגער נאָז. ווען אַנדזשיאַ האָט זיך געשפּילט אין שטוב, האָט דער פאָטער אַנגעקוואָלן. ער האָט געקאָנט

פאַר איר אויסשניידן און אויסשניצן זאַכן, וועלכע ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו טאָן פאַר אַנדערע קינדער, ווען זיי זיינען געווען איר עלטער. ער האָט אויף איר אויפגעפּאַסט כסדר און זי פון אויג נישט אַרויסגעלאָזט, אַזוי אַז יאַדוויגאַ האָט זיך באַפרייט אינגאַנצן פון אירע פליכטן צו אַנדזשיאַן.

געווען אָונטן, ווען מאַטעק איז געבליבן מיט לאָטשיאַן אין שטוב און דער טאַטע האָט געליטן פון אַן אַטאַקע און ביידע קינדער האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. סאַלטשע איז נישט געווען, יאַדוויגאַ איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן און דער טאַטע האָט נישט געקאָנט רעדן, נאָר מאַכן מיט די הענט פאַרצווייפלט, אַז ער קאָן נישט אָטעמען, אַז ער ווערט דערשטיקט. אין אַזעלכע מאָמענטן האָבן מאַטעק און לאָטשיאַ זיך געטוליעט איינע צום אַנדערן און דערפילט זייער הילפלאָזיקייט. לאָטשיאַ האָט ווינציקער געליטן. זי האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, נאָר מאַטעקן האָט געדרייט אין בויך און זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט און ער האָט געפילט, ווי אַ ציטער גייט אים דורך איבערן לייב. לאָטשיאַ איז געווען די מער פּראַקטישע און זאַכלעכע.

— לאָמיר רופן דעם דאָקטאָר. וואָס ווייסן מיר? — האָט זי גערעדט אין איר גלייכגעוויכטיק קול.

— וואָס וועט דער דאָקטאָר העלפן? ער וועט געבן נאָך אַ פלעשל, נאָך אַ פּיל און דעם טאַטן ווערט נישט בעסער דערפון. מען דאַרף עפּעס טאָן, אַז דער טאַטע זאָל אַזוי פיל נישט ליידן, לאָטשיאַ, — האָט מאַטעק אויסגעשפּרייט זיינע לאַנגע אָרעמס אין געבעט.

דער דאָקטאָר איז געקומען איין מאָל אַ וואָך. און ביז זיין קומען האָט דער טאַטע דערפילט ווי די נשמה גייט אים אויס.

— קינדער, איך קאָן דאָס מער נישט איבערטראָגן! — האָט ער זיך געווענדט צו מאַטעקן און לאָטשיאַן.

— היינט איז דינסטיק. דער דאָקטאָר וועט ערשט קומען דאָנערשטיק. געוואַלד, ווי וועל איך דאָס אויסהאַלטן?

און אַז דער דאָקטאָר האָט זיך באַוויזן, דער פּוילישער דיקלעכער דאָקטאָר, וועלכן אַנקל גוסטאַוו האָט געשיקט און באַצאָלט, האָט ער בלויז געשטעלט אַ פּאָר פראַגעס, אויסגעהערט וואָס דער טאַטע האָט אים געהאַט צו זאָגן אין זיין שלעכטן פּויליש, זעלטן אים עקזאַמינירט און זיך אַוועקגעזעצט פאַרשרייבן נייע וואָסערלעך אָדער פּילן.

— פּאַניע דאָקטאָרזשע, אַז די פּילן מאַכן נאָך ערגער, — האָט דער טאַטע געוואַגט צו זאָגן.

— זאָל דער פּאַן טאָן וואָס איך הייס אים. זייער טעם איז אפשר ערגער, נאָר זיי וועלן העלפן.

— ווי אַ טויטן באַנקעס, — פֿלעגט דער טאַטע זאָגן צו מאָטעקן.

איינמאָל איז דער אָנקל גוסטאַוו געווען דערביי, ווען דער דאָקטאָר האָט דעם טאַטן אונטערזוכט. אַרויסגייענדיק האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטאָן צו גוסטאַוון:

— מען קאָן גאָרניט ניט טאָן. איך האָב אייך שוין לאַנג געזאָגט, אַז ער ווערט כסדר ערגער, נאָר די מעדיצין פֿאַרלייכטערט זיינע ליידן. איר דאַרפֿט וויסן דעם אמת.

מאָטעק האָט די רייד געהערט. דער טאַטע — ניט. מאָטעק האָט לאָ־טשיאַן גאָרנישט נישט דערציילט און זיך געשוואַרן מיט זיך אַליין צי זאָל ער עס דערציילן סאַלטשען. ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט איר ניט דער־ציילן. נאָר מער ווי צוויי טעג האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און איר איבערגעגעבן, וואָס ער האָט געהערט פֿון דאָקטאָר. סאַלטשע האָט אַרונ־טערגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. ווען זי האָט אים אויפֿגעהויבן, האָט מאָטעק דערזען בלישטשענדיקע טרערן אין אירע גרויסע ברוינע אויגן.

פֿון יענעם טאָג אָן האָט מאָטעק דערפֿילט, אַז אין הויז האָט זיך אַריינ־געקליבן אַ שונא, ווי אַ פּראָוואָקאַטאָר, ווי אַ געהיים־אַגענט, פֿאַר וועלכן מען דאַרף זיך היטן יעדע מינוט. וואָס ערגער דער טאַטע האָט געפֿילט, אַלץ מער האָט ער זיך דערנעענטערט צו מאָטעקן און גערעדט צו אים צאַרט און לאַנג. וואָס בעסער דער טאַטע האָט צו אים געפֿילט, אַלץ ערגער האָט זיך מאָטעק געפֿילט דערפֿון. דעם פֿאָטערס ווייכע רייד זיינען געווען ווי אַ בקשה, ווי אַ געבעט, ווי אויסגעשטרעקטע הילפֿלאָזע הענט, וואָס בעטן מען זאָל זיי ראַטעווען. ס'איז אים, מאָטעקן, געווען בעסער דאַן, ווען דער טאַטע איז געווען אין כעס אויף אים און וואָס ווינציקער געהאַט צו טאָן מיט אים.

איצט האָט מאָטעק דערפֿילט ווי גוטשיאַ פֿעלט אויס אין הויז. זי איז געווען די וואָס האָט געהאַלטן די לייצעס אין אירע הענט. מיט איר האָט מען זיך געפֿילט זיכערער, גאַנצער. אפֿילו אין די בריוו וואָס גוטשיאַ האָט אַהיים געשריבן, האָט זי געגעבן עצות ווי אַזוי צו פֿירן די באַלעבאַטישקייט, זיך נאָכגעפֿרעגט אויף זאַכן ווי זיי וואָלטן איר געגאַנגען אין לעבן.

איין זאַך האָט גוטשיאַ נישט געוואוסט — אַז דער טאַטע איז זייער, זייער קראַנק. אויך די מאַמע האָט נישט געוואוסט און האָט נישט געטאָרט וויסן. דער פֿאָטער האָט מאָטעקן געזאָגט, אַז ער, מאָטעק, מעג שרייבן אָפּ־נאַרערישע בריוו צו דער מאַמען, ווייל ער טוט עס אַליין אויך. וואָס ווינצי־קער זי וועט וויסן, אַלץ געזינטער וועט עס זיין פֿאַר איר.

2.

דעם טאַטנס פיס זיינען געשוואָלן געוואָרן. דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן ליגן אין בעט. דער טאַטע האָט אָבער נישט געקאָנט איינליגן און זיך אַרומגעדרייט איבערן הויז, נאָר מער אין דרויסן נישט אַרויסגעגאַנגען. עס זיינען אים געקומען באַזוכן יידן פון זיין חברה, סתם שכנים פון געגנט און זיין שוועסטער פייגע, נאָר איר מאַן, דער פעטער בעריש, ביי וועמען עס האָבן געסטרייקט די אַלטע פרויען אין דער פאַבריק, האָט ניט איבערגע־טראָטן די שוועל.

שפעטער־צו האָט דער דאָקטאָר געהייסן צאַפן וואַסער פון די פיס און מאָטעק האָט נישט געקאָנט צוזען ווי דער טאַטע זיצט אויפן בעט און דאָס וואַסער פון די פיס רינט אַריין אין אַ בלעכענער שיסל. לאָטשיאַ איז געווען די וואָס האָט זיך אָפגעגעבן צו דעם.

מאָטעק איז אָפט ביינאַכט אויפגעוועקט געוואָרן פון פאָטער.

— מאָטעק, דו שלאָפסט?

— וואָס־אי־דען, טאַטעשי?

— איך קאָן נישט שלאָפן. איז מיר היימלעכער, אַז דו ביסט אויף. וועסט זיך קאָנען צוליגן בייטאָג, אויב דו וועסט וועלן. עס איז מיר שווער צו זיין אַליין. אפשר ווילסטו אַריינקריכן צו מיר אין בעט, מאָטעק?

האָט מאָטעק נישט געוואָלט. ער האָט געזען פאַר זיך דאָס בילד, ווי דעם טאַטנס געשוואָלענע פיס הענגען אַראָפ און עס צאַפט זיך דאָס וואַסער פון זיי. עס האָט נישט געוואָלט ליגן לעבן טאַטן.

נאָר אַז דער טאַטע האָט זיך גענומען ביי אים בעטן, ווי ס'איז נישט געווען דעם טאַטנס טבע, האָט מאָטעק פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף דעם פאָ־טער צוליב טאָן און ער האָט זיך געלייגט לעבן דער וואַנט, אין טאַטנס בעט.

— געדענקסט, מאָטעק, ווי דו ביסט אַלס קינד געשלאָפן יעדע נאַכט אין טאַטנס בעט? — האָט דער פאָטער אים דערמאָנט. מאָטעק האָט גע־חלשט שלאָפן, נאָר דער טאַטע האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו אים.

— כ'וואָלט אַוודאי בעסער געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיך לערנען אין דער לידער ישיבה, נאָר אַז דו האָסט זיך איינגעשפאַרט און זיך אויסגעקליבן אַן אַנדער דרך, איז פאַרפאַלן; נאָר איין זאַך וויל איך פון דיר, מאָטעק: זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, וועסטו בלייבן אַ ייד, אַז מען זאָל זאָגן, אַז דו קומסט אַרויס פון אַ פרומען טאַטן און פון אַ פרומער מאַמען. מען איז דאָך נישט מער ווי אַ זינדיקער מענטש, און קיינער לעבט דאָך נישט אייביק, איז ווען די שעה זאָל נישט טרעפן און דיין פאָטער וועט נישט קאָנען

מער אויפפּאַסן אויף דיר. ווייסטו געדענקען וואָס איך האָב דיך געלערנט; ווי ווינציק איך האָב דיך געלערנט, איז דאָך עפּעס געבליבן ביי דיר. און געלערנט האָב איך דיך, אַז דער עיקר פון אַלע עיקרים איז צו בלייבן אַ ייד... נישט אָװעקצוגיין פון אייגענעם שטאַם... גלויבן אין דער השגחה און זיין ערלעך און טייער האַלטן די עשרת הדברות.

מאַטעק איז געווען פאַרשלאָפן. באַר דעם טאַטנס רייד האָבן אים גע־האַלטן וואַך. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיי. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, פאַרוואָס דער טאַטע רעדט מיט אים איצמיטן נאַכט וועגן די זאַכן. עס איז געווען דעם טאַטנס קול, נישט בלויז די רייד, וואָס האָט מאַטעקן דערשראָקן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געהערט דעם טאַטנס קול אַזוי אַנדערש־דיק ווי אין יענער נאַכט. עס איז געקומען פון ערגעץ ווייט, עס האָט באַ־לאַנגט צו עמיצן אַן אַנדערן, ביז צום טאַטן, האָט מאַטעק געטראַכט.

און אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט אַ דריי־פיר מאָל. דער טאַטע האָט אים אויפגעוועקט, געבעטן אַריינקריכן צו אים אין בעט און גערעדט צו אים, אים אָנגעזאָגט ווי זיך אויפצופירן. דער טאַטע האָט גערעדט וועגן אויפפּאַסן אויף דער מאַמען, וועגן דעם ווי די מאַמע האָט געדאַרפט ווערן די פאַרדינערין, מחמת דער טאַטע האָט קיין סוחר נישט געוואָלט ווערן. אַ סוחר אין לאָדזש האָט געמיינט אַנזעצן, וועקסלען, אָפּנאַרן, און דאָס האָט ער נישט געקאָנט ווערן. ער האָט מיט אים גערעדט וועגן די שוועסטער, איבער־הויפּט וועגן גוטשיאַן, וואָס האָט זיך מפקיר געווען פאַרן גאַנצן הויז. זי פאַר־דינט זיך, אַז מען זאָל זי גוט באַהאַנדלען, אַז מען זאָל האָבן איינזעעניש מיט איר.

מאַטעק האָט קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם. אפילו סאַלטשען נישט. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטרויערטער און זיך נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. געפילט האָט ער, אַז דער טאַטע וועט צוגענומען ווערן פון אים, פון הויז. עמיצער גייט אים נאָך, דעם טאַטן, און מען קאָן דעם עמיצן נישט כאַפּן, מען קאָן זיך מיט אים נישט פאַרעכענען.

ווי שטאַרק דער טאַטע האָט אויף אים אויפגעפּאַסט די לעצטע צייט!

„מאַטעק האָסט שוין געגעסן? האָסט געהאַט געגוג? האָסט געדאַוונט? אין שול זיינען געווען אַ סך מענטשן?" ער האָט געקוקט אויף אים, דער טאַטע, מיט אַזעלכע גוטע אויגן, ווי זיי וואָלטן אים וועלן צונעמען און זיך איינ־עסן אין אים.

ווידער האָט דער טאַטע געהאַט אַ שווערע אַטאַקע. דאָס מאָל איז דער דאָקטאָר שוין נישט געקומען אין אַ וואָך אַרום, נאָר גלייך דעם צווייטן טאָג איז ער נאָכאַמאָל געקומען און געוואָרט אויף אָנקל גוסטאַוו, וואָס האָט זיך

געהאַט פּאַרשפּעקטיק. דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויפן גאָל־דענעם זייגער פון דער וועסטל־קעשענע. דער אָנקל גוסטאַוו איז געקומען און זיך שטאַרק אַנטשולדיקט. דער דאָקטאָר האָט גערעדט צום אָנקל אין דער שטיל. דעם אָנקלס פּנים איז געוואָרן גרוי.

אין דרויסן, אין הויף, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו גוסטאַוון: „ס'איז אַ פראַגע פון טעג . . . מען קאָן גאָרניט טאָן.“

מאָטעק האָט דאָס געהערט.

עס איז געקומען אַ שבת־צו־נאַכט. דער טאַטע האָט געבעטן מאָטעקן צו מאַכן הבדלה. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע קינדער זאָלן זיין דערביי און זען ווי שיין מאָטעק מאַכט הבדלה. מאָטעק האָט געפּילט, אַז דער טאַטע געזעגנט זיך מיט דער הבדלה. דער טאַטע איז געלעגן אין בעט, זיך אויפגעזעצט און געהייסן מאָטעקן שטיין אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען זען זיין פּנים.

אַלץ האָט אין מאָטעקן געציטערט. ער האָט געוואָלט וויינען און אָנ־געהויבן זאָגן אויף גיך, זיך איינגעהאַלטן ניט צו וויינען. איז ער אַריין אין קיך און זיך צעוויינט. לאָטשיאַ האָט דאָס געזען.

— וואָס וויינסטו, מאָטעק?

— מאָטעק, האָסט שוין געגעסן?

ער האָט גענומען אַ בוך אין האַנט אַריין. ער איז אַריין אין פּאָטערס צימער. דער טאַטע האָט אים צוגערופן צו זיך און געזאָגט: „זעץ זיך אויפן בעט, מאָטעק“. דער טאַטע האָט אים גענומען גלעטן — צום ערשטן און צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן. ער האָט געגלעט זיינע באַקן, זיינע הענט. מאָטעק האָט געציטערט. דער טאַטע האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויפן בעט, פאַר־מאַכט די אויגן.

— גיי ניט אַוועק, מאָטעק, מיין זון, — האָט ער געזאָגט און אַנטשוויגן געוואָרן.

דער טאַטע איז איינגעשלאָפן. מאָטעק האָט פאַרלאָזן זיין בעט און אַריין אין קיך־צימער, וואו לאָטשיאַ איז געזעסן און געלייענט. יאַדוויגאַ איז גע־שלאָפן. סאַלטשע איז ניט געווען אין דער היים.

— לאָטשיאַ, — האָט ער געזאָגט, — מיר דוכט זיך, אַז מען וואָלט גע־דאַרפט רופן דעם אָנקל גוסטאַוו, אָדער אויפוועקן יאַדוויגאַן.

לאָטשיאַ איז געווען שלעפעריק. מאָטעק האָט געזאָגט, אַז זי זאָל זיך צולייגן אין אַנטועכץ, טאָמער וועט מען זי דאַרפן האָבן. מאָטעק איז געבליבן זיצן אין טאַטנס צימער און געהאַלטן אין איין קוקן צום בעט. ער האָט מורא געהאַט צוצוגיין. ער האָט בכלל מורא געהאַט. ער איז כסדר אַריינגעגאַנגען אין קיך וועקן לאָטשיאַן.

— שלאָף ניט, לאָטשיאַ, טאָמער וועט מען דאַרפֿן רופֿן דעם דאָקטאָר.

— איך שלאָף ניט, מאָטעק.

שפּעט ביינאַכט איז געקומען סאַלטשע. געקומען איז זי דורך דער קראָם, וואו זי איז געשלאָפֿן אַליין. מאָטעק האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן אויף איר.

— סאַלטשע, דער טאַטע געפעלט מיר ניט. איך ווייס ניט וואָס צו טאָן. אפשר רופֿן דעם אָנקל גוסטאַוו?

סאַלטשע איז אַריינגעגאַנגען אין צימער, צוגעגאַנגען צום טאַטנס בעט. זי איז געבליבן שטיין און געקוקט. מאָטעק איז געשטאַנען פֿון ווייטנס. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי שטייט און באַטראַכט דעם פֿאָטער אַ לאַנגע צייט. ער האָט געהערט, ווי זי האָט אים גערופֿן, "פּאַניע ליפּע". ער האָט געזען, ווי זי האָט אָנגענומען זיין האַנט.

— מאָטעק, שנעל, רוף דעם דאָקטאָר! וועק אויף דאָס הויז! וועק אויף יאַדוויגאַן! — האָט זי זיך אויסגעדרייט צו מאָטעקן. איר פּנים איז געווען ווייס. זי האָט אינגאַנצן געציטערט.

— מען דאַרף אַריינרופֿן אַ פּאָר שכנים. לאָטשיאַ. לויף, שנעל, צום אָנקל גוסטאַוו. יאַדוויגאַ, רוף אַריין אַ פּאָר מענטשן פֿון הויף!

יאַדוויגאַס פּנים איז געווען גרוי. זי האָט כסדר באַנעצט אירע טויטע ליפּן און געשטאַנען מיט אויסגעשטאַרטע אויגן. מיטאַמאָל האָט זי זיך אָנגעהויבן „מאָדליען", „זאָגן" און פֿון די צעשראָקענע אויגן זיינען טרערן געראָנען און זי האָט ניט געפּראָוואָט זיי אָפּווישן.

ווען מאָטעק איז צוריקגעקומען מיטן דאָקטאָר, איז דער קליינער צימער שוין געווען פֿול מיט שכנים.

— נו, איר זעט דאָך אַליין. אַ שאָד, אַ יונגער מענטש, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט און פֿאַרשריבן עפּעס אויף אַ פּאַפּיר מיט זיין בלייפעדער.

דער טאַטע איז געווען טויט. דער טאַטע איז געלעגן אויף דער ערד אויסגעצויגן — און אַרום אים אַ נעץ. פֿון די פֿיס האָט נאָך געקאַפּעט וואַסער.

3.

דער טויער פֿון הויף איז געווען צעעפֿנט. די עגלה איז געשטאַנען אין דרויסן. אַ סך יידן האָבן געטראָגן דעם טאַטנס אָרון. מאָטעק האָט בלויז געזען הענט, הענט, אויסגעדאַרטע, האָריקע הענט. מען האָט דעם טאַטן אַרויסגעטראָגן פֿון הויף. אויס טאַטע!

אויף די טראָטואַרן האָבן זיך מענטשן אָפּגעשטעלט צו קוקן. מאָטעק, וואָס איז געגאַנגען הינטער דער עגלה, האָט מורא געהאַט דעם קאָפּ אויפֿ־

צוהויבן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלע האָבן נאָר געקוקט אויף אים.

פאַרן בית־החיים, אַ שטיק וועג פאַראויס, האָט זיך די עגלה אָפּגע־שטעלט און מען האָט דעם ארון אַרויסגענומען און יידן האָבן אים אויף די אַקסל געטראָגן צום בית עולם.

עמיצער האָט מאָטעקן געהאַלטן אונטערן אָרעם, אים געפירט וויט, וויט, אויפן פעלד מיט מצבות, מיט קברים, וואָס האָבן אים ווי געדראָט. ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט און געציטערט און געברומט און געמיינט, אַז ער וועט פאַלן.

אַן אָפענע גרוב. געלער זאַמד.
אַ שווייגעניש, אַ געוויין, אַ באַפעל:
— מאָטעק, זאָג „קדיש".
„יתגדל ויתקדש שמה רבא . . . "

— —

אויפן וועג אַהיים איז מאָטעק געזעסן אין אַ דראָזשקע מיט פרעמדע יידן, וואָס האָבן דערציילט וואָס פאַרא וואוילער ייד זיין טאַטע איז געווען.

מאָטעק האָט אין קיין פאַל נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס עס איז גע־שען. פאַרוואָס איז דאָס אַלץ געטאָן געוואָרן און מיט וועמען וועט דער טאַטע בלייבן אויפן וויסטן פעלד? ער האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט געוואָלט זיך אויפכאַפּן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס אַלץ וואָס עס איז פאַרגעקומען איז אַ חלום געווען, אַ שרעקלעכער חלום.

וואָס וועט ער זאָגן דער מאַמען? און גוטשיאַן? און וואו זיינען די שוועסטער? און וואָס וועט די קליינע אַנדזשיאַ זאָגן, ווען זי וועט מער דעם טאַטעשי נישט זען?

די טאַנטע רעגינטשאַ האָט שוין געוואַרט אין דער היים. זי האָט אַלע־מען אויסגעטיילט עסן. יאַדוויגאַ איז אַרומגעגאַנגען מיט רויטע אויגן. סאַלטשע איז געווען אויסגעבלייכט, נאָר זי איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי שיין. זי האָט גערעדט אַזוי שטיל, אַז מען האָט זי ניט געקאָנט פאַרשטיין.

דער אָנקל גוסטאַוו איז געקומען און מיט אים דער אָנקל מענדל. די מומע פייגע און דער פעטער בעריש זיינען אַריינגעקומען. די מומע פייגע האָט זיך צעוויינט הויך אויפן קול.

— מיין ברודער, מיין ליבהאַרציקער ברודער! וואָס האָסטו אונדז אָפּ־געטאָן?

בלויז לאָטשיאַ האָט ניט געוויינט. זי איז אַרומגעגאַנגען און געזען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. זי האָט דערלאַנגט וואָס עס איז נויטיק געווען צום טיש. זי האָט זיך געזאָרגט פאַר דער ריינקייט פון הויז.

די קליינע מלכה האָט ניט אויפגעהערט וויינען. זי האָט גאָרניט ניט געזאָגט, נאָר געוויינט. אַנדזשיאַ איז געשלאָפן מער ווי אַלעמאָל.

מאָטעק איז געווען צעטומלט. מען האָט גערעדט צו אים און ער האָט ניט געהערט. ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אויפן טאַטנס בעט. ער האָט מורא געהאַט צוצוגיין צום טאַטנס בעט. ער איז געווען שטאַרק מיד. ער האָט געטראַכט: וואו וועט ער שלאָפן היינטיקע נאַכט?

ער איז געשלאָפן אויף זיין אַלט „הסב"־בעט אין קראָם. סאַלטשע איז געשלאָפן אין צווייטן בעט. ווען זי איז אַריינגעקומען, איז מאָטעק געווען פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. זי האָט גערעדט צו אים. זי האָט אים געוואָלט עפּעס פרעגן. עס איז געווען אַרויסגעוואָ'פן. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן. מאָטעק האָט געכראָפּעט. זי האָט געהערט שפּעטער ווי ער האָט געוויינט פון שלאָף.

— אָרעמער מאָטעק! אָרעמער מאָטעק! — האָט סאַלטשע אויסגערופן און זיך צעוויינט.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

אַ טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט

1.

דער אַנקל גוסטאַוו, דער קאַפּ־מענטש, האָט צוגעטראַכט אַ גוטן ענטפֿער פֿאַר דער מאַמען אין קור־אָרט, פֿאַרוואָס דער טאַטע האָט אויפֿגע־הערט שרייבן בריוו: דער טאַטע האָט זיך איינגעשטאָכן אַ פֿינגער, איז אים די האַנט געוואָרן געשוואָלן, קאָן ער אַליין ניט שרייבן און מאַטעק שרייבט וואָס ער זאָגט אים.

האָט מאַטעק געשריבן איין קאַרטל און נאָך אַ קאַרטל, נאָר די מאַמע האָט עפּעס דערשמעקט . . . נייך, זי וויל מען זאָל איר גלייך שרייבן דעם אמת, פֿאַרוואָס דער טאַטע שרייבט ניט אַליין קיין בריוו. זי דערקענט, האָט זי געשריבן, אַז דאָס איז ניט דעם טאַטנס נוסח. איז סאַלטשע געזעסן מיט יאַדוויגאַן און מיט מאַטעקן און מען האָט זיך געבראָכן די קעפּ וואָס צו שרייבן דער מאַמען. דער אַנקל גוסטאַוו האָט ניט געהאַט קיין צייט צו קומען.

אַ דריי וואָכן נאָכן טאַטנס טויט איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פֿון גוטשיאַן צום אַנקל גוסטאַוו, אַז די מאַמע און זי פֿאַרלאָזן דאָס קוראָרט און וועלן זיין אין לאָדזש מיט דער און דער באַן.

איז געפֿלויגן אַ דעפּעשע נאָך טאָמאַשאַוו, אַז די טאַנטע העלטשאַ זאָל גלייך קומען. האָבן די מאַמע אָפּגעוואַרט ביים וואָקזאַל דער אַנקל גוסטאַוו, דער אַנקל מענדל, די טאַנטע רעגינטשאַ און די טאַנטע העלטשאַ. די קינדער זייַנען געבליבן אין הויז. איז סאַלטשע אַרומגעגאַנגען אַ בערוועזע און זיך די הענט געבראָכן און געזאָגט:

— מען דאַרף זיך קנייפּן די באַקן, אַז די פֿאַרב זאָל שטיין.

און די אַלטע יאַדוויגאַ איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרשטומטע און מיט פֿאַר־טרערטע אויגן באַקוקט דאָס הויז, אַז אַלץ זאָל זיין אַזוי ווי טייבל וואָלט זיך געוואונטשן — אין ריינקייט, אין אָרדנונג.

האָט יאַדוויגאַ די קינדער אָנגעטאָן אין פֿרישע זאַכן. זיי אָנגעשפּיזט, אַז זיי זאָלן זיך שפּעטער ניט פֿלאָנטערן; זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן סטאַטעטשנע.

— שעפּעלעך מיינע, זייט גוט צו אייער שוועסטער גוטשיאַ. כ׳מיין טאַקע דיך, מאַטעק. זי האָט זיך געמוזט געבוג אָנליידן מיט דער מאַמען אין וועג. דאָס האַרץ איז אַ מסור און די מאַמע האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט, וואָס דער טאַטע שרייבט ניט. טייבלען קאָן מען ניט אָפּנאַרן . . . איך האָב נאָך אייער מאַמען אויף מיינע הענט געטראָגן. איך געדענק זי נאָך, ווען זי האָט געלויכטן ווי אַלע זונען . . . שוין צייט פאַר מיר איבערצולאָזן די דאָזיקע זינדיקע וועלט, איידער דערלעבן צו זען ווי די מאַמע אייערע ווערט צוריקקומען אַ וויסטע אלמנה.

ווען טייבל האָט איין קוק געטאָן אויף אירע שוועסטער און ברידער, וואָס האָבן זי אָפּגעוואַרט ביי דער באַן, האָט זי גלייך אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש. מען האָט איר גאָרנישט ניט געדאַרפט זאָגן.

— לייפּע! וואו איז ליפּע? נישטאָ מער ליפּע, אַ יאָ? מיין האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, איך האָב געהאַט אַ חלום, אַז ליפּע האָט זיך מיט מיר געזעגנט און אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל אויפּפּאַסן אויף די קינדער . . . ליפּע, וואו ביסטו? לייפּע!

האָט זי געהאַט טענות צו דער משפּחה, פאַרוואָס מען האָט זי ניט אַרויסגערופן, ווען עס האָט געהאַלטן שמאָל, פאַרוואָס מען האָט זי ניט גערופן צו דער לויה. איר וויטאָג און איר צאָרן זיינען געוואָרן איינס. זיינען די ברידער מיט די שוועסטער געזעסן מיט איר ביז שפּעט אין אָוונט און העלטשאַ האָט איבערגענעכטיקט און זי איז געשלאָפן אין טאַטנס בעט.

אין דער פרי איז העלטשאַ צוריקגעפאָרן נאָך טאָמאַשאָוו, רעגינטשאַ האָט פאַרבראַכט אַ פאָר שעה, ביידע אָנקלס זיינען געקומען פאַרנאַכט. אויך די מומע פייגע איז געקומען און זיך גוט אויסגעוויינט. איז אין הויז געווען טומלדיק און לעבעדיק.

נאָר וואָס ווייטער אַ טאָג, איז מען געוואָרן ווי אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט. קיינער איז ניט געקומען. די מאַמע האָט זיך נאָך אַלץ געריבן די שלייפן פון די קאָפּווייטיקן און זי האָט זיך צוגעהערט צו דער עצה פון דאָקטאָר, אַז זי זאָל זיך צוריקנעמען צו איר באַשעפטיקונג, פרואוון זיך פאַרגעסן, פאַרטומלען.

מיטאַמאָל איז מאַטעק געוואָרן ביי דער מאַמען דאָס אויג פון קאָפּ. זי האָט באַקומען פאַר אים דרך־ארץ דערפאַר וואָס ער האָט געזאָגט קדיש. נאָר הויפּטזעכלעך האָט זי פון אים געוואָלט אויסגעפינען אָן אַ שיעור מאָל וועגן די לעצטע טעג פון טאַטן. מאַטעק האָט געדאַרפט שלאָפן אין טאַטנס בעט, קעגנאיבער דער מאַמעס בעט. ער האָט ניט געוואָלט. נאָר ניט געוואַגט צו

זאָגן, אַז ער וויל ניט. אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך געלייגט און די מאַמע האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט, האָט ער דערהערט איר קול:

— מאָטעק טייערער, דערצייל דער מאַמעשי נאָכאַמאָל וואָס ער האָט גע־זאָגט, אויף וואָס האָט ער זיך באַקלאָגט, און ווען ער האָט דערמאָנט די לעצטע טעג.

און מאָטעק האָט אין אַ קול, דורכגענעצט פון טרערן, איר איבערגעגעבן גענוי וואָס עס איז געשען די לעצטע טעג פון טאַטנס לעבן.

נאָר די זעלבע פראַגעס האָט די מאַמע אים געפרעגט דעם צווייטן אָוונט און דעם דריטן אָוונט און דעם פערטן אָוונט. ניט איינמאָל פלעגט זי אים אויפוועקן אינמיטן נאַכט און אים פרעגן נאָכאַמאָל די זעלבע פראַגעס. זי האָט ניט געקאָנט פאַרגעבן דעם אָנקל גוסטאַוו וואָס ער האָט געהאַנדלט אַזוי אָפּנאַרעריש צו איר.

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געשוויגן, די מאַמע. איר קול איז געוואָרן שעפּ־טשענדיק. זי האָט בלויז געפרעגט עפּעס, אָדער געבעטן עפּעס טאָן; וויטער איז איר גאָרניט אָנגעגאַנגען. די איינציקע מיט וועמען זי האָט גערעדט לענגער, איז געווען יאַדוויגאַ. און גערעדט האָט זי מיט איר וועגן אַמאָליקע צייטן אין שטעטל, וועגן דער צייט, ווען זי איז אַ כלה געוואָרן פאַר ליפּען. יאַדוויגאַ האָט איר געדאַרפט דערציילן, וואָס פאַראַ איינדרוק ליפּע האָט גע־מאַכט אויפן הויז, ווען ער איז אַ חתן געוואָרן. וועגן דעם כעס וואָס איר מאַמע האָט געטראָגן אויפן טאַטן פאַרן שידוך מיט די סאַרנעס. יאַדוויגאַ האָט געהאַט אַן אייזערנעם זכרון און די מאַמע האָט געוואָלט הערן און הערן, וואָס יאַדוויגאַ האָט געקאָנט דערציילן וועגן ליפּען.

— און אַז פאַן ליפּע האָט פריייטיק־צו־נאַכט ביים עסן זיך צעזונגען, האָט זיך זיין געזאַנג צעטראָגן ליכטיקער פון די בליך־לאָמפּן. און דו, טייבל, האָסט זיך גערויטלט, ווי אַ צווייג רויטע קאַרשן, און דיינע אויגן האָבן געבלישטשעט, ווי בלויע איידל־שטיינדלעך. דער טאַטע דיינער האָט אָנגעקוואָלן, נאָר די מאַמע דיינע האָט פאַרשנורעוועט די דינע ליפּן . . . ליפּע האָט דיך ליב געהאַט. יאָ, דאָס האָב איך געקאָנט זען. ער האָט אויף קיין פרוי ניט געקוקט, נאָר ווען דו ביסט אין צימער געווען, איז ער געוואָרן אַן אַנדערער, ניט גע־קאָנט איינשטיין אויפן אָרט. נו, נו, איך וועל בעסער דאָס ניט פאַרגלייכן, ווייל ביי די סטאַראָזאַקאָנע איז אַ זינד צו פאַרגלייכן אַ מענטשן מיט אַ פיר־פיסיקס . . .

יאַדוויגאַ האָט גערעדט און געשיילט קאַרטאָפל. די מאַמע איז געזעסן האַרט לעבן איר און איר געקוקט אין מויל אַריין און זי האָט, דוכט זיך, קיינעם אַרום ניט געזען אָדער באַמערקט.

— פּאַניאַ טייבל, אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין און אַריינקומען, — האָט סאַלטשע גערופן טייבלען אין קראָם אַריין.

און טייבל האָט זיך ניט ווילנדיק אויפגעהויבן און ניט איינמאָל באַלד צוריק אַריינגעקומען און געבעטן יאַדוויגאַן ווייטער דערציילן.

און ווען יאַדוויגאַ איז געבליבן אַליין מיט סאַלטשען האָט זי געזאָגט:

— סאַלטשע, געליבטע, נאָר זי וויל ווּיסן וועגן אים, וועגן זייערע יונגע יאָרן. איך האָב אַזאַ ליבע זעלטן געזען און זעלטן געהערט פון אַזאַ געטריי־שאַפט. זי וועט דאָס לאַנג ניט אַריבערטראָגן. ער קאָן אָן איר ניט זיין; ווי זי קאָן אָן אים ניט זיין. דער ליבער גאָט וואָס האָט זיי פאַראייניקט, וועט זיי באַלד ווידער צוזאַמענברענגען . . . דו ווייסט, סאַלטשע, אַז כ׳קלייב זיך שוין ווידער אין וועג. דו ווייסט, אַז די פּאָליציי האָט אָן אויג אויף מיר, זינט איך האָב אַריינגעלאָזט אין הויף אַ פּאָר כלאָפּצעס, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דער וואַך . . . געדענקסט ווי איך פלעג אַמאָל אָפּנאַרן די היצלס און געראַ־טעוועט די כלאָפּצעס, וואָס האָבן געזונגען דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר״? נאָר איך האָב פאַר דער פּאָליציי קיין מורא ניט. זיי קאָנען מיר קושן דעם . . . אויב איך וועל זיך איצט קלייבן אין וועג אַריין, איז דאָס טאָקע שוין צום לעצטן מאָל. די אַלטע ביינער קנאַקן, ווי אַ פייער וואָס האַלט ביים אויסגיין. איך וויל ניט פאַרשאַפן שמערצן דעם הויזגעזינט, זיי האָבן גענוג צרות אָן מיר.

און סאַלטשע האָט דאָס איבערגערעדט מיט גוטשיאַן. יאַדוויגאַס אַוועק־גיין אין אַזאַ צייט איז ניט געווען גוט. בפרט, אַז גוטשיאַ האָט געוואוסט, אַז כדי צו ראַטעווען די מאַמע, מוז זי ווידער אַוועקפאָרן אין קוראָרט, אַזוי האָט דער דאָקטאָר געזאָגט דעם אַנקל גוסטאַוו.

נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען גוטשיאַ איז, ווי דער שטייגער איז גע־ווען, אויפגעשטאַנען די ערשטע אין דער פרי, האָט זי, אַריינקומענדיק אין קיך אָנצוּוואַרעמען אַ גלאָז מילך פאַר דער מאַמען, גלייך באַמערקט, אַז יאַד־וויגאַס בעטל איז געווען געמאַכט און יאַדוויגאַ איז שוין ניט געווען.

— סאַלטשע, סאַלטשע, די יאַדוויגאַ האָט אונדז פאַרלאָזן, — איז גוטשיאַ אַריין צו איר מיט אַ געוואַלד.

אין יאַדוויגאַס שיפלאָד, וואָס איז געוויינלעך געווען געפּאַקט מיט אירע וועש און צלמימלעך, זיינען איצט געלעגן, ווייט אָפּגערוקט איינס פון צווייטן, זיבן זאַכעלעך: אַ פּאָר אוירינגלעך, צוויי פינגער־רינגלעך, צווי בראָשן, אַ שנור מיט שווערע בלויע קרעלן און אַ קנייפּ־מעסערל.

איז דאָס גאַנצע הויזגעזינט געשטאַנען אַרום דעם ליידיקן שיפלאָד ווי פאַריתומט. גוטשיאַ איז געווען די ערשטע צו פאַרשטיין דעם מיין פון די איבערגעלאָזטע זאַכן: דאָס קנייפּ־מעסערל איז, פאַרשטייט זיך, פאַר מאַטעקן.

יאַרנלאַנג ווי זי האָט עס אים צוגעזאָגט. די אויער־רינגלעך, די לאַנגע, פּאַר סאַלטשען. דאָס איז דאָך געווען יאַדוויגאַס אוצר פון הייליקן טשענסטאָכאָוו. און סאַלטשע איז דאָך געווען איר ייִנגערע שוועסטערל. איין בראָש פאַר דער מאַמען, די צווייטע פּאַר גוטשיאַן. די קרעלן פּאַר לאַטשיאַן און די פינגערלעך פּאַר מלכהן און אנדזשיאַן.

— קינדער, אונדזער יאַדוויגאַ וועט שוין מער נישט צוריקקומען, — האָט די מאַמע טרויעריק געזאָגט. — איר וועט זען, דאָס מאָל וועט זי שוין ניט צוריקקומען. אַז עס גייט, גייט מיט אַלעמען. יאַדוויגאַ האָט זיך מיט אונדז שוין געזעגנט אויף איר אופן.

האָט אפילו לאַטשיא זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און זיך צעוויינט. און סאַלטשע האָט געלאָזט אַ טרער. נאָר מאַטעק איז געווען באַהערשט פון דעם מעסערל. ער האָט זיך אַליין ניט געוואָלט גלויבן, אַז עס איז טאַקע זיינס. דאָס מעסערל האָט ביי אים געהאַט אַרויסגערופן אַ סך זכרונות, נאָך פון שטעטל אָן.

מאַטעק האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט וועגן יאַדוויגאַס פאַרלאָזן. פאַר־וואָס האָט זי דאָס געטאָן? עס האָט איר דאָך קיין זאַך ניט געפעלט אין הויז. צו קיינעם האָט מען ניט געפילט אַזאַ ליבע און צאַרטקייט ווי צו איר. ניט איינמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז זיין באַבע. זי האָט אים דאָך אַזוי גוט פאַרשטאַנען. זי האָט דאָך אויף קיינעם קיין האַרץ ניט געטראָגן.

סאַלטשע האָט מיט אים ניט געוואָלט רעדן וועגן יאַדוויגאַן. קיינער האָט ניט געוואָלט זיך דערמאָנען אין איר. עס האָט יעדן איינעם געגעבן אַ פאַר־קלעם ביים האַרצן. מען האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

— אוי, יאַדוויגאַ, יאַדוויגאַ! — האָט די מאַמע אַמאָל אַ זיפץ געטאָן צו זיך אַליין.

אָן טאַטן, אָן יאַדוויגאַן איז געוואָרן גראַמער אין הויז. נאָר דאָך איז געווען ענג און פאַרשטיקט . . .

.2

די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז די מאַמע מוז גלייך אָפּפאָרן אין קוראָרט, אויב זי וויל בלייבן אַ מאַמע צו אירע קינדער. האָט מען זיך ווידער גענומען פּאַקן. און ווידער האָט דער אָנקל גוסטאַוו געהייסן גוטשיאַן זיך גרייטן אין וועג. אויף וועמען וועט מען לאָזן דאָס הויז, די קינדער? דאָס וועט מען שפּעטער זען. זאָל נאָר די מאַמע זיין אין קוראָרט.

די מאַמע האָט זיך געגרייט אין וועג. איר האָט, ווייזט אויס, קיין זאַך מער ניט געאַרט. ביים געזעגענען זיך מיט די קינדער האָט זי אין דער שטיל

געווײנט. אַלץ וואָס זי האָט לעצטנס געהאַט געטאָן איז געווען שטילערהייט, ווי זי וואָלט אין זיך געטראָגן אַ פֿאַרבאָרגענעם סוד, ווי זי וואָלט זיך מיטן אָרום ווינציק־וואָס אָנגעקערט.

באַלד נאָך דער מאַמעס און גוטשיאַס אָפּפֿאָרן איז די טאַנטע רעגינטשאַ אָנגעקומען אין הויז און לאָטשיא האָט אויפֿגעהערט גיין אין שקאָלע און אַרויסגעהאָלפֿן אין דער באַלעבאַטישקייט. אַזוי איז דאָס געווען אַ דריי־פֿיר טעג. דאָן איז געקומען דער אָנקל גוסטאַוו און געלאָזט וויסן: מלכה און אַנדזשיא וועלן אַוועקפֿאָרן די וואָך נאָך טאָמאַשאָוו. זיי וועלן דאָרט בלייבן ביז די מאַמעשי וועט צוריקקומען אַן אויסגעהיילטע. לאָטשיא וועט וואוינען מיט דער טאַנטע רעגינטשאַ אין איר הויז. מאָטעק וועט וואוינען ביים אָנקל מענדל. ער וועט דאָרט האָבן אַ באַזונדערן צימער פֿאַר זיך.

און סאַלטשע?

אָנקל גוסטאַוו האָט איר דערקלערט:

— מיין ליבעס מעידשען! זי זעען דאָך אַליין, וואָס עס ווערט פֿון דיזען האַוז. מיט אַזאַ געזיכט און מיט אַזאַ פֿיגור וועלן זי אַ גוטע שטעלע זיך פֿאַרשאַפֿן קענען, ניט וואַר?

סאַלטשע האָט געקוקט אויף דעם אָנקל גוסטאַוו, אַריינגעקוקט אים גלייך אין די בלאַסע אויגן אַריין. ער האָט איר בליק ניט געקאָנט פֿאַרנעמען און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט גאָרנישט ניט געענטפֿערט.

אין דער זעלבער וואָך, אין איין טאָג צייט, איז אַלץ צעשלעפּט און צעטראָגן געוואָרן. די טאַנטע רעגינטשאַ איז דערביי געווען. אַ מאַן האָט אָפּגעקויפֿט אַלץ וואָס איז געווען אין דער קראָם. אַ פּאָר האַנדלאַזשעס האָבן צעכאַפּט מלבושים און קלייניקייטן. דאָס בעטגעוואַנט און די וועש און דער מאַמעס בילדער און דעם טאַטנס ספֿרים האָט מען אַוועקגעשיקט צום אָנקל מענדל אין זיין דירה.

יענעם טאָג האָבן די קינדער געוויינט און סאַלטשע האָט געוויינט. לאָטשיא האָט זיך געזעגנט מיט מלכהן און אַנדזשיאַן. די טאַנטע העלטשאַ איז געקומען נאָך זיי. לאָטשיא האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזוי שטאַרק געוויינט. נאָך מער פֿון אַלע האָט געוויינט מלכה. זי האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פֿון לאָטשיאַן. מאָטעק האָט זיך געשטאַרקט, געוואָלט באַווייזן אַז ער איז אַ מאַן. נאָר ווען ער האָט זיך געדאַרפֿט צעשיידן מיט דער קליינער אַנדזשיאַן, האָט ער אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

גלייך נאָכדעם ווי גוסטאַוו האָט אָנגעזאָגט די בשורה סאַלטשען, אַז זי זאָל זיך געפֿינען אַ בייע לאָזשי, האָט זי איבערגעלאָזט אַלץ און זיך אַוועקגעלאָזט זוכן אַרבעט און אַ וואוינונג. דעם זעלבן טאָג האָט זי געפֿונען אַ צימערל

אין באַלוט. אַרבעט האָט זי נאָך ניט געוואָלט זוכן. זי איז געווען זייער אויפֿגעבראַכט אויפֿן אָנקל גוסטאַוו. זי האָט דערוואָרט, אַז ער זאָל איר באַצאָלן פֿאַר אַ פּאָר וואָכן, אַז ער זאָל בכלל האַנדלען ווי אַ שטיקל מענטש.

— אַ געטרייען הונט באַהאַנדלט מען בעסער, ווי דיין אָנקל גוסטאַוו האָט מיך באַהאַנדלט, — האָט סאַלטשע זיך באַקלאָגט פֿאַר מאַטעקן.

זי האָט צוגעזאָגט מאַטעקן, אַז זי וועט שטיין אין פֿאַרבינדונג מיט אים און אַז זי וועט זיך דורכשרייבן מיט גוטשיאַן. זי האָט מאַטעקן געגעבן איר נייעם אַדרעס און אים געבעטן, אַז ער זאָל קומען זי באַזוכן, אין פֿאַרלויף פֿון דער וואָך, איידער זי וועט אָנהייבן אַרבעטן.

מאַטעק און סאַלטשע זיינען געווען די לעצטע צו פֿאַרלאָזן דאָס הויז. ביידע האָבן ניט געקאָנט רעדן. זיי האָבן געקוקט אויף די פּוסטע, ברודיקע ווענט, אויף דער ליידיק געוואָרענער קראָם און אַ טרויער האָט זיי אַרומגענומען.

ביידע האָבן זיך דערפֿילט עלנט. די זעלבע דזשעלנע גאַס, וואָס איז זיי תמיד געווען היימיש, האָט איצט איר קאָפּ אָוועקגעדרייט פֿון זיי. זיי האָבן געשפּאַנט איבערן טראָטואַר און אַלץ איז געווען ניט־פֿריינטלעך.

סאַלטשע איז געווען די ערשטע צו זיך צו קומען. וואָס וועט דער מאָרגן איר ברענגען? ווי קאָן זי פֿאַרלאָזן מאַטעקן? און גוטשיאַן? און טייבלען?

זי איז מיט מאַטעקן געווען אַזוי צונויפֿגעקניפּט. דאָס צעשיידן זיך, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן זיין צוזאַמען, האָט זיי נאָך מער דערנעענטערט אין איצטיקן מאָמענט.

— מאַטעק, ביסט דאָך שוין אַ גרויסער בחור. האַלט זיך ווי אַ מענטש. זעסט דאָך, וועסט דאַרפֿן זיך שטעלן אויף אייגענע פֿיס. פֿאַרלאָז זיך ניט אויף די אָנקלס מיט די טאַנטעס, נעם זיך אין די הענט אַריין. אויב דו קאָנסט, לערן זיך אויס אַ פֿאַך וואָס גיכער און קום ניט אָן צו זיי. מאַטעק, דו ביסט מיר טייערער ווי אַלץ אויף דער וועלט. מאַטעק, לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען. וואָס עס זאָל ניט זיין, לאָמיר זיין צוזאַמען. — סאַלטשע האָט גערעדט אַזוי וואַרעם צו אים און אים געהאַלטן אונטערן אָרעם.

ער האָט ניט געוואוסט וואָס איר צו ענטפֿערן. ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו ענטפֿערן. ער איז בכלל געווען שטאַרק צעשרויפֿט פֿון דעם פּלוצלינגדיקן גרויסן איבערבייט און פֿון דעם פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון זיין הויז.

ער האָט צוגעפֿירט סאַלטשען צום טראַמוואַי. זיי זיינען געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און גערעדט. גערעדט האָט סאַלטשע און מאַטעק האָט געשוויגן, אָדער צוגעשטימט מיט אַ מאַך מיטן קאָפּ. סאַלטשע איז געווען אָנגעפֿילט מיט רייד. זי האָט זיך געדאַרפֿט אַראָפּרעדן פֿון האַרצן.

אין צוויי טעג אַרום איז מאַטעק צוריקגעקומען אויף זיין אַלטער וואוינונג זען צי ס'איז פאַראַן בריוו. ער האָט געוואוסט, ווען דער בריוו־טרעגער קומט אָן. דער סטרוזש פון הויז האָט מאַטעקן אַריינגערופן צו זיך אין קעלער און אים דערציילט:

— נעכטן אַכט ביינאַכט איז געקומען אַ רעווירעאָווע זוכן די פאַמיליע סאַרנע. געקומען איז ער, ווייל דער שפּיטאָל האָט אים געשיקט. דאָרט אין שפּיטאָל איז געשטאָרבן אייער יאַדוויגאַ. פאַרן טויט האָט זי געבעטן, אַז מען זאָל אייך לאָזן וויסן און אַז עמיצער זאָל קומען זיך געזעגענען מיט איר. נו, איז שוין קיינער פון אייך דאָ ניט געווען און איך האָב ניט געוואוסט ווי אַזוי אייך צו גרייכן. אַ שאָד, די אַלטע יאַדוויגאַ. גיי צו אין שפּיטאָל, אפשר האָט זי עפּעס געלאָזט...

דער סטרוזש האָט אָפּגעזאָגט זיינס און זיך געלאָזט אַרויסגיין אין הויף. מאַטעק איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשטיינערטער. יאַדוויגאַ געשטאָרבן אין שפּיטאָל... זיך געוואָלט געזעגענען, נאָר קיינער איז שוין ניט געווען אין הויז...

איז מאַטעק געגאַנגען פון שפּיטאָל, וואו מען האָט אים געשטעלט אַ פּאָר פראַגעס און געהייסן גיין, דערפאַר וואָס יאַדוויגאַ האָט גאָרניט געלאָזט און קיינעם ניט געהאַט. איז ער געגאַנגען אויף דער רווישיקער גאַס און אַלץ האָט געוויינט אין אים.

אָט שטייט יאַדוויגאַ איבערן אָפענעם אויוון. איר פּנים איז צעפלאַמט. פון די טעפּ גייט אַ פּאַרע. אירע אויגן קוקן אומעטיק אין די טעפּ אַריין. יאַדוויגאַ איז גוט אויפגעלייגט נאָר דאַן, ווען עס קאָכט זיך עפּעס גוטס — און דאָס געשעט זעלטן...

אָט באָדט זי אים, יאַדוויגאַ. און דאָס איז נאָר ערב אַ גרויסן יום־טוב, ווען מען שטעלט־צו אַ קעסל וואַסער אָנצוואַרעמען. בלויז זי קען אים אַרומוואַשן, אפילו די מאַמע האָט דאָס ניט געקאָנט טאָן...

זי דרייט זיך אַרום אין איר „פּאַלאַץ", אין דער קיך. קיינער מישט זיך ניט, קיינער זאָגט איר ניט קיין דעה. פאַרקערט, צו איר הערט זיך אפילו דער טאַטע צו.

יאַדוויגאַ האָט זיך מיט קיינעם ניט געזעגנט, נאָר אַלעמען האָט זי איי־בערגעלאָזט לעצט־געלט.

איז מאַטעק געגאַנגען אַן איינזאַמער און אַ געוויין איז אים נאָכגעגאַנגען. זיינע טריט האָבן מיט אים געוויינט.

— דער טאַטע — טויט. יאַדוויגאַ — טויט. דאָס הויז — טויט. סאַלטשע — צעשיידט פון אים. די מאַמע — ווייט פון אים. די מאַמע זייער, זייער

קראַנק, זאָגט אָנקל מענדל.

— פאַרוואָס קומט עס אונדז? פאַרוואָס קומט עס אונדז? — האָט מאַ־טעק גערעדט צו זיך אַליין.

ער האָט איצט פאַרנאַכלעסיקט די שול. דאָס לערנען איז אים אין קאָפּ ניט געלעגן. שימעק האָט זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל אַריינקומען צו זיי אין הויז. ער און גאָלדע האָבן איבערגערעדט מיט דער מאַמען, אַז אויב אים וועט ניט זיין גוט ביי זיין אָנקל מענדל, קאָן ער וואוינען ביי שימעקן. פּלאַץ איז דאָ איבער־גענוג. ער וועט שלאָפן מיט שימעקן צוזאַמען אין איין צימער. די מאַמע וועט זיין זייער צופרידן אים צו האַלטן אַזוי לאַנג ווי עס וועט אים געפעלן ביי זיי.

נאָר מאַטעק איז אַרומגעגאַנגען און אַליין ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער האָט עס ניט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי זאַכן זאָלן זיך אַזוי שנעל איבערקערן. דאָס וואָס דאָס הויז איז זיך צעפאַלן מיט איין קנאַק, האָט אים שטאַרק באַזאָרגט. וואָס וועט זיין, ווען די מאַמע וועט צוריקקומען? וועט מען דאַך ווידער דאַרפן אָנהויבן זוכן אַ קוואַרטיר און מעבל און אַ קראַם. ווי אַזוי האָט מען דאָס געקאָנט נעמען אַ הויז מיט קינדער און עס צעזייען אויפן ווינט? צוויי קינדער אין טאָמאַשאָוו, איינע ביי רעגינטשאַן, אים — צום אָנקל מענדל. עס איז ניט רעכט אַזוי — ניט רעכט.

און עס האָט זיך צו אים פאַרגנבעט אַ געדאַנק, אַז דער אָנקל ווייסט, אַז די מאַמע וועט מער ניט צוריקקומען, אַז עס האַלט זייער שמאָל מיט איר. אָט דערפאַר האָט ער דאָס הויז פאַנאַנדערגעלאָזן.

ביים אָנקל מענדל אין הויז האָט געוויט אַ געפערלעכע קעלט. די קעלט איז געקומען פון דעם אָנקל און פון דער טאַנטע און פון דער דינסט. קיינער האָט צו מאַטעקן ניט גערעדט. מען האָט אים געגעבן זיין עסן, געמאַכט זיין געלעגער, געפרעגט אים, צי ער דאַרף עפּעס. נאָר פון אַלץ האָט געבלאָזן אַ פראַסטיקער ווינט, כאָטש עס איז געווען גלייך נאָכן זומער.

מאַטעקן האָט אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו סאַלטשען און ער האָט זיך אויפגעהויבן אין דער פרי און אַנשטאָט צו גיין אין שול, האָט ער באַשלאָסן צו גיין צו סאַלטשען, אויף דער שמאָלער גאַס.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך אים דער פאָטער געחלומט. דער טאַטע איז מיט אים געזעסן ביים טיש, ביי אַן אָפענעם אַלטן, פאַרגעלטן ספר. דער טאַטע האָט זיך געגלעט די לאַנגע ברייטע באָרד און זיינע אויגן האָבן באַטראַכט מאַטעקן און אים געגלעט, געגלעט.

— אַז עס קומט אָן דער הייליקער שבת און די מאַמעשי בענטשט די ליכט, ווערט דאַן וואַרעם און ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך, איבערהויפּט אין

די ווינקעלעך פון דער נשמה. די נשמה, מיין קינד, זאַפּט איין אין זיך די פּלעמלעך, די ריינע פּלעמלעך. וואו דו וועסט זיך ניט געפינען, מאַטעק, זאָלסטו געדענקען ווי מיר האָבן אָפּגעהיט יעדן יום־טוב. דער יום־טוב דאָס איז דאָך די נשמה יתירה, וואָס יעדער ייד פאַרמאָגט און וואָס שטאַרקט און קרעפטיקט אים אין גלות . . .

דער טאַטע האָט געהאַלטן אין איין רעדן, נאָר זיין קול איז געוואָרן שטי־לער און שטילער. מאַטעק האָט געזען, ווי ער זיצט לעבן אים ביים טיש, דאָס קול רעדט, נאָר מען הערט ניט מער קיין ווערטער; די ליפּן באַוועגן זיך, די אויגן קוקן אויף אים מיט גוטסקייט. מאַטעק קאָן זיך ניט אויפהויבן פון אָרט.

— טאַטעשי, איך הער דאָך ניט, וואָס דער טאַטעשי זאָגט? זאָל דער טאַטעשי רעדן אַביסל העכער . . .

און ווען מאַטעק האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג, האָט אים נאָך אַלץ פאַר־פאָלגט דעם פאָטערס קול און ער האָט געהערט ווערטער וואָס זיינען ניט דערגאַנגען צו אים. און אַ מורא האָט אים אַרומגענומען און ער האָט גע־זוכט אַן אָנהאַלט, אַ באַפרייאונג. ער האָט געוואָלט הערן אַ קול וואָס זאָל אים באַרואיקן, פאַרזיכערן.

ער מוז לויפן צו סאַלטשען, אַניט וועט ער דאָס ניט אַריבערטראָגן.

קאַפּיטל נײַן און צוואַנציק

פרישע רויזן

1.

מאַטעקן איז אָנגעקומען ניט לײַכט צו געפֿינען דאָס שמאָלע געסל אין באַלוט און נאָך שווערער איז אים אָנגעקומען צו געפֿינען סאַלטשעס וואוינונג. ער האָט ליב געהאַט צו גיין אויף באַלויכטענע וועגן. ער האָט ליב געהאַט ליכט, מאָטעק. נאָר באַלוט מיט די פֿאַרהויקערטע כאַלופּעס, מיט די צעלעכערטע טראָטואַרן, וואָס זײַנען קיין טראָטואַרן ניט געווען, נאָר צונויפֿגעשטשאָבעטע שטיקער ברוק; באַלוט מיט די אויסגעמאָרעטע פּנימער און אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע קינדער — איז אים געווען אייגן. ער האָט זיך געפֿילט דאָרט ווי אַ היימישער, ווי צווישן זײַנע מומעס און פֿעטערס, הגם די מענטשן דאָ זײַנען אים געווען ניט באַקאַנט.

אַ גערוך פֿון ווילגאָטש, אַ ריח פֿון גערײשטע ציבעלעס און אַ שילטעריי פֿון אַן אויפֿגערעגטער יידענע האָבן אים מקבל פּנים געווען, ווען ער האָט דערגרייכט סאַלטשעס הויז.

— אויפֿן בוידעם־שטיבל! — איז געווען דער ענטפֿער, ווען מאָטעק האָט געפֿרעגט, וואו סאַלטשע וואוינט. איז ער אַרויפֿגעקראָכן אויף סקריפּנדיקע, זיך שאָקלענדיקע, האַלב־פֿאַרדרייטע טרעפּ, אין האַלב־פֿינצטערניש. אויבן איז געווען אײַנגאַנצן איין טיר, אָפּגעקאַלכט בלווילעך ווייס. די טיר איז געווען אַזוי נידעריק, אַז מאָטעק האָט זיך געדאַרפֿט אײַנבויגן, ווען ער איז אַרײַנגעגאַנגען.

— סאַלטשע? — האָט מאָטעק געפֿרעגט אַ ניט־זיכערער.

— ווער איז?

— דאָס בין איך, מאָטעק.

— זע־נאָר ווער עס קומט מיך באַזוכן אין מײַן פּאַלאַץ? קום אַרײַן, מאָטעק, איך שעם זיך פֿאַר דיר, אַזוי וואָר ווי איך לעב.

סאַלטשע איז געלעגן אויף אַ הילצערן בעט. האַרט איבער איר קאָפּ איז געלעגן דער באַלקן, אין דער קרום. אַ האַלבער צימער איז געווען פֿאַרנומען פֿון באַלקן־דאַך. די שיפֿקייט האָט באַשווערט די וואוינונג. בלויז אַ

פענצטערל האָט אָנגעזאָגט אַז דאָס איז אַ צימער. אויסערן בעט איז אין צימערל געווען אַ צעבראָכן בענקל אָן אַן אָנלען און אַ קאָמאָד, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ קרוג וואַסער און אַ שיסל זיך צו וואַשן.

— איך האָב זיך שטאַרק פאַרקילט, מאַטעק און די גאַנצע געשיכטע מיט דיין הויז האָט מיך געקאָסט אַ סך געזונט. איך קאָן נאָך ניט קומען צו זיך פון עגמת נפש . . . וועסט מיר מוחל זיין, וואָס איך קאָן ניט אויפשטיין. זעץ זיך אויפן איינציקן בענקל, וואָס איך פאַרמאָג.

מאַטעק האָט זיך געפילט אַביסל פאַרשעמט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט אויפן קאָמאָד אַ צעשניטענע רויע ציבעלע און אַ שטיק ראַזעווע ברויט. אונטערן בעט — סאַלטשעס טשעמאָדאַן און אַ פּאָר לעטשלעך.

— דו פילסט זיך ניט היימיש דאָ, מאַטעק? עס געפעלט דיר מסתם ניט מיין פּאַלאַץ. נאָר איך בין צופרידן וואָס איך האָב דאָס באַקומען . . . זיצסט מיר עפּעס אָנגעדרודלט, זאָלסט מיר אַנטשולדיקן פאַר די רייד, ווי באַמאַכט. קום־צו און זעץ זיך אַוועק אויפן בעט. קיינער וועט דאָ ניט אַריינקומען, האָב ניט מורא און שעם זיך ניט.

מאַטעק האָט זיך צוגעזעצט אויף איר בעט און עס איז אים געוואָרן וואַרעמער און היימלעכער דערפון.

— אָט אַזוי, שעמעוודיקער בחור, גיב מיר דיין האַנט. זע ווי מילך־בלוי זי איז. איך וועל זי דיר אָנוואַרעמען, — האָט סאַלטשע געזאָגט און צוגעלייגט זיין האַנט צו איר הויכן, וואַרעמען בוזים.

זי האָט זיך אויפגעזעצט און צעשויבערט די לאַנגע קאַשטאַנען האָר און זיי פאַרקאָמט און גערעדט צו מאַטעקן:

— דערצייל מיר, מאַטעק, וועגן דיין נייער לאַזשי . . . האָסט עפּעס געהערט פון דער מאַמען אָדער פון גוטשיאַן? ס׳איז ניט פריילעך, מאַטעק, ווער ס׳איז דיר מקנא... אַזאַ יונג קינד, אַזאַ בליענדיק ביימעלע. עס האָט מיר געריסן מיין האַרץ צוזעענדיק ווי דיינע שוועסטער האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן איינע פון די אַנדערע . . . ווייסט, מאַטעק, אַזוי גיך ווי איך וועל זיך פילן אַביסל קרעפטיקער, וועל איך גיין זוכן אַרבעט. אַז כ׳וועל אַרבעטן, וועל איך דיר קאָנען אַרויסהעלפן, טאָמער וועסטו דאַרפן האָבן אַ פּאָר קאָ־פּיקעס אויף עפּעס. איך ווייס דיין לאַגע, אָרעם ייִנגל.

זי האָט אַריינגענומען זיין קאָפּ אין אירע אָרעמס, אים צוגעדריקט צו זיך און געקושט זיינע האָר, זיין שטערן, זיינע אויגן.

— גיב מיר אַ קוש, דו נאַריש קעלבל, ניט אַזוי, אין מויל אַריין קוש. גיי, ביסט אַ ציג, מע־מע־מע!

מאַטעק האָט זיך געמוזט פאַררויטלען.

— אַי, מאַטעק, איך ווייס אַז דו האָסט מיך ליב, אַזוי וואָר ווי איך לעב, נאָר דו שעמסט זיך, וואָס איך בין אַ האַלב־נאַקעטע און דו ביסט אַליין מיט מיר אין איין חדרל. גוט, אַט וועל איך זיך אָנטאָן. אַראָפּגיין מיט דיר, קאָן איך ניט, אָבער הונגעריק בין איך סכנות.

סאַלטשע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ דין קלײדל, זיך אַרומגעוואַשן מיטן קאַלטן וואַסער פון קרוג און שטייענדיקערהייט זיך גענומען צו דער ציבעלע מיט ברויט.

— זאָג, דעם אמת זאָג, ביסט געקומען צו מיר, ווייל דו דאַרפסט עפּעס, אָדער ווייל דו האָסט זיך פאַרבענקט נאָך מיר?

— ביידע זאַכן, סאַלטשע. איך וויל זיך מיט דיר מיישב זיין וועגן אַ סך זאַכן. ערשטנס, וואָס זאָל איך טאָן מיט יאַראָטשינסקיס שול? איך קאָן ניט גיין מער אין שול. דער קאָפּ שטייט מיר ניט דערביי. די הענט זיינען ווי ליים און דער קאָפּ איז ווי בליי. צווייטנס, ווייל מיין חבר שימעק יאַקובאָ־וויטש, אַז איך זאָל וואוינען ביי אים. מיטן אָנקל מענדל איז מיר איבער־דרייסיק צו זיין. מען באַהאַנדלט מיך דאָרט ווי אַן אָרעמען אורח אויף שבת, ווי אַ הונט אין דער בודע.

סאַלטשעס מויל איז געווען געפּאַקט מיטן ברויט, זי האָט גלייך ניט געענטפערט.

— און וואָס נאָך, מאַטעק?

— זאָל מיר קלאָר ווערן פריער וועגן די צוויי זאַכן, וועל איך דער־ציילן נאָך.

— הער זיך איין, מיין ליכטיקער מאַטעק, — איך קאָן טאַקע ניט שטיין אויף די פיס, — אוי, מענטשן! בין איך אָפּגעשוואַכט, מסתם ווי אַ יידענע גלייך נאָכן קינפּעט. — וועסט מיר דאַרפן מוחל זיין. ביסט געקומען אין אַ שלעכטער צייט, איך מוז זיך צוריק אַריינלייגן אין בעט. טאָמער קראַפּיר איך, זאָלסטו וויסן, אַז איך האָב אויפגעגעסן מיין ציבעלע מיט ברויט; אַז ניט פון הונגער בין איך אויסגעגאַנגען, נאָר פון מאַנגל אין ליבע, דערפאַר וואָס אפילו דו האָסט מיך פאַרלאָזן. ביסט טאַקע געקומען צו מיר, נאָר מיינסט, אַז איך ווייס ניט, אַז דו ביסט פאַרליבט אין עמיצן אַנדערש און ניט אין מיר, מאַטעק?

— וואָס רעדסטו פאַראַ נאַרישקייטן, פאַרליבט־פאַרשמיבט, ווועמען ליגט דאָס אין קאָפּ אַזוינע נאַרישקייטן?

— איך מיין ערנסט, מאַטעק. קום אַהער און זעץ זיך צוריק אויפן בעט. טאָמער וועט עס איינפאַלן, וועט עס זיין דיין שולד . . . וועגן ערשטן, מאַטעק, איז אַזוי: דיינע אָנקלס, איבערהויפּט דיין אָנקל מענדל, וועט וועלן פון דיר

מאַכן אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר; דער אָנקל גוסטאַוו וועט דיר העלפֿן ווערן אַן עלעקטרא־טעכניקער. דאָס איז גאָרניט קיין קרומע זאַך. מיר, יידן, דאַרפֿן אַריינדרינגען אין נייע פֿאַכן און צעכן. זאָגסטו דאָך אָבער אַליין, אַז עס קריכט דיר ניט אין קאָפּ אַריין. מיין עצה דעריבער איז, אַז דו זאָלסט זיך אָנטאָן אַ כּוח און בלייבן אין שול, ביז די מאַמעשי וועט צוריקקומען. פֿאַר־וואָס מען האָט בכלל געדאַרפֿט צעברעכן דאָס הויז און צעשטערן דעם דאַך, הייב איך ניט אָן צו באַגרייפֿן. האָב געדולד, מאַטעק . . . איך מעג דיר איצט אויסזאָגן אַ סוד וועגן זיך. מיינע עלטערן קלייבן זיך קומען פֿון קלעטשעוו נאָך לאָדזש. זיי ווילן זיך דאָ באַזעצן. שוין אַ לאַנגע צייט, ווי זיי האָבן מיר דאָס געלאָזט וויסן און איך האָב זיי די גאַנצע צייט אָפּגעהאַלטן. וואָס וועלן זיי דאָ טאָן? עס פֿעלן קבצנים און בעטלערס אין לאָדזש? מיין ברודער איז אַנטלאָפֿן שוין צוויי יאָר צייט און מען ווייסט ניט, וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. איך האָב מיר מיין פּעקל. אין דער היים האָב איך ניט גע־וואָלט רעדן וועגן דעם. נאָר אַז מיר ביידע זייען צוזאַמען, וועל איך זיך פֿאַר דיר מיין ביטער האַרץ אויסרעדן. מיר וועלן זיך ביידע צוטוליען איינער צום אַנדערן און עס וועט אונדז דערפֿון לייכטער ווערן. איך האָב דיר אַ סך צו דערציילן, מאַטעק, און דו ביסט דער איינציקער מיט וועמען איך קאָן זיך דורכרעדן פֿון האַרץ צו האַרץ. מיט מיינע פּאַרטיי־חברים קאָן מען וועגן אַזעלכע זאַכן ניט רעדן. מיר לעבן איצט איבער אַ קריזיס, מאַטעק. די באַ־וועגונג האָט געכאַפּט מיאוסע קלעפּ. די שוואַרצע מאה איז אויפֿן זאָטל. מיר דאַרפֿן צוריק אָנזאַמלען אונדזערע כּוחות און זיך פֿאַרמעסטן קעגן שונא. עס וועט דויערן אַ צייט, ביז מיר וועלן זיך דערהאָלן פֿון די קלעפּ, וואָס מיר כאַפּן אַצינד. די בעסטע חברים זיצן אין טורמע, אָדער פֿוילן אין סיביר. קאָן איך ניט קומען און רעדן וועגן מיינע צרות מיט דער משפּחה אין קלע־טשעוו . . . אוי, מאַטעק, ווער האָט זיך געקאָנט פֿאַרשטעלן מיט אַ חודש צוריק, אַז עס וועט קומען דערצו, אַז דו זאָלסט מער קיין היים ניט האָבן און איך זאָל ליגן אין אַ בוידעם־שטיבל אין באַלוט . . .

— סאַלטשע, זאָל נאָר די מאַמעשי געזונט ווערן, וועט אַלץ ווערן צו־ריק גוט, — האָט מאַטעק געזאָגט ניט זיכער, פֿילנדיק אַז ער גלויבט ניט זיינע אייגענע רייד.

— און וועגן דער צווייטער זאַך, מאַטעק איז אַזוי. אַ קראַנקן וואו מען לייגט אים, איז אים אַלץ שלעכט. איך מיין דאָס טאַקע וועגן דיין לאַגע, וועגן דיין לאָדזשי. דו מיינסט טאַקע, אַז ביי שימעקן וועט דיר זיין בעסער? עס איז דאָך אין דער פֿרעמד. איך וויס דעם טעם דערפֿון, כאָטש ביי דיר אין הויז איז מיר געווען אויסערגעוויינלעך גוט. נאָר זאָג מיר דעם ריינעם אמת:

דיך ציט ניט אַזוי צו שימעקן, ווי צו זיין שוועסטער, צו דער שיינע גאָלדען. ניט אַזוי, מאַטעק? איך ווייס און אַלע ווייסן, אַז דו ביסט פאַרליאַבעט אין גאָלדען און מסתם זי אין דיר אויך. ניט מסתם, נאָר פאַרקערט, זי איז אין דיר מער פאַרליבט ווי דו אין איר. מחמת, זי איז דאָך אַ פּראָווינציעלע. פאַרשטייט זי זיך אויף אַ ליבע בעסער ווי אַ ייִנגל. מאַטעק, זאָלסט דאָס ניט נעמען פאַר אומגוט, נאָר איך האָב געהאַלטן אַן אויג אויף דיר, ווען גאָלדע איז געווען אין הויז און איך האָב געזען ווי זי האָט געקושט דיינע טריט און ווי דו ביסט געווען פלאַם־פייער נאָך איר. עס האָט מיך פאַרדראָסן, מאַטעק. ביסט טאַקע ייִנגער פון מיר, נאָר אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועסטו זיין אַ מאַנסביל . . . דו ווייסט גאָרניט ווי צופרידן איך בין וואָס דו ביסט געקומען מיך באַזוכן . . . ניין, בלייב ביים אָנקל מענדל און ווען די מאַמעשי וועט צוריקקומען, וועט מען דאַן זען. גאָלדע איז ניט פאַר דיר. זי באַלאַנגט צו די אַריסטאָקראַטן און דו ביסט איינער פון אונדזערע.

ווען מאַטעק האָט פאַרלאָזן, איז סאַלטשע געווען פאַראומערט.

— פאַרגעס ניט מיין אַדרעס, מאַטעק.

3.

עס איז מאַטעקן געווען ניט היימלעך אין אָנקל מענדלס הויז. ער האָט דאַרט ניט געקאָנט איינזיצן. די נייע „טשאַטשאַ" (מומע) מאַריא האָט גערעדט נאָר פּויליש און זי איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרריסענער נאָז און אַראָפּגעקוקט אויף יעדן איינעם, אַריינגערעכנט איר מאַן. קוים וואָס זי האָט אַ וואָרט אַרויסגערעדט, קוים וואָס זי האָט זיך אויף עמיצן אומגעקוקט. אַ שטיק אייז, מיט אַ פּנים וואָס האָט געגלאַנצט פון זאַטקייט, מיט אויגן ווי גלאָז און ווערטער וואָס זיינען פאַרגליווערט געוואָרן אין מויל.

האָט זיך מאַטעק יעדן טאָג געזען מיט לאָטשיאַן ביי דער טאַנטע רעגינטשאַ. ווי האָט זיך לאָטשיא געפילט? זי האָט זיך ניט געהאַט צו באַקלאָגן. זי האָט אויך ניט ליב געהאַט צו זיין אין הויז, מחמת די טאַנטע רעגינטשאַ, וואָס איז גראָד געווען זייער גוט צו איר, איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אין אַ שלאַפראָק און זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ דיקן דייטשן בוך פון פּראָפעסאָר פאָרעל און זי האָט ניט געוואָלט, אַז לאָטשיא זאָל אַריינקוקן אין בוך. די טאַנטע רעגינטשא האָט געהאַלטן אין איין גענעצן און טרינקען שטאַרקע קאַווע. ווען מאַטעק איז אָנגעקומען, האָט די טאַנטע אים טראַקטירט מיט אַ טשאַסטקע און אים אויסגעפרעגט וועגן דער טשאַטשיא מאַריא.

— וואָס מאַכט עפּעס די שוועגטא מאַריא, וואָס מאַכט? — האָט רעגינטשאַ אָפּגעהוזקט.

— זי גייט אַרום ווי אַ פּאַווע און האַלדערט ווי אַן אינדיק, — האָט מאַטעק געענטפערט.

— און וואָס מאַכט עפּעס מיין בראַטשעק מענדל?

— דער אָנקל מענדל האָט מורא אַ וואָרט אויסצורעדן. ער פאַרלירט זיין לשון, ווען ער טרעט אַריבער די שוועל פון זיין הויז, — האָט מאַטעק צוגעגעבן.

לאַטשיא און מאַטעק זיינען כמעט יעדן טאָג געגאַנגען מאַכן זייערע לעקציעס צו שימעקן און גאַלדען אין הויז. דאָרט האָט מען זיי וואַרעם אויפגענומען און דאָרט האָבן זיי אויפגעלעבט. זיי האָבן ניט געדאַרפט אַרומגיין אויף די שפּיץ פינגער און אין קרייז פון די אַנדערע קינדער האָבן זיי זיך דערוואַרעמט און געלאַכט און פאַרגעסן זיך אין זייער געדריקטער לאַגע.

זינט זיין פאָטערס טויט האָט מאַטעק דערפילט ווי גאַלדע האַלט אים אין איין צערטלען מיט אירע בליקן, מיט איר קול, מיט אירע פינגער.

„מאַטעק, דו מוזט פאַרזוכן די קליסקעלעך, וואָס איך האָב אַליין געמאַכט".

„מאַטעק, איך וועל דיר העלפן מיט דיין מאַטעמאַטישער לעקציע. איך האָב דאָס ליב צו טאָן. איך וואָלט געדאַרפט ווערן אַן עלעקטראָ־טעכניקער. פאַרוואָס לאָזט מען ניט צו קיין מיידלעך אויף דעם קורס?"

„דו זיצסט שוין דאָ אַ לאַנגע צייט און האָסט נאָך אויף מיר אפילו איין קוק ניט געטאָן, ווי דו וואָלסט געווען ברוגז אויף מיר. האָב איך דיר עפּעס געטאָן, מאַטעק?"

און מאַטעקן איז געווען אַזוי גוט צו זיין אין איר געזעלשאַפט. נאָך קיינמאָל איז אים אַ הויז ניט געווען אַזוי ליב ווי גאַלדעס שטוב. עס האָט געאָטעמט מיט וואַרעמקייט פון אַלע ווינקלען. עס איז טאַקע געווען נאָך דעם באַנקראָט פון איר פאָטער, ווען די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען פאַרעלטערט און פאַרחושכט, נאָר מען איז מיט דער צייט צו זיך געקומען און ווידער האָט גאַלדעס מאַמע געשמייכלט און ווען מען איז אַריינגעקומען האָט מען זי געטראָפן אַן אויפגעלייגטע. איבערהויפּט זינט מאַטעקס אומגליק איז דאָס יאַקובאָוויטש הויז געווען פאַר אים און זיין שוועסטער ווי אַן אויסגעוואַרעמטע נעסט.

גאַלדעס מאַמע האָט אָנועקגעלייגט אַלץ אין אַ זייט, ווען לאַטשיא און מאַטעק האָבן זיך באַוויזן. עס איז ביי איר געווען אַ רחמנות־געפיל, אויסגעמישט מיט אַ געפיל פון געטריישאַפט צו קינדער, וואָס זיינען איר געווען ליב און אייגן, כאָטש זי האָט זייערע עלטערן קיינמאָל אויף די אויגן ניט אָנגעזען. פון דער זייט האָט זי באַמערקט, אַז לאַטשיא נויטיקט זיך אין עפּעס בנוגע קליידונג, האָט זי שוין אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז לאַטשיא זאָל דאָס באַקומען.

— לאָטשיא, וואָס קאָן איך טאָן, אַז גאָלדע און דו האָבן איין מאָס און אַז אייךביידן וועט דאָס קליידן ווי אַ צווילינג.

דאָס זעלבע איז געווען מיט מאָטעקן. מאָטעק האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען. ער איז געווען האַנאַראָווע. לאָטשיאן האָט עס ניט געאַרט. זי האָט געוואָלט אויסקוקן וואָס שענער און זיך פאַרגלייכן מיט גאָלדען.

— מאַמעשי, מאָטעק וויל ניט נעמען? לאָז עס צו מיר. איך וועל אים ניט אַרויסלאָזן פון הויז. ביי מיר וועט ער שוין נעמען. אַניט וועל איך אים דאָס אַליין אָנטאָן, מיט מיינע אייגענע הענט.

און עס האָט געהאָלפן.

— גאָלדע, דאָס איז פאַר מאָטעקן. טו עס אים אָן.

— גוט, מאַמעשי, איך האָב טאַקע ניט וואָס צו טאָן.

גאָלדע האָט אפילו געהאַט איבערגערעדט אין הויז, אַז שימעק און מאָטעק זאָלן, ווען זיי וועלן ענדיקן די קורסן, אַליין אויפעפענען אַ מאַסטערסקאַיע און זי, גאָלדע, וועט אויפנעמען די קונדן. מען האָט אין הויז געלאַכט פון דעם פּלאַן, נאָר שימעק האָט דאָס ערנסט אָנגענומען און אָנגעהויבן צורעדן מאָטעקן צו פלייסן זיך אין שול.

מאָטעקס בר־מצוה איז צוגעגאַנגען רואיק, קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. בלויז גוטשיא האָט אים געשריבן פון קוראַרט און אים דער־מאָנט, אַז ער איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, וואָס דאַרף טראָגן פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. מאָטעק האָט אויך דערהאַלטן אַ קאַרטל פון דער מאַמען וועגן זיין בר־מצוה. דאָס קאַרטל האָט מאָטעק געהאַלטן יאָרנלאַנג מיט זיך. עס האָט זיך געלייענט אַזוי:

„מאָטעק מיינער!

„דיין גאָטזעליקער פאָטער האָט זיך געגרייט צו פּראַוּוען דיר אַ בר־מצוה און צו קויפן דיר אַן אייגן בעט. ער האָט זיך אַליין גוט אויסגעבעטט. מיט דעם ליבן גאָטס הילף זאָג איך דיר צו, אַז ווען איך וועל צוריקקומען אַהיים וועלן מיר דיר פּראַוּוען גאָר אַ שיינע בר מצוה. איך ניי פאַר דיר אַ תפילין־זעקל און איך וועל עס דיר צושיקן די טעג. זע גוט צו עסן און צו פאָלגן דעם אָנקל מיט דער טאַנטע און רייס זיך ניט אַרום מיט לאָטשיאַן. ווען מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען, וועלן מיר זיך בעסער איינאָרדנען. דיין מאַמע, וואָס קושט דיך און ווינטשט דיך צו זען וואָס גיכער, טייבל“.

מאָטעק האָט געבראַכט דאָס קאַרטל צו סאָלטשען און זי האָט זיך די אויגן געווישט. זי האָט דערציילט מאָטעקן, אַז אירע עלטערן זיינען שוין געקומען נאָך לאָדזש און זיי וואוינען אויף דער מלינאַרסקע גאַס, אין באַלוט. זי וועט זיך מסתם דאַרפן אַריינקלייבן צו זיי, דערפאַר וואָס די מאַמע איז כמעט

אײַנגעאַנצן בלינד, און דער טאַטע, האָט זי מורא, גייט אַרום און בעטלט איבער די גאַסן.

ווען מאָטעק איז אין אַ פּאָר טעג אַרום אַרויפגעקומען צו סאַלטשען, האָט ער זי שוין מער ניט געטראָפן אין בוידעם־שטיבל. דאָס שטיבל איז געשטאַנען אָפן, נאָר איר טשעמאָדאַן איז שוין דאָרט ניט געווען.

— די פּאַניענקע האָט זיך אָפּגעטראָגן. וואָס איז זי, ענקערס אַן אייגענע? — האָט די יידענע אונטן געפרעגט.

האָט זיך מאָטעק געלאָזט גיין אויף מלינאַרסקע זוכן סאַלטשען. נאָר ער האָט זי ניט געקאָנט געפינען. און געוואונדערט האָט ער זיך, וואָס זי האָט אים גאָרניט ניט געלאָזט וויסן. ס'האָט אים באַאומרואיקט. עס זיינען אַוועק טעג און מאָטעק איז ווידער געקומען אויף דער מלינאַרסקע און זי אַרומגעזוכט. ער האָט געוואַרט און געוואַרט און זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן, נאָר סאַלטשען ניט געטראָפן.

אומגעריכטערהייט, איינמאָל אין דער פרי, ווען מאָטעק איז געהאַט אַהיים געקומען פון קדיש זאָגן, און זיך געקליבן גיין אין דער יאַראָטשינסקי שול, האָט ער געטראָפן דעם אָנקל מענדל אַ פאַרוויינטן אין הויז.

— מאָטעק, דו האָסט ניט מער קיין מאַמען! ביסט אַ קיילעכדיקער יתום, מאָטעק. וויין, מאָטעק, אויף דיין גרויסן בראָך.

דער אָנקל האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אַריינגענומען דאָס פּנים אין די הענט און געכליפּעט. דאָס ווייב איז אַרומגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער און זיך געמאַכט ווי זי הערט ניט.

מאָטעק האָט זיך צעוויינט און ער איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיין בעט און געהעשעט.

דער אָנקל גוסטאַוו און די טאַנטע רעגינטשאַ זיינען גלייך אָפּגעפאָרן אין קוראָרט אין דייטשלאַנד.

טייבלס טויט איז געקומען אומגעריכט. מיט אַ טאָג פריער האָט די משפחה נאָך געהאַט דערהאַלטן בריוו פון איר און פון גוטשיאַן. די בריוו זיינען געווען מונטערע. גוטשיאַ האָט געשריבן דעם אָנקל גוסטאַוו, אַז „די מאַמעשי האָט נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקוקט אַזוי יונג און אויסגערוט ווי איצט". און דער מאַמעס בריוו צו דער טאַנטע רעגינטשאַ האָט גערעדט וועגן פּלענער פון איינאָרדנען זיך און „זיין אַ גוטע מאַמע" צו אירע קינדער.

אין דער טעלעגראַמע, וואָס גוטשיא האָט געשיקט צום אָנקל גוסטאַוו וועגן דער מאַמעס טויט, האָט זיך בלויז געזאָגט:

„מאַמע פּלוצלינג געשטאָרבן צען אין אָונט. קומט גלייך צופאָרן."

אין דריי טעג אַרום זיינען זיי צוריקגעקומען, גוסטאַוו, רעגינטשאַ און

גוטשיא, נאָר די מאַמע איז שוין ניט צוריקגעקומען. זי איז באַערדיקט געוואָרן אין אַ וואונדער־שיינעם גאָרטן, וואָס ביי די דייטשן האָט עס געהייסן אַ בית־עולם און אויף איר פרישן קבר האָבן די באַלעבאַטים, ביי וועלכע זי איז איינגעשטאַנען, אַרויפגעלייגט אַ סך פרישע רויזן און אַנדערע בלומען.

גוטשיא האָט דערציילט, אַז די באַלעבאַטים האָבן דערהערט אירע, גוטשיאס געוואַלדן, ווען זי האָט דערזען, אַז די מאַמע איז געבליבן זיצן אַ פאַרחלשטע אין פאָטעל, איידער זי האָט זיך געקליבן גיין שלאָפן. זיי האָבן גלייך אַרויסגערופן אַ דאָקטאָר. עס איז געווען נאָך אַלעמען. די מאַמע איז געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַג.

די באַלעבאַטים, אַזעלכע פריינטלעכע דייטשן, האָבן גוטשיאַן געהייסן גלייך פאַרלאָזן דאָס הויז. די מאַמע איז געבליבן אין צימער, אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. עס האָט ניט געהאָלפן גוטשיאס וויינען, אַז זי וויל זיין לעבן דער מאַמען, זי האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס הויז. נאָר זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דרויסן, אויף אַ בערגל, פון וועלכן זי האָט געקאָנט אַריינקוקן צו דער מאַמען אין צימער. אַזוי איז זי געזעסן אַ גאַנצע נאַכט אין דרויסן און געוויינט און געדערדט צו דער מאַמען. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אַן אויסגעשטערנטע. זי האָט נאָך קיינמאָל אויף איר גאַנץ לעבן ניט געהאַט געזען אַזוי פיל אויסגעשאָטענע, פינקלדיקע שטערן, האָט זי געזאָגט.

טייבל, די פרומע טייבל, איז באַערדיקט געוואָרן אויפן דאָרפישן, קליינעם, קריסטלעכן בית־עולם אין דייטשלאַנד. דער ערשטער ייד וואָס איז דאָרט מקבר געוואָרן. מען האָט זי אַוועקגעלייגט באַזונדער, אין אַ זייט. די באַלעבאַטים, ביי וועלכע זי האָט געוואוינט, האָבן צוגעזאָגט אויפצופּאַסן אויפן קבר, ביז מען וועט שטעלן אַ יידישע מצבה.

קאַפּיטל דרייסיק

צו דער ווייט

.1

טאַטע־מאַמע — טויט. די קינדער צעזייט און צעשפּרייט צווישן מומעס, טאַנטעס און טשיאַטשאַס. אויב די גאָר־קליינע האָבן קיין דעה ניט געהאַט און קיין מויל ניט געהאַט זיך אַרויסצוזאָגן, זייַנען אָבער די עלטערע קינדער געווען שטאַרק אויפגעבראַכט און זיי האָבן זיך פראַנק און פרייַ אַרויס־געזאָגט וועגן דעם. די רואיקסטע, לאָטשיא, האָט זיך ניט באַקלאָגט, ווען מען האָט זי ניט געפרעגט. זי איז פון דער נאַטור געווען צוגעוואוינט צו אָרדענונג און נאָרמאַלקייט. די טאַנטע רעגינטשא, מיט וועמען זי האָט געוואוינט, איז געווען טראָציק און אָפגעשפּאַט פון דער משפּחה, אפשר דערפאַר וואָס זי האָט זיך געגעבן אַ שבועה קיינמאָל ניט חתונה צו האָבן, אויס נקמה צו איר פאָטער, וואָס האָט איר געליבטן אַרויסגעוואָרפן פון הויז. דער טאַנוץ רע־גינטשאס פירונגען זייַנען לאָטשיאן ניט געווען צום האַרצן און זיין כ״ס איר טאָג־איין טאָג־אויס און צו זען די שטיק וואָס יענע פראַוועט, איז איר געווען דערווידער. לאָטשיא איז געוואוינט געווען פון שטענדיק אָן אויפצושטיין אין צייט, אַרומוואַשן, זיך פאַרקאַמען, זיך אויספּוצן, אפילו ווען ס'איז ניט געווען אין וואָס, אַבי מען זאָל זען, אַז זי האַלט זיך ריין; אָפּעסן אין צייט, צוראַמען פון טיש, אויספילן אַלע שליחותן וואָס דאָס הויז האָט פון איר גע־פאָדערט, האַלטן טייַער דאָס וואָרט וואָס זי האָט געגעבן און צופרידנשטעלן יעדן איינעם. רעגינטשא איז געווען דער קעגנזאַץ פון איר. ערשטנס, האָט זי זיך קיינמאָל רעכט ניט אָנגעטאָן, כאָטש די שאַפעס זייַנען געווען אָנגע־שוואָלן פון אירע קליידער, בלוזעס און מאַנטלען. צווייטנס, האָט זי קיינמאָל ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן וואָס עס מיינט צייט: עסן אין צייט, גיין שלאָפן אין צייט, אַרויסגיין פון שטוב אין צייט. דריטנס, האָט זי ניט געהאַלטן קיין וואָרט. אָט האָט זי לאָטשיאן צוגעזאָגט עפּעס און אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זי אָדער געהאַט פאַרגעסן, אָדער פּשוט דערקלערט, אַז זי האָט געביטן איר מיינונג. די יונגע לאָטשיא האָט דאָס ניט געקאָנט באַגרייפן און עס האָט אויף איר ניט גוט געווירקט. נאָר אַז מען האָט לאָטשיאן גע־

פרעגט, ווי די טאַנטע רעגינטשא באַהאַנדלט זי, האָט זי געזאָגט: „ניט שלעכט" אָדער, „זי איז גוט צו מיר". נאָר ווען מען האָט זי געפרעגט: „וואָלסטו וועלן פאַרלאָזן די טאַנטע רעגינטשא און זיין מיט אַן אַנדער טאַנטע?" האָט זי געענטפערט: „פאַרוואָס ניט?"

וועגן מאַטעקן איז דאָך שוין געווען אָפּגערעדט, אַז ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די טשאַטשיאַ מאַריאַ. ער האָט גראָד אויסגעקוקט געזינטער און שטאַרקער ווי אַלעמאָל. די קעסט ביים אָנקל מענדל איז געווען אַ וואָגיקע, נאָר יעדער טאָג איז פאַר מאַטעקן געווען אַן איבעריקער דאָרט צו זיין. אַריינקומען צום אָנקל מענדל אין הויז האָט פאַר מאַטעקן געמיינט: אַריינגעקומען אין אַ קאַרצער, צי אין אַ שפּיטאָל. ווען ער האָט דאָס גוטשיאַן דערציילט, איז זי געוואָרן אין כעס אויף אים, אים אָנגערופן „אומדאַנקבאַרער שווייך". נאָר ווען זי אַליין האָט אָנגעהויבן אַרויפקומען צו דער טשאַטשיאַ יעדן צווייטן טאָג און עסן ביי איר אַ מאָלצייט, האָט זי דאַן געזאָגט צו מאַטעקן:

„כ'האָב מורא אַז דו ביסט, נעבעך, געווען גערעכט... עס איז אַ הויז מיט אַ סך צימערן און אַ סך פענצטער און פאָלירטע פּאָדלאָגעס, נאָר עס איז אַ גרויסע ליאַדאָוניע, וואו אַלץ איז פאַרפראָרן און מען קאָן זיך די הענט מיט דער נאָז אָפּפרירן."

איינגעשטאַנען איז גוטשיא מיט לאָטשיאַן ביי דער טאַנטע רעגינטשא. פאַר דער טאַנטע איז דאָס געווען ווי געוואונטשן. אויב זי האָט פריער נאָך געדאַרפט זיך זאָרגן וועגן לאָטשיאַן, זיינען איצט אַלע אירע פליכטן אַרונטער. פאַרקערט. גוטשיא, איבערנעמענדיק די פליכטן פון הויז, האָט געטראָגן אויף זיך די זאָרג פאַר רעגינטשאס וואוילזיין.

עס זיינען אַוועק וואָכן און מען האָט זיך גוט די אויגן אויסגעווייגט אויפן גרויסן חורבן. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל האָט גוטשיאַ דערציילט וועגן דער מאַמעס לעצטע וואָכן אין קוראָרט, ווי גוט זי האָט אויסגעזען, ווי איר הויט איז געווען ווי ביי אַ יונג מיידל, ווי די אויגן האָבן אויפגעשיינט, ווי איר אַפּעטיט איז געוואַקסן און ווי זי איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש, זיך געקליבן צוריקצוקומען נאָך לאָדזש און אָנהייבן אַ ניי לעבן און אפילו גערעדט וועגן שטעלן אַ שטיין פאַרן טאַטן. און מיטאַמאָל, אַט אַזוי זיצנדיק אויפן שטול. איז זי אויסגעגאַנגען אַן אַ וואָרט, אַן אַ פּיפּס פון איר מויל. — וואָלט זי כאָטש געזאָגט: „גוטשיא, ס'איז מיר ניט גוט, גוטשיא, ראַטעווע מיך", וואָלט איך מיך געפילט, אַז איך האָב עפּעס פאַר איר געוואָלט טאָן". און גוטשיא, ווי אַ שולדיקע, האָט זיך צעהעשעט.

און אַז מען האָט שוין וועגן דער מאַמען געהאַט אַלץ אויסדערציילט און

זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, האָט מען איינגעזען אַז מען דאַרף טראַכטן פון תכלית. וויפל איז דער שיעור צו זיין אויף קעסט ביי די טאַנטעס? גוּ־טשיא איז געווען די פּראַקטישע, די ווייט־זעענדיקע. זי האָט די ערשטע גע־וואָלט אַרונטער פון קעסט.

— איך וועל גיין פּאָדלאָגעס שקראָבן און ניט זיצן אויף קיינעמס קאַרק, — האָט זי אָפן געזאָגט.

— און איך וועל אַרויספאָרן אין אַמעריקע, — האָט מאָטעק מיטאַמאָל אַרויסגעזאָגט עפּעס, וואָס מען האָט פון אים געהערט דאָס ערשטע מאָל און וואָס קיינער האָט עס פון אים ניט געהאַט דערוואַרט.

— טאָמער האָסטו ווינציק, נאַדיר נאָך, — האָט גוטשיא, ווי אַ דערוואָק־סענע, אָפּגעזיפצט.

דער געדאַנק וועגן אַמעריקע איז מאָטעקן געקומען טאַקע ביי שימעקן אין הויז. לאָטשיא איז אַהיים געגאַנגען מיט מאָטעקן און זי האָט אים דערציילט.

— מאָטעק, שווער מיר, אַז דו וועסט קיינעם ניט דערציילן, וועל איך דיר אויסזאָגן אַ גרויסן סוד. גאָלדע האָט מיר זיך פאַרטרויט, אַז איר פאָטער וויל פאַרלאָזן פוילן און זיך באַזעצן אין אַמעריקע. זינט זיין באַנקראָט האָט ער זיך דורכגעשריבן מיט זיינעם אַ ברודער וואָס וואוינט אין ניו־יאָרק. ווייזט אויס, אַז עס גייט אַ גאַנג, מחמת די מאַמע האָט געגעבן אָנצוהערן די על־טערע קינדער, אַז מען מעג זיך גרייטן אין וויטן וועג אַריין . . . הערסט, מאָטעק, גאָלדע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל עס אפילו דיר ניט דערציילן.

נאָר ווען מאָטעק איז דאָס צווייטע מאָל געקומען צו שימעקן אין הויז אַריין, האָט ער שוין געהאַלטן זיינע אויערן אָנגעשפּיצט. ער האָט באַמערקט אויף אַ טיש אַמעריקאַנער בריוו, געעפנט און ער האָט געהערט ווי גאָלדעס מאַמע האָט זיך אויסגעדריקט צו אַן אַנדער פרוי, וואָס איז געזעסן און גע־זופּט טיי, אַז „מיר האַלטן שוין נעענטער, ווי ווייטער".

און דאַן איז דאָס מאָטעקן איינגעפאַלן דער געדאַנק. אין אַמעריקע האָט ער צוויי פעטערס. דעם פעטער קיווע, דעם טאַטנס ברודער און דעם פעטער וועלוול, דער מאַמעס ברודער. ער ווייסט, אַז דער פעטער קיווע איז אַ רשע־מרושע, אַ קורח, אַ הויט־שינדער, וואָס האָט אפילו דעם זיידן ניט געענט־פערט אויף קיין בריוו. אַנדערש איז דאָס אָבער וועגן דעם פעטער וועלוול.

ווען דער פעטער איז אַלס ייִנגל אַנטלאָפן פון שטעטל און געשוואַרצט די דייטשע גרענעץ, האָט מען פון אים דערהאַלטן בריוו פון פאַריז. די בריוו זיינען געווען וואוילערישע און דער זיידע האָט זיי צעריסן און בלויז רע־גינטשא האָט זיך מיט אים דורכגעשריבן. נאָכן אָפּזיין אין פאַריז אַ פּאָר

יאָר איז װעלװל געפֿאָרן קײן אַמעריקע. דאַן האָט מען פֿון אים ניט געהאַט געהערט אַ סך יאָרן. קײנעם האָט עס ניט געאַרט. װעלװל האָט בלױז אײנ־מאָל אין יאָר געשריבן צו רעגינטשאַן. װאָס זי האָט אים געשריבן, האָט מען ניט געװאוסט. מען האָט יאָ געװאוסט, אַז װעלװל האַלט בלױז פֿון רעגינטשאַן. זי האָט זיך אַפֿילו אַמאָל געהאַט באַרימט, אַז װעלװל בעט זיך בײַ איר, אַז זי זאָל קומען קײן אַמעריקע. האָט זי געזאָגט: „אפשר װעט ער מיך װעלן חתונה מאַכן דאָרט? װען איך װעל עלטער װערן, װעל איך אונטערנעמען אַ לוסט־רײַזע איבער דער װעלט און דאַן מסתּם אױך זיך אָפּשטעלן בײַ מײַן ברודער".

האָט מאַטעק קײן סך ניט געטראַכט און באַשלאָסן עפּעס צו טאָן. װען ער איז אַרױפֿגעקומען צו זײַנע שװעסטער, בײַ רעגינטשאַן, האָט ער אין רעגינטשאַס שיפֿלאַד געפֿונען װעלװעלס קאָנװערט מיטן אַדרעס, האָט ער דעם אַדרעס איבערגעשריבן.

פֿון יענעם טאָג אָן האָט מאַטעק געפּראָװוט דערגײן װעגן פֿעטער װעלװל װאָס ער האָט נאָר געקאָנט אױסגעפֿינען. און װער האָט געװאוסט מער פֿון דער טאַנטע רעגינטשאַ? זי איז דאָך געװען װעלװלס עלטסטע שװעסטער. האָט רעגינטשאַ פֿאַרזשמורעט די שטענדיק פֿאַרנעפּלטע אױגן און סודותדיק זיך פֿאַרטראַכט, װי זי װאָלט טײַער געהאַלטן די זכרונות, װאָס זײַנען איר פֿאַרבליבן װעגן איר ברודער װעלװל.

— װעלװל, מײַן שײן ברודערל װעלװל . . . ער איז געװען פֿאַרליבט אין מיר. ער האָט געהיט מײַנע טריט . . . װען די ברידער האָבן אים אָנגעשלאָגן, צו װעמען איז ער געקומען זיך צוטוליען? צו רעגינטשאַן. װען דער רבי אין חדר האָט אים אַרײַנגעצימבלט, װער האָט זיך פֿאַר אים אָנגענומען? רעגינטשאַ . . . איך האָב געװאוסט, אַז ער װעט זיך אין דער הײם ניט האַלטן . . . ליב געהאַט אַרײַנצואַכלען, אָפּגעהיט דאָס פּופּיקל זײַנס — און װײַטער זאָל די װעלט אונטערגײן . . . איך האָב פֿאָראױסגעזען, אַז דער בחור װעט זײַן שטעטל אַלײן באַשטײן. ניט אײנמאָל האָב איך אים אין לעבן מקנא געװען. װי אַנדערש װאָלט מײַן לעבן געװען, װען איך װאָלט געבאָרן גע־װאָרן אַ װעלװל, ניט קײן װײַבע רעגינטשאַ מיט פֿליגן אין נאָז און אַ גע־טאַקט בעזל.

— אָבער, טאַנטע רעגינטשאַ, — האָט מאַטעק פֿאַרלאָרן זײַן געדולד, — װאָס איז געװאָרן פֿון אָנקל װעלװל אין אַמעריקע? קײנער װײס גאָרניט װעגן אים, אױסער דער טאַנטע. איז ער פֿאַרמעגלעך? איז ער אַ גוטער מענטש? איז ער — — —

— איז־ער, איז ער, שמיזער, הער שױן אױף מיט דײַנע קלאָץ קשיות.

מיין ברודער וועלוול איז אַ קאַלינסקי, פון די עכטע קאַלינסקיס. און אַ קאַ־לינסקי, מעג ער אפילו זיין אין דער ווילדער אַפריקע, וועט ער בלייבן אַ קאַלינסקי, מיט אַ יידישן קאָפּ אויף די פּלייצעס, מיט אַ האַרטן נאַקן, מיטן פּוילישן שטאָלץ, מיט דער פּאָלקע־מאַזורקע אין בלוט.

מאַטעקן האָט זיך אָנגעהויבן אויסווייזן, אַז זיין גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק אַצינד פון אָנקל וועלוול.

נאָר די טאַנטע רעגינטשאַ האָט אירע בריוו געהאַלטן אונטערן שלאָס און וועגן וועלוולס בריוו צו איר האָט זי מיט קיינעם ניט גערעדט. דאָס האָט נאָך מער געריצט מאַטעקס נייגער. זי האָט גערעדט און ניט דערדעדט, זי האָט זיך ווי געריצט מיט אים. אַ מאָדנע טאַנטע, אינגאַנצן אַנדערש פון אַלע אירע שוועסטער.

די מאַמע איז געווען אַ קאַלינסקאַ, נאָר זי איז געווען שטענדיק אָפּנ־האַרציק, — האָט מאַטעק אַנאַליזירט דעם קאַלינסקי־שטאַם פאַר גוטשיאַן, — די טאַנטע לאה איז געווען די גוטסקייט אַליין און צוליב איר שיינקייט האָט זי געמעגט האָבן אין זיך דעם קאַלינסקי־שטאָלץ; די טאַנטע העלטשאַ איז גוטהאַרציק, נאָר זי וויל זיך אָנגרייטן אַ גאָלדענעם שטול אויף יענער וועלט. אָבער די טאַנטע רעגינטשאַ איז פאַרבאָרגן און פאַרביסן . . .

מאַטעק האָט אויך אָװעקגעשיקט אַ בריוו צום פעטער נחום אין שטעטל און פון אים געקראָגן דעם פעטער קיוועס אַדרעס. דער פעטער נחום האָט זיך, ווי געוויינלעך, אויסגעלאַכט און געשריען: „מאַטעק, קויף דיר בעסער אַ המן־טאַש, איידער אַרויסוואַרפן די פאַר קאָפּיקעס אויפן המן קיווע".

זיינען אַוועק צוויי בריוו קיין אַמעריקע. איינער צום פעטער וועלוול, וואָס האָט ניט געוואוינט אין ניו־יאָרק, נאָר אין אַ שטאָט וואָס האָט זיך גע־פונען אין דער ניו־יאָרקער „גובערניע". דער צווייטער בריוו איז געווען צו קיווען אין ניו־יאָרק. איןביידע בריוו האָט מאַטעק געשריבן די זעלבע זאַך: — דער טאַטע איז געשטאָרבן, די מאַמע איז געשטאָרבן, די שוועסטער זיינען ביי די מומעס. איך וויל קומען נאָך אַמעריקע און ווערן אַן אַרבעטאָרער און פאַרדינען גענוג געלט אַריבערצוברענגען מיינע שוועסטער, אַז זיי, מיט מיר צוזאַמען, זאָלן פאַרגעסן אין אונדזער אומגליק און קאָנען זיין זעלבסטשטענ־דיק. זאָל מיר דער אָנקל שיקן אַ שיפסקאַרטע. איך וועל די טובה דאָס גאַנצע לעבן ניט פאַרגעסן.

האָט מאַטעק קיינעם ניט דערציילט וועגן זיין טאַט. דאָס הייסט, ער האָט די שוועסטער ניט דערציילט. נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און דאָס פאַרטרויט שימעקן. שימעק ווידער האָט אים דערפאַר דערציילט, אַז זיין משפחה קלייבט זיך אין וועג אַריין. נאָר דאָס איז נאָך אויך אַ סוד.

איז מאַטעקן שוין אין קאָפּ ניט געלעגן דאָס לערנען אין יאַראָטשינסקיס שול. דאָך האָט ער זיך לעצטנס געהאַט מער אָפּגעגעבן צום וואַרקשטאַט ווי צו די לימודים. אויב יאָ פאָרן נאָך אַמעריקע, וועט ער דאָך דאַרפן פּראַצע־ווען מיט זיינע הענט. דאַרף ער די הענט אַנטוויקלען. ער האָט אויסגעפונען, אַז עלעקטראָ־טעכניקער גילדט מען אָפּ אין אַמעריקע.

איינמאָל, ווען מאַטעק איז שפּעט נאָכמיטאָג אַרויסגעקומען פון יאַראָט־שינסקיס הויף, אַהיימצוגיין, האָט ער דערזען ווי אַ מיידל וואָס איז געזעסן אויף אַ באַנק, האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און איז אים אַנטקעגן געגאַנגען. איין גוטן קוק געגעבן, און ער האָט דערקענט סאַלטשען פון וויטן. זיין פרייד איז געווען גרויס. ער האָט גענומען לויפן איר אַנטקעגן. זי האָט אים אַרומ־געכאַפּט פאַר אַלעמען אין די אויגן און צוגעדריקט צו זיך און געקושט. אין אירע אויגן האָט ער דערזען טרערן. סאַלטשע זאָל ווינען?

— כ׳בין געווען אַ סך מאָל אויף דער מלינאַרסקע און דיך נישט געטראָפן . . .

— און איך בין געווען אַ סך מאָל ביי דער טשאַטשיאַס הויז און איך האָב ניט געוואָגט אַרויפצוגיין . . . איך ווייס אַלץ, מאַטעק. איך ווייס וועגן דער מאַמען . . . וואו איז גוטשיא?

האָט מאַטעק זי אַרויפגעבראַכט צו רעגינטשאַן אין הויז און דאָרט האָט סאַלטשע זיך געטראָפן מיט גוטשיאַן. איז דאָס געווין געווען אַזוי גרויס, אַז מאַטעק האָט דאָס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן און צוזאַמען מיט לאַטשיאַן זיינען זיי גלייך אַרונטער און מען איז אַוועקגעלאָפן צו גאַלדען אין הויז.

2.

מאַטעק האָט יעדן טאָג אויסגערעכנט וויפל צייט די בריוו זיינע קיין אַמעריקע דאַרפן גיין; ווען זיי וועלן אָנקומען; ווען דער פעטער וועלוול וועט ענטפערן; וויפל צייט דער בריוו וועט דאַרפן גיין נאָך פוילן און ווען ער וועט אים דערהאַלטן. ער איז געווען זיכער, אַז דער אָנקל וועלוול וועט אים גלייך אַרויסשיקן אַ שיפסקאַרטע און געלט. דערפאַר האָט מאַטעק זיך גענומען גרייטן ערנסט אין וועג אַריין.

דאָך האָט ער דעם סוד זיינע שוועסטער אָדער די טאַנטעס מיט די אָנקלס ניט אַנטפּלעקט. דעם אַדרעס האָט ער אָנגעגעבן אויף גאַלדעס הויז. און אָב־געזאָגט האָט ער שימעקן, אַז ער זאָל אויף דעם אויפפּאַסן. געטראַכט האָט ער אויך, אַז די בעסטע זאַך וועט זיין צו רעדן מיט שימעקס מאַמע אַליין און איר אויסדערציילן אַלץ און טאַקע הערן איר מיינונג.

די גוטמוטיקע, שטענדיק־רואיקע פרוי יאַקובאָוויטש האָט מאַטעקן

אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם. אים אַריינגעקוקט מילד אין די אויגן און ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי אָנגענומען זיין האַנט, זי געגלעט און געזאָגט צו אים:

— קינד מיינס, אונדזערע חכמים האָבן שוין לאַנג געזאָגט: „משנה מקום, משנה מזל". מיר אַליין פאַרזוכן צו בייטן אונדזער מזל. אַלץ איז שוין גרייט ביי אונדז צום אָפּפאָרן. מיר וואַרטן נאָר אויף אַ בריוו, אַז מיר זאָלן זיך קלייבן אין וועג. מיר פאָרן אַלע צוזאַמען, די גאַנצע משפחה. עס מוז אָפּקאָסטן אַ פאַרמעגן, נאָר, גאָט צו דאַנקען, מיר צאָלן אַליין פאַר די שיפּסקאַרטן און מיר קומען מיט אַ שיינע פאָר קערבלעך אין נייעם לאַנד . . . וואָס קאָן איך דיר, מיין ליב קינד, פאַר אַן עצה געבן? וועסט זיין אַליין אין אַ פרעמד לאַנד. וועסט בענקען נאָך דיינע פיר שוועסטער, נאָך דיינע פאַרוואַנדטע . . . זיי בעסער צוזאַמען מיט די שוועסטער, ביסט נאָך צו־יונג אַליין זיך צו לאָזן אין אַזאַ וויטן וועג. נאָר אויב עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, זאָל עס דיר זיין מיט גליק. איך קאָן דיר צוזאָגן, אַז ווען דו וועסט קומען אין ניו־יאָרק, וועל איך דיך באַהאַנדלען ווי אַן אייגן קינד. דערווייל בעט איך דיך דערצייל נישט קיינעם וועגן אונדזער רייזע. מענטשן האָבן גרויסע אויגן און מען קאָן מאַכן שטערונגען.

עס זיינען פאַריבער פיר חדשים און מאָטעק איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט פון אַמעריקע נישט געהאַט דערהאַלטן קיין בריוו. ער האָט געוואָלט דערגיין, צי די טאַנטע רעגינטשאַ האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון פעטער וועלוול, האָט זי געזאָגט, אַז ניין. „וואָסי דען?" האָט ער זיך נישט געפוילט און גענישטערט אין שיפלאַד און דאָרט קיין אַמעריקאַנער בריוו נישט געזען.

גוטשיאַ האָט געמאָלדן, אַז זי וויל גיין זוכן אַרבעט אַלס אַ הויז־פרוי, אַלס אַ דינסט, אַבי נישט אָנקומען צו יענעם.

דאַן האָט מאָטעק איר דערציילט וועגן זיין פּלאַן.

— מאָטעק, דו ביסט פון זינען אַרונטער, אַזוי וואָר ווי איך לעב.

האָט זיך גוטשיא מיט אים אָוועקגעזעצט און אין אים אַריינגעפּויקט, אַז ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן דאָס משוגעת פון קאָפּ.

— זע, מאָטעק, וואָס דיר שטייט פאָר. דו ווייסט דען ווער דער אָנקל וועלוול איז? גלאַט נעמען און אויסגיסן דאָס ברודיק וואַסער, איידער מען קריגט ריינע וואַסער, איז קיין תכלית נישט. דאָ איז אונדז טאַקע נישט גוט, נאָר צו עסן האָבן מיר. אין שול קאָנסטו דערווייל נאָך גיין און זיך אויסלערנען אַ פאַך. ווער ווייסט וואָס פאַראַ מענטש דער אָנקל וועלוול איז און ווער ווייס צי זיין פרוי וועט דיך וועלן האַלטן ביי זיך אין הויז. און וועגן אונדז ווילסטו אפילו נישט טראַכטן, מאָטעק? ווי האָט עס אַ ברודער אַזאַ מערדעריש

האַרץ איבערצולאָזן זײַנע פֿיר פֿאַריתומטע שוועסטער און פֿאַרגעסן אין זיי? וועמען האָבן מיר, אויסער דיך? ווי קאָנסטו אַוועקפֿאָרן, איידער מען האָט דעם טאַטן געשטעלט אַ שטיין? ווי קאָנסטו אַוועקפֿאָרן, איידער דו וועסט זען דער מאַמעס קבר? ביסט דאָך אַליין אַ קינד... אַ פֿרעמד לאַנד, אַ פֿרעמדע שפּראַך, אַ פֿרעמדער אָנקל. און מען זאָגט, אַז אין דעם רײַכן אַמעריקע ווערן מענטשן מער אויסגעריסן נאָך ווי אין לאָדזש . . . טראַכט זיך גוט אַרײַן, מאָטעק, איידער דו ווילסט באַגיין די גרעסטע נאַרישקייט אין דײַן לעבן.

האָט מאָטעק געוואוסט, אַז זײַן סוד איז שוין מער קיין סוד ניט, אַז דער אָנקל גוסטאַוו מוז וויסן וועגן דעם, נאָר דער אָנקל גוסטאַוו און דער אָנקל מענדל און די טאַנטע רעגינטשא האָבן געשוויגן און זיך געמאַכט, ווי דער גאַנצער ענין גייט זיי אינגאַנצן ניט אָן.

האָט עס מאָטעקן פֿאַרדראָסן. ער וועט זאָגן דעם אָנקל גוסטאַוון אין פּנים אַרײַן, אַז ער קלייבט זיך פֿאָרן נאָך אַמעריקע. נאָר ער האָט ניט געזאָגט. פֿאַרוואָס באַקומט ער ניט קיין ענטפֿער פֿון דעם פֿעטער וועלוול? מילא, פֿון פֿעטער קיווען האָט ער גאָרניט דערוואַרט, נאָר אַז דער אָנקל וועלוול זאָל אַזוי האַנדלען? אפֿשר איז גוטשיא גערעכט.

האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און זיך אַוועקגעזעצט און ווידער אָנגעשריבן אַ בריוו צום אָנקל וועלוול. זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל אים ראַטעווען, אַז ער קאָן מער ניט בלייבן אין לאָדזש. און אויב דער אָנקל וועט אים ניט שיקן אַ שיפֿסקאַרטע, וועט ער סיי ווי אַנטלויפֿן פֿון פּוילן און זיך לאָזן נאָך אַמעריקע, אָט אַזוי ווי דער אָנקל האָט דאָס אַמאָל אַליין געטאָן.

גאָלדע האָט שוין געוואוסט וועגן מאָטעקס פּלאַן און זי האָט אים דערציילט וועגן דעם וואָס עס קומט פֿאָר ביי איר אין הויז. פֿון אַמעריקע איז עפּעס אַן אָפּהאַלט. מען וועט דאַרפֿן איבערווינטערן דאָ.

איז דאָס מאָטעקן אַרײַן אין נאָז. מען פֿאָרט ניט ווינטערצייט אין אַמעריקע. דאָס וואַסער איז צו ווילד. אפֿשר דערפֿאַר האָט דער אָנקל אים ניט געשיקט קיין שיפֿסקאַרטע.

און ווען מאָטעק איז געקומען צו סאַלטשען אין הויז אַרײַן, האָט ער מיט איר געקאָנט רעדן לאַנג וועגן זײַנע פּלענער. סאַלטשע איז געווען זייער פֿאַרשעמט, ווען ער איז דעם ערשטן מאָל געקומען צו איר. איר וואוינונג איז נאָך געווען ערגער ווי דאָס בוידעם־שטיבל. דאָ, אויף דער מלינאַרסקע, איז געווען אַזוי פֿינצטער, אַז ער האָט זי קוים געקאָנט זען, כאָטש זי איז געזעסן ביי אַ פֿענצטערל. אין צווייטן פֿינצטערן חדרל, ווי אַ גרוב, איז געזעסן איר בלינדע מאַמע, וואָס איז אויך געווען טויב.

— עמיץ איז צו מיר געקומען, מאַמע . . . אַ חתן? יאָ, אַ חתן, וואָס

הייסט ר׳ נתן... אַ באַקאַנטער איז צו מיר געקימען, מאַמע, ליג.

האָט מאַטעק איר מאַמע ניט געזען. סאַלטשע האָט אים אויסגעהערט און זי איז געווען אינגאַנצן איינשטימיק מיט גוטשיאַן, ווי זיי וואָלטן זיך ביידע צונויפגערעדט. אפשר האָט שוין גוטשיא געהאַט איבערגערעדט מיט סאַל־טשען, נאָר ווען סאַלטשע האָט געזען, אַז זי קאָן מאַטעקן ניט איבערצייגן, האָט זי זיך אָפּגערופן צו אים:

— דו האָסט כאָטש אינזינען אַריבערצונעמען דיינע שוועסטער, נאָר ווער וועט מיך אינזינען האָבן? אַי, מאַטעק, מאַטעק! איך האָב געטרוימט, אַז דו וועסט אונטערוואַקסן, וועלן מיר ביידע זיין אַ גוטע פּאָר. נו, אין אַמעריקע וועסטו סאַלטשען ניט האָבן לעבן זיך. און אפשר, איז דאָס פּאַר מיר אויך די איינציקע רעטונג? אַניט וועל איך מסתם פאַרענדיקן מיין לעבן אין סיביר. איך וועל זיך אַליין מקריב זיין פּאַר דער אַרבעטער־זאַך. מיין לעבן האָט דאָך איצט קיין ווערט ניט. מיט וואָס בין איך בעסער ווי אונדזערע מאַרטירער, וואָס שטעלן איין זייערע יונגע לעבנס פּאַרן סאָציאַ־ליזמוס? אין אַמעריקע גייט אויך אָן אַ קאַמף. מיין ניט, אַז דאָרט אין אַנ־דערש, אפשר אַביסל פרייער ווי דאָ... נאָר איך וויל לעבן, מאַטעק. איך וויל געניסן פון לעבן. איך האָב נאָך גאָר קיין גוטע יאָרן ניט געהאַט. ווען איך פּוץ זיך אויס, בין איך דאָך גאָר אַ שיין מיידל. דו האָסט נאָך סאַלטשען ניט געזען אָן אויסגעפּוצטע.

און זי האָט אים אַרויסבאַגלייט אין אַ שלאַקס־רעגן און געפירט אים אונ־טערן אָרעם און גערעדט צו אים אַזעלכע ווייכע רייד, אַז עס איז מאַטעקן געווען וואַרעם אין אַלע אברים דעם גאַנצן אָוונט.

— איך וועל ניט דערעסן און שיקן סאַלטשען אַ שיפסקאַרטע, פון אַמע־ריקע, — האָט מאַטעק באַשלאָסן ביי זיך.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

דערוואַכונג

1.

זינט זי איז געבליבן אַליין, האָט סאַלטשע ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן זיך און וועגן די יאָרן וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין מאַטעקס הויז. זי האָט זיך קיינמאָל דאָרט ניט באַטראַכט ווי אַ פרעמדע. ווי שלעכט עס איז איר ניט געווען, צוליב דער אָרעמקייט פון דער פאַמיליע, האָט זי אָבער געוואוסט, אַז טייבל קוקט ניט אויף איר ווי אויף אַן אַרבעטער פון וועמען מען דאַרף אַרויסקריגן וואָס מער אַרבעט. פון ערשטן טאָג וואָס סאַלטשע איז דאָרט געווען, האָט זי זיך געפילט ווי איינע פון דעם הויזגעזינט. ניט איינמאָל האָט טייבל ניט דערעסן און געזאָרגט זיך דערפאַר, אַז סאַלטשעס טעלער זאָל זיין פול. און וויפל מאָל האָט טייבל געליען ביי גוסטאַוון אַ פּאָר רובל כדי צו באַצאָלן סאַלטשען איר לוין?

איצט, ווען זי איז געבליבן אָן אַ שטעלע און אָן אַ היים, האָט סאַלטשע געפילט, אַז מאַטעקס און גוטשיאַס אומגליק איז אויך איר אומגליק. עס איז שוין ניט געווען די זעלבע גוטשיא מיט וועלכער זי איז יאָרנלאַנג געשלאָפן אין איין בעט, אָן לופט, אָן וואַרעמקייט אין ווינטער. און דאָך האָט זי אַזוי געבענקט נאָך יענער צייט, סאַלטשע. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס ביי גוטשיאַן אין הויז האָט זי צום ערשטן מאָל אין איר לעבן דערפילט, אַז מען האָט זי ליב, אַז מען שאַצט זי אָפּ.

זי האָט קיינמאָל קיין קינדהייט ניט געהאַט, סאַלטשע. אין איר עלטערנס הויז אין קלעטשעוו האָט זי קיינמאָל קיין שמייכל פון קיינעם ניט באַגעגנט. נאָר מען האָט זיך געשאָלטן, געבויקערט, געהונגערט און געצייטערט פאַר טאַטע־מאַמעס בליקן. אַלע זיינען זיי קראַנק געווען. זינט זי האָט געקאָנט געדענקען. דער טאַטע, די מאַמע, דער ברודער, די שוועסטער, די משפחה, די שכנים. נאָר מען האָט זיך תמיד באַקלאָגט אויף עפּעס. און אַז מען האָט אַמאָל פאַרגעסן אין די אייגענע ווייטאָקן, האָט מען פון געוואוינהייט וועגן, געמוזט זיפצן און געפינען וועגן וואָס אַ וויין צו טאָן.

האָט אָבער די קליינע סאַלטשע זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין דער שוואַרצער

ראָם. זי איז געווען די איינציקע אין גאַנצן קרייז פֿון איר הויזגעזינט וואָס איז געווען געזונט און פֿריילעך פֿון זינט זי האָט זיך געקאָנט געדענקען. איר אַפּעטיט איז געווען גרויס. ניט איינמאָל האָט זי געטראַכט, אַז אָט־דער אַפּעטיט אירער איז ניט קיין נאָרמאַלע זאַך. קיינער האָט ניט געהאַט אַזאַ הנאה פֿון אַ ראַזעווע שטיק ברויט ווי זי, קיינער האָט זיך ניט מחיה געווען מיט אַ האַרטער סוכאַרע ווי זי. ציין האָט זי געהאַט ווי פֿון אייזן. און די גרויסע אויגן אירע האָבן אַלץ געוואָלט איינשלינגען און דאָס וואַרעם לייב אירס האָט זיך געצאַפּלט און געלעכצט נאָך אַ גלעט, נאָך אַ קניפּ אין בעקל, נאָך אַ שטיפּ און אַ לאַך.

זיינען די עלטערן אירע קיין עלטערן ניט געווען, און דער ברודער און שוועסטער זיינען איר פֿרעמד געווען און ניט איינמאָל האָבן זיי זי באַטראַכט ווי אַן אַריינדרינגער, ווי אַ שונא וואָס לויערט אויף זייער האָב און גוטס. האָט סאַלטשע געהונגערט. און מיט יעדן יאָר איז דער הונגער אַלץ גרעסער געוואָרן. דער הונגער נאָך טאַטע־מאַמעס וואַרעמקייט, דער הונגער נאָך אַ ברודערס באַשיצונג, נאָך אַ שוועסטערס צערטלעכקייט, נאָך אַ מומעס פֿריינטלעכקייט.

ערשט ווען סאַלטשע איז אָנגעקומען צו מאָטעקן אין הויז, האָט זי אויפֿגעלעבט. אמת, די אָרעמקייט דאָרט האָט אויך אַריינגעבראַכט ביטערקייט און אומצופֿרידנקייט, נאָר מאָטעקס טאַטע האָט געהאַט אויגן, וואָס איר טאַטע האָט ניט געהאַט. פֿון ליפּעס פֿאַרוואַקסן פּנים מיט דער לאַנגער באָרד האָבן אַרויסגעלויכטן אויגן, וואָס האָבן די קינדער געלאַשטשעט. אין זיין קול האָט זי געהערט אַזוי פֿיל גוטע ברכות און וואונטשן צו זיינע קינדער און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אויך זי ווערט געבענטשט, אויך זי ווערט אַריינגענומען אין כּלל.

און אויב טייבל האָט אויסגעדריקט איר אומצופֿרידנקייט אַמאָל מיט סאַלטשען, איז דאָס קיינמאָל ניט געווען וועגן איר אַרבעט, נאָר אויס מורא וואָס זי וועט „אָנשטעקן" דעם יונג (מאָטעקן) מיט די אחדות־געדאַנקען. און אין דעם איז דאָך טייבל געווען גערעכט. האָט זיך דאָך סאַלטשע ניט איינמאָל געפֿילט אַביסל שולדיק, וואָס צוליב איר איז פֿאָרגעקומען אַזאַ סומאַטאָכע אין הויז און אַן אייביקער קריג צווישן מאָטעקן און זיינע עלטערן. זי האָט זיך געפֿילט שולדיק און דאָך איז זי געווען שטאָלץ מיט איר טאַט. עד, ווען זי וואָלט געהאַט אַביסל בילדונג, וואָלט זי געוואָרן אַ פּראָפּעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערקע. דער אומגליק איז געווען, אַז רעדן פֿאַר אַן עולם האָט זי ניט געקאָנט און כאָטש אַלע האָבן זי געהאַלטן פֿאַר אַן אָסאָבע צוליב

איר געזונטן אויסזען און ברייטע פּלייצעס, דאָך האָט קיינער ניט געוואוסט, אַז אין האַרצן איז זי געווען ווי אַ קינד.

קיינער האָט ניט געוואוסט — אפילו ניט טייבל און ניט גוטשיא און ניט מאַטעק — אַז זי האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט ליאַלקעס, זיי אויס־פּוצן און זיך חנדלען מיט זיי. ווען ס׳איז ניט געווען וואָס צו טאָן, פּלעגט סאַלטשע, זיצנדיק ביים אַרבעט־טיש, צונויפקלייבן שמאַטקעס און קאָלירטע בענדלעך און מאַכן אַ פּופּקע, מיט אַ פּאָר גלאַנציקע קרעלן פאַר אויגן און מיט אַ פּאָר פּעדערן פאַר האָר און זי פלעגט זיך שפּילן און רעדן צו איר און זיך באַציִען צו דעם ווי עס וואָלט געווען אַ לעבעדיק נפשל.

עס האָט זיך ביי איר געהאַט אָנגעקליבן אַזוי פיל ליבע און צאַרטקייט און זי האָט עס ניט געהאַט וועמען צו געבן. איר טאַטע האָט זי קיינמאָל אין זיינע אָרעמס ניט געהאַלטן, איר מאַמע האָט זי קיינמאָל ניט געקושט. האָט זי אין מאָטעקן געזען אַ ברודער, פאַר וועמען זי האָט געקאָנט איר אוצר פון גוטסקייט אויסטיילן. און ווען ער האָט אָנגעהויבן ליידן פון זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע און פון זיין עלטסטער שוועסטער, ווען אָנשטאָט ליבע האָט אים געהאַט אַרומגערינגלט האַס, האַס פון די אייגענע — דאַן האָט סאַלטשע דער־פילט. אַז מאָטעק איז איר שוין מער ווי אַ ברודער, ער איז איר שוין געוואָרן ווי אַן אייגן קינד.

נאָר ווען זי האָט געקוקט אויף מאָטעקן ווי ער האָט זיך געהאַלטן ביים אָנטאָן, אָדער אויסטאָן, ווען זי האָט געזען ווי זיין גוף ווערט אַלץ רונדיקער און קרעפּטיקער, דאַן האָט דאָס פרישע יינגל־לייב זי גערייצט און זי האָט עס געוואָלט קנייפּן און בייסן און גלעטן.

— גוטשיאַ קרוין! ביסט אַ מבין אויף זיינע אָרעמס? אַזוי ווי ביי אַ מאַן, ניט ווי פון אַ שעמעוודיק קינד. ער איז שטאַרק ווי אַן עקסל, — האָט סאַלטשע גערעדט הויך אויפן קול.

אין שפּעטע אָונטן, אין קאַלע גאָרטן, האָט סאַלטשע ראָמאַנסירט מיט בחורים, וואָס זיינען געווען עלטער פון איר, גאַנץ אָפּט אַ סך עלטער פון איר. זי האָט ניט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואָס עס האָבן זיך צו איר גראָד גע־טשעפּעט אַזעלכע אויסגעדאַרטע יונגען, מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון איר. זי האָט געוואָלט שפּילן ליבעס, זי איז אויסגע־גאַנגען נאָך אַ הייסער ליבע, נאָר זי האָט קיין מזל ניט געהאַט צו די פיינע יונגעלייט. צי דערפאַר וואָס זי האָט מורא געהאַט צו רעדן צווישן מענטשן, איבערהויפּט צווישן געבילדעטע, טאָמער וועט זי זיך אַרויסרעדן באַרישקייטן, אָדער דערפאַר וואָס די אַנדערע מיידלעך האָבן זיך געקליידט שענער און גע־קאָנט אַ מויל עפענען און רעדן וועגן סאָציאַליזמוס, בעת זי האָט אָנגענומען

אַ מויל מיט שווייגן — נאָר זי האָט געוואוסט, אַז דער בחור וואָס איז איר געפעלן, איז געווען צופיל פאַרנומען מיט אַ געבילדעטער מיידל, זי צו באַמערקן.

ווען זי פלעגט זיך אַריינגבנען אין קראָם ביינאַכט און זיך אויסטאָן לעבן שלאָפנדיקן מאָטעקן, האָט זי דאָן געהאַט טענות צו אים:

„מאָטעק, אפשר קאָנסטו אַ וואָקס טאָן? אפשר קאָנסטו מיך דעריאָגן? ביסט טאָקע פיר יאָר יינגער פון מיר, נאָר אין צען יאָר אַרום וועלן מיר זיך ביידע אויסגלייכן, מאָטעק.“

איז מאָטעק ביי איר געווען אי אַ קינד, אי אַ ברודער און אָפט איז ער אין איר האַרץ געוואָרן איר צוקונפטיקער געליבטער, איר חתן, איר טרוים. זי האָט געחלומט וועגן אַ געליבטן און זיך פאַרגעשטעלט ווי מאָטעק וועט אויסזען, ווען ער וועט ווערן אַזוי אַלט ווי די ייִנגלעך אין גאַס, וואָס פרעסן זי מיט זייערע אויסגעהונגערטע, קעלבערנע אויגן.

.2

סאַלטשע איז געווען די וואָס האָט מאָטעקן אַריינגעפירט אין דער באַוועגונג. זי האָט אים ניט ווילנדיק פאַרשאַפט אַזוי פיל יסורים דורך זיין קריג מיט די עלטערן און מיט גוטשיאַן. נאָר מאָטעק האָט זיך אָן סאַלטשען ניט געקאָנט באַגיין. זי האָט אים די אויגן געעפנט און צו איר האָט ער געהאַט מער צוטרוי ווי צו זיינע אייגענע און חברים. אַזוי איז דאָס געווען, ווען זי האָט נאָך געוואוינט אין זיין הויז. נאָר שטאַרקער איז געווען זיין צו־געבונדנקייט צו איר ווען דאָס הויז איז זיך צעפאַלן און זי איז געוואָרן דער־ווייטערט פון אים. אַזוי פיל משפּחה, פעטערס, מומעס, אָנקלס, טאַנטעס, אַזוי פיל חברים פון הויז, פון חדר און שקאָלע, נאָר קיינער האָט ניט געקאָנט פאַר־נעמען סאַלטשעס אָרט. זי, האָט ער געוואוסט, איז אים אי אַ שוועסטער, אי אַ מומע, אי אַ געטרייער חבר און אָנווייזער.

נאָר זינט ער איז צוועלף יאָר אַלט געוואָרן, האָט ער דערפילט אין זיך, אַז ער ווערט אַ דערוואַקסענער. ער האָט ניט געדאַרפט וואַרטן אויף בר־מצוה. נאָך אַ סך פריער האָט ער געפילט, איז ער געוואָרן אַ בחור וואָס דאַרף זיך אויפפירן ווי אַ דערוואַקסענער מענטש און ניט ווי אַ קינד.

ער האָט ניט איינמאָל געטראַכט, אַז אין דעם זיינען שולדיק געווען די „מיידלעך“ פון די „הייזלעך“, וואָס האָבן זיך געפונען אין הויז. וויפל ער האָט ניט געוואָלט אַוועקטרייבן די געדאַנקען וועגן די מיידלעך, זיינען זיי אָבער צוריקגעקומען צו אים און אים געמוטשעט. די מיידלעך זיינען דאָך ניט געווען קיין סך עלטער פון אים. און זיין חבר לייבטשע איז דאָך אויך

ניט געווען קיין סך עלטער פון אים און דאָך איז ער געווען אַ גאַנצער שמעלקע מיט פּריילײנס.

און וויפל מאָטעק האָט ניט געפּרואווט פאַרגלייכן סאַלטשען מיט זיינע אייגענע שוועסטער, האָט זיך אים דאָס ניט איינגעגעבן. גוטשיאַ און לאַטשיאַ זיינען געווען שוועסטער און סאַלטשע איז געווען אַ פּרוי וואָס מענער לעכצן נאָך איר.

פאַרוואָס האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראַגן אַ קוש פון אַ שוועסטער אָדער פון אַ מומען און פאַרוואָס האָט ער געוואָלט, אַז סאַלטשע זאָל אים קושן? ער האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטיין, מאָטעק. די אַלטע יאַדוויגאַ האָט דאָס גע־האָט באַמערקט אין אים און געזאָגט אַמאָל:

— סינעק, דו בעסער שטעק אַריין דיין קאָפּ אין די ביכער און לאָז סאַלטשען צורו. וועסט נאָך צייט האָבן צו קריכן אויפן בוידעם.

מאָטעק האָט זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט ניט וואָס זי זאָגט, נאָר ער איז רויט געוואָרן איבער די אויערן. ער האָט געוואוסט, אַז ער קאָן זיך ניט געבנוג אָנקוקן אין סאַלטשען. ער איז געוואָרן אומרואיק לעבן איר. איר קול האָט אים דורכגענומען אינגאַנצן.

— וואָס אַנטלויפסטו פון מיר, מאָטעק? — איך בין ניט קיין הונט, איך בייס ניט, — האָט סאַלטשע געלאַכט פון אים.

— איך דאַרף גיין אין ערגעץ, — האָט מאָטעק געענטפערט און געבליבן שטיין אויף אַן אָרט.

איצט, ווען מאָטעקס מחשבות זיינען געווען אויף אַמעריקע, האָט ער זיך אַנדערש ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז, פריער פון אַלץ, וועט ער קו־מענדיק אין נייעם לאַנד אַראָפּברענגען די שוועסטער און טאַקע באַלד נאָכדעם וועט ער שיקן נאָך סאַלטשען.

וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן פאַרלאָזן לאַדזש און אַלץ אַרום, וואָס מער ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין חלומות וועגן אַמעריקע, אַלץ מער איז אים יעדער טאָג דאָ געוואָרן דערווידער. אים האָט זיך אָנגעהויבן אויס־ווייזן, אַז מען רעדט נאָר וועגן טויט, דאָ.

— מען דאַרף שטעלן דעם טאַטן אַ מצבה.

— די מאַמעשי ליגט אָן אַ שטיין.

— ווײ, ווײ, איינע אַליין ליגט זי דאָרט, צווישן גויים, אָפּגעהיט זאָל מען ווערן.

יעדער איינער האָט עס געהאַלטן פאַר זיין חוב אים צו דערמאָנען, אַז מען דאַרף באַזוכן דעם אַלטן בית־עולם, וואו דער טאַטע ליגט. שטענדיק האָט מען נאָר גערעדט וועגן טאַטנס קראַנק זיין, וועגן דער מאַמעס האַרץ־

אַטאַקעס. ער האָט מיט גוטשיאַן כמעט ניט געקאָנט רעדן. באַלד עפּעס האָט זי אים דערמאָנט אין טויט, טויט, טויט. און די אָנקלס און די שכנים — אַלע, אַלע האָבן געקוקט אויף אים מיט נעבעכדיקע אויגן.

געווען טעג ווען מאַטעק האָט זיך געפילט ווי אַ שולדיקער. אפשר ווען ער וואָלט זיי ניט דערגאַנגען די יאָרן, וואָלטן זיי ניט קראַנק געוואָרן און עס וואָלט ניט געקומען זייער סוף. אפשר וואָלטן זיי נאָך היינט געלעבט.

זיינען טאַטע־מאַמע אים פון זינען ניט אַרויס. נאָר ווען עמיצער אַנדערש האָט אים אָנגעהויבן דערמאָנען וועגן זיי, האָט ער דאָס ניט געקאָנט פאַרטראָגן. פון דער מאַמען האָט ער ניט געקאָנט טראַכטן אָן טרערן. זי האָט דאָך געמיינט זיין טובה וועגן. זי האָט אים אין הויז ניט אַריינגעלאָזט דאַן, נאָר ער האָט איר טרוים דאָך צעשטערט. זי האָט דאָך תמיד געהאַט שטאָלצירט מיט איר בן יחיד. זיינע פאות, זיין גיין מיטן טאַטן אין בית־מדרש, זיין לופטערן די ספרים.

די מאַמע און סאַלטשע. איר זיינען ניט געווען געפעלן סאַלטשעס גענג. זי האָט נישט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואָס סאַלטשע באַלאַנגט צו דער „בירזשע“, נאָר סאַלטשע איז דאָך ביי איר געווען טייער ווי אַן אייגן קינד. סאַלטשעס אַרבעט האָט זי אָפּגעשאַצט מער ווי איר אייגענע. „גאָלדענע הענט. דאָס קינד האָט גאָלדענע הענט, מען דאַרף איר די פינגער אויסקושן“.

ווען מאַטעק האָט געטראַכט וועגן סאַלטשען, איז אים אויפן געדאַנק געקומען די מאַמע. איצט ווען די מאַמע איז שוין ניט געווען, האָט מאַטעק אין סאַלטשען דערפילט אַ באַזונדערע נאָענטקייט צוליב זיין בענקעניש נאָך דער מאַמען.

— ווען די מאַמע וואָלט געלעבט, וואָלט סאַלטשע געבליבן מיט אונדז, — האָט ער זיך געטרייסט.

גאַנץ אַנדערש האָט ער געטראַכט וועגן זיין עלטסטער שוועסטער גוטשיאַ. ער האָט איר ניט געקאָנט מוחל זיין וואָס זי איז שטענדיק געווען קעגן אים און פאַרשאַפט הייס בלוט צווישן אים און טאַטע־מאַמע. גאָר שולדיק האָט ער זיך אַצינד געפילט קעגן איר. געוואוסט האָט ער, אַז זי האָט געליטן מער ווי עמיצער אַנדערש אין הויזגעזינט. זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט שפּילן מיט אַנדערע קינדער אין הויף, זי האָט זיך ניט פאַרשאַפט קיין חברטעס, צוליב דעם וואָס זי איז שטענדיק געווען פאַרנומען אין הויז. ניט איינמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי איז ניט קיין קינד, ניט אַביסל עלטער פון אים, נאָר זי איז אַ יונגע יאַדוויגאַ, וואָס האָט ניט אינזינען קיין אַנדער זאַך, נאָר די „פּרעס“ און דעם בעזים און די באַליע וואַסער.

— ווי גוט וואָלט געווען ווען גוטשיא וואָלט געווען ווי סאַלטשע, — האָט

מאַטעק איינגעטענהט מיט זיך אַליין, — איך וואָלט געהאַט אַ שוועסטער וואָס וואָלט געלאַכט, וואָס וואָלט זיך ניט איינגעגעסן און מיר וואָלטן אויסגעקומען גוט צווישן זיך.

ער האָט ניט איינמאָל נאָכגעטראַכט וועגן גוטשיאַס באַציאונג צו סאַל־טשען און פאַרקערט. גוטשיא האָט געטראָגן אַ קנאה אויף סאַלטשען, דאָס האָט מאַטעק געקאָנט זען. סאַלטשע, וואָס איז געווען אַן אַרבעטס־מיידל, האָט זיך געפילט יונג און פריי און זעלבסטשטענדיק. גוטשיא, די טאָכטער פון דער באַלעבאָסטע, איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ שקלאַף און געטראָגן די זאָרג אויף אירע אַקסלען, ווי אַ שווערע מויער.

נאָר מער ווי אַלץ, האָט מאַטעק איצט פאַרשטאַנען, האָט גוטשיאַן געמוזט קרענקען וואָס סאַלטשע איז אַרומגעגאַנגען מיט בחורים, וואָס סאַלטשע פלעגט איר דערציילן ביינאַכט אין בעט וועגן יינגלעך וואָס האָבן זיך געטשעפּעט צו איר. און דערציילט וועגן דעם האָט זי גוטשיאַן מיט אַזוי פיל פרייד און לייכטזיניקייט, גלייך ווי זי וואָלט זיך פּאַסמאַקעוועט מיט אַ פּאַנטשקע.

— וואָס איז אויף דיר אַזאַ גרויסע גדולה, פערד? — פלעגט גוטשיאַ זי מוסרן, — האָט ער געצויגן דעם קאָפּעלוש פאַר דיר און זיך פאַרבייגט ביזן גאַרטל. אַ גרויסע מציאה. אַזעלכע פּראַנטלעך דרייען זיך אַרום טאָג און נאַכט און זיי זיינען ניט קיין איבערקלייבערס. איך וואָלט זיך אויף זיי אַסור אומגעקוקט.

סאַלטשע האָט געהערט און געלאַכט. איצט האָט מאַטעק פאַרשטאַנען, אַז פון גוטשיאַן האָט דאַן אַרויסגערעדט די קנאה.

ווען גוטשיאַ און סאַלטשע האָבן זיך לעצטנס באַגעגנט האָט גוטשיאַ שוין געקוקט אויף סאַלטשען מיט אַנדערע אויגן. אויך סאַלטשע האָט גע־ליטן. עס איז איר געגאַנגען שלעכט. זי איז שוין ניט דער לייכטער לונג־און־לעבער פון אַמאָל, האָט גוטשיאַ געטראַכט. זי איז שוין נענטער צו מיין געמיט־צושטאַנד. אויך וועגן יינגלעך האָט סאַלטשע מער ניט גערעדט מיט גוטשיאַן. און גראָד וועגן דעם וואָלט גוטשיא יאָ וועלן הערן.

גוטשיא האָט געהאַלטן אַ וואַך אויג אויף מאַטעקן. סאַלטשעס איבער־געבנקייט צו מאַטעקן האָט אַרויסגערופן אין איר קנאה־געפילן.

— פאַרוואָס קומט עס אים, דעם יונג, דעם לידאַק? — האָט זי כסדר גע־פרעגט. זי האָט געמיינט, אַז איצט וועט סאַלטשע פאַרגעסן אין מאַטעקן, זיך אויסזוכן אַ בונדיסטל און גיין געאַרעמט מיט אים. צום סוף, אַז זי דערזעט מאַטעקן — ווערט אַ שמחה, אַ גדולה. זי קושט אים, זי האַלדזט אים, ווי ער וואָלט געווען אַ לאַנג־אויפגעזוכטער ברודער. און ער, דער לעקיש, ווערט אויך נתפעל פון איר, ווי זי וואָלט צוריקגעקומען פון יענער וועלט.

— קענסט דיר אויסזוכן אַ ייִנגערן פֿון איר, דו סמאַרק אײנער, — האָט גוטשיאַ גערעדט צו זיך אַליין.

און ווען ס'איז געקומען צו רייד האָט גוטשיא אַרײַנגעוואָרפֿן אַ פּאָר ווערטער צו סאַלטשען וועגן גאָלדען.

— ווי געפֿעלט דיר, סאַלטשע לעבן, ווי מיין איין־און־אייציקער בראַטשעק אוכאַזשעוועט נאָך דער גאָלדען? גאַנץ פֿרי אָנגעפֿאַנגען. און די גאָלדע — זי איז אַ פֿיינע פּאַניענקע — איז ווי אַלע סטודענטקעס: דער קאָפּ ליגט זיי מער ביי די ייִנגלעך ווי אין די ביכער.

גוטשיא האָט קיינמאָל זיך ניט געקאָנט מוחל זיין, וואָס זי איז ניט געגאַנגען אין דער רעאַל־שול. זי האָט ליב געהאַט לאָטשיאַן, נאָר זי האָט געביסן די ליפּן, ווען לאָטשיא האָט אַרויסגעוויזן אירע קענטעניש פֿון דער שקאָלע.

און אַזוי איז זי אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרביטערטע, אַ צערייצטע, די גוטע גוטשיאַ און געטראָגן אַ שווער פּעקל און איר יונג האַרץ קעגן דער גאַנצער וועלט. אירע בעסטע פֿריינט, די טאַטע־מאַמע און אַרײַנגערעכנט די אַלטע יאַדוויגאַ, האָבן איר אויסגעפֿעלט און קיין נייע פֿריינט האָט זי ניט געהאַט. פֿאַרקערט. די משפּחה האָט זיך אויף איר ניט אומגעקוקט און קיינעם איז ניט אײַנגעפֿאַלן צו רעדן וועגן אַ תּכלית פֿאַר גוטשיאַן.

גוטשיאַן האָט געקרענקט וואָס מאָטעק און לאָטשיא זיינען אינגאַנצן אַנדערש פֿון איר אין כאַראַקטער, כאָטש עס איז דאָ אַן ענלעכקייט אין זייער אויסזען. לאָטשיא האָט, פּונקט פֿאַרקערט פֿון גוטשיאַן, געזוכט די געלעגנהייט, אַז זי זאָל קאָנען לאַכן, פֿאַרגעסן זיך. גוטשיא האָט זיך געפֿילט גוט אין טרויעריקער געזעלשאַפֿט. גוטשיא האָט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זען, אַז זי טרויערט, אַז זי איז אַ פֿרישע יתומה. לאָטשיא האָט געהאַלטן הויך דעם קאָפּ און קיינעם ניט געלאָזט זי באַדויערן. לאָטשיא האָט קיינמאָל ניט גערעדט וועגן אירע עלטערן. גוטשיא האָט ניט געקאָנט דורכלאָזן די געלעגנהייט זיי ניט צו דערמאָנען.

עס איז געווען אַן ענלעכקייט צווישן לאָטשיאַן און מאָטעקן. גוטשיאַ האָט דאָס געזען. דערפֿאַר האָט גוטשיא זיך געפֿילט איינזאַם. זי איז געווען געראָטן אין כאַראַקטער צו דער מאַמען און אויך צום טאַטן. לאָטשיאַ און מאָטעק האָבן באַקעמפֿט אין זיך שטריכן פֿון זייערע עלטערן. די מאַמע פֿלעגט זיך פֿאַרלירן און זוכן טרייסט ביים רבונו של עולם. דער טאַטע איז אַריין אין זיך און זיך פֿאַרטיפֿט אין די ספרים. מאָטעק איז געווען היציק און זיך געקאָכט און ניט געוואָלט זיך באַרויִקן. לאָטשיא האָט זיך ניט געקאָכט און זי איז ניט געוואָרן אָפּהענטיק. עס האָט איר ניט אָנגעהויבן אַרן. און אויב

עס האָט איר יאָ געאַרט, האָט זי עס פּאָר קיינעם נישט אַרויסגעוויזן.

וואָס גוטשיא און לאָטשיא האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין איז וואָס זייער אייציקער ברודער איז געווען אַ הייסער סאָציאַליסט. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי דאָס איז געקומען צו אים. לאָטשיא האָט זיך באַרימט, אַז זי האָט אָנקלס וואָס זיינען רייך און זי, פּונקט ווי גוטשיא, האָבן ניט געוואָלט הערן און גערעדנקען פון דער רעוואָלוציע.

לאָטשיאַ איז ניט געווען פרום, ווי גוטשיא, נאָר זי האָט געגלויבט אין גאָט און זי האָט אָפּגעהיט אַלע זיטן, וואָס זי האָט געירשנט פון טאַטע־מאַמע. אויף דעם גאָטלאָזן מאָטעקן האָט זי געקוקט ווי אויף אַ ווילד באַשעפעניש.

דערפאַר אָבער האָט איר חברטע גאָלדע פון איר אָפּגעלאַכט.

— דיין ברודער מאָטוש איז אַ יונג מיט ביינער. ער איז מאָדערן. און מאָדערנע מענטשן גלויבן ניט אין זאַבאַבאָנעס. ווען איך וועל חתונה האָבן, וועל איך ניט וועלן, אַז מיין חתן זאָל טראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע.

— מיך וועט ניט אַרן וואָס ער וועט טראָגן, — האָט לאָטשיא געענטפערט, — נאָר אין גאָט וועט ער מוזן גלויבן. גענוג, אַז איך האָב אַ ברודער וואָס איז אַוועק אויף פאַלשע וועגן.

מאָטעקן ווידער האָט פאַרדראָסן וואָס זיינע שוועסטער זיינען נאָך פאַנאַטיש און זיי ווילן זיך ניט אויסמענטשלען.

— זאָלן זיי נאָר זיין אין אַמעריקע, וועלן זיי ווערן אינגאַנצן אַנדערש, — האָט מאָטעק געזאָגט.

אַמעריקע איז ביי אים געווען דער ענטפער אויף אַלע ספקות און אַנטוישונגען. לאָדוש האָט אים באַקאָנט מיט טויט, מיט קראַנקהייטן. מאָטעק האָט געוואָלט אַנטלויפן דערפון. אין אַמעריקע איז אַלץ אַנדערש. דאָרט שטאַרבט מען דאָך אויך, נאָר ער וועט זיין ווייט פון טאַטנס בית־עולם, האָט ער געטראַכט.

— סאַלטשע, איך קאָן ניט גיין אויף דער דזשעלניע גאַס, — האָט מאָטעק איר זיך אָנפאַרטרויט, — עס דערמאָנט מיך אין פלעשער מעדיצין און אין טאַטנס לויה. סאַלטשע, איך וויל זיין פריילעך און זען אַרום זיך פריילעכע פּנימער.

סאַלטשע האָט אים פאַרשטאַנען.

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

אין וואַלד נאָך שוואָמען

.1

דער ווינטער איז אַוועק. גאָלדע האָט דערציילט מאָטעקן, אַז אירע עלטערן האָבן זיך אַביסל אָפּגעקילט וועגן פאָרן אין אַמעריקע. עס קאָן מעגלעך זיין, אַז איר פאָטער זאָל אַליין פאָרן און אויב עס וועט אים געפעלן ווערן, וועט ער דאַן שיקן נאָך דער פאַמיליע. איין זאַך איז אָבער זיכער, אַז איר עלטסטער ברודער וועט גאָר אין גיכן אָפּפאָרן.

אין פרילינג האָט מען ביי דער טאַנטע רעגינטשאַ אין הויז גערעדט וועגן פאָרן מיט די קינדער אויפן לאַנד. גערעדט האָט אַנקל גוסטאַוו.

— שוועסטער, נעם לאָטשיאַן און מאָטעקן און פאָר מיט זיין אַרויס. זאָלן זיי זיך דערהאָלן דעם זומער. עס איז גאָטס רחמנות אויף די קליינע.

רעגינטשאַ האָט דאָס מאָל ניט דערווידערט, ווי איר שטייגער איז געווען.

— מיר וועט אַזאַ רו אויך ניט שאַטן, גוסטאַוו, — האָט זי געזאָגט און צוגעזאָגט צו געפינען אַ פּלאַץ.

— פאַרוואָס שוויגט דער אָנקל וועלוול אין אַמעריקע? — האָט מאָטעק געהאַלטן אין פרעגן זיך אַליין און זיין חבר שימעק און סאַלטשען.

איין זאַך איז ביי אים געווען קלאָר, אַז אָנקל גוסטאַוו האַלט ניט פון אַמעריקע. עס איז מאָטעקן אויסגעקומען צו פרעגן דעם אָנקל גוסטאַוו אַ פּאָר מאָל וועגן אַמעריקע און גוסטאַוו האָט זיך אויסגעלאַכט.

— אויך מיר אַ לאַנד! אַן אָנגעלאָפּענער ערב רב, אַ פּעבל פון דער גאַנצער וועלט, אַ בבל פון אַלע לשונות, ווי קאָן דאָס זיין גוט?

מאָטעק איז אָבער ניט געשלאָפן. נישט בלויז האָט ער געפּרוּווט לערנען ענגליש דורך אַ רוסיש־ענגליש ביכל, נאָר וואו ער האָט געקאָנט דערטאַפּן אַ ביכל וועגן אַמעריקע, האָט ער עס פאַרצוקערט. געלייענט האָט ער אַ רוסיש ביכל וועגן בנימין פרענקלין. איז אים דער פרענקלין זייער געפעלן געוואָרן. דאַן איז אים אַריינגעפאַלן אַ רוסיש ביכל וועגן אברהם לינקאָלן, איז עס אים נאָך מער געפעלן געוואָרן. דער לינקאָלן האָט באַפרייט די נעגערשקלאַפן. הייסט עס, אַז ער איז געווען איינער פון אונדזעריקע, מסתם וואָלט

ער דאָ באַלאַנגט צום בונד, צו דער פּ. פּ. ס. — האָט ער וועגן לינקאָלן דער־ציילט סאַלטשען וואָס האָט געשלונגען זיינע ווערטער, ווייל איר זיינען די אַלע נעמען געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. ווידער איז מאַטעקן געפעלן געוואָרן וואָס זיינע צוויי נייע העלדן, פרענקלין און לינקאָלן, האָבן געטראָגן יידישע נעמען. אַ לאַנד וואו גוים רופן זיך מיט יידישע נעמען, מוז זיין גוט. בכלל האָט מאַטעק געהאַלטן אין איין זוכן זכותן אויפן נייעם לאַנד. און וואָס מער ער האָט געטראַכט און געטרוימט וועגן אַמעריקע, אַלץ גרעסערע חסרונות האָט ער אָנגעהויבן געפינען אויף פוילן.

פוילן האָט צו יענער צייט אָנגעהויבן פאַרפּלייצט צו ווערן מיט פוילי־שער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור. מילא, פאַניע־גנב איז געווען אַ סוואַ־לאַטש, אַ פּאַגראָמשטשיק, אַ קוילער, וואָס האָט זיך געבאָדן אין יידיש בלוט, נאָר אַז דער פּויל זאָל שוין אויך רודפן יידן און שרייען: „סוואָי דאָ סוועגאָ!" און מען זאָל אויפהערן קויפן אין יידישע געוועלבער, — דאָס איז געווען אַ נייעס, וואָס האָט מאַטעקן שטאַרק געקרענקט. — און וואו איז דער „בונד"? און וואו איז די לערע פון סאָציאַליזמוס? האָט ער געהאַט טענות צו סאַלטשען.

איינמאָל איז גאָלדע געקומען צולויפן צו מאַטעקן אין הויז. עס איז גע־ווען אַ שבת אין דער פרי. זי האָט אים אַראָפּגערופן אין גאַס. זי דאַרף אים עפּעס דערציילן. אירע ראָזעווע באַקן האָט זיך געטרויטלט. די שטענדיק גע־לאַסענע גאָלדע איז געווען אויפגערודערט, הגם אין אירע אויגן האָט אַרומ־געטאַנצט דאָס שטיפערל.

— מאַטעק קאָכאַני, איך האָב פאַר דיר עפּעס, וואָס דו דאַרפסט מיר געבן אַ קוש דערפאַר. עס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען און איך בין געקומען צו־לויפן צו דיר אָן אַן אָטעם, איך האָב איבערגעלאָזט מיין פרישטיק אין מיטן.

זי האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו פון אַמעריקע, אַ בריוו פון אָנקל וועלוול.

— נו, וואו איז מיין דאַנק, מאַטעק? — האָט זי זיך אויסגעצויגן אין איר גאַנצער הויך און געוואַרט, אַז מאַטעק זאָל וואָגן. מאַטעק האָט ניט געזען, ניט געהערט. ער האָט מיט ציטערדיקע הענט דעם בריוו געעפנט און אַ בלייכער אים געלייענט.

— וואָסי, וואָס שרייבט מען דיר? האָסט אַ שיפסקאַרט, מאַטעק? מירן פאָרן צוזאַמען. אָן מיר זאָלסטו ניט פאָרן, מאַטעק! — גאָלדע האָט אים באַטראַכט און געזען, אַז ער איז צעשרויפט און ניט צופרידן.

— גאָלדע, גאָלדע, מען האָט מיך באַשווינדלט. דער אָנקל גוסטאַוו האָט מיך באַשווינדלט. נאַ, לייען. איך וועל פאַר דיר לייענען, וואָס דער אָנקל וועלוול שרייבט מיר. הער:

„טייערער מאַטעק! מיך וואונדערט וואָס דו ווייסט ניט, אַז איך האָב

דיר שוין לאַנג צוריק געשיקט אַ שיפסקאַרט אויפן אַנקל גוסטאַוו אַדרעס. איך האָב מורא געהאַט צו שיקן אויף אַ פרעמדן אַדרעס. דער אַנקל גוסטאַוו האָט מיר געשריבן, אַז ער וועט זיך מיט דיר דורכריידן. ווען אַלץ וועט זיין גרייט פאַר דיין פאָרן, זאָלסטו מיר שרייבן, וועל איך זיך שוין זאָרגן פאַר דיר. „דיין אַנקל וועלוול, וואָס וויל דיך זען אין קורצן".

ווען מאַטעק האָט דאָס איבערגעלייענט פאַר גאָלדען, איז זי צוגעשפרונ־גען צו אים און אים אַרומגעכאַפּט מיטביידע אַרעמס און אים געקושט אויף ביידע באַקן.

— גוטע בשׂורות, מאַטעק! הורא פאַר דיין אַמעריקאַנער אַנקל! — האָט זי געפּלעסקעט מיט די הענט.

מאַטעק איז געווען צעטומלט. ער האָט זיך צוגעהערט צו גאָלדען און ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים פון איבעררעשונג. דער אַנקל וועלוול האָט אים געשיקט אַ שיפסקאַרט און זי געפינט זיך אין אַנקל גוסטאַווס הויז און דער אַנקל גוסטאַוו מאַכט זיך ניט וויסנדיק און דאָס מיינט אַז דער אַנקל גוסטאַוו וויל אים ניט לאָזן פאָרן און אַז דער אַנקל גוסטאַוו זאָגט ניין, מוז דאָך זיין ניין . . .

— וואָס זאָל איך טאָן, גאָלדע, וואָס זאָל איך טאָן? דער אַנקל גוסטאַוו וועט מיך ניט לאָזן פאָרן. איך וועל שרייבן צום אַנקל וועלוול, אַז ער זאָל צוריקנעמען די שיפסקאַרט און מיר זי נאָכאַמאָל שיקן אויף דיין אַדרעס, גאָלדע. וואָס זאָל איך טאָן, גאָלדע, וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל פרעגן דיין מאַמען וואָס צו טאָן. זאָל איך אַרויפגיין צו איר היינט, באַלד?

— קום טאַקע שפּאַצירן, מאַטעק, נאָר וועסט זען, עס וועט זיך אַלץ אויסלאָזן צום גוטן. אויב דו ווילסט פאָרן, וועט דיך קיינער ניט קאָנען צוריקהאַלטן. וועסט זען. איך קען דיך דאָך, אַז מאַטעק וויל, שיסט אַ בעזים. איך מיין ערנסט, מאַטעק. דו ביסט זייער אַ שטאַרקער אין כאַראַק־טער, נאָר מיט קיין מיידל ווילסטו ניט גיין שפּאַצירן. ס'איז ביי דיר אויך אַזאַ איינגעשפּאַרטע זאַך, פון וועלכער איך מוז דיך אָפּגעוואוינען, מאַטעק . . .

— הער שוין אויף פּלוידערן, גאָלדע. מיידלעך זיינען אַזוי ניט ערנסט. ביי מיר גייט עס אין לעבן, און דו ווילסט נאָר שפּאַסן.

— זיי ניט אַזוי, טייערער מאַטעק. איך פאַרשטיי דיך, דו ביסט אויפגע־רעגט און דו און איך זיינען דאָך נאָך אַזוי יונג. מיר דאַרפן שטיפן. איך וועל זיך קיינמאָל ניט נעמען קיין זאַך צום האַרץ, ווי שלעכט עס זאָל מיר ניט זיין. אַזוי בין איך געבאָרן געוואָרן און אַזוי וועל איך זיין מיין גאַנץ לעבן.

זיינען זיי געגאַנגען שפּאַצירן. נאָר מאַטעק האָט וועגן קיין אַנדער זאַך ניט געקאָנט רעדן ווי וועגן דעם בריוו וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין

קעשענע, וועלכן ער האָט עטלעכע מאָל אַרויסגענומען און נאָכאַמאָל איבערגעלייענט פאַר גאָלדען און געפּרוווט צו זיך קומען פון זיין באַדייט.

אַנשטאָט צו גיין צו גאָלדעס מאַמע איז מאַטעק געגאַנגען צו אַנקל גוסטאַווס הויז. דאָס איז געווען פאַר אים אַ געוואַגטער טאַט. מחמת קיינער איז צום אַנקל ניט געגאַנגען, זינט ער האָט חתונה געהאַט. קיינער האָט זיין פרוי ניט געקענט און זי האָט קיינעם ניט איינגעלאַדן פון דער משפחה. צוקומענדיק צו אַנקל גוסטאַווס וואוינונג, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פירשטאָקיק הויז מיט שטיינערנע באַלקאָנען, האָט מאַטעק מיטאַמאָל חרטה באַקומען און ער האָט זיך אומגעקערט צוריק און זיך געלאָזט גיין צו גוטשיאַן.

גוטשיאַ האָט זיך געמאַכט, אַז זי האָט ניט געוואוסט פון דער גאַנצער זאַך, כאָטש זי האָט וועגן דער שיפסקאַרט געהערט פון אַנקל גוסטאַוו אַליין. ער האָט ביי איר געפרעגט אַ מיינונג און זי האָט זיך צעוויינט פאַר אים — צו פאַרלירן דעם איינציקן ברודער. דער אַנקל האָט געהייסן שווייגן וועגן גאַנצן ענין.

גוטשיאַ האָט אויסגעהערט מאַטעקן, וואָס איז געווען זייער אין כעס אויפן אַנקל גוסטאַוו.

— אַ בורזשוק איז ער. ער וויל ביי מיר צורויבן מיין שיפסקאַרט. דער אַנקל וועלוול האָט די שיפסקאַרט געשיקט פאַר מיר. איך וויל פאָרן נאָך אַמעריקע און קיינער וועט מיך ניט אָפּהאַלטן. איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט ווערן אַ דינסט. איך וויל אַלע שוועסטער אַריבערנעמען נאָך אַמעריקע, וועסט זען. איך וועל ניט אויסגעבן קיין איבעריקע קאָפּיקע און אָפּשפּאָרן אויף שיפסקאַרטן. דאָ איז פאַר אונדז ניט קיין תכלית צו בלייבן, גוטשיא, דו דאַרפסט מיר העלפן אַרויסקריגן די שיפסקאַרט, אַניט וועסטו מיר ניט זיין קיין געטרייע שוועסטער, זאָג איך דיר.

„איין ברודער איז מיר געבליבן, וויל ער פון מיר אַנטלויפן. באַלד וועסטו אונטערוואַקסן און דו וועסט פאַרנעמען דעם טאַטנס פלאַץ און אַלע קינדער וועלן קומען צו דיר נאָך עצות. ביסט פאָרט אַ מאַן. סאַלטשע זאָגט אויך, אַז דו זאָלסט ניט פאָרן. און דו דאַרפסט זיך צוהערן צו סאַלטשעס וואָרט, אויב מיין וואָרט מיינט פאַר דיר גאָרניט. מען טוט ניט אַזוי. אויף וועמען וועסטו דאָ אונדז איבערלאָזן, מאַטעק?

גוטשיאַן האָבן אָנגעהויבן שטיקן טרערן. זי האָט זיך געווישט די אויגן. מאַטעק האָט געשוויגן, נאָר אירע רייד האָבן אויף אים קיין האַפט ניט געהאַט.

3.

די באַגעגעניש צווישן גוסטאַוון און מאָטעקן איז פֿאָרגעקומען ביים אָנקל מענדל אין הויז.

— דער אָנקל גוסטאַוו האָט דערהאַלטן אַ שיפֿסקאַרט פֿאַר מיר פֿון אָנקל וועלוול?

— יאָ, מאָטעק, דערהאַלטן אַ שיפֿסקאַרט. דער אָנקל וועלוול האָט זי צו מיר געשיקט און איך האָב זי אים צוריקגעשיקט. וואָס איז דיר עפּעס איינגעפֿאַלן צו וועלן פֿאָרן אין דער ווייטער אַמעריקע? פּוילן איז ניט גענוג גרויס פֿאַר דיר? וואָס האָבן מיר דאָ דיר אַזוי פֿיל שלעכטס געטאָן, אַז דו זאָלסט דאַרפֿן אָנקומען צום אַמעריקאַנער אָנקל? און אויב שוין יאָ פֿאָרן נאָך אַמעריקע, קאָן דער אָנקל גוסטאַוו אָדער דער אָנקל מענדל, אָדער די טאַנטע רעגינטשאַ, אָדער די טאַנטע העלטשאַ דיך ניט באַזאָרגן מיט אַ שיפֿסקאַרט? פֿריער, מאָטעק, ברויכסטו צו פֿאַרענדיקן די עלעקטראָ־טעכנישע שול. דאַן וועל איך דיך שיקן נאָך קעניגסבערג אין אַ ספּעציעלער שול און ווען דו וועסט צוריקקומען וועסטו האָבן אַ גוטן פֿאַך אין דער האַנט. הלוואַי וואָלט איך דאָס געהאַט. זאָ, ברויכסטו צו אַנטלויפֿן פֿון אונדז וואו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט? . . . שעמען מעגסטו זיך אין דיין ווייטן האַלדז אַריין, מאָטעק.

דער אָנקל גוסטאַוו האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט מיט כעס און זיין קאַרק איז אים רויט געוואָרן.

— אַ סך מענטשן פֿאָרן אין אַמעריקע און איך וויל אויך פֿאָרן, — האָט מאָטעק אויפֿן אָרט זיך ניט געקאָנט פֿאַרמעסטן מיט אָנקל גוסטאַווס אַרגומענטן.

— פֿאָרן וועסטו טאַקע, מאָטעק, נאָר מיט דער טאַנטע רעגינטשאַ אויפֿן דאָרף. וועסט זיך גוט ערהאָלן, וועסט טרינקען אַ סך פֿרישע מילך גלייך פֿון דער קו, וועסטו האָבן קרעפֿטן צו ווערן אַ גוטער טעכניקער. מאַך זיך ניט נאַריש, ביסט שוין אַ גרויסער בחור. איך אין דיין עלטער האָב שוין אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָלע אין דער מאַנופֿאַקטור בראַנזשע אין לאָדזש. ווייז אַרויס אונטערנעמונג גייסט, מאָטעק. אַמעריקע וועט ניט אַנטלויפֿן, נאָר דו לויף ניט אַוועק פֿון דיינע פֿליכטן צו דיינע שוועסטער, ווער אַ לייט, וועסטו זיצן אין סוכה . . . איך ווייס דאָך, אַז דו ביסט אַן איינגעשפּאַרטער קלאָץ. אַ נאַר אַז ער וואַרפֿט אַריין אַ שטיין אין וואַסער, קאָנען אים צען קלוגע ניט אַרויסנעמען. אויב דו וועסט דווקא וועלן פֿאָרן נאָך אַמעריקע, וועל איך דיך ניט אָפּהאַלטן, מיט צוואַנגען קאָן מען דיך ניט האַלטן. נאָר געדענק מיינע ווערטער, אַז עס וועט דיר באַנג טאָן. דו ווייסט ווער דיין אָנקל גוסטאַוו איז

און ווער דיין אָנקל מענדל איז, נאָר דו ווייסט ניט ווער אָנקל וועלוול איז. פון דער שיפסקאַרט וואָס ער האָט דיר געשיקט קוקט ער נישט אויס צו זיין אין די פעדערן. פי שיקט מען מיט דער דריטער קלאַסע, ניט קיין מענטשן. דער אָנקל וועלוול האָט דיר געשיקט אַ שיפסקאַרטע דריטע קלאַסע. דיינע היגע אָנקלס וואָלטן דיך קיינמאָל אַזוי ניט באַהאַנדלט.

מאַטעק האָט פאַרלאָרן ס'לשון. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער פטור ווערן פון אָנקל, ער זאָל זיך קאָנען באַזינען און אָנגרייטן אַן ענטפער. ער מוז גיין צו סאָלטשען. פון אַלע זיינע נאָענטסטע האָט ער זיך מיט איר געפילט צום בעסטן.

און דאָס מאָל איז סאָלטשע אינגאַנצן געווען אויף זיין זייט. זי האָט פאַרזיכערט, אַז אַלע אָרעמעלייט פאָרן מיט דער דריטער קלאַס און מסתם איז דער אַמעריקאַנער אָנקל אַן אָרעמאַן און דאָס איז גראָד אַ גוטער סימן, מחמת אַן אָרעמער אָנקל וועט מיטפילן מיט אים.

— מאַטעק, איך וויל דיך ניט פאַרלירן. איך וואָלט וועלן דיך האָבן לעבן זיך, נאָר טו ווי ס'איז בעסער פאַר דיר. אויב דו ווילסט דורכאויס פאָרן, דאַן זאָל קיין זאַך דיך ניט אָפּהאַלטן. ווען איך האָב עמיצן אין אַמע־ריקע, וואָלט איך אים די הענט געקושט און צו די פיס געפאַלן, ווען ער שיקט מיר אַ שיפסקאַרט. דאָ איז פאַר אונדז קיין תכלית ניט מער צו פאַרבלייבן.

סאָלטשע האָט מאַטעקן אַרומגענומען און אים געקושט און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט ווי זיין פנים ווערט נאַס. סאָלטשע האָט געוויינט און אירע טרערן האָבן באַגאָסן זיין פנים.

— וואָסי, סאָלטשע ?

— עס איז מיר שלעכט, עס איז מיר זייער ביטער, מאַטעק. אַ מיידל איז זייער שלעכט צו זיין. ווי ביטער דיר איז ניט, בין איך דיך מקנא בלויז דערפאַר וואָס דו גייסט אין הויזן. וואו עפּעס אַ מאַן, וויל ער מיך אַ לעק טאָן, אַ שמעק טאָן, ווי איך וואָלט געווען אַ קלעצל קאַנדלצוקער. אפילו יידן מיט לאַנגע בערד, וואָס קוקן ניט אויף קיין אישה, האָבן ליב מיך אַ טאַפּ צו טאָן אין דער פינצטער. איין קערל איז געמיינער פון צווייטן. פאַרוואָס מיינסטו פאַרליבט מען זיך ניט אין מיר ? בלויז דערפאַר וואָס איך האָב ניט וואָס אָנצוטאָן, מיינט מען אַז איך בין אַ שלעפּערקע. מען פאַרכליאַבעט זיך אין אַ ספּודניצע, ניט אין קיין מענטשן. טפו, וואָס איך רעד אַזוי פיל און נאָך צו דיר, וואָס דו ביסט גאָט די נשמה שולדיק . . .

מאַטעקן איז געווען אַזוי גוט מיט סאָלטשען. די וואַרעמקייט פון אירע רייד האָט אים שטענדיק צוגעצויגן צו איר און ס'איז אים שווער געווען אַוועקצוגיין פון איר פינצטערן, ווילגאַטשנעם חדרל. ער האָט איר ניט גע־

קאָנט זאָגן, וואָס ער פּילט צו איר. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט דער־צײלן גוטשיאָן.

.3

אַ גאַנצן זומער האָט מאָטעק פאַרבראַכט אויפן דאָרף. לאָטשיא און און די טאַנטע רעגינטשא זײַנען געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן די מאָלצייטן. זיי זײַנען געגאַנגען מיט די שיקסלעך אין וואַלד אַרײַן קלײַבן יאַגעדעס און שוואָמען. מאָטעק האָט געהאָלפן דעם פּויער אין פעלד, אין גרינס־גאָרטן. די פרישע לופט, די גוטע שפּייז און די אויסגערוטקייט האָבן פון מאָטעקן גע־מאַכט אַ לייט. ער האָט אויסגעקוקט שיין, די באַקן זײַנען ווידער רויט גע־וואָרן, דאָס ווייסע לייב האָט זיך פאַרברוינט און די רויטלעכע האָר האָבן אים אויסגעטײַלט פון אַלע אַרומיקע.

נאָך אַ וואָך זײַן אין דאָרף האָט ער זיך דאָרט דערפילט היימיש. איינ־געשטאַנען איז מען ביי אַ פּויערטע וואָס האָט געהאַט אַ סך טעכטער. רע־גינטשא האָט אָפּגעדונגען דער פּויערטעס הויז, וועלכע איז מיט איר הויז־געזינט דורכן זומער געשלאָפן אין אַ כאַטע.

די שטוב, וואו מאָטעק, לאָטשיא און רעגינטשא זײַנען געשלאָפן אין באַ־זונדערע גרויסן בעטן, איז געווען באַהאַנגען מיט אַ סך מאַטקא־באָסקאָס, מיט פאַרשיידענע צלמים און לעמפּלעך. אין אָונט האָט מען געבראַכט אַ קליין נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט אָנגעבראַכט לאַנגע שאָטנס איבערן פּיל־ווינקלדיקן נידעריקן צימער.

מאָטעק איז געגאַנגען פרי שלאָפן. די לופט איז געווען שאַרף. ער האָט זיך גענוג אָנגעהאָרעוועט פאַרן טאָג. נאָר מען האָט אים ניט געלאָזט איינ־שלאָפן. אין דרויסן ביי דער שוועל האָבן זיך אויסגעזעצט שיקסלעך און האָט מען אָנגעהויבן זינגען, האָט מען שוין ניט געוואָלט אויפהערן. לאָטשיאַ און רעגינטשא זײַנען ניט געגאַנגען פרי שלאָפן. זיי האָבן פאַרבראַכט אין דרויסן און ווען זיי זײַנען אַרײַנגעקומען, איז מאָטעק שוין געווען פאַרוויגט פון די געזאַנגען. ער האָט זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט אַנטשלאָפן צו ווערן פון די געזאַנגען.

עס איז אַוועק נאָך אַ וואָך און די שיקסלעך האָבן אָנגעהויבן רעדן הויך צווישן זיך וועגן דעם יונגן פאַן סטודענט, וואָס גייט שלאָפן מיט די הינער צוגלייך. ער האָט געהערט ווי זיי לאַכן אויף זײַן חשבון.

— איך וואָלט אים פאַר די רויטע האָר פון בעט אַרויסגעשלעפּט און אין קרייז אַוועקגעזעצט, — האָט איינע געזאָגט.

— און איך וואָלט אין דער פינצטער צו אים אַרײַנגעקראָכן און אים

איבערגעשראָקן, — האָט אַ צווייטע אויסגעשריען און אַ כאָר פון געלעכטער האָט איר אָפּגעענטפערט.

— אַזאַ באַבא, עס שטייט אים ניט אָן האָבן צו טאָן מיט אונדז. ער דאַרף האָבן וויעלמאָזשנע פּאַניענקעס פון שטאָט, דער פּריץ, — האָט ער געהערט אַ קלינגענדיק שטימעלע, וואָס האָט גערעדט מיט פּאַרדרוס.

מאַטעק איז געלעגן און דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט. זיי זיינען טאַקע גערעכט, האָט ער געטראַכט. ווען סאַלטשע אָדער גאַלדע וואָלטן דאָ געווען, וואָלט ער זיכער אַזוי ניט געהאַנדלט. וואָס שעמט ער זיך אַזוי פאַר די פּריי־לעכע שיקסלעך? אפשר דערפאַר וואָס זיי פרעסן אים מיט זייערע פאַרשייטע אויגן און מיט די געפּאַקטע, שמאַנטיקע פּיסקעס?

נאָר ווען ער איז אויפגעשטאַנען נאָך די געהערטע פאַרוואורפן, האָט ער זיך געפילט נאָך פאַרשעמטער. ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך אַרויס־צודרייען. ערגער פון אַלץ איז געווען וואָס ער האָט זיך געשעמט צו זינגען. לאַטשיא און די טאַנטע האָבן שוין געקענט אויסזינגען אַלע לידער פון דאָרף. אַז מען איז געזעסן, האָט מען געדאַרפט מיטזינגען און דאָס האָט מאַטעק ניט געקאָנט. קיין שטימע האָט ער ניט פאַרמאָגט.

איינמאָל אין אַ פאַרמיטאָג האָט עס אָנגעהויבן קאַפּען. מאַטעק האָט ליב געהאַט צו זיין אין דערבייאיקן סאָסנאָווע וואַלד, בעת עס האָט געקאַפּעט. עס איז געווען אַ שפּריץ־רעגנדל וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז אָט הערט עס אויף. מאַטעק איז אַוועק אין וואַלד קלייבן שוועמלעך. ער איז געגאַנגען איינער אַליין און עס איז געווען אַביסל גליטשיק. וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען, אַלץ מער האָט אים געצויגן צו גיין. די שטילקייט איז געווען אָנגענעם און דער ריח פון וואַלד האָט אים פאַרשיכורט, אים דערפרישט. מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט דערזען צווישן די בוימער אַ באָרוועס מיידל. יאָ, אַ מיידל האָט זיך איינגעבויגן. זי האָט געזוכט שוואָמען.

עפּעס האָט מאַטעקן געצויגן צו גיין אין איר ריכטונג. אינסטינקטיוו האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים.

— ווער איז דאָרט? — האָט מאַטעק דערהערט אַ שטיפעריש קול.

— דאָס בין איך, — האָט ער געענטפערט און געוואָלט זאָגן נאָך עפּעס, נאָר זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און אויסגערופן:

— אַ, דאָס סטודענטל, וואָס שעמט זיך.

זי איז צוגעקומען צו מאַטעקן און אים באַקוקט פון אויבן אַראָפּ.

— נאָך שוואָמען? — האָט זי געפרעגט און אויסגעשטעלט אַ מויל מיט לאַכנדיקע ציין.

— נאָך שוואָמען, — האָט ער געענטפערט.

— טאָ, קום, — האָט זי זיך אָפּגערופן.

— ווי רופט מען דיך ? — האָט זי קאָקעטיש געפרעגט.

— מאָטעק.

— און איך הייס זאָשיאַ.

מאָטעק האָט זי באַקוקט פון דער זייט. יעדע ווייל האָט זי זיך געלאָזט פאַראויס און זיך איינגעבויגן צו די שוואָמען. זי איז געווען עטוואָס נידעריקער פון אים, נאָר עלטער. זי האָט געמוזט זיין אַ יאָר אַכצן. אַלץ אויף איר איז געווען אויסגערונדיקט און אָנגעזאַפּט מיט יונג פרוילעכקייט. אירע ווייכע טונקל בלאָנדע האָר זיינען געווען פאַרקאָמט אין אַ גזשיווע איבערן שטערן ווי ביי אַ יונג פאַרשייט לאָשיקל. אירע פיס זיינען געווען נאַקעט. דאָס לייוונט קליידל עטוואָס איבער די קני. איר קול איז געווען שפּילעוודיק און פאַרפּירעריש.

— ווילסט גיין ווייט אין וואַלד ? — האָט זי אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן, וואָס זיינען געווען פון אַ טונקל־גרינלעכן קאָליר.

— פאַרוואָס ניט ? — האָט מאָטעק ניט פאַרשטאַנען.

— פאַרוואָס ניט ? ווייל דו שעמסט זיך דאָך צו גיין מיט אַ מיידל, ניט אַזוי ?

— איך שעם זיך ניט. נאָר איך אַרבעט אַ גאַנצן טאָג, וויל איך שלאָפן אין אָוונט.

— כאַ־כאַ־כאַ, שלאָפן אין אָוונט ! אַזאַ גרויסער בחור און נאָך אַ סטודענט דערצו. אַנדערע סטודענטן קומען אַהער ניט צו שלאָפן גאַנצע נעכט און דו קומסט שלאָפן. וואָס פאַר אַ מאַן ביסטו ? און נאָך אַזאַ הויכער און אַזאַ שיינער דערצו.

מאָטעק האָט געפילט, ווי עס ווערט אים הייס פון אירע רייד און איבערהויפּט ווי אַזוי די רייד ווערן פון איר אַרויסגערעדט. עפּעס האָבן זיי צורגעצויגן, די רייד, צו זיך און אים צעטומלט.

— זע נאָר וואָס פאַראַ ווייסע שוואָמען, — האָט זי אויסגערופן און געבליבן אויף די קני.

אויך מאָטעק האָט זיך איינגעבויגן צו איר און באַקוקט די שוואָמען, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט. ער האָט דערפילט איר וואַרעמען אָטעם. ער האָט צוגענומען די שוואָם פון איר האַנט. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים.

— וואָס פאַר אַ שיינעם קאָפּ האָר דו האָסט. מען זאָגט, אַז רויטע זיינען הייסע. קום, לאָמיר גיין ווייטער אין וואַלד, וואו קיינער וועט אונדז ניט

זען. איך ווייס פון אַ גוטן פּלאַץ, וואו ס'איז פינצטער אינמיטן העלן טאָג. ווילסט גיין?

— פאַרוואָס ניט? — האָט מאַטעק געשעפּטשעט און געפילט, ווי עס פּעלט אים אַטעם אויס.

זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און זי האָט גענומען לויפן מיט אים. זי האָט אינגאַנצן געפלאַטערט. איר האַנט איז געווען הייס.

— קום, אָט איז עס... זע, עס איז טרוקן דאָ. לייג זיך אַוועק און זע...

נאָך אײדער ער האָט געקאָנט טראַכטן, וואָס צו טאָן, האָט זי זיך אויס־געצויגן אין דער גאַנצער לענג. מאַטעק האָט דערזען איר בליאַסקעדיק, ראָ־זעווע לייב.

— בייס, קענסט בייסן וויפל דו ווילסט. עס אַרט מיך ניט, — האָט זי געשעפּטשעט.

„דו ביסט נאָך אַ קעלבל. איך האָב געמיינט, אַז אַ סטודענט ווייס אַלע קונצן, — האָט זי געלאַכט, — איך וועל דיך אויסלערנען, וועסט זען...

— —

ווען מאַטעק איז אַהיים געקומען מיט אַ טיכל שוואָמען, האָט ער אויף לאַטשיאַן און אויף דער טאַנטע ניט געקאָנט קוקן. ער האָט זיך אַוועקגע־לייגט גלייך נאָכן עסן און ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג.

פון דאַן אָן האָט ער פאַרבראַכט מערסטנס אין שטוב און געלייענט. ער האָט געוואָלט אויסמיידן זיך צו טרעפן מיט זשאָשאַן, נאָר זי האָט אים או־מעטום געפונען און שטענדיק אים געזאָגט, וואו זי וועט זיין.

אין דער לעצטער וואָך פאַרן אָפּפאָרן פון דאָרף האָט ער זיך מיט איר נאָכאַמאָל געטראָפן אין וואַלד. ער האָט שוין אַליין געוואוסט דעם וועג. זי האָט געוואַרט אויף אים.

מאַטעק איז צוריקגעקומען אין שטאָט אַ פאַרטראַכטער און אַן אומצו־פרידענער.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

אַלײן

.1

אַלע האָבן באַמערקט די ענדערונג אין מאַטעקן, זינט זיין צוריק־קומען פון דאָרף. נאָר בלויז סאַלטשע האָט כמעט געטראָפן די אמתע אורזאַך דערפון. די אָנקלס האָבן דאָס ניט געקאָנט באַגרייפן.

— וואָס דרייסטו זיך אַרום, ווי דיינע שיפן וואָלטן דיר אונטערגעגאַנגען, מאַטעק? האָסט זיך גוט פּאַפּראַוועט. דיינע באַקן האָבן זיך אויסגעפּאַשעט. הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. נעם זיך אין די הענט אַריין. ענדיק יאַראָטשינסקיס שול און וועסט ווערן אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך, — אַזוי האָט אָנקל גוסטאַוו אים געעצהט.

גוטשיא, ווידער, האָט מאַטעקן באַוויינט.

— מיר זיינען פיר שוועסטער און ער איז אַ בן יחיד. ער פילט זיך איינזאַמער פון אונדז אַלע. ערשט איצט ווייסט ער וואָס הייסט זיין אָן אַ טאַטע און אָן אַ מאַמע. דאָס געוויסן מוז אים גענוג פּלאָגן. ער האָט זיי גענוג דאָס פּנים פאַרשוואַרצט. איז אַ ביטערער רחמנות אויף אים, מער ווי אויף אונדז אַלע.

נאָר ווען מאַטעק איז דעם ערשטן מאָל געקומען צו סאַלטשען, אַ צוויי וואָכן נאָך זיין צוריקקומען פון דאָרף, האָט זי פון דער ערשטער מינוט אָן דערפילט, אַז מאַטעק איז אַן אַנדערער. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיין אויסזען, מיט זיינע אויסגעפילטע רויטע באַקן, מיט דעם פרישן גלי אין די אויגן. ווען זי האָט אים אַריינגעכאַפּט אין אירע אָרעמס, האָבן זיינע הענט זי אַזוי אַרומגענומען, אַז זי איז איבערראַשט געוואָרן פון זייער דערוואַקסנקייט.

— מאַטעק, וואו האָסטו זיך דאָס אויסגעלערנט צו זיין אַ מאַנספּאַרשוין? ביסט דאָך געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, אַזוי זאָלן מיר אַלע גוטס האָבן. דיין קוש, מאַטעק, איז דאָך אַן אמת ליידנשאַפטלעכער. וואָס האָט מען געטאָן צו דיר, מאַטעק, אין דאָרף? האָסט זיך געטשעפּעט צו די שיקסלעך, אָדער זיי האָבן דיך פאַרפירט אין אַ פינצטערן שייער אַריין, מאַטעק?

מאַטעק איז צו זיך געקומען. ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט און גע־זאָגט:

— נאַר דו רייצסט זיך מיט מיר, סאַלטשע. איך וועל מער ניט קומען צו דיר.

— אַי, דו אָפּגעריסענער נאַר, וואָס דו ביסט. איך בין געווען אַזוי אויס־געבענקט נאָך דיר, מאַטעק, אַז איך האָב נעכט מיט קיין אויג ניט געקאָנט צוטאָן און דו בלאָזסט זיך אָן ווי אַן אינדיק. איך שפּאַס, מאַטעק, נאַר איך פריי זיך וואָס דו קוקסט אויס ווי אַ מאַן און דו קושסט שוין ווי אַ מאַן און דו גלעטסט מיך שוין ווי אַן אמתער חתן־בחור. איך וועל קיינעם ניט דער־ציילן, מאַטעק. איך האָב מיט דיר אַזוי פיל צו רעדן. קום, דערצייל מיר וועגן אַלץ.

נאַר מאַטעק האָט אינגאַנצן געפּיבערט פון ליידנשאַפט צו איר. זי האָט עס דערפילט און צוגעטראַכט אַן אויסרייד, אַז זי דאַרף עפּעס איינקויפן און געבעטן אים, אַז ער זאָל זי באַגלייטן.

סאַלטשע איז געווען זייער נייגעריק אויסצוגעפינען פון לאַטשיאַן ווי אַזוי מאַטעק האָט פאַרבראַכט אויפן דאָרף. פון דער שוועסטערס נאַאיווע רייד האָט סאַלטשע זיך איבערצייגט, אַז עפּעס האָט געמוזט פאַרקומען מיט אים. אויב ער האָט ניט געזינדיקט מיט אַ שיקסל, האָט ער געזינדיקט אין געדאַנק.

זי איז אַליין געוואָרן אומרואיק דערפון, סאַלטשע. קיין שטענדיקע באַ־שעפטיקונג האָט זי איצט ניט געהאַט. מען האָט זי גערופן פון צייט צו צייט אַרויסצופּוצן אַ פּאָר היט, אָדער שטיין אין קראָם. פאַרדינט האָט זי ווינ־ציק. די היים איז איר געקראָכן פון האַלדז. די מאַמע איז געווען אַן אינ־וואַליד, דער טאַטע — אַ בעטלער. די ברידער האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין דער פרעמד און מען האָט וועגן זיי גאָרניט ניט געהערט. סאַלטשע האָט געדאַרפט טראָגן אויף זיך די לאַסט פון די עלטערן. זי האָט דער מאַמען גע־דאַרפט געבן עסן, זי אָנטאָן און אויפּפּאַסן אויף איר. זי האָט געדאַרפט אויס־שטיין דעם פאָטערס זידלערייען און זיין פאַרמעסטן זיך צו דערלאַנגען איר קלעפּ. די וואוינונג זייערע איז געווען אַ פינצטערע, אַ פייכטע. מייז זיינען אַרויף אויפן טיש, נאַר גאָרניט ניט געקאָנט געפינען דאָרט.

אויך האָט זי געוואוסט, אַז די סיסטשיקעס האָבן אַן אויג אויף איר. זי איז געווען ווינציקער טעטיק ווי מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. די צייט איז געווען אַ שרעקלעכע. די פּאָליציי איז געווען אויפן פערד. די לאַגע פון אַרבעטער איז געווען ערגער ווי אַלעמאָל. דער הונגער האָט אָנגעקלאַפּט אין יעדער טיר אין באַלוט. אין די טורמעס, אויף די הויפן, זיינען געשטאַנען הויכע תליות, וועלכע מען האָט געקאָנט אַרויסזען איבער די ווענט, אין גאַס.

אוי, ווען מאַטעק וואָלט ניט געווען ייִנגער פֿון איר. נו, זיין אַרומכאַפּן זיך מיט איר, זיין הייסער קוש אין מויל אַריין, האָט איר גלייך געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער איז שוין ניט דער זעלבער מאַטעק. דאָס האָט זי דאָך געוואָלט. איז פֿאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן? פֿאַרוואָס איז זי אַזוי אומרואיק?

סאַלטשע האָט זיך אַליין ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

גוטשיא האָט אָנגעהויבן אָוועקגיין אויף גאַנצע טעג. זי האָט ניט געוואָלט זאָגן וואוהין זי איז געגאַנגען. נאָר זי האָט מאַטעקן געגעבן אָנצוהערן, אַז זי וועט „שקראַבן פּאָדלאָגעס און אָפּווישן קינדער די נעזלעך און ניט אָנקומען צו די לאָסקעס פֿון דער משפּחה.“

פֿון גאָלדען האָט מאַטעק אויסגעפֿונען, אַז לאָטשיא קאָן ניט פֿאַרטראָגן מער די טאַנטע רעגינטשא. אַז לאָטשיא זאָל שוין ווייִנען, איז עק וועלט. גאָלדע האָט באַמערקט, אַז מאַטעק קוקט אויף איר עפּעס מאָדנע, זינט ער איז צוריקגעקומען פֿון דאָרף. ס'איז עפּעס ניט דער זעלבער מאַטעק.

— דו קוקסט אויף מיר, מאַטעק, ווי דו וואָלסט מיך מער ניט דערקענט. איך בין גאָלדע יאַקובאָוויטש, נישט קיין מיאוס מיידל. איך וואַקס אַן היזון; אפשר דערפֿאַר ווייל דו קוקסט ניט אויף מיר, קוק איך דיר אויס פֿרעמד . . . מאַטוש, איך האָב פֿאַר דיר נייעס: מיין ברודער בערטשיק פֿאָרט נאָך אַמעריקע אין דריי וואָכן אַרום. איך ווייס שוין אפֿילו דעם נאָמען פֿון דער שיף.

מאַטעק האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן. אויף דעם האָט ער געוואַרט. אָט דאָס וועט אים ראַטעווען. גאָלדע האָט גלייך דערזען די ענדערונג אין אים. זי איז געווען צופֿרידן. זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט שפּאַצירן מיט אים.

— גאָלדע, איך מוז אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען. איך קאָן דיר ניט איבערגעבן אַלץ וואָס דריקט מיך, נאָר אָט דאָ, אין האַרצן, באַשווערט עס מיך. איך קאָן ניט צוזען וואָס עס איז געוואָרן פֿון מיינע שוועסטער. רעגינטשא ווערט אַ דינסט. לאָטשיא איז שוין אויך אומצופֿרידן. די אָנקלס אַרט מער ניט קיין זאַך. איך בין דער איינציקער וואָס דאַרף איבערנעמען אַלץ. דאָ קאָן איך גאָרניט טאָן. גוטשיאַן ציט נאָר צום טאַטנס קבֿר. מען האַלט אין איין ווייִנען און קלאָגן. איך קאָן ניט צו זיך קומען. זיי האָבן געמיינט, אַז מען וועט מיך אַוועקשיקן איבערן זומער אויפֿן לאַנד, וועל איך ווערן לעבעדיקער. ס'איז אָבער פּונקט פֿאַרקערט. אין דאָרף בין איך געוואָרן טרויעריקער. איך בין צוריקגעקומען גאָר אַן אַנדערער. סאַלטשע זאָגט אויך אַזוי. און דו זאָגסט אויך, אַז איך בין אַנדערש. קיינער אָבער ווייס ניט פֿאַרוואָס.

איך מוז אָוועקפאָרן. גאָלדע, דיין ברודער וועט מיר העלפן זיך איינאָרדנען אין אַמעריקע. איך מוז רעדן מיט אים.

גאָלדע האָט געקוקט אים אין די אויגן אַריין און געשמייכלט. איר ליכ־טיק פּנים איז געווען ווי באַר־וואָס אויסגעוואַשן. עס האָט געשמעקט פון אירע האָר און מאָטעק האָט ליב געהאַט דעם ריח, און איר אַנוועזנקייט האָט אים אַ בּאַרואיקט, אַ אויפגערודערט. די הויפּטזאַך: זי האָט אים געדול־דיק אויסגעהערט און געטרייסט. קיינמאָל ניט קעגנגערעדט, נאָר געפונען אַ גוט וואָרט, געגלעט אים מיט איר שמייכל, מיט אירע לאַנגע פינגער, וואָס זיינען געווען אַזוי דין און ראָזעווע און אָנגענעם קיל.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מאָטעק געפּאַסט אַ באַשלוס און אים גלייך דורכגעפירט. מיט קיינעם זיך ניט דורכגערעדט, קיינעם ניט דערציילט.

דאָס לערנען אין יאַראָטשינסקיס טעכנישער שול איז אים ווידער אָוועק שלעכט. די הענט זיינען געווען ווי ליים, דער קאָפּ פון האָלץ. די לערער האָבן אים אויסגערעדט. ער האָט זיך געוואָרגן מיטן עסן ביים אָנקל מענדל. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מען וואָרפט אים אַלץ צו, ווי אַ הונט אַ ביין. דער אָנקל גוסטאַוו האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. מאָטעק האָט גע־בענקט נאָך מלכהן און אַנדזשיאַן. גוטשיא האָט געבענקט נאָך זיי. ביינאַכט האָט מאָטעק ניט געקאָנט איינשלאָפן. ווי שטאַרק ער האָט ניט געפּרוּווט פאַרגעסן אין דער פּאַסירונג מיט זאַשיאַן אין וואַלד, איז דאָס אים געקומען פאַר די אויגן, גלייך ווי ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט. עס איז געווען עפּעס וואָס ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין אָדער פאַרגעסן. ער האָט זיך געפילט שלעכט פון דער פּאַסירונג און ער האָט געבענקט נאָך איר. ער איז געווען אויסגעהונגערט נאָך זאַשיאַן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי ער לאָזט זיך צוריק אין דאָרף און ווי ער לויפט אין וואַלד אַריין צו זאַשיאַן.

טעג פון אומצופרידנקייט און פאַרטראַכטקייט. נעכט פון פאַרברענט ווערן אויפן געלעגער. וואָס וועט זיין דער סוף?

איז ער איינמאָל געזעסן ביים לערנען אין דער פרי, און באַשלאָסן: אויס! נאָכמיטאָג גייט ער ניט אין וואַרשטאַט אַרבעטן. ער גייט היים. ער וועט מעלדן אַלעמען, אַז מער לערנט ער ניט. ער פאָרט נאָך אַמעריקע. ער וועט פאָדערן ביים אָנקל גוסטאַוו די שיפס־קאַרט. אויב ער האָט זי צוריקגעשיקט, זאָל ער אים קויפן אַ נייע שיפסקאַרט. אַזוי ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַמאָל אין חדר, אַזוי וועט ער זיך אָפּזאָגן צו זיין אין לאָדזש. ער פאָרט נאָך אַמעריקע, אַניט וועט ער געפינען אַ וועג און אַנטלויפן. דער אָנקל גוסטאַוו וועט פאַרשטיין. די קאַלינסקיס זיינען געוואוינט דערצו.

און ווען דער אָנקל מענדל איז אַהיים געקומען, האָט מאַטעק געזאָגט צו אים:

— איך וויל מיטן אָנקל עפּעס רעדן.

— ביטע, ביטע זייער, מאַטעק.

— אָנקל, מער גיי איך ניט אין יאַראָטשינסקיס. איך מוז פאָרן אין אַמעריקע. זאָל דער אָנקל מיר טאָן די געפעליקייט און בעטן דעם אָנקל גוסטאַוו, אַז ער זאָל מיר צוריקגעבן מיין שיפסקאַרט.

— איך וועל זיך מאָרגן אין דער פרי זען מיטן אָנקל גוסטאַוו און דיר צו וויסן געבן, מאַטעק.

— איך וועל עס דעם אָנקל קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אַ שיינעם דאַנק.

2.

דער אָנקל גוסטאַוו האָט מאַטעקן אַריינגענומען אין אַ קאַוויאַרניע און באַשטעלט פאַר אים אַ קרעם נאַפּאָלעאָנקע און אַ קאַווע־שמאַנט און מיט אים גערעדט שטיל און ערנסט.

— איך האָב פאַר דיר די שיפס־קאַרטע, מאַטעק. אויב דו וועסט דורכ־אויס וועלן פאָרן, וועל איך דיך עקספּעדירן, ווי עס פּאַסט פאַרן אָנקל גוסטאַוו. איך וועל דיך אין דער דריטער קלאַסע ניט לאָזן פאָרן. נאָר עס גייט ניט אין דעם. דו ווייסט גוט, מיין קינד, וואָס אַמעריקע איז. דיר דאַכט זיך אויס, אַז דאָרט ליגט גאָלד אין די גאַסן. גלויב מיר, אַז איך ווייס בעסער פון דיר. אויב דו ביסט אָנגעשלאָסן אין די „ציציליסטן" דערפאַר וואָס לאָדזש געפעלט זיי ניט, עס געפעלט זיי ניט ווי מיר, די פאַבריקאַנטן, באַהאַנדלען די אַר־בעטער, זאָלסטו וויסן אַז אין אַמעריקע איז ניט בעסער. דאָרט אַרבעט מען ביי מאָדערנע מאַשינען, נאָר מען זויגט אויס דעם זאַפט פון די אַרבעטער. די מאַשין טוט דאָס. וואָס וועסטו דאָרטן טאָן? עס קומען אַהין מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. מען דרייט זיך אַרום איבער די גאַסן און מען זוכט אַרבעט. דאָרט רעדט מען ניט וועגן מענטשן, נאָר וועגן אַרבעטס־הענט, וועגן הענט. דו וועסט ווערן אַ האַנט אין אַמעריקע, מאַטעק . . . נאָך אַ וואָרט וועגן דיין אָנקל וועלוול. דו ווייסט ניט, נאָר איך ווייס, אַז ער איז ניט קיין פאַרמעגלעכער מענטש. ער האָט אַ קליין קרעמל אין אַ קליינער שטאָט. וואָס וועסטו דאָרט טאָן? וועסט ביי אים לאַנג ניט קאָנען בלייבן. דו ווייסט ניט וועער די טאַנטע איז. זי איז דיר אינגאַנצן אַ פרעמדע. דו וועסט זיין אין דער פרעמד. וועסט בענקען נאָך דיינע שוועסטער. ווי שלעכט עס איז דיר דאָ, האָסטו אַ האָפענונג אין אַ פּאָר יאָר אַרום צו זיין זעלבסטשטענדיק און אַרויס־העלפן דיינע געשוויסטער. באַזין דיך, מאַטעק. איך ראָט דיר ניט צו פאָרן.

ווען איך זאָג, אַז דער אָנקל גוסטאַוו ראַט דיר, זאָלסטו וויסן, אַז מיטן אָנקל גוסטאַוו באַראַטן זיך די גרעסטע מענטשן אין לאָדזש. אויפן אָנקל גוסטאַוו וואַרט מען ביז ער וועט אָנקומען, צו עפענען אַ זיצונג אין דער באַנק. גיי אַהיים און באַטראַכט זיך. וועט דיין ענטפער זיין, אַז דו ווילסט פאָרן, וועל איך דאָס אָנהויבן באַזאָרגן, נאָר איך פאַרהאָף, אַז דו וועסט איינזען, אַז איך בין דיר אַ גוטער פריינט. מיין עצה איז — ניט פאָרן.

האָט מאָטעק ביינאַכט געטריבן פון זיך זאָשיאַן און געוואָלט איינגאַנצן זיך אָפּגעבן צו די געדאַנקען וועגן יאָ פאָרן אָדער ניט פאָרן. איז די נאַכט דורך אין ראַנגלעניש. אין דער פרי האָט ער דעם אָנקל מענדל געזאָגט, פאַר יענעמס אַוועקגיין:

— זאָל דער אָנקל זיין אַזוי געפעליק און זאָגן דעם אָנקל גוסטאַוו, אַז איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געקלערט און געטראַכט און איך וויל יאָ פאָרן נאָך אַמעריקע און קיין זאַך וועט מיך מער ניט אָפּהאַלטן.

— איך וועל אים דאָס באַלד איבערגעבן, מאָטעק.

און נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט זיך פאַרשפּרייט די בייעס, אַז מאָטעק פאָרט נאָך אַמעריקע.

דער אָנקל גוסטאַוו האָט מער מיט מאָטעקן ניט איינגעטענהט. ער האָט בלויז געזאָגט:

— איך האָב באַשטעלט אַ שיפס־קאַרטע צווייטע קלאַסע פאַר דיר. איך האָב וועגן דעם געשריבן צום אָנקל וועלוול. זאָל דיר זיין מיט גליק, מאָטעק.

נאָר מאָטעק האָט גוט באַמערקט, ווי דער אָנקל גוסטאַוו האָט אַוועקגע־קוקט, ווען ער האָט גערעדט מיט אים. מאָטעק האָט גוט באַמערקט, אַז דעם אָנקלס קול איז געווען פאַרשטיקט. נאָר מאָטעק האָט פון גאָרניט מער געוואָלט וויסן.

און גוטשיא האָט זיך גענומען צו דער ווירטשאַפט. זי האָט געוואָלט מאָטעקן מיטגעבן זאַכן: האַנטיכער און העמדער און זאָקן און טאַשנטיכלעך און אַ פּאָר ספרים פון טאַטנס ירושה. מאָטעק האָט געענטפערט, אַז ער וועט נעמען וואָס ווינציקער זאַכן. ער האָט געפיבערט מיט אומגעדולד. ער האָט זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען.

גאָלדעס ברודער בערטשיק איז אַוועקגעפאָרן. מאָטעק האָט צו אים געהאַט גערעדט, נאָר יענער האָט ניט געהערט.

— אַמעריקע האָט עפּעס אַ מאָדנע ווירקונג אויף מענטשן, — האָט מאָטעק געזאָגט צו סאַלטשען. — איך קאָן פאַרשטיין בערטשיקן, דערפאַר וואָס איך אַליין ווייס אויך ניט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. דער קאָפּ דרייט זיך מיר. איך ווייס ניט וואָס מען רעדט צו מיר.

סאַלטשע האָט געוואָלט עפּעס מיטגעבן מאָטעקן אין וועג. זי האָט צו אים גערעדט ווי צו אַ ברודער. צוזאַמען מיט גוטשיאַן איז זי אַרומגעגאַנגען איינקויפן זאַכן פאַר מאָטעקן אין וועג אַריין. און ווען דער טאָג איז געקומען זיך צו געזעגענען מיטן טאַטן אויפן בית־עולם, איז סאַלטשע מיטגעפאָרן מיט גוטשיאַן.

— דאַרפסט בעטן, אַז דער טאַטע, ע״ה, זאָל דיר מוחל זיין, — האָט גוטשיאַ געוויינט, — דאַרפסט בעטן, — דו גלויבסט דאָך ניט אין דעם, וועל איך אַליין בעטן, — אַז דער טאַטע זאָל זיין אַ גוטער בעטער, אַז דיין רייזע זאָל אַריבער בשלום. דו ביסט דאָך נאָך אַ קינד, דו ווייסט ניט וואָס עס שטייט דיר פאָר אין פרעמדן לאַנד.

זיינען זיי געשטאַנען, די דריי איינזאַמע קינדער, פאַר ליפּעס פאַרלאָזענעם קבר מיטן נידעריקן אָרעמען שטיין, אויפן אַלטן לאָדזשער בית־עולם, און געוויינט. מאָטעק האָט אויך געוויינט. דער טאַטע האָט אים אויסגעפעלט. ער האָט געשוויגן, מאָטעק און סאַלטשע האָט געשוויגן, נאָר גוטשיאַ האָט זיך צעלאָזט און גערעדט צום קבר, ווי צו עמיצן, וואָס האָט געקוקט צו איר און זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט.

— אוי, טאַטע, טאַטע! וואָס איז פון אונדז געוואָרן? אַ שטיין קאָן גערירט ווערן פון אונדזער צער. די מאַמע ליגט אין זאַלצברון און דו ליגסט דאָ און דיינע קינדער זיינען צעזייט און צעשפּרייט אויפן ווינט. האָב רחמנות אויף דיינע אומגליקלעכע שאָף און זע, אַז מיר זאָלן געהאָלפן ווערן. אמן! און איצט הער אויס, טאַטעשי: דיין בן יחיד, דיין אויג אין קאָפּ, אונדזער מאָטעק, פאָרט אַוועק אין אַ וויטן לאַנד איבער ימים, אין דעם צווייטן עק וועלט, אין אַמעריקע. ער מיינט, אַז עס וועט אים דאָרט זיין בעסער. ווען דו וואָלסט געלעבט, טאַטע־פאָטער, וואָלט צו דעם ניט געקומען. מאָטעק טוט עס ניט פון וואוילטאָג. ער וויל פאַרבעסערן זיין לאַגע. בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט זיך איינשטעלן פאַר דיין איינציקן זון און אים זיין אַ וועג־ווייזער, ווייל ווער קאָן אים נאָך אַזוי גוט ווי דו, ווער קאָן אים זיין אַזוי געטריי ווי דו . . .

האָבן זיך אַלע דריי אויפגעזעצט מיט רויטע אויגן אויף דער דראָזשקע און געפילט, אַז זיי האָבן עמיצן איבערגעלאָזט אַליין אויפן איינזאַמען פעלד. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך געבעטן ביי זיי: נעמט מיך מיט! נעמט מיך מיט! פאַרלאָזט מיך ניט!

און אַז עס האָט זיך דערנעענטערט די וואָך פון מאָטעקס אָפּפאָרן, איז מאָטעק געפאָרן נאָך טאָמאַשאָוו זיך געזעגענען מיט זיינע שוועסטער און מיט דעם פעטער און מיט דער מומע העלטשאַ. מען האָט פאַר אים געמאַכט אַ

גרויסאַרטיקן מיטאָג און מען האָט אים צוגעוואונטשן אַלדאָס גוטס. און די מומע העלטשא האָט אים אָוועקגענומען אין אַ זייט און אים געגעבן צוואַנציק רובל מיטצונעמען אין וועג.

און מאַטעק איז געפאָרן אין שטעטל זיך געזעגענען מיטן פעטער מאיר און מיט דער טאַנטע עמא און מיטן פעטער נחום און דער מומע סורטשע און אַלע קינדער. און מאַטעק האָט פאַרבראַכט עטלעכע טעג און ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די געסלעך פון זיין געבורטשטאָט און ער איז אַ לאַנגע צייט געזעסן ביים טייך וואַרטאַ און דערמאָנט זיך אין זיינע ערשטע קינדער־יאָרן.

גוטשיא האָט שטאַרק געוואָלט, אַז מאַטעק זאָל צופאָרן נאָך זאַלצברון, צום דאָרף וואו די מאַמע ליגט. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז דער אָנקל מענדל וועט מאַטעקן באַגלייטן צו דער שיף. און אויב עס וועט זיין צייט, וועט מען צופאָרן צו דער מאַמעס קבר.

דער אָנקל גוסטאַוו האָט אַלץ באַזאָרגט, נאָר געזעגנט האָט ער ווינציק. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט צוקומען זיך געזעגענען מיט מאַטעקן צום אָנקל מענדל, נאָר אַליין וועט ער צו דער באַן אים ניט באַגלייטן. אַזוי איז טאַקע געווען.

צוויי טעג פאַרן פאַרלאָזן איז מאַטעק אַוועק זיך געזעגענען מיט סאַלטשען. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיין ביי דער באַן, נאָר זי איז געווען שטאַרק גערירט. זי האָט זיך איינגעהאַלטן ניט אויסצופלאַצן אין אַ געוויין. זי האָט מאַטעקן מיטגעגעבן אַ קליינע פאָטאָגראַפיע פון זיך, וואָס זי האָט גענו־מען לעצטנס.

— מאַטעק, דו ביסט מיין איינציקע טרייסט. אויב דו האָסט עפּעס פאַר מיר וועלכן ס'איז געפיל, פאַרהאָף איך, אַז דו וועסט טראַכטן פון דיין סאַלטשען און ווען דו וועסט האָבן באַזאָרגט דיינע שוועסטער, זאָלסטו זיך דערמאָנען אין מיר. איך ווייס ניט פאַרוואָס עס קומט דאָס מיר, נאָר מיין לעבן איז אַ גיהנום דאָ. איך בין פאַרשקלאָפּט צו מיינע עלטערן און איך וועל זיך קיינמאָל ניט קאָנען אַרויסרייסן פון דעם פינצטערן קבר. איך וויל לעבן, מאַטעק. מיין קערפּער צאַפּלט זיך. איך קאָן קיין נעכט ניט שלאָפן. איך בין נאָך אַזוי יונג, נאָר עס איז מיר ניט באַשערט צו לעבן, ווי יונגע מענטשן דאַרפן לעבן.

ווען זיי האָבן זיך צעשיידט, האָט סאַלטשע שטאַרק געוויינט. נאָך קיינ־מאָל האָט מאַטעק זי ניט געהאַט געזען אין אַזאַ צעבראָכענעם געמיט.

דעם לעצטן אָוונט איז געקומען אָנקל גוסטאַוו זיך געזעגענען. געקומען איז ער אַליין צום אָנקל מענדל אין הויז אַריין. מען האָט געשטעלט קע־לישקעס וויין צום טיש. מען האָט געטרונקען צו מאַטעקס וואוילזיין.

— דו פֿאַרסט ניט אָװעק אויף אייביק, מאַטעק, — האָט געזאָגט גוסטאַװ. זיין קול איז געװען ערנסט, שטיל. — טאָמער װעסט דיר דאָרט ניט גוט גיין, זאָלסטו געדענקען, אַז אין לאָדזש איז דאָ אַן אַנקל גוסטאַװ און אַן אַנקל מענדל און אַ טאַנטע רעגינטשא און אין טאָמאַשאָװ איז דאָ אַ טאַנטע העלטשאַ און אין שטעטל איז דאָ אַן אַנקל מאיר. אויפֿן װעג זאָלסטו ניט זיין קאַרג. אַז מען װעט דיר ניט געבן גענוג שפּייז, זאָלסטו דיר קויפֿן. געדענק אַז אויף געלט שטייט די װעלט. קאָנסט אַלץ קריגן פֿאַר געלט.

קיין סך מער האָט גוסטאַװ ניט געזאָגט. אָפּגעגעסן, האָט ער זיך צעקושט מיט מאַטעקן, גענומען זיין פֿאַלטאָ און שטאָק און זיך געלאָזט צו דער טיר. ערשט דאַן האָבן אַלע באַמערקט, אַז דער אַנקל גוסטאַװ װיינט. עס איז אַנטשטאַנען אַ פּיינלעכע שטילקייט. און אַזוי שטילערהייט האָט דער אַנקל גוסטאַװ די טיר געעפֿנט און אַן „אַ גוטע נאַכט" איז ער אַרויס אַ װיינענדיקער.

אין באַנהויף זיינען געװען: גוטשיא און לאָטשיא, רעגינטשא און די מומע פֿייגע און סאַלטשע. גוטשיא האָט געכליפּעט, לאָטשיא האָט געשמייכלט דורך טרערן. רעגינטשאַ האָט געהאַלטן דעם קאָפּ הויך און זיך געאיילט. די מומע פֿייגע האָט מיטגעבראַכט קיכלעך. סאַלטשע איז געשטאַנען אין אַ זייט און געהאַלטן איין קוקן אויף מאַטעקן. װען מען האָט זיך געקושט מיט אים, איז זי געװען די לעצטע צוצוגיין און זי האָט אים לאַנג געקושט און בלויז געשעפּטשעט: „פֿאַרגעס מיך ניט, מאַטעק".

װען מאַטעק און דער אַנקל מענדל זיינען שוין געזעסן אין װאַגאָן, האָבן זיך באַװיזן שימעק מיט גאָלדען. זיי זיינען אַריינגעלאָפֿן אין װאַגאָן. גאָלדע האָט זיך געקושט מיט מאַטעקן און געזאָגט: „מירן זיך אינגיכן זען אין ניו־יאָרק". שימעק האָט געדריקט מאַטעקס האַנט.

מאַטעק האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. אַלע זיינען זיי געשטאַנען און גערעדט צו אים. גוטשיא מער װי יעדער איינער. ער האָט געהערט און ניט געהערט, ער האָט געזען און ניט געזען.

און װען די באַן האָט זיך גענומען יאָגן, איז מאַטעק געשטאַנען װי צוגעשמידט צום פֿענצטער. עס איז געװאָרן װאָס װייטער אַלץ ליכטיקער אויף די װעגן. אויס הייזער, פֿרייע פֿעלדער; אויס דעכער — בלויער הימל.

— איך לאָז זיך אויף ליכטיקע װעגן. איך האָב ליב ליכטיקע װעגן, — האָט מאַטעק זיך אַליין געטרייסט.

װען דער אַנקל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט ער געזאָגט:

— מאַטעק, דו שמייכלסט. דו האָסט ליב צו פֿאָרן אין באַן?

— ניין, אַנקל. איך האָב ליב צו זיין דאָרט, װאו ס'איז ליכטיק און פֿריי.

די באַן האָט געהאַט אַ כּוח אין זיך, אַ מין כּישוף, האָט באַשלאָסן מאַטעק.

דער אָנקל האָט די אויגן פאַרמאַכט און ברייט דאָס מויל צעעפנט און שוין איז ער געשלאָפן.

ער, מאָטעק, האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעהערט צו דער מעשה, וואָס די רעדער פון וואָגאָן האָבן דערציילט. ער האָט זיך געמוזט איינהערן, זיי האָבן געצוואונגען דערצו.

געווען אַמאָל אַ ייִנגל, האָט ער געוואָלט לעבן גוט מיט דער גאַנצער וועלט, נאָר הינטער אים איז געשטאַנען אַ פּאַיאַץ און אים נאָכגעקרימט און אָפּגעחוזקט פון אים, און דאָס ייִנגל האָט זיך מיט קיינעם ניט געוואָלט קריגן, נאָר דער פּאַיאַץ האָט אים געשטויסן דאָ פאָראויס, דאָ אויף צוריק. און דאָס ייִנגל האָט מער ניט געקאָנט איינשטיין אויף איין אָרט. און ער האָט מיט טאַטע־מאַמע ניט געקאָנט אויסקומען, מיט די מומעס און פעטערס ניט גוט איינגעלעבט זיך, מיט די אייגענע שוועסטער זיך אַרומגעקריגט . . .

טיילמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער פּאַיאַץ שטייט ניט הינטער אים, נאָר ער לעבט גאָר אין אים, אַז ער אַליין איז דאָס גאָר דער פּאַיאַץ . . .
און דאָס ייִנגל האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון זיך אַליין, צו געפינען אַ מקום מנוחה, וואו ער זאָל קאָנען זיך פרייען מיט זיינע אויפגייענדיקע יאָרן, זיך פרייען מיט זיך אַליין, מיט דעם וואָס ער לעבט און וואָס ער שעפּט זיך יעדן טאָג אָן מיט נייע כוחות.

און אָט טראָגט אים דער שנעל־צוג. מאָטעק פאַרמאַכט זיינע אויגן. ס'איז גוט, ס'איז וואויל. ער קאָן חלומען. די באַן לאָזט אים ניט שטיין אויף איין אָרט. זיינע געדאַנקען שטייען ניט אויף איין אָרט. ניין, גוטשיאָ ווייגט ניט. דעם טאַטן האָט מען ניט אַריינגעלייגט אין דער קאַלטער ערד. די מאַמע קלאָגט ניט נאָך אים אין דער פרעמד. ער פאָרט אין אַ נייער וועלט. עס וואַרט אויף אים דער אָנקל וועלוול. ניין, ס'איז ניט דער אָנקל פון דעם קאַלינסקי־שטאָט. ס'איז גאָר אַן אַנדער אָנקל, וואָס הייסט אברהם, אברהם לינקאָלן . . . עס וואַרט אויף אים אַ טאַנטע מיט אַ ליכטיקן פאַקל אין דער האַנט — „פרייהייט" הייסט די הויכע טאַנטע . . .

מאָטעק האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער אָנקל מענדל איז געשלאָפן. די באַן איז געווען וואַך. זי האָט געוואוסט, אַז מאָטעק וויל אַוועק וואָס גיכער פון אַלטן לאַדזשער בית־עולם. מאָטעק וויל ערשט אָנהויבן לעבן.

— אָר־הו! — דו הערסט? דו קומסט? — האָט די באַן געפרעגט.

— איך קום! איך קום! — האָט מאָטעק געענטפערט און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן.

(סוף פון בוך איינס)